## סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## חֵלֶק ט׳

### אִידִישׁ

שֵׁיינֶע הֶערְלִיכֶע בְּרִיוְון גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, פוּל מִיט הִתְחַזְּקוּת וְוִי אַזוֹי יֶעדֶער אִיד אָן אוֹיסְנַאם קֶען זוֹכֶה זַיין מַצְלִיחַ צוּ זַיין אוּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, נִישְׁט קַיין חִילוּק אִין וֶועלְכֶע מַצָב עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, מִיט עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת אוֹיפְ׳ן טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּ׳ין,

אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵינוּ וְרַבֵּנוּ

**רֶבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָדוֹשׁ

**רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זֵייעֶר תַּלְמִיד וָואס הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט זֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע לִימוּדִים אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

**כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

גֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תוֹרָה, נְבִיאִים, וּכְתוּבִים,

אוּן מַאֲמָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל, פוּן דִי גְמָרָא

אוּן מִדְרָשִׁים אוּן זוֹהַר הַקָדוֹשׁ

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב

עִיר הַקֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם תובב"א

מכון עצתו אמונה

הוצאת ספרי רבינו זכותו יגן עלינו

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב

**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב

**212.444.9169**


סדר ועימוד, כריכה ושערים:
**א.י.ש. אשדוד**
08-8650078
0527627127

# לְזֵכֶר עוֹלָם יִהְיֶה צַדִּיק

לִכְבוֹד נִשְׁמַת מְאוֹר עֵינֵינוּ חִיּוּת נַפְשֵׁנוּ,

אֲשֶׁר נָשָׂא אוֹתָנוּ עַל לִבּוֹ כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא הָאֹמֵן אֶת הַיּוֹנֵק, לְהַחֲיוֹתֵנוּ כְּהַיּוֹם הַזֶּה, לְהַטְעִימֵנוּ מִצּוּף עֲרֵבוּת נְעִימוּת, יְדִידוּת, זִיו הֶאָרַת שְׁכִינַת עֻזּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְהֶחְדִּיר בְּרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל בְּכָל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ - אֱמוּנָה בְּרוּרָה וּמְזֻכֶּכֶת בּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְקֵרֵב אַלְפֵי נְשָׁמוֹת אֶל הַחֵן וְהַיֹּפִי אֲשֶׁר בַּנַּחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה שׁוֹרֶה, הוּא נִיהוּ הָרַב הַגָּאוֹן הַצַּדִּיק, אִישׁ הָאֶשְׁכּוֹלוֹת - שֶׁהַכֹּל בּוֹ, הֶחָסִיד הָאֲמִתִּי עוֹבֵד ה' בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, מָסַר נַפְשׁוֹ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בְּכָל יוֹם וָיוֹם מִיּוֹם עָמְדוֹ עַל דַּעְתּוֹ, וְסָבַל יִסּוּרִים קָשִׁים וּמָרִים כָּל יְמֵי חַיָּיו, רַבִּים הֵשִׁיב מֵעָוֹן וְקֵרְבָם אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הֶעֱמִיד תַּלְמִידִים רַבִּים, יִרְאֵי ה' וְחוֹשְׁבֵי שְׁמוֹ, בַּעַל הַמְחַבֵּר סִפְרֵי שׁוּ"ת 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל', וְסֵפֶר 'שְׂפַת הַנַּחַל' פֵּרוּשׁ עַל הַסֵּפֶר הַקָּדוֹשׁ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. וְקִבֵּץ וְלִקֵּט סְפָרִים רַבִּים וְנִכְבָּדִים מִדִּבְרֵי רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ מוֹהֲרַ"ן מִבְּרֶסְלֶב, וְתַלְמִידוֹ הַקָּדוֹשׁ מוֹהַרְנַ"תְּ - זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ. וְהֵפִיצָם בְּכָל קַצְוֵי תֵּבֵל, וּבִפְרָטִיּוּת הַקּוּנְטְרֵסִים הַמְפֻרְסָמִים שֶׁהֶחֱיוּ אֲלָפִים וְרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, וְחִזְּקוּ אוֹתָם לַחֲזוֹר בִּתְשׁוּבָה.

עֲטֶרֶת רֹאשֵׁנוּ, נֵזֶר תִּפְאַרְתֵּנוּ, הַמַּלְאָךְ הַנִּצָּב עַל רֹאשׁ דֶּרֶךְ, עַמּוּד הָאֵשׁ אֲשֶׁר לִפְנֵי הַמַּחֲנֶה, מוֹרֶה דֶּרֶךְ וּמְשׁוֹבֵב נְתִיבוֹת

מוֹרֵנוּ וּמְאוֹרֵנוּ

## רַבִּי אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה זצוקללה"ה

בֶּן הַגָּאוֹן רַבִּי מְנַחֵם זְאֵב זַצַ"ל

הָרַב מִטֹּאקַאי וּבַעַל הַ'מִּנְחַת זְאֵב' וְעוֹד

**זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל**

בְּחַד קְטִירָא אִתְקַטִּיר לִישִׁיבָה שֶׁל מַעְלָה

לְהִתְלוֹנֵן בְּצֵל צַח הַצַּדִּיקִים אֲשֶׁר בְּגַן עֵדֶן

י"ז שְׁבָט תשע"ה

**תְּהֵא נִשְׁמָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה צְרוּרָה בִּצְרוֹר הַחַיִּים**

והספר הקדוש הזה נדפס לזכות

מורינו **ראש הישיבה** שליט"א

וזוגתו

**אסתר גיטל** תחי',

וילדיהם

**שלמה ומשפ',**

**אלחנן חיים ומשפ',**

**מרים העניא זיסל ומשפ',**

**שמעון ומשפ',**

**נחמן נתן, יצחק דוד, צבי, רחל לאה,**

**יוסף, מנחם, יחזקאל, מלכה**

הקדוש ברוך הוא ימלא

את כל משאלות לבם לטובה

ויתברכו מפי עליון

בבני חיי ומזוני רוויחא

ויזכו לרות רוב נחת דקדושה

מכל יוצאי חלציהם

אמן כן יהי רצון

# אַ וָוארְט פוּן דִי אַרוֹיסְגֶעבֶּער

מִיר קֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג דַאנְקֶען און לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעשִׁיקְט דֶעם הֵיילִיגְן גְרוֹיסְן צַדִיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, רֶבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, צוּ בַּאלַייכְטְן אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים און עֵצוֹת. וָואס מִיט זֵיי קֶען יֶעדֶער אִיד אָן אוֹיסְנַאם, פוּנֶעם קְלֶענְסְטְן בִּיז'ן גְרֶעסְטְן, זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און צוּקוּמֶען צוּ דִי מֶערְסְטֶע וָואס מֶען קֶען נָאר צוּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן שנ"ח): "מִיט יֶעדֶע תּוֹרָה אָדֶער שְׁמוּעֶס וָואס אִיךְ זָאג, קֶען מֶען וֶוערְן אַן אֶמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד און אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אַזוֹי וִוי אִיךְ וֵוייס וָואס עֶס מֵיינְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", ווייל יֶעדֶע תּוֹרָה און שִׂיחָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קֶען צוּנִיץ קוּמֶען סַיי פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק וָואס עֶר קֶען פוּן דֶעם אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין מַדְרֵיגָה; און עֶס קֶען אוֹיךְ צוּנִיץ קוּמֶען פַאר'ן נִידְרִיגְסְטְן מֶענְטְשׁ, עֶס וֶועט אִים אוֹיךְ ווייזְן אַ וֶועג אִין זַיין מַצָּב, וִוי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, און וֶוערְן אַן אֶמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד און אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט קְלָאר גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ר"ט) אַז דִי אַלֶע תּוֹרוֹת און שְׁמוּעֶסְן וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, זֶענֶען נִישְׁט גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן נָאר פַאר זַיין דוֹר, נָאר אוֹיךְ פַאר דִי שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע דוֹרוֹת. און דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל ווייטֶער אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי אַלֶע תּוֹרוֹת און עֵצוֹת אוֹיךְ פַאר דִי קִינְדֶער און אֵיינִיקְלֶעךְ עַד סוֹף כָּל הַדוֹרוֹת. אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם) מִיט אַ גֶעוָואלְדִיגֶע בְּרֶען דֶעם פָּסוּק (דְבָרִים ד, ט) "וְהוֹדַעְתָּם לְבָנֶיךָ וְלִבְנֵי בָנֶיךָ" - "אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גֶעטָאן!"

נָאךְ דִי הִסְתַּלְקוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאט זַיין בַּאלִיבְּטֶער תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, זִיךְ וַוייטֶער מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועזְן אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט דִי הֵיילִיגֶע לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן, עֶר פְלֶעגְט אַרוּמְפָארְן אוּן רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן אוּן מְחַדֵשׁ זַיין חִידוּשֵׁי תוֹרָה, אַלֶעס נָאר גֶעבּוֹיעֶט אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס תּוֹרוֹת, וָואס פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים "לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת", אוּן עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ וַוייטֶער אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן דִי לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן, דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין עִיקָר צִיל אִין לֶעבְּן. זַיין מִיה אוּן פְלָאג אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אוּמְזִיסְט, בָּרוּךְ ה', נָאר דוּרְךְ אִים אִיז גֶעבְּלִיבְּן דִי לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן אוּן עֶס וֶוערְט וַוייטֶער צוּשְׁפְּרֵייט אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אִינֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר, הָאבְּן מִיר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז כְּבוֹד קְדוּשַׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין גַאנְץ לֶעבְּן אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס לִימוּדִים אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים אוּן בְּרִיוו וָואס זֶענֶען מְחַיֶ' אוּן מְחַזֵק הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזֶענְטֶער אִידְן אִיבֶּער אַלֶע עֶקְן וֶועלְט. דִי סְפָרִים זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְּן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חָכְמָה אוּן שֵׂכֶל, זִיךְ אַרָאפְּצוּלָאזְן צוּ יֶעדְן מֶענְטְשׁ, אִין וֶועלְכֶע מַצָב עֶר זָאל נָאר זַיין, אוּן אִים אוֹיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, אִים מְחַיֶ' אוּן מְחַזֵק זַיין, אַז עֶר קֶען נָאךְ אוֹיךְ צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין יֶעדְן מֶענְטְשׁ אַ שִׂמְחַת הַחַיִים, אַ גֶעשְׁמַאק אִין לֶעבְּן, מֶען זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט מִיט גֶעשְׁמַאק, צוּ לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מְקַיֵים זַיין זַיינֶע מִצְוֹת מִיט פְרֵייד.

אִין דֶעם בִּיטֶערְן טָאג י"ז שְׁבַט תשע"ה לפ"ק, הָאבְּן מִיר פַארְלוֹירְן דִי גְרוֹיסֶע אֲבֵידָה שֶׁאֵין לָהּ תְּמוּרָה, וֶוען כְּבוֹד קְדוּשַׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן לְחַיֵי הָעוֹלָם הַבָּא. מִיר הָאבְּן פַארְלוֹירְן מוֹהֲרָא"שׁ, דָאס אִיז אַ בִּיטֶערֶע אֲבֵידָה וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שִׁיעוּר, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז אָבֶּער אִיבֶּערְגֶעלָאזְט זַיינֶע סְפָרִים אוּן זַיינֶע

לְמוּדִים מִיט וָואס מִיר זָאלְן זִיךְ וַוייטֶער שְׁטַארְקְן אוּן אָנְגֵיין, מִיר זָאלְן זִיךְ וַוייטֶער הַאלְטְן מִיט דֶעם, מִיר זָאלְן זִיךְ וַוייטֶער פִירְן אִין דִי וֶועגְן וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אוּן דַאן וֶועט זַיין אַזוֹי וִוי עֶר לֶעבְּט נָאךְ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ב) אַז דִי פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן דִי נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִיק לִיגְט אִין זַיינֶע סְפָרִים, אוֹיבּ לֶערְנְט מֶען דִי סְפָרִים אוּן מֶען פְּרוּבִּירְט מְקַיֵים צוּ זַיין וָואס דָארְט שְׁטֵייט, דַאן אִיז דָאס אַזוֹי וִוי דֶער צַדִיק אִיז נָאךְ דָא צְוִוישְׁן אוּנְז.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, הִלְכוֹת שְׁלוּחִין, הֲלָכָה ה', אוֹת י"א-י"ב) אוֹיף דֶעם וָואס משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן (דְבָרִים ל"א, כ"ט) "כִּי יָדַעְתִּי אַחֲרֵי מוֹתִי כִּי הַשְׁחֵת תַּשְׁחִתוּן, משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן אַז זֵיי וֶועלְן זִיךְ אָפְּקֶערְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְדֶעם וָואס עֶר וֶועט שְׁטַארְבְּן, זָאגְט אוֹיף דֶעם רַשִׁ"י אַז מִיר זֶעעֶן דָאךְ אַז דִי אִידְן זֶענֶען יָא גֶעוֶוען ווּאוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ אוֹיךְ נָאכְדֶעם וָואס משֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, נָאר פוּן דֶעם לֶערְנְט מֶען אַרוֹיס אַז וִוי לַאנְג דֶער תַּלְמִיד לֶעבְּט, אִיז דָאס נָאךְ אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי לֶעבְּט. וִוי לַאנְג דֶער תַּלְמִיד יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן הָאט גֶעלֶעבְּט, אִיז דָאס גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי משֶׁה רַבֵּינוּ אַלֵיין הָאט נָאךְ גֶעלֶעבְּט. פְרֶעגְט אוֹיף דֶעם רֶבִּי נָתָן וִוי אַזוֹי קֶען מֶען בִּכְלַל זָאגְן אַז אַ צַדִיק אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן? חֲזַ"ל זָאגְן דָאךְ (בְּרָכוֹת י"ח.) "צַדִיקִים בְּמִיתָתָן נִקְרָאוּ חַיִים", אֲפִילוּ וֶוען אַ צַדִיק גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, אִיז עֶס נָאךְ אַזוֹי וִוי עֶר לֶעבְּט.

נָאר דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (פָּרָשַׁת תְּרוּמָה, קע"ד) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דְבָרִים ל"ד, ה') "וַיָמָת שָׁם משֶׁה עֶבֶד ה'", וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אַז משֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן? נָאר בֶּאֱמֶת אִיז עֶר טַאקֶע נִישְׁט גֶעשְׁטָארְבְּן, נָאר בַּיי אוּנְז אִיז עֶס אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן. דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן אַז בֶּאֱמֶת שְׁטַארְבְּט אַ צַדִיק קֵיינְמָאל נִישְׁט, זַיינֶע תּוֹרוֹת אוּן לִמוּדִים בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג; נָאר אוֹיבּ מִיר לֶערְנֶען נִישְׁט זַיין תּוֹרָה, מִיר גֵייעֶן נִישְׁט אִין זַיינֶע וֶועגְן, דַאן אִיז עֶס אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן בַּיי אוּנְז. וִוי לַאנְג עֶס

לֶעבְּט אָבֶּער אַ תַּלְמִיד וָואס עֶר גֶעבְּט וַוייטֶער אִיבֶּער דָאס וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, עֶר אִיז מְעוֹרֵר אוּן מְחַזֵק אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ וַוייטֶער הַאלְטְן מִיט דִי לִמּוּדִים פוּנֶעם צַדִיק, דַאן לֶעבְּט דֶער צַדִיק וַוייטֶער בַּיי אוּנְז. אוּן דֶערִיבֶּער, וִוי לַאנְג דֶער תַּלְמִיד יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן הָאט גֶעלֶעבְּט, אוּן עֶר הָאט וַוייטֶער אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אוּן מְחַזֵק גֶעוֶוען דִי אִידְן אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן צוּ דֶעם וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אִיז דָאס גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט נָאכְאַלְץ גֶעלֶעבְּט.

זָאגְט דָארְט וַוייטֶער רֶבִּי נָתָן אַז דָאס אִיז נִישְׁט נָאר גֶעוֶוען אִין יֶענֶעם דוֹר, נָאר דָאס גֵייט וַוייטֶער אָן בִּיזְ'ן הַיינְטִיגְן טָאג, אַז אֲפִילוּ וֶוען דֶער צַדִיק אִיז שׁוֹין אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, דַארְף מֶען גְלֵייבְּן אַז סְ'אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן אֵיינְס אָדֶער מֶערֶערֶע תַּלְמִידִים פוּנֶעם צַדִיק, וָואס זֵיי הָאבְּן דֶעם כֹּחַ וַוייטֶער אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן דִי לִמּוּדִים פוּנֶעם צַדִיק. דִי אֱמֶת'ֶע תַּלְמִידִים פוּנֶעם צַדִיק, זֶענֶען אַזוֹי וִוי עֶר אַלֵיין (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ז'), אוּן וֶוען זֵיי גֶעבְּן וַוייטֶער אִיבֶּער דִי תּוֹרָה פוּנֶעם צַדִיק, אִיז דָאס אַזוֹי וִוי דֶער צַדִיק אִיז דָא מִיט אוּנְז, עֶר וֶועט נִתְלַבֵּשׁ אִין דֶעם תַּלְמִיד'ס דִיבּוּרִים, אוּן עֶס אִיז מַמָשׁ וִוי דֶער צַדִיק לֶעבְּט מִיט אוּנְז אוּן רֶעדְט צוּ אוּנְז, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (יְבָמוֹת צ"ז:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים ס"א, ה') "אָגוּרָה בְאָהָלְךָ עוֹלָמִים", אַז וֶוען מְ'זָאגְט נָאךְ אַ דְבַר הֲלָכָה פוּן אַ תַּלְמוּד חָכָם, רֶעדְן מִיט זַיינֶע לִיפְּן אִין קֶבֶר.

אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז אוֹיפְצוּזוּכְן דֶעם תַּלְמִיד וָואס קֶען אוּנְז אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי לִמּוּדִים פוּן רֶבִּי'ן, וָואס קֶען אוּנְז וַוייטֶער מְחַזֵק זַיין אוּן מְעוֹרֵר זַיין צוּ זַיין צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֱמֶת, מִיט דִי אַלֶע גֶעוַואלְדִיגֶע אוּן הֵיילִיגֶע עֵצוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

אִין יָאר תשס"ט לפ"ק אִיז גֶעעֶפְנְט גֶעוָוארְן דִי הֵיילִיגֶע יְשִׁיבָה "יְשִׁיבָה תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה", דוּרְכְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה הרה"ג מוה"ר יוֹאֵל רָאטְה שְׁלִיטָ"א,

דֶער תַּלְמִיד חָבִיב פוּן כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, מִיטְ'ן צִיל אַז דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה זָאלְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי לִמּוּדִים אוּן עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

כָאטְשׁ וָואס אִין אָנְהוֹיבּ אִיז דִי הֵיילִיגֶע יְשִׁיבָה דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען פִילֶע שְׁוֶועריִקֵייטְן, הָאט זִיךְ עֶס אָבֶּער צֶעוָואקְסְן אוֹיף גָאר אַ גֶעוַואלְדִיגֶע פַארְנֶעם, נִישְׁט נָאר אִין דִי רַאמֶען פוּן דִי יְשִׁיבָה לֶעבְּן דִי בָּחוּרִים מִיט דִי לִמּוּדִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, נָאר עֶס הָאט זִיךְ אוֹיךְ אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, פוּן אִיבֶּערָאל הֶערְט מֶען דִי דְרָשׁוֹת וָואס וֶוערְן גֶעזָאגְט אִין יְשִׁיבָה, טוֹיזְנְטֶער אִידְן אִיבֶּער דִי גָארֶער וֶועלְט שֶׁעפְּן הִתְחַזְּקוּת פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע דְרָשׁוֹת. בַּיי דִי דְרָשׁוֹת זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א בְּלוֹיז אִיבֶּער דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן לוֹיט וִוי מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, נָאר עֶר בְּרֶענְגְט עֶס מֶער אַרָאפּ אַז סְ'זָאל זַיין פַּאסִיג פַארְ'ן הַיינְטִיגְן דוֹר, מִיט דִי הַיינְטִיגֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן שְׁוֶועריִקֵייטְן, וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אִין יֶעדְן מַצָּב, וִוי אַזוֹי מִיר זָאלְן זִיךְ אוֹיךְ קֶענֶען בַּאנוּצְן מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אִין אוּנְזֶער הַיינְטִיגְן לֶעבְּן.

אַזוֹי וִוי דֶער נָאמֶען פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז צֶעשְׁפְּרֵייט גֶעוָוארְן אִיבֶּער דִי וֶועלְט, הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קוּמֶען בְּרִיוו פוּן אִיבֶּערָאל אָנְצוּפְרֶעגְן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַארְשִׁידֶענֶע סָארְט שְׁאֵלוֹת, וִוי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן אִין פַארְשִׁידֶענֶע סָארְט מַצָּבִים, מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דִי בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט הָאט זִיךְ אוֹיךְ גָאר שְׁטַארְק צֶעשְׁפְּרֵייט אוּן וֶוערְן גֶעלֵיינְט דוּרְךְ טוֹיזְנְטֶער אִידְן, וֶועלְכֶע גֶענִיסְן דֶערְפוּן גָאר אַסַאךְ הִתְחַזְּקוּת אוּן הַדְרָכוֹת.

עֶס אִיז גְרוֹיס אוּנְזֶער פְרֵייד אַז מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף הָאבְּן מִיר צוּזַאמְגֶענוּמֶען דִי אַלֶע בְּרִיוו, אוּן עֶס אָפְּגֶעדְרוּקְט אוֹיף אַ שֵׁיינֶעם

פָּארְמַאט, אַז יֶעדֶער אִיד זָאל זִיךְ קֶענֶען מְחַיֶ' זַיין דֶערְמִיט. דֶער סֵפֶר וֶועט זִיכֶער אַרוֹיסְהֶעלְפְן אוּן מְחַזֵק זַיין פִילֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער. מִיר הָאבְּן אוֹיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט דִי שְׁאֵלוֹת אוֹיף יֶעדְן בְּרִיו, כְּדֵי מֶען זָאל בֶּעסֶער פַארְשְׁטֵיין אוֹיף וָואס דִי תְּשׁוּבוֹת בַּאצִיעֶן זִיךְ. כָאטְשׁ וָואס דִי בְּרִיוְו זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן פַאר פְּרִיוַואטֶע מֶענְטְשְׁן, יֶעדֶע בְּרִיוְו אִיז גֶעשְׁרִיבְּן לוֹיט דִי פְרַאגֶע וָואס יֶענֶער הָאט אָנְגֶעפְרֶעגְט, אִיז עֶס אָבֶּער גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן אוֹיף אַזַא וֶועג אַז יֶעדֶער אִיד וָואס גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַן עֶנְלִיכְן מַצָב זָאל קֶענֶען טְרֶעפְן זַיין עֵצָה אוּן הִילְף וִוי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן אִין זַיין לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, אַז דֶער סֵפֶר זָאל טוּן דִי רִיכְטִיגֶע פְּעוּלָה, אוּן צוּרִיק בְּרֶענְגְן אַלֶע אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז יֶעדֶער זָאל ווִיסְן, אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא אוֹיף דֶער וֶועלְט קַיין שׁוּם עֵצָה, נָאר צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִים דֶערְצֵיילְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶען הָאט, אוּן נָאר אַזוֹי וֶועט מֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע סָארְט צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז מִיר וֶועלְן שׁוֹין בְּקָרוֹב גֵיין קֶעגְן מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

**הַמוֹצִיאִים לָאוֹר**

# תּוֹכֶן הָעִנְיָנִים


תתלד מֶעג אִיךְ פָארְן אַלֵיין אִין אַ טֶעקְסִי?.......... יז

תתלה ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן וֶוען אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער? . יט

תתלו זָאל אִיךְ הָאבְּן נָאךְ קִינְדֶער?.......... כא

תתלז וִויפִּיל דַארְף אַ אִינְגְל לֶערְנֶען?.......... כג

תתלח ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אָפְּגֶעווּאוֹינֶען פוּן גֵיין שְׁלָאפְן שְׁפֶּעט?.......... כה

תתלט פַארְוָואס הָאט מוֹהֲרָא"שׁ נִישְׁט גֶעשְׁרִיבְּן וַוייטֶער דֶעם סֵפֶר "לַהֲבוֹת אֵשׁ"?. לג

תתמ קֶענְט אִיר מִיר גֶעבְּן הַדְרָכָה צוּ מַיין חֲתֻנָּה?.......... לו

תתמא ווי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ בַּארוּאִיגְן נָאךְ דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע טְרַאגֶעדְיֶע?.......... לח

תתמב וואוּ אִיז דֶער מְקוֹר אַז וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה דַארְף מֶען נִישְׁט קַיין כְּלֵי זַיִן?.......... מא

תתמג זָאל אִיךְ אָפְּלָאזְן מַיין שִׁיעוּר גְּמָרָא אוּן אָנְהוֹיבְּן נָאר צוּ זָאגְן?.......... מד

תתמד אִיךְ וִויל זַיין גוּט, אָבֶּער אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין פַאלְן.......... מח

תתמה זָאל אִיךְ גֵיין אוֹיף שַׁבָּת צוּ מַיין טַאטֶע אָדֶער צוּ מַיין מַאמֶע?.......... נא

תתמו ווי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מְחַזֵּק נָאכְן לַיידְן אַ גְרוֹיסֶע שָׁאדְן?.......... נג

תתמז ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מַיין שְׁוֶוער קַיין בְּרֶסְלֶב?.......... נה

תתמח פַארְוָואס הָאט מֶען נִישְׁט גֶעמָאלְדְן אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קוּמְט קַיין בֵּית שֶׁמֶשׁ?.......... ס

תתמט ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ הַאלְטְן עֶרְלִיךְ מִיט אַ פְּרָאבְּלֶעמַאטִישֶׁע ווַייבּ?.......... סה

תתנ פַארְוָואס וֶוען מֶען וִויל זַיין וואוֹיל קוּמֶען אַלֶע שְׁוֶועריְקַייטְן?.......... סט

תתנא יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן דִי שִׁעוּרִים.......... עד

תתנב וֶועל אִיךְ נָאךְ אַמָאל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?.......... עה

תתנג דֶער גַבַּאי פוּן שׁוּל הָאט מִיךְ זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט, זָאל אִיךְ צוּרִיקְגֵיין אַהִין?..... פב

תתנד זָאל אִיךְ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט שַׁדְכָנוּת?.......... פה

תתנה זָאל אִיךְ פָאהְרְן קַיין חוּץ לָאָרֶץ צוּ גֵיין נָאךְ צְדָקָה?........................ צג
תתנו וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין חַתְנָה הָאבְּן?.............................................. צו
תתנז זָאל אִיךְ זִיךְ אָנְהוֹיבְּן שֶׁערְן דִי הָאר?............................................. צט
תתנח ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ גֶעשְׁמַאק אִין לֶערְנֶען?........................ קב
תתנט ווי אַזוֹי בַּארוּאִיגְט מֶען דִי קִינְדֶער וֶוען עֶס פְלִיעֶן ראקֶעטְן?............. קה
תתס מַיין לֶעבְּן הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן דוּרְכְן הֶערְן דִי שִׁעוּרִים.......... קט
תתסא אִיךְ הָאבּ זִיךְ שׁוֹין גֶע'גֶט, ווי אַזוֹי טְרֶעפְט מֶען אַ גוּטֶע שִׁדוּךְ?........... קיג
תתסב זָאל אִיךְ צוּרִיקְגֵיין אִין יְשִׁיבָה נָאכְדֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן מִיךְ אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן?. קטז
תתסג זָאלְן מִיר צֶעטֵיילְן דִי קִינְדֶער אוֹיף שַׁבָּת צוּ קֶענֶען גֵיין צוּ אַ שִׂמְחָה?.... קכב
תתסד ווי אַזוֹי וֶוערְט מַיין וַוייבּ פָּטוּר פוּן אַ מְגֻוָל?........................... קכד
תתסה וָואס טוּט מֶען וֶוען עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ טוּן דִי סְגֻלוֹת פַאר אַ שִׁדוּךְ?...... קכז
תתסו פַארְוָואס שְׁרַייבְּט מוֹהֲרָא"ש אַזוֹי שַׁארְף אִין זַיין צַוָּאָה?.................. קל
תתסז פַארְוָואס הָאט מוֹהֲרָא"ש צוּגֶעזָאגְט אַזוֹיפִיל הַבְטָחוֹת?........................ קלט
תתסח ווי אַזוֹי אַרְבֶּעט דִי סְגֻלָּה צוּ זָאגְן מַסֶּכֶת תַּעֲנִית צוּ וֶוערְן אַ חָתָן?........ קמג
תתסט אָפְּזָאגְן אַ שִׁדוּךְ אוֹיבּ דִי כַּלָּה ווִיל זִיךְ נִישְׁט שֶׁערְן דִי הָאר?............ קמז
תתע ווי אַזוֹי לֶערְנְט מֶען דֶעם רֶבִּינ'ס סְפָרִים אוֹיפְן סֵדֶר?......................... קנ
תתעא פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט גֵיין אוֹיף טֶערָאפִּי?.................................. קנג
תתעב מֶעג אִיךְ זִיךְ עַקְשְׁנ'עֶן צוּ נֶעמֶען נָאר אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶ כַּלָּה?....................... קנח
תתעג ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ אוֹיפְוַוייזְן פַאר מֶענְטְשְׁן אַז מֶען דַארְף זִיךְ יָא שֶׁערְן?.... קס
תתעד ווי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן "נֵיין" פַאר אַ מֶענְטְשׁ?............................... קסב
תתעה מֶעג מֶען קוֹיפְן עֶפֶּעס פוּן אַ פִירְמֶע וָואס אִיז אֶפְשָׁר גֶעוֶוען פוּן דִי נַאצִיס יִמַּח שְׁמָם?........................................................................... קסד
תתעו מֶען הָאט מִיךְ אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן יְשִׁיבָה ווַייל אִיךְ טוּ דָארְט הֶפָּצָה, וָואס טוּ אִיךְ?....................................................................... קסז
תתעז דַארְף מֶען פַאסְטְן אָדֶער נִישְׁט? ווי אַזוֹי מַאכְט מֶען זִיךְ פְרֵיילִיךְ בְּמִילְתָא דִשְׁטוּתָא?.................................................................... קסח
תתעח ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ מְקָרֵב זַיין מַיין טַאטֶע צוּם רֶבִּי'ן?......................... קעא
תתעט זָאל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ לֶערְנֶען בְּעִיּוּן, אָדֶער עֶנְדֶערְשׁ שְׁנֶעל?....................... קעז
תתפ אִיךְ הָאבּ תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוּן צוּרִיק גֶעקוּמֶען, ווי אַזוֹי גֵייט מֶען וַוייטֶער?... קפ

תתפא אויב הָאב אִיךְ חֲתֻנָּה יוּנג, ווי אַזוֹי וֶועל אִיךְ הָאבְּן פַּרְנָסָה?................קפב

תתפב מֶען לָאזְט מִיר נִישְׁט לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, זָאל אִיךְ צוּרִיקְגֵיין אִין יְשִׁיבָה?............................................................קפו

תתפג ווי לַאנְג וֶועל אִיךְ נָאךְ דַארְפְן וַוארְטְן אוֹיף מַיין שִׁדּוּךְ? ........................קפח

תתפד ווי לַאנְג דַארְף נֶעמֶען דָאס דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית?........................קצב

תתפה ווי אַזוֹי קֶענֶען מִיר נֶעמֶען "הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ בְּרֶסְלֶב" פַאר אוּנְזֶער וֶועגְוַוייזֶער? קצג

תתפו ווי אַזוֹי פַארְרֶעכְט מֶען דִי הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת פוּן דִי יוּנְגֶע יָארְן? ..........קצו

תתפז ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז מַיין מַאן זָאל אַהֵיימְקוּמֶען צַייטְלִיךְ? ...........רא

תתפח ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ צוּרִיק צָאלְן פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַאר דִי שֵׁיינֶע שִׁעוּרִים?..רו

תתפט אַ סְמַארְטְפָאוֹן אִיז טַאקֶע אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ? .........................רז

תתצ קֵיינֶער דַארְף מִיךְ נִישְׁט, ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן?...............רי

תתצא ווי אַזוֹי קֶען מֶען טוּישְׁן דִי שָׁלוֹם בַּיִת צוּם גוּטְן?......................ריב

תתצב דַארְף אִיךְ טַאקֶע אַוֶועקְוַוארְפְן מַיין סְמַארְטְפָאוֹן? ......................רטו

תתצג קֶענְט אִיר מִיר גֶעבְּן חִזּוּק אָנְצוּגֵיין מִיט מַיין שִׁעוּר אִין גְּמָרָא? ............ריז

תתצד וָואס אִיז דִי עֵצָה צוּ בְּלַייבְּן מְקֻשָּׁר צוּם צַדִּיק?........................ריט

תתצה אִיז דֶעם רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אוֹיךְ גֶעמַאכְט פַאר פְרוֹיעֶן?......................רכג

תתצו זָאל אִיךְ פָאלְגְן מַיין טַאטֶע אוּן אַרָאפְּנֶעמֶען מַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת? ......רכד

תתצז זָאל אִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר, כָאטְשׁ עֶס אִיז נִישְׁט אַיינְגֶעפִירְט אִין מַיין מִשְׁפָּחָה?רכז

תתצח וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען קֶען זִיךְ אַלֵיין נִישְׁט לַיידְן?......................רכט

תתצט וָואס דַארְף מֶען טוּן וֶועגְן דִי קָארָאנֶע ווִיירוּס? ........................רלד

תתק אִיךְ הָאבּ אַלֶעס פַארְלוֹירְן, ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ מְחַזֵּק זַיין?...............רלז

תתקא אִיךְ הָאבּ שְׁרֶעקְלִיכֶע פְּחָדִים פוּן דִי קָארָאנֶע ווִיירוּס, ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן?.....................................................רמב

תתקב מֶעג מֶען מַאכְן אַ גּוֹרָל צוּ ווִיסְן וָואס צוּ טוּן?........................רמז

תתקג עֶנְדֶערְשׁ לֶערְנֶען שְׁנֶעל אוּן אַסַאךְ, אָדֶער עֶנְדֶערְשׁ ווֶיינִיגֶער אוּן קְלָארֶער?רמט

תתקד מֶען טְרָאגְט מִיר אָן אַ שִׁדּוּךְ, אוּן זֵיי ווִילְן אִיךְ זָאל לֶערְנֶען אִין כּוֹלֵל, וָואס טוּ אִיךְ? ...........................................................רנג

תתקה מַיין אִינְגְל נֶעמְט יֶעדֶע מִצְוָה מִיט צוּפִיל דְרוּק, ווי אַזוֹי הֶעלְף אִיךְ אִים?..רנה

תתקו וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קְלֵיין קִינְד וָואס זָאגְט לִיגְנְט? ....................רנח

**תתקז** וִוי אַזוֹי לֶערְנְט מֶען שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד?............**רסא**

**תתקח** וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין אִין מִקְוֶה?...................**רסג**

**תתקט** דַארְף מֶען זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אִין דִי יֶעצְטִיגֶע צַייטְן צוּ טְרֶעפְן אַ מִנְיָן אוּן מִקְוֶה?..............................................................**רסה**

**תתקי** מַיינֶע עֶלְטֶערְן רֶעדְן קֶעגְן מַיין רֶבִּי, מֶעג אִיךְ זֵיי עֶנְטְפֶערְן?.........**רסח**

**תתקיא** אַ מֵיידְל וָואס אַרְבֶּעט קֶען נֶעמֶען דָאס גֶעלְט פַאר זִיךְ, אָדֶער גֶעבְּן פַאר דִי עֶלְטֶערְן?............................................................**ער**

**תתקיב** וִוי אַזוֹי שְׁטַארְקְט מֶען זִיךְ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?............... **ערב**

**תתקיג** וִוי אַזוֹי גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן אַ שְׁלֶעכְטֶע גִיסְטֶע?..................... **ערה**

**תתקיד** נָאכְן חוֹזֶק מַאכְן פוּן בְּרֶסְלֶב אַזוֹי לַאנְג, הָאט עֶס יֶעצְט מִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט!**רעח**

**תתקטו** וָואס קֶען מֶען טוּן וֶוען דִי קָארָאנֶע וֵויירוּס בּוּזֶשְׁעוֶועט?.............**רפא**

**תתקטז** מֶעג מֶען הֶערְן נִגּוּנִים פוּן אֱמוּנָה אִין דִי סְפִירָה טֶעג אִין דִי יֶעצְטִיגֶע שְׁוֶוערֶע צַייטְן?.............................................................. **רפד**

**תתקיז** וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי הֶערְלִיכֶע לֶעבְּן וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען?..........................................................**רפו**

**תתקיח** וָואס מֵיינְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט הֶערְן זִינְגֶען פוּן אַ רָשָׁע?...............**רצ**

**תתקיט** וִוי אַזוֹי הַאלְט מֶען זִיךְ רוּאִיג נִישְׁט צוּ שְׁלָאגְן דִי קִינְדֶער?............ **רצב**

**תתקכ** וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז מַיינֶע טֶעכְטֶער זָאלְן דַאוֶוענֶען?............**רצה**

**תתקכא** מֶעג מֶען גֶעבְּן פַאר קִינְדֶער צוּ לֵיינֶען מַאגַאזִינֶען?.....................**רחצ**

**תתקכב** וִוי אַזוֹי לֶערְנְט מֶען אוֹיס קִינְדֶער זִיךְ צוּ פִירְן אֵיידְל?................ **ש**

**תתקכג** אִיךְ בִּין נִישְׁט צוּפְרִידְן אִינְדֶערְהֵיים אוּן אִין יְשִׁיבָה, וָואס טוּ אִיךְ?......... **שג**

**תתקכד** אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם חַתֻנָּה גֶעהַאט, אָבֶּער אִיךְ פַאל נָאכְאַלְץ אַרָאפּ.......**שו**

**תתקכה** אִיז תִּקּוּן חֲצוֹת גֶעמַאכְט אוֹיךְ פַאר פָּשׁוּטֶ'ע אִידְן?...................**שט**

**תתקכו** וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַשְׁפִּיעַ זַיין פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן?................... **שיב**

**תתקכז** אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶע אִיד, אָבֶּער אִיךְ פַאל כְּסֵדֶר.................. **שטו**

**תתקכח** מַיין מֹחַ אִיז פַארְבְּרֶענְט, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?...... **שיח**

**תתקכט** קֶען מֶען פָּשׁוּט זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה?........................... **שכג**

**תתקל** וִוי אַזוֹי שְׁטַארְק אִיךְ זִיךְ אִיבֶּער מַיינֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת?............. **שכז**

**תתקלא** דַארְף מֶען אַלֶעס דֶערְצֵיילְן פַאר דִי וַוייבּ?.......................... **של**

**תתקלב** וִוי אַזוֹי הִיט מֶען דִי קִינְדֶער פוּן קַשְׁיוֹת אוֹיף אֱמוּנָה פוּן אַ קָרוֹב?.......**שלב**

**תתקלג** מוּז אִיךְ אָפְּלָאזְן מַיין חֲסִידוּת, כְּדֵי צוּ וֶוערְן אַ בְּרֶסְלֶבּ'עֶר?............**שלה**
**תתקלד** וִוי אַזוֹי קֶען אַ אִינְגֶערְמַאן זִיךְ שְׁטַארְקְן אִיבֶּער זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת?.........**שלט**
**תתקלה** אִיךְ הָאבּ צְוֵויי עֶלְטֶערֶע בְּרִידֶער, וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין אַ חָתָן וֶוערְן?.....**שמב**
**תתקלו** דִי פַּרְנָסָה וֶוערְט מִיר שְׁוֶוער, זָאל אִיךְ אָנְהוֹיבְּן אַ זַייטִיגֶע פַאךְ?..........**שמו**
**תתקלז** וֶוען עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין חֵדֶר, לֶערְן אִיךְ אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת אוּן גְּמָרָא......**שנא**
**תתקלח** זָאל מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד?......**שנד**
**תתקלט** וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין מַאמֶע לָאזְט מִיר נִישְׁט הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן?........**שע**
**תתקמ** וָואס הָאט מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעהַאלְטְן וֶועגְן שֵׁייטְלֶעךְ?.........**שעג**
**תתקמא** וֶועל אִיךְ נָאךְ אַמָאל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?......................**שעה**
**תתקמב** מַזָל טוֹב צוּם גֶעבּוּרְט פוּנֶעם עֶרְשְׁטְן אֵייניקְל..................**שפ**
**תתקמג** וִוי אַזוֹי קֶען מֶען גֶעבְּן פַאר מֶענְטְשְׁן דִי גוּטֶע עֵצוֹת אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת?...**שפג**
**תתקמד** וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז מַיין טָאכְטֶער זָאל זַיין צוּפְרִידְן מִיט אַ פָּשׁוּט'עֶ חֲתֻנָּה?........................................................**שפו**
**תתקמה** וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דְרֵייעֶן אִין בְּרֶסְלֶב, אָן וֶוערְן אַרַיינְגֶעשְׁלֶעפְּט אִין מַחְלֹקֶת?.. **שפח**
**תתקמו** וואוּ שְׁטֵייט דִי הַארְבְּקֵייט פוּן דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית?............**שצז**
**תתקמז** פַארְוָואס רֶעדְט אִיר קֶעגְן דִי עֶרְלִיכֶע בָּתֵּי חִנּוּךְ?...............**שצט**
**תתקמח** וִוי אַזוֹי זָאל אִיךְ גֶעבְּן דִי צְדָקָה פַאר מַיין טַאטֶע?...............**תה**
**תתקמט** מֶעג מֶען הַאלְטְן בַּעֲלֵי חַיִּים אִין שְׁטוּבּ?........................**תז**
**תתקנ** וִוי אַזוֹי בַּאהֶערְשְׁט מֶען זִיךְ נִישְׁט צוּ וֶוערְן אִין כַּעַס?.............**תי**
**תתקנא** זָאל אִיךְ צוּרִיק גֵיין וואוֹינֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל?......................**תיב**
**תתקנב** וִוי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה מִיט אַ פַארְחָלוֹמְ'ט קִינְד?............**תטו**
**תתקנג** וִויפִיל מֶעג מֶען אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן צְדָקָה גֶעלְט פַאר זִיךְ?............**תיח**
**תתקנד** וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ שָׁלוֹם מַאכְן מִיט מַיין בְּרוּדֶער?................**תכ**
**תתקנה** וִוי אַזוֹי מֶעג מֶען אַרוֹיסְגֶעבְּן שִׁעוּרִים אוֹיף וִוידִיאוֹ?...............**תכב**
**תתקנו** אֶפְשָׁר דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטְשֶׁעפֶּעט אֵיינֶעם, שַׁאדְט פַאר מַיין שִׁדּוּךְ?..**תכח**
**תתקנז** וִוי אַזוֹי קֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן מְכַבֵּד צוּ זַיין מַיין טַאטֶע?..............**תל**
**תתקנח** וִוי אַזוֹי דֶערְשְׁרֶעק אִיךְ זִיךְ נִישְׁט פוּן דִי וָואס לַאכְן אָפּ פוּן בְּרֶסְלֶב?.... **תלג**
**תתקנט** אִיךְ ווִיל אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען, וִוי אַזוֹי הוֹיבְּט מֶען אָן?.................**תלה**

תתקס מֶעג מֶען אָנְצִינְדְן הוֹיכֶע מוּזִיק אִין הוֹיף?.................................תלט
תתקסא ווי אַזוֹי בִּין אִיךְ מְחַזֵּק מַיין בָּחוּר צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶּוענֶען? ..............תמב
תתקסב מֶעג מֶען הֶערְן דִי נִגּוּנִים פוּן ר' שְׁלֹמֹה קַארְלִיבַּאךְ?.......................תמח
תתקסג דַארְף מֶען רֶעדְן שֵׁיין אוּן זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי קִינְדֶער? ...............תנא

# תתלד

## מֶעג אִיךְ פָּארְן אַלֵיין אִין אַ טֶעקְסִי?

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ לֶעצְטְנְס גֶעהַאט צְווֵיי מַעֲשִׂיּוֹת מִיט אַ טֶעקְסִי, אוּן אִיךְ טְרַאכְט אוֹיבּ אִיךְ מֶעג בִּכְלַל פָּארְן מִיט אַ טֶעקְסִי.

אֵיין טָאג הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט פָּארְן אַלֵיין, אוּן דֶער דְרֵייוֶוער הָאט מִיר גֶעוָואלְט גֶעבְּן זַיין טֶעלֶעפָאן נוּמֶער אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט, הָאט עֶר מִיר פְּרוּבִּירְט צוּ גֶעבְּן גֶעלְט, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט אַז אִיךְ דַארְף נִישְׁט. לְמַעֲשֶׂה בַּיים אָנְקוּמֶען הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט נֶעמֶען קַיין גֶעלְט פוּן מִיר.

אַ צְווֵייטֶע מָאל הָאט מַיין טַאטֶע מִיר גֶעבֶּעטְן צוּ נֶעמֶען דִי קִינְדֶער מִיט אַ טֶעקְסִי, אוּן דֶער דְרֵייוֶוער הָאט קֹדֶם גֶעזָאגְט אַז עֶס וֶועט קָאסְטְן דְרַייסִיג אוּן בַּיים אָנְקוּמֶען הָאט עֶר גֶעטוֹישְׁט דִי פְּרַייז צוּ פוּפְצִיג, עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי קִינְדֶער פוּן דִי קַאר אוּן מִיךְ הָאט עֶר נִישְׁט גֶעלָאזְט אַרוֹיסְגֵיין בִּיז אִיךְ בַּאצָאל אִים; בִּיז אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט אַז אִיךְ וֶועל פְרֶעגְן מַיין טַאטֶע וָואס צוּ טוּן, דֶעמָאלְט הָאט עֶר מִיךְ גֶעלָאזְט גֵיין.

זָאל אִיךְ מֶער נִישְׁט פָּארְן מִיט אַ טֶעקְסִי? אוּן אוֹיבּ מַיין טַאטֶע בֶּעט מִיר - וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת וַיִּגַּשׁ, ג' טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

... תְּחִיָ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייֶער בְּרִיוו.

**אַז** אַייֶער טַאטֶע בֶּעט אַייךְ אִיר זָאלְט הֶעלְפְן נֶעמֶען דִי קִינְדֶער מִיט אַ טֶעקְסִי וְכוּ'; דִי בֶּעסְטֶע וֶועג פַאר אַ מֵיידְל אִיז צוּ בַּאשְׁטֶעלְן אַ טֶעקְסִי מִיט אַ פְרוֹיעֶן דְרֵייוֶוער, אוֹיבּ עֶס אִיז נִישְׁטָא אַ פְרוֹיעֶן דְרֵייוֶוער אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג - קֶענְט אִיר נֶעמֶען אַ טֶעקְסִי אָבֶּער נָאר מִיט דִי פָאלְגֶענְדֶע תְּנָאִים:

**א)** אִיר זָאלְט נִישְׁט רֶעדְן מִיטְן דְרֵייוֶוער קֵיין שׁוּם זַייטִיגֶע שְׁמוּעֶסְן, אוּן אַז דֶער דְרֵייוֶוער פְרֶעגְט אַייךְ אַייֶער נָאמֶען זָאלְט אִיר אִים נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן; אַז אִיר הָאט אַ טֶעלֶעפָאן מִיט זִיךְ זָאלְט אִיר רֶעדְן אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן אָדֶער זִיךְ מַאכְן ווִי אִיר רֶעדְט מִיט אֵיינֶעם. אַזוֹי אוֹיךְ אַז עֶר ווִיל אַייךְ גֶעבְּן זַיין פְּרִיוַואטֶע נוּמֶער זָאלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג מַאכְן אוּן אִים נִישְׁט קוּקְן אִין זַיינֶע טָמֵא'נֶע אוֹיגְן, אִיר זָאלְט נָאר עֶנְטְפֶערְן אוֹיף פְרַאגֶעס וָואס הָאט צוּ טוּן מִיט דִי נְסִיעָה.

**ב)** אִיר זָאלְט נָאר זִיצְן אִין דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע זִיץ, אִיר זָאלְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַריינְגֵיין אִין אַ קַאר זִיצְן נֶעבְּן דֶעם דְרֵייוֶוער וֶוען דֶער דְרֵייוֶוער אִיז אַ מַאנְסְפֶּערְזָאן, אִיר זָאלְט זִיצְן אִין דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע זִיץ.

**ג)** דָאס אַלֶעס אִיז נָאר אִין דִי שָׁעוֹת וֶוען עֶס אִיז לִיכְטִיג, בַּייטָאג; אָבֶּער בַּיינַאכְט זָאלְט אִיר בְּשׁוּם אֵין אוֹפֶן פָארְן

אַלֵיין מִיט אַ טֶעקְסִי וָואס אַ מַאן דְרֵייווְט, דָאס אִיז יִחוּד וָואס אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע עֲבֵירָה, לוֹיט רוֹב פּוֹסְקִים אִיז אִסוּר יִחוּד גָאר אַ דְאוֹרַייְתָא (עַיֵּן בֵּית שְׁמוּאֵל אֶבֶן הָעֶזֶר סִימָן כב, סְעִיף א).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתלה

### ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן וֶוען אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְרוֹי וָואס הָאט חַתֲנָה גֶעהַאט פַאר אוּמְגֶעפֶער צְוֵויי יָאר צוּרִיק, אוּן אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ לֶעצְטְנְס פַארְלוֹירְן וְכוּ', אוּן דָאס שְׁטֶערְט מִיךְ מוֹרָא'דִיג שְׁטַארְק, אִיךְ שְׁפִּיר מַמָּשׁ ווִי אֵיין שְׁטִיק דוּרְכְפַאל. שׁוֹין גְלַייךְ נָאךְ דִי חַתֲנָה הָאבּ אִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעהָאפְּט צוּ הָאבְּן אַ קִינְד, אָבֶער יֶעדְן טָאג וֶוער אִיךְ מֶער אוּן מֶער צֶעבְּרָאכְן זֶעעֶנְדִיג אַז אִיךְ בִּין נָאכְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ מַמָּשׁ גֶעמַאכְט אַ גָלוּת פַאר מִיר אַלֵיין, אִיךְ גֵיי נִישְׁט צוּ קַיין חֲתוּנוֹת וַוייל אִיךְ ווִיל נִישְׁט זַיין דֶער רַחְמָנוּת, אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ בִּין מְצַעֵר מַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס וַוארְטְן אוֹיף אֵיינִיקְלֶעךְ, אוּן דָאס מֶערְסְטֶע שְׁפִּיר אִיךְ נָאךְ ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר, אִיךְ דַאוֶוען אוּן אִיךְ טוּ מִצְוֹת אוּן פְּרוּבִּיר צוּ זַיין ווֹאוִיל, פַארְוָואס טוּט עֶס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּ מִיר? אוּן אוֹיבּ דַארְף עֶר מִיךְ נִישְׁט הָאבְּן, דֶעמָאלְט פַארְוָואס זָאל אִיךְ וַוייטֶער הָאבְּן אַ גֶעפִיל צוּ תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת?

אִיךְ וֵויים אַז מֶען טָאר נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס זָאל אִיךְ אָבֶּער טוּן אַז אִיךְ הָאבּ יָא קַשְׁיוֹת? אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן מַיין מֹחַ. וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ הַאלְטְן פְּרֵיילִיךְ אוּן אוֹיפְהֶערְן קוּקְן שְׁוַוארְץ אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ? וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן טְרַאכְטְן נָארְמַאל אוּן לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִידִישְׁקֵייט, אִין דִי צַייט וָואס יֶעדֶער הָאט קִינְדֶער אוּן נָאר אִיךְ נִישְׁט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ג' טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**אִיר** זֶענְט נָאךְ בִּכְלַל נִישְׁט קַיין רַחְמָנוּת, אִיר הַאלְט אִינְגַאנְצְן צְוֵויי יָאר נָאךְ דִי חֲתֻנָּה, אִיר וֶועט נָאךְ הָאבְּן קִינְדֶער.

**דָאס** אַז אִיר הָאט פַארְלוֹירְן וְכוּ' - דַארְף אַייךְ שְׁטַארְקְן, וַוייל פוּן דֶעם זֶעט אִיר אַז אִיר אוּן אַייעֶר מַאן קֶענֶען הָאבְּן קִינְדֶער אוּן אִיר וֶועט נָאךְ הָאבְּן אַ גַאנְצֶע שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער.

**אִיר** טוּט נִישְׁט גוּט אַז אִיר זֶענְט אַיינְגֶעשְׁפַּארְט, אִיר גֵייט נִישְׁט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ אוּן אִיר גֵייט נִישְׁט צוּ שִׂמְחוֹת; פַארְוָואס זָאלְט אִיר אַרוּמְגֵיין מִיט אַ מַחֲשָׁבָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף אַייךְ? פַארְוָואס זָאלְט אִיר זִיךְ צֶעקְלַאפְּן אוּן טְרַאכְטְן אַז אִיר זֶענְט מְצַעֵר אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן?! אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ נָאכְנִישְׁט גֶעגֶעבְּן קִינְדֶער - זֶענְט אִיר נִישְׁט מְצַעֵר אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, מִיט דֶעם וָואס

אִיר וֶועט בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּב דֶעפְּרֶעסְט אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיג - מִיט דֶעם וֶועט אִיר זַיי וַויי טוּן.

**אַז** אִיר ווילְט הָאבְּן קִינְדֶער - זָאלְט אִיר אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַייעֶר גָלוּת, פוּן אַייעֶר עַצְבוּת; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן כב): "מַה יַּעֲשֶׂה אָדָם וְיִהְיֶה לוֹ בָּנִים, יְפַזֵּר מְעוֹתָיו לַעֲנִיִּים, וִישַׂמַּח אֶת אִשְׁתּוֹ", אַז מֶען גֶעבְּט צְדָקָה אוּן מֶען מַאכְט פְרֵיילִיךְ דִי וַוייבּ - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ קִינְדֶער; זֶעט מֶען אַז שִׂמְחָה בְּרֶענְגְט אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתלו

## זָאל אִיךְ הָאבְּן נָאךְ קִינְדֶער?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יִיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁעוּרִים אוּן חִזוּק וָואס גֶעבְּן מִיר אַזוֹיפִיל כּוֹחוֹת אִין לֶעבְּן.

אִיךְ בִּין אַ מַאמֶע פוּן דְרַיי קִינְדֶערְלֶעךְ, אוּן יֶעדֶעס מָאל נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ קִינְד בִּין אִיךְ אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ שְׁטַארְק דֶעפְּרֶעסְיֶע, אָבֶּער נָאכְן הָאבְּן דָאס דְרִיטֶע קִינְד אִיז מַיין מַצָּב גֶעוָוארְן זֵייעֶר שְׁוֶוער, אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט זַיין אִין שְׁפִּיטָאל פַאר אַ שְׁטִיק צַייט אוּן אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אוֹיף מֶעדִיצִין. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז צוּם סוֹף בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען צוּ זִיךְ,

און הַיינְט בִּין אִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ גֶעזוּנְטֶע מַאמֶע און אִיךְ דַארְף מֶער נִישְׁט נֶעמֶען קַיין שׁוּם מֶעדִיצִין.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז יֶעצְט ווי אַזוֹי צוּ גֵיין ווַייטֶער. מַיין יוּנְגְסְטֶע קִינְד אִיז שׁוֹין פִיר און אַ הַאלְבּ יָאר, און אִיךְ וויל זֵייעֶר שְׁטַארְק הָאבְּן נָאךְ קִינְדֶער, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאבּ אִיךְ אַ שְׁטַארְקֶע פַּחַד פוּן דֶעם, און נָאךְ מֶער אַז אִיךְ וויל נִישְׁט נָאכְאַמָאל מַאכְן צַער פַאר מַיין מַאן און קִינְדֶער.

אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר זָאגְן וָואס צוּ טוּן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ג' טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**זַייט** פְרֵיילִיךְ אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נִסִּים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט אַייךְ, אִיר הָאט אַ מַאן מִיט דְרֵיי לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער; וויפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער וַוארְטְן צוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן און הָאבְּן כָאטְשׁ אֵיין קִינְד, און אִיר הָאט קַיין עַיִן הָרָע דְרֵיי לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער - דַארְפְט אִיר טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה.

**שְׁטַארְקְט** אַייךְ מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד, וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ, וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם, כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע

מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ און זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כּחוֹת נִישְׁט צוּ זַיין טְרוֹיעֶרִיג און דֶעפְּרֶעסְט, וַוייל אַלֶע מַחֲלוֹת און אַלֶע קְרֶענְק קוּמֶען - וַוייל מֶען אִיז דֶעפְּרֶעסְט און נִישְׁט פְרֵיילִיךְ. און דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "גַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים אָמְרוּ, שֶׁכָּל הַמַּחֲלוֹת וְהַחֲלָאִים רָעִים בָּאִים רַק מֵחֲמַת חִסָּרוֹן הַשִּׂמְחָה", אֲפִלּוּ דִי דָאקְטוֹירִים זָאגְן אַז אַלֶע מַחֲלוֹת קוּמֶען פוּן דֶעפְּרֶעסְיֶע און וַוייל מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ.

**בִּיז דֶערְוַוייל זָאלְט אִיר אַכְטוּנְג גֶעבְן אוֹיף אַייעֶר גֶעזוּנְט.**

# תתלז

### ווִיפִיל דַארְף אַ אִינְגְל לֶערְנֶען?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ אִינְגְל פוּן עֶלְף יָאר אַלְט, און אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעוָואלְט קֹדֶם בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דִי בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר צוּרִיק גֶעעֶנְטְפֶערְט [א], עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען. אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ דֶעם מוֹצָאֵי שַׁבָּת זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מַאכְן אַ סִיּוּם אוֹיף גְּמָרָא מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אַפָּאר שְׁאֵלוֹת.

1. מִיר הָאבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ גְרוֹיסֶע מִשְׁפָּחָה מִיט בְּרִידֶער און שְׁוֶועסְטֶערְס, און אִיךְ שְׁטֶער זֵיי אַסַאךְ מָאל. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַפָּאר מָאל גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן אִיךְ זָאל זֵיי נִישְׁט שְׁטֶערְן, אָבֶער דֶער יֵצֶר הָרַע אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר אוֹיף מִיר; וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

א. דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו.

2. דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט בַּיי דִי דְרָשׁוֹת אַז עֶס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ לֵיינֶען קָאמִיקְס אוּן אוֹיךְ מַיין טַאטֶע זָאגְט אַזוֹי. אָבֶער דִי מֵיידְלֶעךְ בַּיי אוּנְז בְּרֶענְגֶען עֶס יָא אַרַיין אוּן אִיךְ הָאבּ עֶס זַייעֶר שְׁטַארְק לִיבּ צוּ לֵיינֶען, וָואס קֶען אִיךְ טוּן? מַיין מַאמֶע קוֹיפְט מִיר טַאקֶע בִּיכֶער פוּן סִפּוּרֵי צַדִּיקִים, אָבֶער אִיךְ עֶנְדִיג עֶס זַייעֶר שְׁנֶעל.

3. אִיךְ ווִיל לֶערְנֶען אַסַאךְ תּוֹרָה, אִיךְ וֵויים אָבֶער וָואס דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז אַ אִינְגְל דַארְף אוֹיךְ שְׁפִּילְן, נִישְׁט נָאר לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע צַייט. אִיךְ קוּם אַהֵיים פוּן חֵדֶר יֶעדְן טָאג אוּם הַאלְבּ זֶעקְס, אוּן אִיךְ ווִיל ווִיסְן אַ סֵדֶר ווִיפִיל אִיךְ זָאל לֶערְנֶען פַאר מִיר אַלֵיין אִין מַיין צַייט.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת וַיִּגַּשׁ, ג' טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד הַיֶּלֶד הַנֶּחְמָד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** פְרֵיי זִיךְ זַייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְסַיֵּם זַיין מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת; דוּ בִּיסְט אַ יוּנְג קִינְד פוּן עֶלְף יָאר אוּן דוּ הָאסְט שֵׂכֶל ווִי אַן עֶרְוַואקְסֶענֶער מֶענְטְשׁ, אַרַיין צוּ כַאפְּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוֹיפְן דֶּרֶךְ הַלִּימוּד וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַז אֲפִלּוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער זָאל מֶען זָאגְן דִי אוֹתִיּוֹת הַתּוֹרָה (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו).

**אוֹיף** דַיין עֶרְשְׁטֶע פְרַאגֶע אַז דוּ ווִילְסְט אוֹיסְאַרְבֶּעטְן דַיינֶע מִדּוֹת; אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען אַסַאךְ שְׁרֵייעֶן צוּם

אײבֶּערְשְׁטְן, עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אַ קוּרְצֶע צַייט. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ טַייטְשְׁט וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא כ:) "כְּבָר צָוַח הַכֹּהֵן אָנָּא הַשֵּׁם, וְנִשְׁמַע קוֹלוֹ בִּירִיחוֹ", זָאגְט עֶר (נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ, תְּחִלַּת פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח): "שֶׁזְּמַן אָרוֹךְ צָרִיךְ הָאָדָם לִצְעֹק 'אָנָּא הַשֵּׁם, עָזְרֵנִי שֶׁאֶזְכֶּה לְעָבְדְךָ בֶּאֱמֶת', וְאָז וְנִשְׁמַע קוֹלוֹ, אֲבָל לֹא בְּיָמִים מוּעָטִים", מֶען דַארְף שְׁרֵייעֶן אַ לַאנְגֶע צַייט צוּם אײבֶּערְשְׁטְן בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ וֶוערְן אַ צַדִּיק.

**בְּנוֹגֵעַ** לֵיינֶען קָאמִיקְס וְכוּ'; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ לֵיינֶען סִפּוּרֵי צַדִּיקִים, מַעֲשִׂיּוֹת וִוי אַזוֹי צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעלֶעבְּט, דוּרְכְדֶעם וֶועט אַרַיינְגֵיין אִין דִיר אַ שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק אוּן בֶּענְקֶענִישׁ אוֹיךְ צוּ זַיין אַ צַדִּיק. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רמח): "דַּע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ לֵיינֶען אוּן הֶערְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, "כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים, נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד", וַוייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִּיק וֶוערְט דָאס הַארְץ אוֹיפְגֶעפְלַאמְט צוּם אײבֶּערְשְׁטְן, מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וֶוען מֶען זֶעט צוּ וָואס דֶער צַדִּיק הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען וֶוען עֶר אִיז בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען אַלֶע זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן מֶען ווִיל אוֹיךְ וֶוערְן אַ צַדִּיק.

**אוֹיף** דַיין פְרַאגֶע ווִיפִיל צוּ לֶערְנֶען וְכוּ'; וֶוען דוּ קוּמְסְט אַהֵיים פוּן חֵדֶר זָאלְסְטוּ גֵיין אַבִּיסְל שְׁפִּילְן, עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעזוּנְט פַאר קִינְדֶער זִיךְ אוֹיסְצוּגֶעבְּן; זָאלְסְטוּ קֹדֶם גֵיין

אַבִּיסְל שְׁפִּילְן, טַאנְצְן אוּן אַרוּם שְׁפְּרִינְגֶען מִיט דַיינֶע חֲבֵרִים, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁעוּר וַוייטֶער אִין שַׁ"ס כְּסִדְרָן. זוּךְ דִיר אוֹיף אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ, אָדֶער אִין שְׁטוּבּ אָדֶער אִין אַ שׁוּל וואוּ עֶס אִיז רוּאִיג אוּן לֶערְן אַ בְּלַאט נָאךְ אַ בְּלַאט, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן שַׁ"ס נָאךְ פַאר דַיין בַּר מִצְוָה, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ מַמְשִׁיךְ זַיין אוֹיף דִיר אַ צֶלֶם אֱלֹקִים.

**דֶער** עִקָּר זָאלְסְטוּ זִיךְ פִירְן מִיט דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט; גֵיי אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ וִויל זַיין אַ צַדִּיק, אִיךְ וִויל לֶעבְן מִיט דִיר, אִיךְ וִויל נָאר טְרַאכְטְן פוּן דִיר, נִישְׁט מַסִּיחַ דַעַת זַיין פוּן דִיר", וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

**חֲזַק וֶאֱמָץ מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת.**

### הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן[ב]

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ח' חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד הַיֶּלֶד הַנֶּחְמָד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן דִי הֶערְלִיכֶע נֵייעֶס אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן צְוֵויי

ב. קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ה'תש"פ

מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה; דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָאַרְשְׁטֶעלְן וָואס דָאס מֵיינְט, אַ קִינְד פוּן עֶלְף יָאר אַלְט זָאל שׁוֹין הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט צְוֵויי מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

**מוֹהֲרָא"ש** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט זָאגְן פַאר דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה, וֶוען מֶען הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אַ סִיּוּם מִשְׁנָיוֹת פְלֶעגְט עֶר זָאגְן: "גֵייט אַרוֹיס אִין גַאס, שְׁטֶעלְט אָפּ אַ מֶענְטְשׁ אוּן פְרֶעגְט אִים צִי עֶר הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט מִשְׁנָיוֹת, וֶועט עֶר קוּקְן אוֹיף דִיר וִוי דוּ בִּיסְט גֶעפַאלְן פוּן דִי לְבָנָה", אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם דוּ נוּצְט אוֹיס דִי צַייט מִיט גוּטְע זַאכְן.

**אוֹיף** דַיין פְרַאגֶע וֶועגְן שְׁמִירַת עֵינַיִם וְכוּ'; יֶעדְעס מָאל פַאר דוּ גֵייסְט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטֶעלְן בַּיי דִי מְזוּזָה, לֵייג דַיין הֶענְט אוֹיף דִי מְזוּזָה אוּן בֶּעט דִי וֶוערְטֶער: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ זָאל נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן אִין קוּקְן ווּאוּ מֶען טָאר נִישְׁט, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אִיךְ זָאל צוּרִיק קוּמֶען בְּשָׁלוֹם", אוּן זָאג דֶעם פָּסוּק (יְשַׁעְיָה לג, ז): "הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חֻצָה מַלְאֲכֵי שָׁלוֹם מַר יִבְכָּיוּן", וָואס דָאס אִיז מְסֻגָּל צוּ הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת רְאִיָּה חֵלֶק ב', סִימָן ט): "כְּשֶׁאָדָם יוֹצֵא לַשּׁוּק וּמִתְיָרֵא שֶׁלֹּא יָבוֹא לִידֵי הִרְהוּר עַל יְדֵי הָרְאִיָּה שֶׁיִּרְאֶה נָשִׁים יָפוֹת, יֹאמַר הַפָּסוּק 'הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חוּצָה' וְכוּ', וְעַל יְדֵי זֶה יִנָּצֵל מֵרְאוֹת", אוֹיבּ מֶען הָאט מוֹרָא אַז מֶען וֶועט נִכְשָׁל וֶוערְן - וֶוען מֶען גֵייט אִין גַאס - מִיט רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת - זָאל מֶען זָאגְן פַאר מֶען

גֵייט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּב דֶעם אוֹיבְּנֶדֶערְמַאנְטְן פָּסוּק, דוּרְכְדֶעם וֶועט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן.

וֶוען דוּ גֵייסְט נָאכְאַמָאל צוּם צִיוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט מִיךְ מַזְכִּיר זַיין בַּיים צִיוּן אוּן בֶּעטְן פַאר מִיר, מַיין נָאמֶען אִיז יוֹאֵל בֶּן רַייצָא רֶעבְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# תתלה

### וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אָפְּגֶעוואוֹינֶען פוּן גֵיין שְׁלָאפְן שְׁפֶּעט?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ לֶערֶערִין פַאר קְלֶענֶערֶע מֵיידְלֶעךְ אוּן בִּזְכוּת אַייעֶרֶע שִׁעוּרִים, וּבִפְרַט דִי גֶעוואַלְדִיגֶע חִנּוּךְ שִׁעוּרִים - הָאבּ אִיךְ אַ גֶעוואַלְדִיגֶע הַצְלָחָה אִין מַיין עֲבוֹדַת הַקֹּדֶשׁ, אוּן אִיךְ פְּרוּבִּיר אַריינְצוּלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לִיבְּשַׁאפְט צוּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער, יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן בְּעִקָּר תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת. אִיךְ שֶׁעפּ נַחַת צוּ זֶען וֶוען אִיךְ מַאךְ אַ גוֹרָל, וִוי אַלֶע קִינְדֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זֵיי זָאלְן גֶעוִוינֶען; דִי קִינְדֶער לֶעבְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ.

אִיךְ הָאבּ אֵיין פְּרָאבְּלֶעם אַז בַּיינַאכְט גֵיי אִיךְ שְׁלָאפְן זֵייעֶר שְׁפֶּעט, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ זַאכְן צוּצוּגְרֵייטְן פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע טָאג אִין שׁוּלֶע, אוּן אוֹיךְ מַאךְ אִיךְ הִתְבּוֹדְדוּת אַ שָׁעָה צַייט יֶעדֶע נַאכְט אוּן עֶס קוּמְט אוֹיס אַז אִיךְ גֵיי שְׁלָאפְן זֵייעֶר שְׁפֶּעט, אִיךְ שְׁלָאף דָאס מֶערְסְטֶע פִינְף בִּיז זֶעקְס

שָׁעָה אַ נַאכְט, וָואס אוֹיטָאמַאטִישׁ אִיז כִּמְעַט נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ הָאבְּן דֶעם פוּלְסְטְן הַרְחָבַת הַדַּעַת דֶעם קוּמֶענְדִיגְן טָאג.

וִויפִּיל אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי, אִיז מִיר עֶס נָאכְנִישְׁט גֶעלוּנְגֶען. אוּן נָאכְן הֶערְן אוֹיף דִי וַוארֶעמֶע חִנּוּךְ שְׁמוּעֶסְן אַז מְלַמְּדִים דַארְפְן גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי, מַאךְ אִיךְ שְׁטֶענְדִיג אָפּ בַּיי מִיר דָאס צוּ טוּן, אָבֶּער אָן עֶרְפָאלְג. אִיךְ בֶּעט כְּסֵדֶר פַארְן שְׁלָאפְן גֵיין אַז דֶער נוֹתֵן לַיָּעֵף כֹּחַ זָאל מִיר גֶעבְּן כּוֹחוֹת לְמַעְלָה מִדֶּרֶךְ הַטֶּבַע אוּן אִיךְ זֶע וִוי דָאס הֶעלְפְט מִיר דוּרְכְשְׁטוּפְן דֶעם טָאג בְּחַסְדֵי הַשֵּׁם, אָבֶער בַּיי מִיר וֵוייס אִיךְ דָאךְ קְלָאר אַז אִיךְ טוּ נִישְׁט רִיכְטִיג; דֶערְפַאר וִויל אִיךְ בֶּעטְן אוֹיבּ עֶס אִיז נָאךְ דָא אַ וֶועג אִיךְ זָאל מִיךְ אָפְּגֶעוואוֹינֶען פוּן דֶעם שְׁלֶעכְטְן גֶעוואוֹינְהֵייט.

אַגַּב, זַייט אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען צְוִוישְׁן דִי בְּרִיוו וִוי אִיר בְּרֶענְגְט אַרָאפּ פַאר אַ בָּחוּר אַ הַארְצִיגֶע תְּפִלָּה פוּן מוֹהֲרָא"שׁ לִמְצִיאוּת הַזִּווּג, הָאבּ אִיךְ דָאס אַרוֹיסְגֶעדְרוּקְט, אוּן אִיךְ זָאג עֶס אוֹיךְ; מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ עֶס אִיז דָא אַ בַּאזוּנְדֶערֶע תְּפִלָּה פַאר מֵיידְלֶעךְ?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ג' טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין אַ לֶערֶערִין פַאר מֵיידְלֶעךְ, זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין אַז זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע מַאמֶעס; בִּפְרַט קְלֵיינֶע קִינְדֶער**

וָואס דֶעמָאלְט זֶענֶען זֵיי נָאךְ זֵייעֶר תְּמִימוּת'דִיג, זֵיי נֶעמֶען אָן און שְׁלִינְגֶען יֶעדֶעס וָוארְט וָואס זֵיי הֶערְן.

**אִיר** דַארְפְט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז אִיר הָאט אַזַא הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:) אוֹיפְן פָּסוּק (דָנִיֵּאל יב, ג): "'וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד', אֵלּוּ מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת", אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער - אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ דִי שְׁטֶערְנְס פוּן הִימְל; עֶר הָאט אָן אַ שִׁעוּר זְכוּתִים, אַזוֹי סַאךְ וִויפִיל שְׁטֶערְנְס עֶס אִיז דָא אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

**אַ** לֶערֶערִין דַארְף גוּט עֶסְן און גוּט שְׁלָאפְן, אַזוֹי וִוי דִי הֲלָכָה אִיז (יוֹרֶה דֵּעָה סִימָן רמה, סְעִיף טז): "וְאֵין לַמְלַמֵּד לִנְעוֹר בַּלַּיְלָה יוֹתֵר מִדַּאי שֶׁלֹּא יִהְיֶה עָצֵל בַּיּוֹם לִלְמֹד, וְכֵן לֹא יִתְעַנֶּה", אַ מְלַמֵּד טָאר נִישְׁט אוֹיף זַיין שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט זַיין מִיד, און דָאס זֶעלְבֶּע אִיז מִיט אַ לֶערֶערִין; אוֹיב מֶען אִיז מִיד, מֶען אִיז נִישְׁט גֶעשְׁלָאפְן גֶעהֶערִיג, וֶוערְט מֶען שְׁנֶעלֶער אוֹיפְגֶערֶעגְט חַס וְשָׁלוֹם און מֶען קֶען צוּקוּמֶען צוּ וֵויי טוּן דִי קִינְדֶער וְכוּ'; דָאס זֶעלְבֶּע אִיז מִיט עֶסְן, אוֹיב מֶען עֶסְט נִישְׁט גֶעהֶערִיג, מֶען אִיז הוּנְגֶערִיג - קֶען מֶען חַס וְשָׁלוֹם וֶוערְן אָנְגֶעצוֹיגְן אוֹיף דִי קִינְדֶער. דַארְפְט אִיר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ גֵיין שְׁלָאפְן פְרִי כְּדֵי אִיר זָאלְט זַיין גוּט אוֹיסְגֶערוּט, אַזוֹי וֶועט דֶער גַאנְצֶער טָאג אַייךְ גֵיין גְרִינְגֶער.

**בֶּעטְס** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל טְרֶעפְן מַיין זִוּוּג שְׁנֶעל און

גְרִינְג, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל בַּאקוּמֶען א מַאן אַ צַדִיק, אַ מַאן וָואס וֶועט לֶעבְּן מִיט דִיר אוּן מִיט דִי תּוֹרָה. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל חַתְנָה הָאבְּן מִיט אַן עֶרְלִיכֶער בָּחוּר וָואס לֶעבְּט מִיט אַ צַדִיק אוּן גֵייט אִין דִי וֶועגְן פוּן אַ צַדִיק, אוּן אוֹיבּ עֶס אִיז מִיר אָנְגֶעשְׁרִיבְּן חַס וְשָׁלוֹם אַ מַאן אַן עֵשָׂיו בֶּעט אִיךְ דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאלְסְט מִיר טוּישְׁן מַיין שִׁדוּךְ אוּן מִיר גֶעבְּן אַ יַעֲקֹב אָבִינוּ.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וֵויים אוּן אִיךְ גְלֵייבּ אַז תְּפִלָּה קֶען טוּישְׁן אַ שִׁדוּךְ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת חִתּוּן, סִימָן ט): "עַל יְדֵי תְּפִלָּה יָכוֹל לְשַׁנּוֹת זִוּוּגוֹ הַנִּבְרָז בַּשָּׁמַיִם", מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אַ שִׁדוּךְ; בֶּעט אִיךְ דִיר טַאטֶע זִיסֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל בַּאקוּמֶען אַ זוֹאוּלֶער מַאן וָואס וֶועט מִיךְ מְחַזֵק זַיין, מִיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן אוּן מִיר וֶועלְן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אִינְאֵיינֶעם אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ".

**אִינֶעם** זְכוּת וָואס אִיר וֶועט לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער, אִיר וֶועט נִישְׁט מַאכְן קַיין חִילוּק צְוִוישְׁן דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען אָרֶעם אָדֶער רֵייךְ, אִיר וֶועט נִישְׁט מַאכְן קַיין צְוִוישְׁנְשֵׁייד צְוִוישְׁן דִי קִינְדֶער וָואס גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן טֵייעֶר אָדֶער בִּילִיג, בִּזְכוּת וָואס אִיר וֶועט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי גֶעפִילְן פוּן דִי קִינְדֶער - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָנְנֶעמֶען אַייעֶרֶע תְּפִלּוֹת. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כד.) עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ טְרוּקֶענִישׁ - עֶס הָאט נִישְׁט גֶערֶעגְנְט פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, הָאט מֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶענוּמֶען אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ צוּ

מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר רֶעגְן, אַ פָּשׁוּטֶ'ער אִיד אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד אוּן גְלַייך וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "מַשִּׁיב הָרוּחַ, וּמוֹרִיד הַגֶּשֶׁם" - הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען רֶעגֶענֶען, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס זֶענֶען דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ טוּסְט?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד דַּרְדְּקֵי - אִיךְ לֶערְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן אִיךְ מַאךְ נִישְׁט קַיין אוּנְטֶערְשֵׁייד פוּן אַ קִינְד וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר גֶעלְט אַז אִיךְ זָאל לֶערְנֶען מִיט אִים, אָדֶער אַ קִינְד וָואס דֶער טַאטֶע צָאלְט מִיר נִישְׁט; נָאךְ אַ מִנְהָג הָאבּ אִיךְ, אַז וֶוען אִיךְ זֶע אַ קִינְד וָואס ווִיל נִישְׁט לֶערְנֶען, בִּין אִיךְ אִים מְשַׁחֵד; אִיךְ קוֹיף אִים אוּנְטֶער, אִיךְ הָאבּ אִין שְׁטוּבּ אַ פִישׁ טַאנְק אוּן אִיךְ בִּין אִים מְשַׁכְנֵעַ אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט לֶערְנֶען וֶועל אִיךְ אִים וַוייזְן דִי פִישֶׁעלֶעךְ אוּן דוּרְכְדֶעם הוֹיבְּט עֶר אָן לֶערְנֶען"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אוֹיבּ אַ מְלַמֵּד, אַ טִיטְשֶׁער, גֶעבְּן אַכְטוּנְג אוֹיף דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס קִינְדֶער - הָאט מֶען אַ כֹּחַ אִין הִימְל אוּן מֶען נֶעמְט אָן אַלֶע תְּפִלּוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתלט

## פַארְוָואס הָאט מוֹהֲרָא"ש נִישְׁט גֶעשְׁרִיבְּן וַוייטֶער דֶעם סֵפֶר "לַהֲבוֹת אֵשׁ"?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער שׁוֹין אוֹיס דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר אִיבֶּער צְווַיי יָאר, דָאס הָאט מִיר גֶעמַאכְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אִיךְ הָאבּ שִׁיעוּרִים קְבוּעִים אִין מִשְׁנָיוֹת אוּן אִין גְּמָרָא אוּן נָאךְ אַסַאךְ; אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דֶעם סֵפֶר "לַהֲבוֹת אֵשׁ" פוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוֹיפְן "תִּקּוּנֵי זֹהַר", אוּן אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ פַארְוָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט נִישְׁט גֶעשְׁרִיבְּן וַוייטֶער דֶעם סֵפֶר. דָאס הָאט שׁוֹין מוֹהֲרָא"ש אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן אִין יָאר תשמ"ט, אוּן זַייט דֶעמָאלְט הָאט עֶר גֶעשְׁרִיבְּן נָאךְ פִילֶע אַנְדֶערֶע סְפָרִים, פַארְוָואס הָאט עֶר נִישְׁט צוּגֶעעֶנְדִיגְט דֶעם סֵפֶר?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ג' טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אַז** דוּ הָאסְט דֶעם סֵפֶר "לַהֲבוֹת אֵשׁ", דֶעם פֵּירוּשׁ וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף תִּקּוּנֵי זֹהַר - אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען דִי הַקְדָּמָה פוּנֶעם סֵפֶר. מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט

אַז עֶר הָאט אַלֶע זַיינֶע יָארְן, וֶוען עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט תִּקוּנִים - נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרָאפְּשְׁרַייבְּן דִי פֵּרוּשִׁים אוֹיף דִי תִּקוּנִים אַלְס צְוֵויי טַעֲמִים, אֵיינְס וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רפה): "וְעַל סֵפֶר הַתִּקּוּנִים לְבַד, לֹא יַסְפִּיקוּ אֲלָפִים סְפָרִים לְבָאֵר עֶצֶם רִבּוּי הַסּוֹדוֹת שֶׁיֵּשׁ שָׁם, אֲשֶׁר לֹא יְכִילֵם הָעִיּוּן", אֲפִלּוּ מֶען זָאל אָפְּשְׁרַייבְּן טוֹיזְנְטֶער סְפָרִים וֶועט מֶען נִישְׁט קֶענֶען גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי סוֹדוֹת וָואס לִיגְט אִינֶעם סֵפֶר הַתִּקּוּנִים, "כַּיָּדוּעַ לַכֹּל גְּדוֹלַת קְדוּשַׁת הַתִּקּוּנִים הַקָּדוֹשׁ", אַזוֹי ווִי עֶס אִיז פַּאר יֶעדְן בַּאקַאנְט דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּן תִּקוּנֵי זֹהַר, "אֲשֶׁר כָּל עוֹרוֹת אֵילֵי נְבָיוֹת לֹא יַסְפִּיקוּ לְבָאֵר סוֹדוֹתָיו וּרְמִיזוֹתָיו וְכוּ'", וֶוען מֶען זָאל נֶעמֶען דִי הוֹיט פוּן אַלֶע הֶערְשְׁן אוּן מַאכְן פוּן דֶעם פַּארְמֶעט - וֶועט מֶען נִישְׁט קֶענֶען אַרָאפְּשְׁרַייבְּן דִי סוֹדוֹת וָואס לִיגְט אִין דֶעם סֵפֶר; דֶעריִבֶּער - שְׁרַייבְּט מוֹהֲרָא"שׁ - הָאט עֶר אַלֶע זַיינֶע יָארְן נִישְׁט גֶעשְׁרִיבְּן זַיינֶע פְּשָׁטִים, רְמָזִים אוּן סוֹדוֹת וָואס עֶר הָאט מְחַדֵּשׁ גֶעוֶוען.

**נָאךְ** אַ טַעַם זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ, אַז וֶוער עֶס וֵוייסְט אוּן אִיז בַּאקַאנְט אִין תִּקוּנֵי זֹהַר וֵוייסְט אַז כִּמְעַט יֶעדֶע שׁוּרָה, יֶעדֶע צְוֵויי שׁוּרוֹת - רֶעדְט זִיךְ פוּן אַנְדֶערֶע זַאכְן, אִין אֵיין בְּלַאט רֶעדְט מֶען פוּן זֵייעֶר אַסַאךְ זַאכְן, פוּן אַנְדֶערֶע וֶועלְטְן אוּן אַנְדֶערֶע סוֹדוֹת, כַּיָּדוּעַ לַיּוֹדְעִים, מִמֵּילָא אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ אַרָאפְּצוּשְׁרַייבְּן וַוייל עֶס וֶועט אוֹיסְזֶען אִינְטֶערֶעסַאנְט וְכוּ'.

**דָאס** וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט יָא אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן אִיז גֶעוֶוען וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעוֶוען אִין שְׁפִּיטָאל בִּשְׁנַת תשמ"ט

נָאכְדֶעם וָואס עֶר אִיז אַרִיבֶּער אַן עֶקְסִידֶענְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל ג' פַּרְשַׁת בְּהַר י"א אִיָּר תשמ"ט אוּן עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אַרִיבֶּערְגֵיין אַן אַפֶּעַראצִיֶע, עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען קַיין אַמֶערִיקֶע ג' בְּחֻקֹּתַי וֶוען עֶר אִיז אַרַיין אִין שְׁפִּיטָאל, דֶעמָאלְט הָאט עֶר נָאכְאַמָאל אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען תִּקּוּנֵי זֹהַר, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן מִיר זָאלְן לֶערְנֶען תִּקּוּנֵי זֹהַר אַ גַאנְץ יָאר נִישְׁט נָאר חֹדֶשׁ אֱלוּל (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קכח), אוּן מוֹהֲרָא"ש הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען אוֹיף זִיךְ אַז אוֹיב דִי אַפֶּעַראצִיֶע וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין בְּשָׁלוֹם - וֶועט עֶר אַרָאפְּשְׁרַייבְּן אַלֶע חִידוּשִׁים וָואס וֶועט אִים נִתְחַדֵּשׁ וֶוערְן וְכוּ'.

**דָאס** וֵוייסְטוּ אַז מוֹהֲרָא"ש הָאט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אַ פֵּירוּשׁ אוֹיפְן גַאנְצְן סֵפֶר הַזֹּהַר "מַרְאֶה אֵשׁ", אָבֶּער מוֹהֲרָא"ש הָאט דָאס נִישְׁט גֶעדְרוּקְט; מוֹהֲרָא"ש הָאט עֶנְדֶערְשׁ גֶעדְרוּקְט נָאךְ אַ קוּנְטְרֵס וָואס קֶען רַאטֶעוֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער, נָאךְ אַ קוּנְטְרֵס צוּ מְחַזֵּק זַיין בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ וָואס זֶענֶען פַארְלוֹירְן; דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער עִקָּר פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, מְחַזֵּק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי גֶעבְּן דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**דָאס** דַארְפְן מִיר נָאכְטוּן; מִיר דַארְפְן גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, מְזַכֶּה זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, מִיט דֶעם וֶועלְן מִיר מְקָרֵב זַיין דִי גְּאֻלָּה שְׁלֵמָה, מִיר וֶועלְן בְּרֶענְגֶען מָשִׁיחַ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ, אָמֵן.

# תתמ

**קֶענְט אִיר מִיר גֶעבְּן הַדְרָכָה צוּ מַיין חֲתֻנָּה?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דָא שְׁרַייבְּט אַ בָּחוּר פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס הֶערְט אוּיס אַלֶע שִׁעוּרִים, דָאס גֶעבְּט מִיר חִזּוּק אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן אוּן אַזוֹי אוּיךְ הָאבּ אִיךְ שׁוֹין עֶטְלִיכֶע מָאל גֶעעֶנְדִיגְט שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ חָתָן גֶעוָוארְן, מַיין חֲתֻנָּה אִיז אִין צְוֵויי חֳדָשִׁים אַרוּם אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט בַּאקוּמֶען הַדְרָכָה וִוי אַזוֹי צוּצוּגֵיין צוּ דִי חֲתֻנָּה.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ג' טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דֶער** יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת פוּן שָׁלוֹם בַּיִת אִיז צוּ זַיין אָפְן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן; אוּיבּ עֶפֶּעס טוּט וֵויי - דַארְף מֶען זִיךְ דוּרְכְרֶעדְן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן. אוּיבּ מֶען רֶעדְט נִישְׁט, אָדֶער אֵיינֶער הָאט מוֹרָא פוּנֶעם צְוֵוייטְן צוּ רֶעדְן - אִיז דָאס אַ חִסָּרוֹן אִין שָׁלוֹם בַּיִת.

**בַּיים** רֶבִּי'ן אִיז שָׁלוֹם בַּיִת גֶעוֶוען אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת; דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט קוּמֶען צוּ אִים אָן אַ וַוייבּ

און דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל הַאלְטְן חָשׁוּב דִי וַוייבּ. אַזוֹי ווִי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן רסד) אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעבֶּעטְן מִיר זָאלְן הַאלְטְן חָשׁוּב און רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי וַוייבּ; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "הֲלֹא הַנָּשִׁים הֵם סוֹבְלִים צַעַר וְיִסּוּרִים גְּדוֹלִים מְאֹד מְאֹד מִיַּלְדֵיהֶם, צַעַר הָעִבּוּר וְהַלֵּידָה וְהַגִּידוּל, כַּאֲשֶׁר יָדוּעַ לַכֹּל עֹצֶם מַכְאוֹבָם וְצַעֲרָם וְיִסּוּרֵיהֶם, בְּכַמָּה אוֹפַנִּים הַקָּשִׁים וּכְבֵדִים מְאֹד מְאֹד וְכוּ' וְכוּ'", דִי פְרוֹיעֶן גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַסַאךְ יִסּוּרִים און אַסַאךְ צַעַר; צַעַר הָעִבּוּר, צַעַר הַלֵּדָה און צַעַר פוּן מְגַדֵּל זַיין דִי קִינְדֶער וְכוּ'.

**דֶערִיבֶּער** אַז דוּ גֵייסְט יֶעצְט צוּ דִי חֲתֻנָּה, זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיין וַוייבּ; זָאלְסְט רֶעדְן צוּ אִיר שֵׁיין און אִיר גֶעבְּן אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער, קֵיינְמָאל נִישְׁט טַעֲנָה'ן מִיט אִיר; מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אוּנְז זֵייעֶר אַסַאךְ זָאגְן: "מִיט אַ וַוייבּ טַעֲנָה'ט מֶען נִישְׁט, אַ וַוייבּ אִיז אַלְץ גֶערֶעכְט".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט גֵיין צוּ דַיין חֲתֻנָּה בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמוּצְלַחַת, זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג זוּכְן ווִי דוּ קֶענְסְט אוֹיפְבּוֹיעֶן דַיין וַוייבּ, אִיר גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, אַזוֹי וֶועט זִי טוּן שְׁטֶענְדִיג דַיין ווִילְן, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין כב:): "אֵין הָאִשָּׁה כּוֹרֶתֶת בְּרִית אֶלָּא לְמִי שֶׁעֲשָׂאָהּ כֵּלִי", אַ פְרוֹי וֶוערְט אֵיינְס מִיטְן מַאן נָאר אוֹיבּ עֶר מַאכְט אִיר פַאר אַ כֵּלִי; ווִי מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר, אַז אוֹיבּ מֶען בּוֹיט אוֹיף דִי וַוייבּ, מֶען מַאכְט אִיר פַאר אַ גַאנְצֶע כֵּלִי, מֶען הֵייבְּט אִיר אוֹיף מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער: "דוּ קֶענְסְט יָא", "דוּ בִּיסְט יָא", "דוּ בִּיסְט מַיין לֶעבְּן" וְכוּ' וְכוּ' - וֶוערְט

זִי אַ גֶעבּוֹיטֶע כֵּלִי אוּן זִי וֶועט וֶוערְן אֵיינְס מִיט דִיר, עֶנְקֶער שְׁטוּבּ וֶועט זַיין אַ מִשְׁכָּן, אַ פְּלַאץ פַאר הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה.

## תתמא

**וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ בַּארוּאִיגְן נָאךְ דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע טְרַאגֶעדְיֶע?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

זַייט עֶס אִיז גֶעשֶׁען דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע טְרַאגֶעדְיֶע לֹא עָלֵינוּ אִין דְזְשֶׁערְסִי סִיטִי[ג], הָאבּ אִיךְ מִיט מַיין וַוייבּ נִישְׁט קַיין מְנוּחָה פוּן דֶעם. מִיר וואוֹינֶען נֶעבְּן בָּארָא פַּארְק אוּן מִיר טְרַאכְטְן עֶרְנְסְט זִיךְ אַוֶועק צוּ צִיעֶן קַיין אָפְּסְטֶעיט וואוּ עֶס אִיז דָא וֶוייניגֶער אוֹיסְזִיכְטְן פַאר אַזַא זַאךְ זִיךְ צוּ אִיבֶּערְ'חַזֶר'ן חַס וְשָׁלוֹם; מִיר ווִילְן הֶערְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הַאלְט וֶועגְן דֶעם.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ד' טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**עֶס אִיז נִישְׁטָא וואוּ צוּ לוֹיפְן אוּן וואוּ זִיךְ צוּ בַּאהַאלְטְן, מֵיין נִישְׁט אַז אִין אָפְּסְטֶעיט אִיז בֶּעסֶער; דִי גוֹיִם אִין**

---

ג. דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח י"ב כִּסְלֵו, הָאט פַּאסִירְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע שִׁיסֶעַריי טֶערָאר-אַטַאקֶע אִין דְזְשֶׁערְסִי סִיטִי, ווִי עֶס זֶענֶען לֵיידֶער אוּמְגֶעקוּמֶען הַבָּחוּר מֹשֶׁה צְבִי עָלָיו הַשָּׁלוֹם בֶּן להבחל"ח ר' אַבְרָהָם שָׁלוֹם אַהֲרֹן דַייטְשׁ הי"ו, אוּן מָרַת לֵאָה מִינְדֶל עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם בַּת להבחל"ח ר' בִּנְיָמִין צְבִי הי"ו, ה' יִנְקֹם דָּמָם.

מֶער אִיבֶּער דֶעם, אִין סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק ח, מִכְתָּב תתכא.

אָפְּסְטֶעיט הָאבְּן אוּנְז פִּינְקְט אַזוֹי פַּיינְט וְוִי דִי גוֹיִם פוּן שְׁטָאט. דִי וָואך הָאט פַּאסִירְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע רְצִיחָה אִין אָפְּסְטֶעיט, אִין מָאנְסִי, אַ רוֹצֵחַ אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ אַ רָב אִין שְׁטוּב בִּשְׁעַת הַדְלָקַת הַנֵּרוֹת און גֶעשְׁטָאכְן פִינְף אִידְן [ד], זֶעט מֶען דָאךְ קְלָאר אַז עֶס הָאט נִישְׁט מִיט דְזְשֶׁערְסִי סִיטִי, מָאנְסִי; נָאר אִיבֶּערָאל הָאט מֶען אוּנְז פַּיינְט, עֶס אִיז נִישְׁטָא וואוּ צוּ לוֹיפְן.

**אַז** דוּ זוּכְסְט וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן, וואוּ זִיךְ בַּאהַאלְטְן - אַנְטְלוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (שְׁמוֹת רַבָּה כז, ג) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פֵייגְל וָואס מֶען הָאט אִיר גֶעזוּכְט צוּ כַאפְּן, דִי פֵייגְל אִיז גֶעפְלוֹיגְן פוּן אֵיין בּוֹים צוּם צְוֵוייטְן בּוֹים, אַלְץ זֶענֶען גֶעקוּמֶען בֶּעסֶערֶע פַאנְגֶערְס, בִּיז דִי פֵייגְל הָאט זִיךְ בַּארֶעכְנְט: 'עֶס אִיז נִישְׁט קַיין עֵסֶק צוּ לוֹיפְן אַהֶער און אַהִין, אִיךְ דַארְף טְרֶעפְן אַ פְּלַאץ וואוּ אִיךְ וֶועל זִיךְ קֶענֶען בַּאשִׁיצְן פוּן דִי פַאנְגֶערְס', הָאט זִי זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִינֶעם פַּאלַאץ פוּנֶעם קֶענִיג, ווַייל דָארְט בַּיים הֵיכַל הַמֶּלֶךְ וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט קוּמֶען שִׁיסְן אוֹיף אִיר; דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט צָרוֹת, עֶס אִיז נִישְׁטָא וואוּ צוּ לוֹיפְן, נָאר אִין אֵיין פְּלַאץ קֶען מֶען זִיךְ בַּאשִׁיצְן, אַז מֶען בַּאהַאלְט זִיךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען נֶעמְט אַרַיין אֱמוּנָה אִין זִיךְ, מֶען

---

ד. מוֹצָאֵי שַׁבַּת חֲנוּכָּה אִיז פָארְגֶעקוּמֶען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע שְׁטֶעכֶערֵיי אִין שְׁטוּב פוּן הָאַדְמוּ"ר מִקָאסָאן פָארְשֶׁעי שְׁלִיטָ"א, אִין מָאנְסִי. אֵיינֶער פוּן דִי גֶעשְׁטָאכֶענֶע אִידְן אִיז לֵיידֶער נִפְטָר גֶעוָוארְן מִיט עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים שְׁפֶּעטֶער.

ר' יְהוֹסֵף בֶּן ר' יְחִיאֵל מִיכְל נֵיימַאנְן ה' יִנְקֹם דָמוֹ, וֶועלְכֶער אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אוּם ה' נִיסָן ה'תש"פ.

גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ פִינְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן.

**אַז** דוּ הָאסְט פְּחָדִים פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע רְצִיחוֹת, זָאלְסְטוּ זִיךְ חַזֶר'ן אֱמוּנָה: אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַזוֹי וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן קַיין פַּחַד, וַוייל "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ בִּטָּחוֹן, אֵין לוֹ שׁוּם פַּחַד" (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בִּטָּחוֹן, סִימָן א), וֶוער עֶס פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם פַּחַד.

**נָאךְ** אַ פְּלַאץ אִיז דָא וואוּ מֶען קֶען אַנְטְלוֹיפְן, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק ו): "אִם רָאִיתָ שֶׁהַיִּסּוּרִין מְמַשְׁמְשִׁין וּבָאוֹת עָלֶיךָ", אוֹיבּ דוּ זֶעסְט אַז עֶס קוּמֶען אוֹיף דִיר צָרוֹת אוּן יִסּוּרִים, "רוּץ לְחַדְרֵי דִּבְרֵי תוֹרָה", אַנְטְלוֹיף צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "וּמִיָּד הַיִּסּוּרִין בּוֹרְחִין מִמְּךָ", וֶועסְטוּ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט; מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

(**יֶעצְט** אִיז אַ גוּטֶע צַייט אָנְצוּהֵייבְּן אַ שִׁיעוּר אִין שַׁ"ס; יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא כְּסִדְרָן אוּן אֲפִלּוּ דוּ הָאסְט אַ שְׁוַואכֶע פַארְשְׁטַאנְד קֶענְסְטוּ אוֹיךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ שֵׁיינֶע זִיסֶע וֶועג ווִי אַזוֹי יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִלּוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה, אֲפִלּוּ מֶען פַארְגֶעסְט וָואס מֶען לֶערְנְט זָאל מֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם נָאר וַוייטֶער לֶערְנֶען כְּסִדְרָן [כַּמְּבֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו]).

אַז מֶען לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מֶען נִצּוֹל פוּן אַלֶע צָרוֹת וּבִפְרַט פוּן וֶוערְן גֶע'הַרְגְ'עֶט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת בִּטָּחוֹן, סִימָן ז): "מִי שֶׁבָּטוּחַ בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", וֶוער עֶס פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַצִּילוֹ מִכָּל צָרוֹת וּבִפְרָט מֵהֲרִיגָה", הִיט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָפּ פוּן אַלֶע צָרוֹת, בִּפְרַט פוּן וֶוערְן גֶע'הַרְגְ'עֶט.

**מִי שֶׁאָמַר לְעוֹלָמוֹ דַי יֹאמַר לְצָרוֹתֵינוּ דַי.**

## תתמב

### וואוּ אִיז דֶער מְקוֹר אַז וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה דַארְף מֶען נִישְׁט קַיין כְּלֵי זַיְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִין אַ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶערֶעדְט אִיבֶּער דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע שִׂיסֶערַיי וָואס אִיז פָארְגֶעקוּמֶען אִין דְזָשֶׁערְסִי סִיטִי[ה], הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה דֶערְמַאנְט אַ "תַּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ" וָואס זָאגְט אַז וֶוען אֵיינֶער לֶערְנְט תּוֹרָה דַארְף עֶר נִישְׁט הָאבְּן קַיין כְּלֵי זַיְן זִיךְ צוּ בַּאשִׁיצְן. אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעוָואלְט וַוייזְן פַאר אֵיינֶעם, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א צוּצֵייכֶענֶען וואוּ דָאס שְׁטֵייט?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

---

ה. דֶערְמַאנְט אֵינֶעם פְרִיעֶרְדִיגְן בְּרִיוו.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ד' טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק ד): "כָּל תַּלְמִיד חָכָם שֶׁעוֹסֵק בַּתּוֹרָה בְּכָל יוֹם תָּמִיד", אַ אִיד וָואס וָואס לֶערְנְט יֶעדְן טָאג תוֹרָה, "בִּשְׁבִיל לְהַרְבּוֹת כְּבוֹד שָׁמַיִם", כְּדֵי צוּ מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַאְרן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אֵינוֹ צָרִיךְ לֹא חֶרֶב וְלֹא חֲנִית וְלֹא כָּל דָּבָר שֶׁיִּהְיֶה לוֹ שׁוֹמֵר", דַארְף נִישְׁט הָאבְן אַ שְׁוֶוערְד אָדֶער אַ פַּאנְצֶער זִיךְ צוּ הִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס, "אֶלָּא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְשַׁמְּרוֹ בְּעַצְמוֹ", נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס הִיט אִים.

יֶעצְט וֶוען מִיר אַלֶע זֶענֶען אַזוֹי פַארְוַוייטָאגְט פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע טְרַאגֶעדְיֶעס וָואס הָאבְּן פַּאסִירְט, סַיי אִין נְיוּ דְזְשֶׁערְסִי וואוּ אַ פְרוֹי אוּן אַ בָּחוּר זֶענֶען גֶע'הַרְגְ'עֶט גֶעוָוארְן מִיט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע רְצִיחָה, אוּן סַיי וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט אִין מָאנְסִי וואוּ אַ רוֹצֵחַ אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ אַ רָב אִין שְׁטוּבּ בִּשְׁעַת הַדְלָקַת נֵר חֲנוּכָּה אוּן גֶעשְׁטָאכְן אַפָּאר אִידְן - דַארְפְן מִיר זִיךְ מְקַבֵּל זַיין צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס וֶועגְן, דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס מִיר קֶענֶען טוּן, לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

וֶוען מֶען הֶערְט אַזַא שְׁרֶעקְלִיכֶע נַייעֶס דַארְפְן מִיר זִיךְ בַּארֶעכֶענֶען, יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן אוּנְז, זִיךְ צוּרִיק צוּ

קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן הִיטְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וֶועלְן מִיר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן שְׁלֶעכְטְס.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (וַיִקְרָא רַבָּה לה, ו): "הַסַּיִף וְהַסֵּפֶר נִתְּנוּ מְכֹרָכִין מִן הַשָּׁמַיִם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי תּוֹרָה מִיטְן שְׁוֶוערְד צוּזַאמֶען, "אָמַר לָהֶם הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אוּנְז: "אִם שְׁמַרְתֶּם מַה שֶּׁכָּתוּב בְּסֵפֶר זֶה הֲרֵי אַתֶּם נִצּוֹלִים מִן הַסַּיִף, וְאִם לָאו סוֹף שֶׁהוּא הוֹרֵג אֶתְכֶם", אוֹיבּ וֶועט אִיר הִיטְן וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה וֶועט אִיר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּנֶעם גְרוֹיסְן מֶעסֶער, אוּן אוֹיבּ מֶען הִיט נִישְׁט דִי תּוֹרָה פַּאסִירְט אַזֶעלְכֶע רְצִיחוֹת.

**נָאךְ** גֶעפִינֶען מִיר (עֲבוֹדָה זָרָה יז:) בִּשְׁעַת דִי רוֹמִיִּים הָאבְּן נִישְׁט גֶעלָאזְט לֶערְנֶען תּוֹרָה הָאט מֶען גֶעכַאפְּט דֶער הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר, מֶען הָאט אִים חוֹשֵׁד גֶעוֶוען אַז עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה אוּן אוֹיךְ אַז עֶר אִיז אַ רוֹיבֶּער, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: "אִי סַיְפָא, לָא סַפְרָא", אוֹיבּ זֶענְט אִיר מִיר חוֹשֵׁד אַז אִיךְ לֶערְן תּוֹרָה, דַאן הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין שְׁוֶוערְד - אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין רוֹיבֶּער, "וְאִי סַפְרָא, לָא סַיְפָא", אוּן אוֹיבּ אִיר זֶענְט מִיר חוֹשֵׁד אַז אִיךְ הָאבּ אַ שְׁוֶוערְד, אַ גְרוֹיסֶע מֶעסֶער, דַאן קֶען אִיךְ נִישְׁט לֶערְנֶען, וַוייל דִי צְוֵויי זַאכְן גֵייט נִישְׁט צוּזַאמֶען; זֶעט מֶען אַז תּוֹרָה אִיז אַ סְתִירָה מִיט רְצִיחָה.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל שׁוֹין רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז, עֶר זָאל אוּנְז הִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס אוּן אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן מִיט מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ, אָמֵן.

# תתמג

## זָאל אִיךְ אָפְּלָאזְן מַיין שִׁעוּר גְּמָרָא
## און אָנְהוֹיבְּן נָאר צוּ זָאגְן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער אַסַאךְ דִי שִׁעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, דָאס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן חֵשֶׁק אָנְצוּהוֹיבְּן לֶערְנֶען מֶער תּוֹרָה און אִיךְ ווִיל ווִיסְן ווִי אַזוֹי דָאס צוּ טוּן.

יֶעצְט הָאבּ אִיךְ אַ שִׁעוּר אִין גְּמָרָא מַסֶּכֶת שַׁבָּת, אִיךְ לֶערְן כִּמְעַט יֶעדְן טָאג, און אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי גְּמָרָא מִיט דִי הִילְף פוּן אַרְטְסְקְרָאל. אָבֶּער אִיךְ ווִיל אוֹיךְ אָנְהוֹיבְּן מֶער לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, דָאס מֵיינְט טַאקֶע בְּלוֹיז צוּ זָאגְן דִי ווֶערְטֶער אָן פַארְשְׁטֵיין? און זָאל אִיךְ אוֹיפְגֶעבְּן מַיין אַנְדֶערֶע שִׁעוּר גְּמָרָא ווָאס אִיךְ פַארְשְׁטֵיי יָא? און צִי זָאל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ זָאגְן מִשְׁנָיוֹת אָדֶער עֶנְדֶערְשׁ גְּמָרָא?

אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט הַיינְט צוּ זָאגְן אַ בְּלַאט גְּמָרָא אָן פַארְשְׁטֵיין, און עֶס הָאט מִיר גֶענוּמֶען צֶען מִינוּט, זָאל אִיךְ ווַייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין? און וויפִיל בְּלַאט גְּמָרָא זָאל אִיךְ זָאגְן יֶעדְן טָאג?

אִיךְ ווִיל זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, און אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א ווֶעט מִיר גֶעבְּן דֶעם רִיכְטִיגְן ווֶעג דֶערְצוּ.

יִיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת וַיְחִי, עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**לָאז** נִישְׁט אָפּ דַיין שִׁעוּר גְּמָרָא; לֶערְן וַוייטֶער דַיינֶע שִׁעוּרִים, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל הָאבְּן אַ שִׁעוּר בְּעִיּוּן. אִינֶעם זֶעלְבְּן שִׂיחָה וואוּ דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען שְׁנֶעל אֲפִלּוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "גַּם צְרִיכִין לִלְמֹד אֵיזֶה שִׁעוּר בַּיּוֹם, בִּקְצָת עִיּוּן", אַ מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיךְ הָאבְּן אַ שִׁעוּר צוּ לֶערְנֶען בְּעִיּוּן אַבִּיסְל יֶעדְן טָאג.

**עֶס** אִיז גוּט דוּ זָאלְסְט הָאבְּן צְוֵויי סָארְט שִׁעוּרִים, אֵיין שִׁעוּר זָאלְסְטוּ הָאבְּן וָואס דוּ פַארְשְׁטֵייסְט וְכוּ', נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ הָאבְּן שִׁעוּרִים אִין אַלֶע חֲלָקִים פוּן דִי תּוֹרָה אֲפִלּוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "טוֹב לִלְמֹד בִּמְהִירוּת וְלִבְלִי לְדַקְדֵּק הַרְבֵּה בְּלִמּוּדוֹ. רַק לִלְמֹד בִּפְשִׁיטוּת בִּזְרִיזוּת וְלִבְלִי לְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ הַרְבֵּה בִּשְׁעַת לִמּוּדוֹ מֵעִנְיָן לְעִנְיָן, רַק יִרְאֶה לְהָבִין הַדָּבָר בִּפְשִׁיטוּת בִּמְקוֹמוֹ", עֶס אִיז גוּט מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל אוּן נִישְׁט מְדַקְדֵּק זַיין צוּפִיל בִּשְׁעַת מֶען לֶערְנְט, נָאר זֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם פְּשָׁטוּת הַפְּשַׁט, "וְאִם לִפְעָמִים אֵינוֹ יָכוֹל לְהָבִין דָּבָר אֶחָד, אַל יַעֲמֹד הַרְבֵּה שָׁם וְיַנִּיחַ אוֹתוֹ הָעִנְיָן וְיִלְמַד יוֹתֵר לְהַלָּן", אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל מֶען נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען אַסַאךְ

צַייט אוֹיף דֶעם עִנְיָן, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען גֵיין וַוייטֶער, "וְעַל פִּי הָרֹב יֵדַע אַחַר כָּךְ מִמֵּילָא מַה שֶּׁלֹּא הָיָה מֵבִין בִּתְחִלָּה, כְּשֶׁיִּלְמַד כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת לְהַלָּן יוֹתֵר", אוּן אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ וֶועט מֶען שְׁפֶּעטֶער פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען הָאט פְּרִיעֶר נִישְׁט אַזוֹי גוּט פַארְשְׁטַאנֶען.

אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", אֲפִלּוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, "וּמִמֵּילָא יָבִין", אוּן בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין. "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל. רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיינְס - אַז מֶען וויל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, מֶען זָאל נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ, מַה בְּכָךְ?" אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵוייטְן מָאל; אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵוייטְן מָאל אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שַׁבָּת סג.; עֲבוֹדָה זָרָה יט.): 'לִגְמוֹר, וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר (תְּהִלִּים קיט, כ): 'גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה'", ווייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה

זָאגְן, אַז אַ מֶענְטְש זָאל קֹדֶם אַסאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִלּוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל, וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", וַוייל אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסאךְ; מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסאךְ מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין.

**וואוּיל** אִיז פַאר דֶעם מֶענְטְש וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן; בַּיי אִים וֶועט מְקֻיָּם וֶוערְן דֶער פָּסוּק (מִשְׁלֵי לא, כה): "עֹז וְהָדָר לְבוּשָׁהּ, וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן"; וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דַּרְשְׁ'נֶען אוֹיף דֶעם (שְׁמוֹת רַבָּה נג, ב): "אֵימָתַי הַתּוֹרָה מְשַׂחֶקֶת", וֶוען לַאכְט דִי תּוֹרָה צוּם מֶענְטְש, וֶוען זֶעט דֶער מֶענְטְש וָואס עֶר הָאט אַלְץ גֶעטוּן אִין זַיין לֶעבְּן? "הֱוֵי לְיוֹם אַחֲרוֹן", בַּיים לֶעצְטְן טָאג; דֶעמָאלְט וֶועלְן אַפִּיר קוּמֶען אַלֶע פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן דַּפִּים גְּמָרָא, דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זֶען דִי וָוארְהֵייט פוּנֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד; דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי וָואס הָאבְּן גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת.

בַּיי דִי לְוָיָה וֶוען מֶען בַּאגְלֵייט אַ נִפְטָר וָואס הָאט גֶעפָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶועט מֶען נִישְׁט טְרָאגְן סְתַּם אַן אָרוֹן, נָאר עֶס וֶועט זַיין אַן אָרוֹן הַקֹּדֶשׁ, אַן אָרוֹן מָלֵא סְפָרִים; עֶס וֶועט לִיגְן אִינֶעם אָרוֹן גַאנְץ תַּנַּ"ךְ, שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה,

בַּבְלִי, יְרוּשַׁלְמִי, תּוֹסֶפְתָּא, רַמְבַּ"ם, טוּר, שֻׁלְחָן עָרוּךְ, כָּל הַמִּדְרָשִׁים, זוֹהַר וְתִקּוּנִים, כָּל סִפְרֵי רַבֵּינוּ וְכוּ' וְכוּ'; דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם דֶרֶךְ הַלִּימוּד.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתמד

### אִיךְ ווִיל זַיין גוּט, אָבֶּער אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין פַאלְן

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קֹדֶם כָּל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׁיינֶע דְרָשׁוֹת אוּן חִזּוּק, אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶּה מִיט דֶעם.

אִיךְ בִּין אַ יוּנְגֶער בָּחוּר אוּן אִיךְ גֵיי אַסַאךְ מָאל אִין פַּארְק וואוּ אִיךְ טְרֶעף זִיךְ מִיט גוֹיִם אוּן אִיךְ טוּ עֲבֵירוֹת מִיט זֵיי. פַאר אִיךְ גֵיי אַהֵין, וֶוען אִיךְ קוּם צוּרִיק אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה - ווִיל אִיךְ עֶס בֶּאֱמֶת נִישְׁט טוּן, אָבֶּער פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן טוּ אִיךְ עֶס נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, ווִי אַזוֹי זֶעט מֶען זִיךְ אַרוֹיס פוּן דֶעם?

אִיךְ בִּין מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדְן טָאג, אִיךְ זָאג מִשְׁנָיוֹת ווִיפִיל אִיךְ קֶען אָנְקוּמֶען צְווִישְׁן דִי סְדָרִים אִין מַיין יְשִׁיבָה, אָבֶּער פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הַאלְט אִיךְ אֵיין פַאלְן. דָאס אִיז אוֹיסֶער דֶעם וָואס יֶעדֶעס מָאל אִיךְ גֵיי אוֹיפְן גַאס מוּז אִיךְ קוּקְן אוֹיף יֶעדֶע פְּרוּי, אוּן אִיךְ וֶוער מַמָּשׁ מְשׁוּגָע.

יֶעדֶעס מָאל בַּאזוּנְדֶער טוּ אִיךְ נָאכְאַמָאל תְּשׁוּבָה, אִיךְ זָאג נָאכְאַמָאל צוּ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ גֵיי עֶס מֶער נִישְׁט טוּן, אָבֶּער אִיךְ פַאל וַוייטֶער אַדוּרְךְ.

אִיךְ בֶּעט זַייעֶר דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה וָואס וֶועט מִיר טַאקֶע הֶעלְפְן, וַוייל אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת וַיְחִי, עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זַייעֶר זָאלְסְט נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט גוֹיִם אוּן זִיכֶער נִישְׁט שְׁפִּילְן מִיט זֵיי; וֶוען דוּ זָאלְסְט וִויסְן וִוי שְׁטַארְק אַ גוֹי הָאט פַּיינְט אַ אִיד - וָואלְסְטוּ נִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט זֵיי אוּן גֶעהַאט צוּטוּן מִיט זֵיי. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סִפְרֵי בְּהַעֲלוֹתְךָ, סט) רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי זָאגְט: "הֲלָכָה הִיא בְּיָדוּעַ שֶׁעֵשָׂו שׂוֹנֵא לְיַעֲקֹב", עֶס אִיז אַ קְלָארֶע הֲלָכָה אַז עֵשָׂו הָאט פַּיינְט יַעֲקֹב; מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט אוֹיף דֶעם, אַז אוֹיף דִי הֲלָכָה קְרִיגְט קֵיינֶער נִישְׁט, יֶעדֶער הַאלְט אַזוֹי וִוי רֶבִּי שִׁמְעוֹן.

**בֶּעט** אִיךְ דִיר זַייעֶר זָאלְסְט מֶער נִישְׁט גֵיין צוּ קַיין שׁוּם פַּארְק וואוּ גוֹיִם שְׁפִּילְן זִיךְ וְכוּ'; גֶעבּ אַכְטוּנְג פוּן זֵיי אוּן הָאבּ נִישְׁט מִיט זֵיי צוּטוּן, וַוייל זֵיי קֶענֶען דִיךְ שְׁלָאגְן אוּן דִיךְ מַזִיק זַיין הַשֵׁם יִשְׁמְרֵנוּ, אַזוֹי וִוי מֶען הֶערְט כְּסֵדֶר אִין דִי נַייעֶס וִוי גוֹיִם שְׁלָאגְן אוּן הַרְגְ'עֶנֶען אִידְן, הַשֵׁם יִשְׁמְרֵנוּ.

**אויף** דַיין פְרַאגֶע, וָואס מֶען טוּט מִיט שְׁמִירַת עֵינַיִם וְכוּ';
בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דוּ גֵייסְט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ;
שְׁטֶעל זִיךְ בַּיי דִי מְזוּזָה, לֵייג דַיין הַאנְט אוֹיף דִי מְזוּזָה אוּן
בֶּעט אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ
זָאל זִיךְ קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ זָאל בְּלַייבְּן מִיט רֵיינֶע
אוֹיגְן", אוּן וֶוען עֶס קוּמְט דִיר אוּנְטֶער אַ נִסָּיוֹן - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן
דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הִיט מִיךְ אִיךְ זָאל
נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל
הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן; הֶעלְף מִיר, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

**אַז** דוּ וֶועסְט זִיךְ הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן
אַ שֵׁיינֶע כַּלָּה אוּן דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן; אוֹיבּ
מֶען הִיט דִי אוֹיגְן הָאט מֶען גוּט חֲתֻנָּה אוּן מֶען הָאט לִיבּ
צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ נָאךְ דִי חֲתֻנָּה, ווִידֶערְאוּם אוֹיבּ מֶען הִיט
נִישְׁט דִי אוֹיגְן - הָאט מֶען נִישְׁט קַיין לֶעבְּן; דִי לֶעבְּן וֶוערְט
נִמְאָס, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין גָארְנִישְׁט.

**זַיי** מַמְשִׁיךְ מִיט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין אוּן מִיט זָאגְן מִשְׁנָיוֹת;
אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גְּמָרָא, וַוייל גְּמָרָא הִיט
דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע קְלִפּוֹת אוּן רוּחוֹת רָעוֹת.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט פָאלְגְן אַלֶעס וָואס שְׁטֵייט אִין דֶעם
בְּרִיוו, וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן
אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

# תתמה

## זָאל אִיךְ גֵיין אוֹיף שַׁבָּת צוּ מַיין טַאטֶע אָדֶער צוּ מַיין מַאמֶע?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ אוֹיף דִי לֶעצְטֶע בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט מִיר גֶעשִׁיקְט, בָּרוּךְ ה' אִיךְ הָאבּ מְסַיֵּם גֶעוֶוען סֵדֶר מוֹעֵד.

מַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען צֶעטֵיילְט, אוּן אַסַאךְ מָאל קוּמְט אוֹיס אַז פַּאר שַׁבָּת בֶּעט מִיר מַיין טַאטֶע אַז אִיךְ זָאל גֵיין צוּ אִים אוֹיף שַׁבָּת, אוּן מַיין מַאמֶע בֶּעט מִיר אִיךְ זָאל גֵיין צוּ אִיר, צוּ וֶועמֶען זָאל אִיךְ גֵיין?

אִיךְ שְׁרַייבּ דִי וֶוערְטֶער מִיט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וָואס גֵייט אוֹיף מִיר אַדוּרְךְ טָאג אוּן נַאכְט, אִיךְ שְׁפִּיר אַז מַיין לֶעבְּן גֵייט מִיר פַּארְבֵּיי, מַיינֶע עֶלְטֶערְן הֶערְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף קְרִיגְן, יֶעדֶער וִויל נָאר אָפְּטוּן דֶעם צְוֵוייטְן, אִיךְ בֶּעט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל מִיר שְׁרַייבְּן נָאךְ חִיזּוּק.

אוֹיךְ וִויל אִיךְ פְרֶעגְן וֶועגְן הֲפָצָה, אִיךְ וִויל אָנְהוֹיבְּן מַאכְן הֲפָצָה, וִוי אַזוֹי מַאכְט מֶען עֶס? אוּן אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁרַייבְּן חִיזּוּק אוֹיף הֲפָצָה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - מוֹצָאֵי שַׁבָּת קֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וַיְחִי, ט"ו טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעפַּאלְן פוּן דַיינֶע עֶלְטֶערְן; אֱמֶת, דוּ

גֵייסְט אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע צַייט, דַיינֶע עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ אוּן דוּ קֶענְסְט דָאס נִישְׁט צוּזֶען, דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר זַייעֶר זָאלְסְט נִישְׁט זַיין אַ חֵלֶק פוּן דִי מַחֲלֹקֶת, דוּ זָאלְסְט מְכַבֵּד זַיין בֵּיידֶע - סַיי דַיין טַאטֶע אוּן סַיי דַיין מַאמֶע.

**בְּנוֹגֵעַ** וואוּ צוּ זַיין שַׁבָּת; אֵיין שַׁבָּת זַיי מִיט דַיין טַאטֶע אוּן אֵיין שַׁבָּת זַיי מִיט דַיין מַאמֶע, אוּן אוֹיבּ עֶס אִיז דִיר נִישְׁט בַּאקְוֶועם בַּיי זַיי - קֶענְסְטוּ גֵיין צוּ אַ זֵיידֶע וְכַדוֹמֶה, אָדֶער וואוּ עֶס אִיז דִיר בַּאקְוֶועם.

**שְׁטַארְק** זִיךְ בְּלִמּוּד הַתּוֹרָה, נוּץ אוּיס דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן מִיט לֶערְנֶען תּוֹרָה; תּוֹרָה מַאכְט שְׁטַארְק דֶעם מֶענְטְשׁ, תּוֹרָה מַאכְט פְרֵיילִיךְ, עֶס אִיז דִי בֶּעסְטֶע פְּלַאץ וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן אוּן וואוּ זִיךְ צוּ בַּאהַאלְטְן וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע טֶעג. נֶעם אַ גְּמָרָא אוּן לֶערְן אַ בְּלַאט נָאךְ אַ בְּלַאט, דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן שְׁטַארְקֵייט זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אִין דַיין שְׁוֶוערֶע מַצָּב.

**אֲפִלּוּ** דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט, אוּן אֲפִלּוּ דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט קָאנְצֶעטְרִירְן פוּן אַלֶע שְׁוֶוערִיקֵייטְן וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר - זָאלְסְטוּ זָאגְן אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְּמָרָא אוּן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ הָאבְּן כֹּחַ זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן.

**הֲפָצָה** אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ; וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ ווִילְסְט פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פַאר אַנְדֶערֶע, דוּ דַארְפְסְט נָאר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ וֶוערְן

אָפְּגֶעקִילְט פוּן לֵצִים. גֵיי נִישְׁט אַרַיין אִין קַיין וִכּוּחִים מִיט קֵיינֶעם; וֶוען דוּ גֵייסְט הֲפָצָה פְּרֶעג יֶענֶעם: "דַארְפְסְט אַ שֵׁיינֶע מַתָּנָה?" אוֹיב יֶענֶער זָאגְט: "יָא", בֶּעט אִים צְדָקָה, גֶעב אִים דִי סֵפֶר וְכַדוֹמֶה אוּן גֵיי וַוייטֶער, רֶעד נִישְׁט אוּן טַעֲנָה זִיךְ נִישְׁט. אוֹיב יֶענֶער זָאגְט: "אִיךְ דַארְף נִישְׁט דֶעם סֵפֶר", זָאלְסְטוּ יֶענֶעם פְּרֶעגְן: "אִיר ווילְט אֶפְשָׁר גֶעבְּן צְדָקָה?" מֶער רֶעד נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם.

**שְׁרַייבּ** מִיר נָאךְ בְּרִיוו, אִיךְ וֶועל דִיר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף צוּרִיק שְׁרַייבְּן.

**אַ** גוּטֶע וָואךְ.

## תתמו

### ווי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מְחַזֵק נָאכְן לַיידְן אַ גְרוֹיסֶע שָׁאדְן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ אַרְבֶּעט אִין רִיעָל עֶסְטֶעיט, אִיךְ בִּין פַּארְנוּמֶען אַיינְצוּקוֹיפְן שְׁטָחִים אוּן בִּנְיָנִים אוּן אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט. דֶעם לֶעצְטְן זוּמֶער הָאבּ אִיךְ אָבֶּער גֶעקוֹיפְט אַ גְרוֹיסֶע שֶׁטַח וָואס וָואלְט גֶעדַארְפְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען גְרוֹיסֶע רְוָחִים אוּן צוּם סוֹף הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז מֶען קֶען נִישְׁט בַּאקוּמֶען דֶערוֹיף קַיין רְשׁוּת צוּ בּוֹיעֶן, אוּן אִיךְ הָאבּ דֶערְלֵייגְט דִי גַאנְצֶע זַאךְ. אִיךְ קֶען מַמָּשׁ נִישְׁט קוּמֶען צוּ זִיךְ פוּן דֶעם, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר אַ שְׁוֶועֶרע זַאךְ אַרָאפְּצוּשְׁלוּנְגֶען, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיךְ מְחַזֵק זַיין?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט"ו טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (בְּרָכוֹת ה:) דֶער הֵיילִיגֶער אַמוֹרָא רַב הוּנָא הָאט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע שָׁאדְן, עֶס אִיז אִים פַארְדָארְבְּן גֶעוָוארְן פִיר הוּנְדֶערְט פֶּעסֶער וַויין, זֶענֶען דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אִים גֶעגַאנְגֶען בַּאזוּכְן אוּן אִים מְחַזֵק זַיין. זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט פַאר רַב הוּנָא: "לְעַיֵּן מַר בְּמִילֵיהּ", עֶר זָאל מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ אוּן תְּשׁוּבָה טוּן, וֶועט עֶר צוּרִיק רַייךְ וֶוערְן. הָאט רַב הוּנָא גֶעפְרֶעגְט דִי חֲכָמִים: "מִי חֲשִׁידְנָא בְּעֵינַייכוּ", אִיר זֶענְט מִיךְ חוֹשֵׁד אוֹיף נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים? הָאבְּן אִים דִי חֲכָמִים צוּרִיק גֶעפְרֶעגְט: "וּמִי חָשִׁיד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא דְעָבִיד דִינָא בְּלֹא דִינָא", אִיז דֶען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער חָשׁוּד אַז עֶר בְּרֶענְגְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ שְׁלֶעכְטְס אוּמְזִיסְט? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין שָׁאדְן אוּמְזִיסְט אוֹיבּ עֶס קוּמְט נִישְׁט, הָאט רַב הוּנָא זֵיי גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ זֵיי זֶעעֶן עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס אִין אִים, הָאבְּן זֵיי אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר צָאלְט נִישְׁט זַיינֶע אַרְבֶּעטֶער אַזוֹי וִוי מֶען הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶענוּמֶען, רַב הוּנָא הָאט זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען אַז עֶר גֵייט זֵיי גֶעבְּן וִויפִיל מֶען הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶענוּמֶען אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁען אַ נֵס אַז עֶר הָאט נִישְׁט פַארְלוֹירְן קַיין גֶעלְט.

**אַז** דוּ הָאסְט שָׁאדְן וְכוּ' - זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ אוּן תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף אַלֶע דַיינֶע מַעֲשִׂים - וֶועט

דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער מַאכְן מִיט דִיר גְרוֹיסֶע נִסִים, דוּ װֶעסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיינֶע שָׁאדְנס, דוּ װֶעסְט מַצְלִיחַ זַיין און פַארְדִינֶען גְרוֹיסֶע רְוָחִים.

װֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ שָׁאדְן וְכוּ' - דַארְף עֶר זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ פַארְוָואס דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער טוּט דָאס מִיט אִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קפו) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים סב, יג): "וּלְךָ ה' חָסֶד כִּי אַתָּה תְשַׁלֵּם לְאִישׁ כְּמַעֲשֵׂהוּ", עֶס אִיז זַייעֶר אַ גְרוֹיסֶער חֶסֶד אַז דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט פַארְן מֶענְטְשׁ אַ שְׁטְרָאף מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה, וַוייל װֶוען דֶער מֶענְטְשׁ בַּאקוּמְט װֶוען אַן עֹנֶשׁ סְתַם אַזוֹי - וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעווּאוּסְט אוֹיף וָואס עֶר דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן, אָבֶּער װֶוען דֶער עֹנֶשׁ אִיז מִיט אַ פִּינְקְטְלִיכְקֵייט, גֶעוָואנְדְן אוֹיף וָואס מֶען דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן - וֵוייסְט דֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף וָואס עֶר דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן.

דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע װֶועגְן.

# תתמז

**וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מַיין שְׁוֶוער קַיין בְּרֶסְלֶב?**

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

רֵאשִׁית כָּל וויל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען אוֹיף מַיין לֶעבְן, אִיךְ בִּין שׁוֹין עֶטְלִיכֶע אִין צְוָואנְצִיג יָאר אַלְט, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה לֶעבּ אִיךְ קוֹים אַ הַאלְבֶּע יָאר. פוּן װֶוען אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁעוּרִים הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן

לֶעבְּןִ', אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן לִיבּ הָאבְּן צוּ לֶעבְּן, מַיין שָׁלוֹם בַּיִת הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט, מַיין תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט, אוּן מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אַזוֹי, מַיין שְׁוֶוער אִיז זֵייעֶר אַ חָשׁוּבֶ'ער אִיד, אַן עוֹבֵד ה' אוּן זֵייעֶר אַ וואוֹילֶער מֶענְטְשׁ. יָארְן צוּרִיק פְלֶעגְט עֶר הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט בְּרֶסְלֶב אוּן עֶר פְלֶעגְט פָארְן אוֹיף אוּמַאן, אָבֶער צוּלִיבּ דִי פָּאלִיטִיק וָואס הָאט זִיךְ דָארְט אָפְּגֶעטוּן הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר פַארְעֶקְלְט פוּן בְּרֶסְלֶב, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט פָארְן קַיין אוּמַאן אוּן עֶר ווִיל נִישְׁט הָאבְּן גָארְנִישְׁט מִיט בְּרֶסְלֶב. זַייט דֶעמָאלְט אִיז עֶר מַמָּשׁ אַלֵיין אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר בַּאלַאנְגְט נִישְׁט צוּ קַיין שׁוּם פְלַאץ אָדֶער חֲסִידוּת.

עֶס שְׁטֶערְט אִים נִישְׁט אַז אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען אוֹיף בְּרֶסְלֶב, אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ אַ זוּן אִין בְּרֶסְלֶב, אָבֶער אִיךְ זֶע ווִי עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אִין לֶעבְּן, אוּן אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ רַחֲמָנוּת אוֹיף אִים. אִיךְ וָואלְט זֵייעֶר גֶעוָואלְט אִים אוּמְקֶערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דוּרְךְ דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, ווִייל אִיךְ ווִיסְן ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען דָאס טוּן אוֹיף אַ קְלוּגֶע וֶועג אָן אִים צוּ טְשֶׁעפֶּען אוּן אָן צוּ שְׁטֶערְן זַיין שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט"ז טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דַיין שְׁוֶוער הָאט אָפְּגֶעלָאזְט בְּרֶסְלֶב צוּלִיבּ דִי זֶעלְבֶּע סִבָּה פַארְוָואס רֶבִּי נָתָנְ'ס שְׁוֶוער הָאט גֶעהַאקְט טָאג אוּן נַאכְט אוֹיף חֲסִידִים.**

ז. נָאךְ אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן, אִין סֵפֶר אִישׁ אֱמוּנוֹת תש"פ, מִכְתָּב ו.

**מוֹהֲרָא"ש** דֶערְצֵיילְט (פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תכא): דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה אִיז גֶעוֶוען אַן אֵיידֶעם בַּיי הָרַב הַגָּאוֹן הַמְפוּרְסָם רֶבִּי דָוִד צְבִי אוֹיעֶרְבַּאךְ זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה. רֶבִּי דָוִד צְבִי אִיז גֶעוֶוען רָב אִין דְרֵיי גְרוֹיסֶע שְׁטֶעט אִין אוּקְרֵיינָא: שַׁארִיגְרַאד, קְרֶעמְנִיץ אוּן מָאהֲלוֹב. עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "דַיין שְׁוֶוער אִיז אַ צַדִּיק", אַזוֹי אוֹיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזִיבּוּז זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט אוֹיף אִים: "וואוּ עֶר גֵייט, גֵייט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא מִיט מִיט אִים"; דֶער רֶבִּי דָוִד צְבִי הָאט נִישְׁט לִיבּ גֶעהַאט חֲסִידִים, עֶר הָאט גֶעהַאקְט טָאג אוּן נַאכְט אוֹיף חֲסִידִים.

**אִין** אָנְהוֹיבּ אִיז רֶבִּי דָוִד צְבִי גֶעפָארְן צוּם הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי פִּנְחָס קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶס אִיז אִים זֵייעֶר גֶעפָאלְן דִי הַנְהָגָה פוּן דֶעם צַדִּיק, אָבֶּער עֶס הָאט אִים גֶעשְׁטֶערְט פַארְוָואס זַיינֶע חֲסִידִים רֶעדְן קֶעגְן דֶעם צַדִּיק רֶבִּי מִיכְל זְלָאטְשׁוּבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט רֶבִּי דָוִד צְבִי גֶעטְרַאכְט אַז עֶר גֵייט פָארְן צוּ דֶעם צַדִּיק רֶבִּי מִיכְל זְלָאטְשׁוּבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר וִויל זֶען וָואס דָארְט טוּט זִיךְ. וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי מִיכְל זְלָאטְשׁוּבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן צוּגֶעזֶען זַיין עֲבוֹדָה אִיז אִים זֵייעֶר גֶעפָאלְן זַיין הִתְנַהֲגוּת, אָבֶּער עֶס הָאט אִים זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט צוּ הֶערְן פוּן זַיינֶע חֲסִידִים לֵיצָנוּת אוֹיף רֶבִּי פִּנְחָס קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט גֶעזֶען אַז דֶער אִיז אָפְּגֶע'פַּסְקְ'נְט מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן וְכוּ' אוּן דֶער אִיז אָפְּגֶע'פַּסְקְ'נְט מִיט זַיינֶע

מֶענְטְשְׁן וְכוּ'. עֶס הָאט אִים זֵייעֶר וֵוי גֶעטוּן דִי מַחֲלוֹקוֹת אוּן פֵּרוּד לְבָבוֹת צְווִישְׁן דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים בִּיז עֶר הָאט מַחְלִיט גֶעוֶוען אוּן גֶעזָאגְט: "אִיךְ גְלֵייבּ אַז בֵּיידֶע זֶענֶען אֱמֶת, וָואס זֵיי רֶעדְן אוֹיף אִים אוּן וָואס זֵיי רֶעדְן אוֹיף אִים"; דָאס הָאט אִים גֶעמַאכְט עֶר זָאל פַּיינְט הָאבְּן חֲסִידִים. פוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר יֶעדְן טָאג גֶעמַאכְט אַ שִׁעוּר מִיט זַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיידֶעמֶער וִוי עֶר פְלֶעגְט רֶעדְן צוּ זֵיי קֶעגְן חֲסִידִים.

**דָאס** הָאט זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט פַאר רֶבִּי נָתָן, פַארְוָואס פֶּעלְט אוֹיס דִי אַלֶע מַחֲלוֹקוֹת אוּן קְרִיגֶערֵייעֶן; וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעקוּמֶען דֶעם עֶרְשְׁטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם רֶבִּי'ן, אוּם שְׁנַת תקס"ג אוּן עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי תּוֹרָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ה), אִיז אִים פַארֶענְטְפֶערְט גֶעוָוארְן דִי שְׁטַארְקֶע קַשְׁיָא וָואס הָאט אִים לַאנְגֶע יָארְן גֶעשְׁטֶערְט, אַ קַשְׁיָא וָואס זַיין שְׁוֶוער הָאט מִיט אִים גֶעלֶערְנְט אַלֶע יָארְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט: "וְתַאֲמִין, כִּי כָּל מַצּוּתָא וּמְרִיבָה שֶׁיֵּשׁ בֵּין הַצַּדִּיקִים הַשְּׁלֵמִים אֵין זֶה אֶלָּא כְּדֵי שֶׁיְּגָרְשׁוּ סִטְרִין אָחֳרָנִין", דוּ דַארְפְסְט גְלֵייבְּן אַז דִי אַלֶע מַחֲלוֹקוֹת וָואס אִיז דָא צְווִישְׁן דִי צַדִיקִים - דָאס אִיז נָאר וַוייל מֶען וִויל דִיךְ פַארְטְרַייבְּן פוּן זֵיי, "כְּשֶׁאַתָּה שׁוֹמֵעַ מְרִיבוֹת שֶׁבֵּין הַצַּדִּיקִים תֵּדַע, שֶׁזֶּה מַשְׁמִיעִין אוֹתְךָ תּוֹכָחָה עַל שֶׁפָּגַמְתָּ בְּטִפֵּי מֹחֲךָ", וֶוען דוּ הֶערְסְט רֶעדְן אוֹיף צַדִיקִים - זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז דָאס אִיז נָאר וַוייל מֶען וִויל דוּ זָאלְסְט תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף וָואס דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען; רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דִי תּוֹרָה פוּן רֶבִּי'ן אִיז מִיר גְלַייךְ פַארְעֶנְטְפֶערְט

גֶעוואָרְן פַארְוָואס מֶען רֶעדְט אוֹיף צַדִיקִים אוּן מֶען קְרִיגְט זִיךְ הַשֵׁם יִשְׁמְרֵנוּ, נָאר מִיךְ צוּ פַארְטְרַייבְּן, אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט רָאוּי צוּ זַיין צְווִישְׁן זֵיי".

דַיין שְׁוֶוער אִיז נִישְׁט דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער וָואס הָאט אָפְּגֶעלָאזְט בְּרֶסְלֶב צוּלִיבּ מַחֲלֹקֶת וְכוּ', זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַנְטְלָאפְן פוּן בְּרֶסְלֶב צוּלִיבּ דִי עַזוּת פְּנִימ'עֶר וָואס מַאכְן אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיפְן רֶבִּי'ן, אוּן אַסַאךְ וֶוערְן נִישְׁט מְקוֹרָב אוּן לָאזְן נִישְׁט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער מְקוֹרָב וֶוערְן - צוּלִיבּ דִי וָואס מַאכְן אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיפְן רֶבִּי'ן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ע): "וְהִנֵּה הָיָה רָאוּי שֶׁיִּמָּשְׁכוּ כָּל בְּנֵי אָדָם לְזֶה הַצַדִיק שֶׁהוּא בְּחִינַת עָפָר שֶׁיֵּשׁ לוֹ כֹּחַ הַמּוֹשֵׁךְ כַּנַּ"ל", דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וָואלְט זִיךְ וֶוען צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם צַדִיק, "אַךְ עַל יְדֵי כֹּחַ הַמַּבְרִיחַ, מַפְסִיקִין וּמַרְחִיקִין מִמֶּנּוּ. הַיְנוּ שֶׁיֵּשׁ בְּנֵי אָדָם, שֶׁעַל יְדֵי דִבּוּרָם וּמַעֲשֵׂיהֶם הֵם מַבְרִיחִים אֶת בְּנֵי אָדָם, לְהַפְסִיקָם וּלְהַרְחִיקָם מֵהַצַדִיק", נָאר עֶס זֶענֶען פַארְהַאן מֶענְטְשְׁן וָואס דוּרְךְ זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים אוּן זֵייעֶר רֶעדְן - זֶענֶען זֵיי גוֹרֵם אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן זִיךְ צוּרִיק הַאלְטְן פוּן קוּמֶען צוּם צַדִיק.

דִי בֶּעסְטֶע וֶועג מְקַרֵב צוּ זַיין דַיין שְׁוֶוער צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן - אִיז דוּרְךְ דַיין הִתְנַהֲגוּת; אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ אוֹיפְפִירְן ווִי אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ וֶועסְטוּ מְקַרֵב זַיין דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה צוּם רֶבִּי'ן. זֵייעֶר אַסַאךְ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְקַרֵב זַיין זֵייעֶר גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה צוּם רֶבִּי'ן דוּרְךְ זֵייעֶר הִתְנַהֲגוּת.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו.) אוֹיפְן פָּסוּק (דְבָרִים ו, ה): "וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹקֶיךָ" - זָאלְסְט זֶען עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען אַ קִדּוּשׁ הַשֵּׁם דוּרְךְ דִיר אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל בַּאלִיבְּט וֶוערְן דוּרְךְ דִיר. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט תּוֹרָה אוּן פִּירְט זִיךְ אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין וָואס זָאגְן מֶענְטְשְׁן? "אַשְׁרֵי אָבִיו שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", ווארויל זֶענֶען זַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; "אַשְׁרֵי רַבּוֹ שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", וואוֹיל אִיז פַאר זַיין רֶבִּי וָואס הָאט אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; "אוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת שֶׁלֹּא לָמְדוּ תּוֹרָה", וֵויי אִיז פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט קַיין תּוֹרָה; קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, וִויבַּאלְד עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה פִּירְט עֶר זִיךְ אוֹיף אַזוֹי עֶרְלִיךְ. אוֹיף אִים זָאגְט דֶער פָּסוּק (יְשַׁעְיָה מט, ג): "וַיֹּאמֶר לִי עַבְדִּי אָתָּה, יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּארִימְט זִיךְ מִיט אַזָא אֵיינֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתמח

### פַּארְוָואס הָאט מֶען נִישְׁט גֶעמָאלְדְן אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קוּמְט קַיין בֵּית שֶׁמֶשׁ?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן פוּן בֵּית שֶׁמֶשׁ, עֶס אִיז שׁוֹין אַ שְׁטִיק צַייט וָואס אִיךְ אוּן מַיין וַוייבּ הֶערְן אוֹיס אַייעֶרֶע שִׁעוּרִים אוּן דָאס הָאט מַמָּשׁ אוֹיפְגֶעבְרָאכְטְן אוּנְזֶער לֶעבְּן.

עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן צוּ הֶערְן אַז אִיר זֶענְט גֶעוֶוען דָא בַּיי אוּנְז אִין שְׁטָאט אוּן אִיךְ הָאבּ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעווּאוּסְט דֶערְפוּן; ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן פַארְוָואס מֶען הָאט נִישְׁט מוֹדִיעַ גֶעוֶוען פוּן פָארְאוֹיס אַז אִיר קוּמְט? פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט מְהַנֶה זַיין נָאךְ אִידְן אֲפִילּוּ זֵיי וֶוערְן נִישְׁט גֶערֶעכְנְט אַלְס תַּלְמִידִים פוּן אַייעֶר יְשִׁיבָה?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט"ז טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ לֶעבְּסְט מִיטְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת; דֶער רֶבִּי הָאט דִיר גֶעטוֹישְׁט דַיין לֶעבְּן אוּן דִי לֶעבְּן פוּן דַיין שְׁטוּבּ.

**וֶוען** מֶען נֶעמְט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן טוֹישְׁט זִיךְ דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן; בִּפְרָט וֶוען מֶען בַּאנוּצְט זִיךְ מִיט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה דִי זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוֹיסְגִיסְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ וָואס עֶר אִיז גֶעווֹאוֹינְט צוּ רֶעדְן, דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער; מוֹהֲרַנַ"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן אַז עֶס הָאט זִיךְ גֶעלוֹינְט מְקוֹרָב צוּ וֶוערְן צוּם רֶבִּי'ן נָאר צוּ בַּאקוּמֶען דִי מַתָּנָה פוּן 'הִתְבּוֹדְדוּת'. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַבִּיסְל יֶעדְן טָאג, עֶר אִיז זִיךְ קוֹבֵעַ אַ צַייט

צו רֶעדְן צום אֵייבֶּערְשְׁטְן, און עֶר דֶערְצֵיילְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אויף אִים אִיבֶּער, בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת - דֶער מֶענְטְשׁ לֶעבְּט אַ חַיִּים טוֹבִים.

דוּ דַארְפְסְט פַארְשְׁטֵיין אַז אִיךְ אַלֵיין וֵוייס אויךְ נִישְׁט וֶוען אִיךְ פָאר קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; וֶוען אִיךְ פָאר קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז עֶס פוּן אֵיין מִינוּט אויפְן צְוֵוייטְן, אָן קַיין פְּלֶענֶער און אָן קַיין הֲכָנוֹת וְכו'. אִיךְ בִּין גֶעפָארְן מַמָּשׁ פוּן אֵיין טָאג אויפְן צְוֵוייטְן צוּ אַ חֲתֻנָּה פוּן אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה.

**מָאנְטָאג** וַיִּשְׁלַח בַּיינַאכְט בִּין אִיךְ אַרוֹיסְגֶעפָארְן, דִינְסְטָאג פַארְנַאכְטְס אוּם זֶעקְס אַזֵייגֶער בִּין אִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען;

אִיךְ בִּין גְלַייךְ גֶעפָארְן קַיין "בֵּית שֶׁמֶשׁ" צוּם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ, דָארְט זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה און תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ. קֹדֶם הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט דֶעם בְּלַאט גְּמָרָא און נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת. פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעפָארְן קַיין יְרוּשָׁלַיִם עוֹסֵק זַיין אִין אַ שִׁדּוּךְ וְכו', עֶלְף אַזֵייגֶער אִיז פָארְגֶעקוּמֶען אַ שִׁעוּר אִין יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקֹּדֶשׁ.

**מִיטְוָואךְ** בִּין אִיךְ גֶעפָארְן קַיין יַבְנְאֵל צוּם צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ מִתְפַּלֵּל זַיין, אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָּאָה[ז]

---

ז. אִין אַ בְּרִיוו פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אֵינֶעם טָאג פַאר דִי פְּטִירָה, שְׁרַייבְּט מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ:

"פוּן צַייט צוּ צַייט זָאלְט אִיר קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר, און אִיךְ וֶועל אַייךְ דַאנְקְבַּאר זַיין פַאר דֶעם. וֶוען אִיר וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר און אִיר וֶועט דָארְט מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר אַ יְשׁוּעָה, וֶועל אִיךְ זַיין פַאר אַייךְ אַ מֵלִיץ יוֹשֶׁר אוֹיבְן אִין הִימְל".

אַזוֹי אויךְ שְׁרַייבְּט דָאס מוֹהֲרָא"שׁ פַאר דִי פְרוֹיעֶן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, און פַאר דִי תַּלְמִידִים פוּן מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ און תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה.

אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ זַיין צִיוֹן פוּן צַייט צוּ צַייט. פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעפָארְן קַיין צְפַת, קֹדֶם הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט דֶעם דַף אוּן נָאכְדֶעם הָאבְּן מִיר זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן. פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעפָארְן קַיין בְּנֵי בְּרַק צוּ דִי חֲתֻנָּה פוּן אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה אוּן פוּן דָארְט אַהֵיים קַיין נְיוּ יָארְק.

זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אַז מֶען אִיז נִישְׁט מוֹדִיעַ פוּן פָארְאוֹיס; אִיךְ אַלֵיינְס וֵוייס נִישְׁט וֶוען אִיךְ פָאר. אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע הֵיילִיגְקֵייטְן וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אָבֶּער אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְנוּמֶען מִיט דִי תַּלְמִידִים אִין יְשִׁיבָה וְכוּ' וְכוּ'.

אַז דוּ ווילְסְט מִיטְהַאלְטְן דִי שִׁעוּרִים אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז גוּט דוּ זָאלְסְט זַיין בְּקֶשֶׁר מִיט דִי תַּלְמִידִים פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס אִיז דָא אִין יֶעדֶע שְׁטָאט אַ חֲבוּרָה פוּן תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ. זָאלְסְט הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט זֵיי וֶועלְן זֵיי דִיר מוֹדִיעַ זַיין וֶוען עֶס קוּמְט פָאר אַ שִׁעוּר אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

דֶער עִקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט דִי דִבּוּרִים וָואס דוּ הֶערְסְט, אוּן פָאלְגְן דִי עֵצוֹת - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ גָאר שֵׁיינֶע זַאכְן. וֶוער עֶס פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אִיז זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵגָה וָואס אִיז נָאר שַׁיָךְ, אַזוֹי וְוִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנד): "עַל שְׁנֵי כִּתּוֹת אֲנָשִׁים יֵשׁ לִי רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עֲלֵיהֶם", אוֹיף צְוֵויי גְרוּפֶּעס

מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחֲמָנוּת, "עַל אֵלּוּ אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב אֵלַי וְאֵינָם מִתְקָרְבִים", אוֹיף דִי וָואס הָאבְּן גֶעקֶענְט מְקוֹרָב וֶוערְן צוּ מִיר אוּן וֶוערְן נִישְׁט מְקוֹרָב, "וְעַל אֵלּוּ הַמְקֹרָבִים אֵלַי וְאֵינָם מְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי", אוּן אוֹיף דִי וָואס זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ מִיר אוּן פָאלְגְן מִיךְ נִישְׁט; "כִּי אֲנִי יוֹדֵעַ, שֶׁיִּהְיֶה עֵת, בְּעֵת שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם מֻנָּח עַל הָאָרֶץ עִם רַגְלָיו אֶל הַדֶּלֶת, אָז יִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ הֵיטֵב, וְיִתְחָרֵט מְאֹד מְאֹד עַל שֶׁלֹּא זָכָה לְהִתְקָרֵב אֵלַי, אוֹ שֶׁלֹּא קִיֵּם אֶת דְּבָרַי. כִּי אָז יֵדְעוּ שֶׁאִם הָיוּ מְקֹרָבִים אֵלַי וּמְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי, לֹא הָיָה שׁוּם דַּרְגָּא בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא הָיִיתִי מְבִיאָם לְאוֹתָהּ הַמַּדְרֵגָה, אֲבָל לֹא יוֹעִיל אָז", וַוייל עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט לִיגְן מִיט דִי פִיס צוּם טִיר, דָאס מֵיינְט וֶוען מֶען וֶועט שְׁטַארְבְּן - (וָואס דֶעמָאלְט לֵייגְט מֶען אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט דִי פִיס אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם טִיר), אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ דֶעמָאלְט אָנְקוּקְן וִוי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס, עֶר וֶועט חֲרָטָה הָאבְּן: 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן? וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן וָואלְט אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט', אָבֶער עֶס וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתמט

## ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ הַאלְטְן עֶרְלִיךְ מִיט אַ פְּרָאבְּלֶעמַאטִישֶׁע וַוייבּ?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין ווייבּ לַיידְט פוּן "בָּארְדֶערְלַיין פֶּערְסָאנַאלִיטִי דִיסְאָרְדֶער", דָאס קוּמְט מִיר נִישְׁט אָן גְרִינְג, אָבֶער פוּן צַייט צוּ צַייט בִּין אִיךְ זִיךְ מְחַזֵּק מִיט דִי שִׁעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

צוּלִיבּ מַיין ווייבּ'ס פְּרָאבְּלֶעם, בִּין אִיךְ אַבִּיסְל בַּאגְרֶענִיצְט מִיט וָואס אִיךְ קֶען טוּן פַאר פַּרְנָסָה, אוּן לֵיידֶער מוּז אִיךְ כִּמְעַט יֶעדֶע וָואךְ צוּקוּמֶען צוּ אַנְדֶערֶע.

אִיךְ בִּין אַן עֶרְלִיכֶער אִינְגֶערְמַאן, אָבֶער אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ מִיט שְׁמִירַת עֵינַיִם; סְתָּם אַזוֹי פְּרוּבִּיר אִיךְ זִיךְ צוּ הַאלְטְן עֶרְלִיךְ, אִיךְ בִּין קֶענְגְ סְמַארְטְפָאוֹנְס, אָבֶער וֶוען עֶס כַאפְּט מִיר אָן אַ שְׁוַואכֶע מִינוּט, גֵיי אִיךְ אַרַיין אִין אַ גוֹי'אִישֶׁע סֶעלְפָאוֹן גֶעשֶׁעפְט אוּן אִיךְ קוּק שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

פוּן אֵיין זַייט טְרַאכְט אִיךְ 'אִיךְ בִּין דָאךְ אַן עֶרְלִיכֶער אִינְגֶערְמַאן, ווי קוּמְט דָאס צוּ מִיר?' אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט טְרַאכְט אִיךְ אַז אִיךְ בִּין אַ גְרוֹיסֶער רַחֲמָנוּת, אִיךְ הָאבּ צוּזוּן מִיט מַיין פְּרָאבְּלֶעמַאטִישֶׁע וַוייבּ, וָואס אַסאַךְ מָאל זִידְלְט זִי מִיךְ אָן, אוּן אִיךְ בִּין אַ אִיד, אִיךְ קֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁיְיכוּת מִיט אַ צְוֵוייטֶע פְּרוֹי, אוּן פַארְוָואס הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעמַאכְט אַזַא קְלָלָה אַז וֶוען אַ פְּרוֹי וֶוערְט עֶלְטֶער פַארְלִירְט זִי אִיר שֵׁיינְקֵייט?

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, אוּן מַיין שְׁאִיפָה אִיז צוּ הָאבְּן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, אָבֶער אִיךְ פַאל כְּסֵדֶר אַרָאפּ לֵיידֶער. אִיךְ ווייס אַלֵיין נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן, אִיךְ בִּין אַלֵיין אַ גְרוֹיסֶער רַחֲמָנוּת. אַסאַךְ מָאל קוּמְט מִיר אַרַיין נַארִישֶׁע עֶקְלְדִיגֶע מַחְשָׁבוֹת, אִיךְ טְרַאכְט 'הַלְוַואי וָואלְט אִיךְ גֶעקֶענְט הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט נָאךְ פְרוֹיעֶן'.

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיךְ קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ז טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

**עֶס** אִיז נִישְׁט קַיין קוּנְץ צוּ זִינְגֶען דֶעם נִגּוּן וָואס דוּ זִינְגְּסְט אִינֶעם בְּרִיווּ, אַז דַיין וַוייבּ הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם וְכוּ' וְכוּ'; מֵיין נִישְׁט אַז אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אַרוּמְגֵיין זִינְגֶען אַ נִגּוּן אַז דַיין וַוייבּ הָאט מִיט דִי נֶערְוְון - וֶועט מֶען אוֹיף דִיר רַחֲמָנוּת הָאבְּן, עֶס וֶועט דִיר גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן, אוּן עֶס בַּארֶעכְטִיגְט נִישְׁט וָואס דוּ טוּסְט, אַז דוּ פַאלְסְט אַרָאפּ רַחְמָנָא לִצְלָן אִין עֲבֵירוֹת.

**אִיךְ** וֵויים נִישְׁט וֶוער דוּ בִּיסְט, אִיךְ קֶען דִיךְ נִישְׁט, אָבֶער פוּן דַיין בְּרִיוו זֶעט אוֹיס אַז דוּ אַלֵיין דַארְפְסְט אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה. דוּ לִיגְסְט נֶעבֶּעךְ אִין זִינְד, דוּ בִּיסְט פּוֹגֵם בַּבְּרִית רַחְמָנָא לִצְלָן; דַיין גַאנְצֶע קָאפּ אִיז דִיר פוּל מִיט טִנּוֹפֶת, דוּ שֶׁעמְסְט זִיךְ נִישְׁט צוּ שְׁרַייבְּן וֶוערְטֶער וָואס וֶוען מֶען הֶערְט דִי וֶוערְטֶער דַארְף מֶען זִיךְ רַייסְן קְרִיעָה, דוּ שְׁרַייבְּסְט: "וִוי גְלִיקְלִיךְ וָואלְט אִיךְ גֶעוֶוען וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעקֶענְט זִינְדִיגְן"; וִוי שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט אַ אִיד צוּ שְׁרַייבְּן אַזֶעלְכֶע רֵייד? אוּן נָאךְ אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט זִיךְ בַּאטִיטְלֶען אַלְס אַן עֶרְלִיכֶער אִינְגֶערְמַאן!

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר, טוּ תְּשׁוּבָה אוּן בֶּעט אִיבֶּער דַיין וַוייבּ - וֶועסְטוּ נִישְׁט לַיידְן אַזוֹיפִיל צָרוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ

זינְדיגְט 'בְּמַחֲשָׁבָה' וֶועט עֶר לַיידְן צָרוֹת פוּן זַיינֶע קִינְדֶער; וֶוען אַ מֶענְטְש זינְדיגְט 'בְּדִבּוּר' וֶועט עֶר לַיידְן צָרוֹת פוּן זַיין וַוייבּ, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְש זינְדיגְט 'בְּמַעֲשֶׂה' וֶועט עֶר לַיידְן צָרוֹת פוּן מֶענְטְשְׁן".

**מוֹהֲרָא"ש** גֶעבְּט אוּנְז דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין, אַז וֶוען אַ מֶענְטְש זינְדיגְט בְּדִבּוּר, עֶר רֶעדְט נִישְׁט שֵׁיין, עֶר טְשֶׁעפֶּעט זַיין וַוייבּ - וֶועט עֶר לַיידְן פוּן אִיר, זִי וֶועט אִים דֶערְבִּיטֶערְן דָאס לֶעבְּן. אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְש הִיט דֶעם דִבּוּר, עֶר רֶעדְט שֵׁיין, עֶר רֶעדְט נִישְׁט קַיין נִיבּוּל פֶּה, עֶר שֶׁעלְט נִישְׁט; בִּפְרַט צוּ זַיין וַוייבּ רֶעדְט עֶר וֵוייךְ, עֶר לוֹיבְּט אִיר אוּן בּוֹיט אִיר אוֹיף - וֶועט זִי נִישְׁט קְרִיגְן אוֹיף אִים, נָאר זִי וֶועט אִים פְרֵיילִיךְ מַאכְן, זִי וֶועט הָאבְּן אַלֶע חֵן אִין זַיינֶע אוֹיגְן, אוּן ווִי עֶלְטֶער מֶען וֶוערְט - וֶועלְן זֵיי הָאבְּן מֶער לִיבְּשַׁאפְט אוּן מֶער גֶעטְרֵיישַׁאפְט.

**אַ** קְלָלָה אִיז אַז מֶען זינְדיגְט; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אוֹיף דִי שֶׁענְסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע פַארְנֶעם, וֶוען מֶען וֶוערְט עֶלְטֶער וֶוערְט דָאס לִיבְּשַׁאפְט שְׁטֶערְקֶער אוּן מֶער, אַז מֶען זינְדיגְט - דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁט וֶוערְד דָאס לֶעבְּן. פִּלְאֵי פְּלָאִים ווִי אַ מֶענְטְש שְׁרַייבְּט מִיט אַזַא חֻצְפָּה אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער'ס וֶועלְט: "אַ קְלָלָה, אַז ווִי עֶלְטֶער מֶען וֶוערְט פַארְלִירְט מֶען דָאס שֵׁיינְקֵייט וְכוּ'"; וֶוען מֶען זינְדיגְט, מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן - דֶעמָאלְט פַארְלִירְט מֶען דָאס שֵׁיינְקֵייט. אַ רַחֲמָנוּת אוֹיף מֶענְטְשְׁן וָואס גֵייעֶן נִישְׁט מִיט דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה, ווַייל וֶוער עֶס הִיט דִי תּוֹרָה, וֶוער עֶס

הִיט דִי אוֹיגְן אוּן דִי מַחֲשָׁבָה, עֶר לֶעבְּט שֵׁיין מִיט זַיין וַוייבּ - וֶוערְט בַּיי אִים דָאס לֶעבְּן, דָאס שָׁלוֹם בַּיִת, דָאס שֵׁיינְקֵייט - שְׁטֶערְקֶער אוּן מֶער.

**עֶס** אִיז נִישְׁט קַיין קוּנְץ אַרָאפְּצוּקְלַאפְּן דִי וַוייבּ; אַז אַ פְּרוֹי שְׁרֵייט - מֵיינְט נִישְׁט אַז זִי הָאט מִיט דִי נֶערְוְון, אַז אַ פְּרוֹי וֵויינְט - מֵיינְט נִישְׁט אַז זִי אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט, דָאס אִיז בַּיי יֶעדֶע מֶענְטְשׁ אַזוֹי, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁוַואךְ אוּן צֶעבְּרָאכְן וֵויינְט מֶען אוּן מֶען פַארְלִירְט זִיךְ. בִּפְרַט דִי טֵייעֶרֶע פְּרוֹיעֶן וָואס כְּלַל יִשְׂרָאֵל שְׁטֵייט אוֹיף זֵיי, דִי בּוֹיעֶרִינְס פוּן אִידִישְׁן פָאלְק, וָואס צִיעֶן אוֹיף קִינְדֶער, וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי אַזוֹיפִיל יִסוּרִים - צַעַר הָעִבּוּר, צַעַר הַלֵּדָה אוּן נָאכְדֶעם צַעַר הַגִּדוּל, דָאס וַוארְטְן, דָאס גֶעבּוֹירְן אוּן אוֹיפְצִיעֶן - דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, אוּן אַז דֶער מַאן אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶער, עֶר זוּכְט נָאר חֶסְרוֹנוֹת אִין אִיר, אַוַדאי שְׁרֵייט מֶען אוּן אַוַדאי וֵויינְט מֶען, דָאס מַאכְט נָאכְנִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ פַאר אַ 'מֶענְטְל קֶעיס', דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז זִי אִיז דֶער פְּרָאבְּלֶעם.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר אוּן אִיךְ וָוארְן דִיךְ, גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין לֶעבְּן; מַאךְ נִישְׁט חָרוּב דַיין שְׁטוּבּ. הֶער אוֹיף רֶעדְן פוּן אִירֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, הוֹיבּ אָן זוּכְן אִין אִיר גוּטְס, הוֹיבּ אָן זוּכְן אִין אִיר מַעֲלוֹת. דִי עֶרְשְׁטֶע מַעֲלָה וָואס זִי הָאט - אַז זִי וואוֹינְט בִּכְלַל מִיט דִיר, זִי אִיז נָאכְנִישְׁט אַנְטְלָאפְן פוּן אַ מַאן וָואס קוּקְט אִיר אַזוֹי אַרָאפּ, אוּן נָאךְ פִיל מַעֲלוֹת וָואס זִי הָאט.

**מַאךְ** אִיר פְרֵיילִיךְ; דוּ זַיי אִיר טֶערָאפִּיסְט, דוּ קֶענְסְט אִיר אוֹיסְהֵיילְן. אַ גוּטֶער מַאן, אַ גֶעטְרֵייעֶר מַאן - קֶען אוֹיסְהֵיילְן דִי וַוייבּ פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען. דֶער מַאן אִיז דֶער וָואס דַארְף מְחַזֵק זַיין אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי וַוייבּ מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט, דֶעמָאלְט גֵייעֶן אַוֶועק אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן אַלֶע קְרַאנְקְהֵייטְן.

**אַז** דוּ וֶועסְט זוּכְן אִין אִיר גוּטְס - וֶועט זִי נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִיר, זִי וֶועט לֶעבְּן מִיט דִיר; אִיר וֶועט לֶעבְּן וִוי צְוֵויי טוֹיבְּן אִין אַ חָלוֹם.

## תתנ

### פַארְוָואס וֶוען מֶען וִויל זַיין וואוֹיל קוּמֶען אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יִיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִזוּק, בְּרִיוו אוּן דְרָשׁוֹת; דָאס גֶעבְּט מִיר כֹּחַ זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן אַרוֹיסְכַאפְּן יֶעדְן טָאג תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, פַּרְנָסָה אוּן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ, רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי קִינְדֶער אוּן נָאךְ פִילֶע גוּטֶע זַאכְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אִין לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק א', סִימָן פז) וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל אָנְהוֹיבְּן גֵיין אוֹיפְן גוּטְן אוּן עֶרְלִיכְן וֶועג - דַוְקָא דֶעמָאלְט וֶוערְט נִתְעוֹרֵר אוֹיף אִים דִינִים; ווִיל אִיךְ בֶּעטְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַסְבִּיר צוּ זַיין וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט דָא, וִוי אַזוֹי דָאס אַרְבֶּעט אוּן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען לֶעבְּן מִיט דֶעם.

אִיךְ אַרְבֶּעט אוֹיף מִיר אִיךְ זָאל זַיין גוּט אוּן וואוּיל, עֶס אִיז מִיר נִישְׁט גְרִינְג, עֶס קָאסְט מִיר אַסַאךְ כֹּחַ, אוּן אַסַאךְ מָאל וֶוער אִיךְ מַמָּשׁ אוֹיסְגֶעבְּרֶענְט, אִיךְ פְּרוּבִּיר אָבֶּער דָאס בֶּעסְטֶע.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ח טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הוֹיבְּט אָן דִי תּוֹרָה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן פז) מִיט אַ שְׁטַארְקֶע קַשְׁיָא וָואס אַלֶע הָאבְּן, "אָנוּ רוֹאִין בְּחוּשׁ, תֵּכֶף כְּשֶׁאָדָם רוֹצֶה לֵילֵךְ בְּדֶרֶךְ הַיָּשָׁר מִתְעוֹרְרִין עָלָיו דִינִים, וְהַסְּבָרָא הוּא לְהֵפֶךְ", פַארְוָואס וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הוֹיבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הוֹיבְּט אָן אִיבֶּער צוּ גֵיין אוֹיף אִים שְׁוֶועריִקֵייטְן, צָרוֹת אוּן יִסוּרִים; עֶס וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט זַיין פַארְקֶערְט, אַז וֶוען מֶען הוֹיבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל קוּמֶען רַחֲמִים וַחֲסָדִים!

**זָאגְט** דֶער רֶבִּי: "כִּי יֵשׁ שְׁנֵי מִינֵי יִרְאָה, יִרְאַת הָעֹנֶשׁ וְיִרְאַת הָרוֹמְמוּת", עֶס זֶענֶען דָא צְוֵויי סָארְט מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז דָא וָואס זֵייעֶר מוֹרָא פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז 'יִרְאַת הָעֹנֶשׁ' - עֶר הָאט מוֹרָא אַז עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען אַ שְׁטְרָאף, וָואס דָאס אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע

מַדְרֵגָה; דָאס אַלֵיינְס אַז מֶען הָאט מוֹרָא פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטְרָאפְט אוּיבּ מֶען זִינְדִיגְט, דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מַדְרֵגָה. דָאס גְלֵייבְּן אַז דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט אַ הֶפְקֵר וֶועלְט, נָאר אוּיבּ מֶען זִינְדִיגְט אוּן מֶען טוּט נִישְׁט תְּשׁוּבָה בַּאקוּמְט מֶען אַן עֹנֶשׁ - טוּט אָפְּהִיטְן דֶעם מֶענְטְשׁ מֶען זָאל נִישְׁט זִינְדִיגְן אוּן מֶען זָאל זִיךְ אוֹיפְפִירְן ווִי אַזוֹי דִי תּוֹרָה הֵייסְט.

**עֶס** אִיז אַ גְרוֹיסֶע מַדְרֵגָה וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט מוֹרָא פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים נִישְׁט שְׁטְרָאפְן, דָאךְ אִיז דָאס נִישְׁט דֶער צִיל צוּ וָואס מֶען דַארְף צוּקוּמֶען. דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תִּקּוּנֵי זֹהַר ה:) רוּפְט אָן יִרְאַת הָעֹנֶשׁ אַ שְׁוַואכֶע יִרְאָה וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס, נָאר פוּנֶעם עֹנֶשׁ וָואס מֶען וֶועט בַּאקוּמֶען פוּן אִים, דָאס אִיז אַזוֹי ווִי אַ קִינְד וָואס הָאט מוֹרָא פוּנֶעם שְׁטֶעקְן אוּן נִישְׁט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ וָואס כַאפְּט אָן דֶעם שְׁטֶעקְן.

**דֶער** עִקָּר צוּ וָואס מֶען דַארְף צוּקוּמֶען אִיז צוּ 'יִרְאַת הָרוֹמְמוּת' - מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס, אָבֶּער מֶען קֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ דִי מַדְרֵגָה - נָאר אַז מֶען הָאט קֹדֶם יִרְאַת הָעֹנֶשׁ, מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם עֹנֶשׁ, הֶערְשְׁט נָאכְדֶעם קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ יִרְאַת הָרוֹמְמוּת, מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, שָׁם): "יִרְאַת הָעֹנֶשׁ נִקְרָא צֶדֶק", מוֹרָא הָאבְּן פוּן אַן עֹנֶשׁ וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'צֶדֶק', וַוייל

צֶדֶק אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן מִשְׁפָּט, מֶען הָאט מוֹרָא צוּ טוּן שְׁלֶעכְטְס וַוייל מֶען וֶועט אִים מִשְׁפָּט'ן אוּן מֶען וֶועט בַּאקוּמֶען אַ שְׁטְרָאף. "וְיִרְאַת הָרוֹמְמוּת נִקְרָא אֱמוּנָה", ווִידֶערְאוּם מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס, דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'אֱמוּנָה', "כִּי מֵחֲמַת שֶׁהוּא מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הוּא רַב וְשַׁלִּיט עִקָּרָא וְשָׁרְשָׁא דְּכָל עָלְמִין, הוּא יָרֵא מִמֶּנּוּ וְיָדוּעַ הוּא", וַוייל וֶוען מֶען גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוּיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט אַלֶעס אוּן הֶערְט אַלֶעס וָואס מֶען טוּט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ פִּינְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן וְכוּ', דוּרְךְ דֶעם קוּמְט מֶען צוּ דִי מַדְרֵגָה אַז מֶען הוֹיבְּט אָן מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס, "כִּי אִי אֶפְשָׁר לָבוֹא לֶאֱמוּנָה רַק עַל יְדֵי יִרְאַת הָעֹנֶשׁ", אָבֶּער מֶען קֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, מֶען זָאל לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - נָאר אַז מֶען הָאט יִרְאַת הָעֹנֶשׁ, "כִּי מֵחֲמַת שֶׁהוּא יָרֵא מֵהָעֹנֶשׁ מַאֲמִין שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הוּא תַּקִּיף וּבַעַל הַיְּכֹלֶת וּבַעַל הַכֹּחוֹת כֻּלָּם, וּמִזֶּה בָּא לֶאֱמוּנָה יוֹתֵר גְּדוֹלָה", אַז מֶען הָאט מוֹרָא פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען וֶועט וֶוערְן גֶעשְׁטְרָאפְט, פוּן דֶעם בּוֹיט זִיךְ אוֹיף אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה.

יֶעצְט פַארְשְׁטֵייט מֶען שׁוֹין פַארְוָואס וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הוֹיבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים שְׁוֶועריקֵייטְן, וַוייל: "תֵּכֶף כְּשֶׁרוֹצֶה לֵילֵךְ בְּדֶרֶךְ הַיָּשָׁר, צָרִיךְ לִהְיוֹת לוֹ יִרְאָה הַנִּקְרָא צֶדֶק", עֶרְשְׁט דַארְף מֶען אָנְהוֹיבְּן

מִיט יִרְאַת הָעֹנֶשׁ, וָואס בַּיי דֶעם שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ט, ט): "וְהוּא יִשְׁפֹּט תֵּבֵל בְּצֶדֶק", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִשְׁפָּט דֶעם מֶענְטְשׁ לוֹיט וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, "לְפִיכָךְ מִתְעוֹרְרִין עָלָיו הַדִּינִים", דֶערִיבֶּער גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אִים וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער, "אַךְ כְּשֶׁבָּא אֶל הָאֱמֶת, הַיְנוּ אֶל הַיִּרְאָה הַנִּקְרָא אֱמוּנָה", אוּן וִויבַּאלְד דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ אוּן הָאט אֱמוּנָה, עֶר ווייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, "אָז כָּל הַדִּינִין נִמְתָּקִין בְּשָׁרְשָׁן", וֶוערְן אַלֶע דִינִים בָּטֵל פוּן אִים, ווייל עֶר נֶעמְט אַריין אִין זִיךְ אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶוערְט פוּן 'צֶדֶק' - 'אֱמוּנָה', אוּן דֶעמָאלְט: "וְכָל טִיבוּ וְכָל נְהוֹרָא שַׁרְיָא בָּהּ", הָאט דֶער מֶענְטְשׁ אַלֶע לִיכְטִיגְקֵייטְן אוּן אַלֶע גוּטְס.

**דֶער** עִקָּר דַארְפְן מִיר קֹדֶם בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן מוֹרָא הָאבְּן פוּן אִים - כָּאטְשׁ דִי יִרְאַת הָעֹנֶשׁ - וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'צֶדֶק', וֶועלְן מִיר נָאכְדֶעם זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְן מִיט אֱמוּנָה אוּן מִיר וֶועלְן הָאבְּן אַלֶעס גוּטְס.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתנא

## יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן דִי שִׁעוּרִים

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ הַיינְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן גְּמָרָא מַסֶּכֶת עֲרָכִין, אִין זְכוּת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אַז מֶען קֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה, מַיינֶע עֶלְטֶערְן קוּקְן שׁוֹין אַרוֹיס צוּ מַיין סִיּוּם הַשַּׁ"ס אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְן עֶנְטְפֶערְן מַיין בְּרִיוו[ח] וֶועגְן עֶסְן פַארְן דַאוֶונֶען. אִיךְ עֶס שׁוֹין נִישְׁט בָּרוּךְ ה' פַארְן דַאוֶוענֶען, אָבֶּער נֶעכְטְן פַארְן דַאוֶוענֶען בִּין אִיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג אוּן אִיךְ הָאבּ יָא גֶעגֶעסְן, שְׁפֶּעטֶער אִינְמִיטְן טָאג הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעקוֹיפְט אַ נֵייעֶ צִיצִית אוּן אִין דִי עֶרְשְׁטֶע מִינוּט נָאכְן עֶס אָנְטוּן הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן דֶערוֹיף אַ גַאנְצֶע גְלֶעזְל סָאדֶע. נָאכְן מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס קוּמְט וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעסְן פַארְן דַאוֶוענֶען, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת (אוֹת בְּגָדִים, סִימָן ה): "מִי שֶׁאוֹכֵל קֹדֶם הַתְּפִלָּה, נֶעֱנַשׁ בִּבְגָדִים"; הָאבּ אִיךְ זִיךְ פוּן פְרִישׁ פָארְגֶענוּמֶען מֶער נִישְׁט צוּ עֶסְן פַארְן דַאוֶוענֶען.

אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ נָאר אִין זְכוּת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, וָואס הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אַזַא יוּנְגֶער בָּחוּר ווִי מִיר אַז קַיין שׁוּם זַאךְ גֶעשֶׁעט נִישְׁט פֶערְצוּפַאל, נָאר אַלֶעס הָאט אַ חֶשְׁבּוֹן, מֶען דַארְף נָאר מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ אוּן דַאן שְׁווִימְט אַלֶעס אַרוֹיף.

אַ בַּאזוּנְדֶערֶע יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי וֶועכְטְנְלִיכֶע קוּנְטְרֵס "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה", אִיךְ לֵיין עֶס אַדוּרְךְ יֶעדֶע וָואךְ פוּן דֶעקְל צוּ דֶעקְל, עֶס אִיז מַמָּשׁ מְחַיֶּה נְפָשׁוֹת.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

---

ח. דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ד טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.

**װאוִיל** אִיז דִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דוּ נוּצְט אוֹיס דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן מִיט הַתְמָדָה בַּתּוֹרָה; נָאךְ אַבִּיסְל בִּיסְטוּ זוֹכֶה צוּ מְסַיֵּם זַיין גַאנְץ שַׁ"ס.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קנב.): "יַנְקוּתָא כְּלִילָא דְּוַרְדָּא", דִי שֶׁענְסְטֶע זְמַן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ זֶענֶען זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן. אַזוֹי װִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן עג): "הָעַבְדוּת שֶׁאָדָם עוֹבֵד אֶת הַשֵּׁם בְּבַחֲרוּתוֹ כָּל יוֹם, עֶרְכּוֹ יָקָר מִשָּׁנִים רַבּוֹת שֶׁל עֲבוֹדָה לְעֵת זִקְנָתוֹ", יֶעדְן טָאג עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אִיז חָשׁוּבֶ'ער פוּן עֶטְלִיכֶע יָאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אוֹיף דֶער עֶלְטֶער.

**זַיי** מַמְשִׁיךְ מִיט דַיינֶע שִׁעוּרִים כְּסִדְרָן עַל פִּי סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן רֶבִּי'ן (הַמְבֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), מַאךְ זִיךְ שִׁעוּרִים אִין מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְּמָרָא אוּן מִדְרָשׁ; זֶע אוֹיךְ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תִּקּוּנִים, װָאס דָאס אִיז מְזַכֵּךְ וּמְטַהֵר דֶעם נֶפֶשׁ. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכָה אוּן זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִלִּים.

**אַלֶע** בְּרִיװ פוּן סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אִיז גֶעשְׁרִיבְּן פַאר דִיר. דָאס אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט צוּ 'לֵיינֶען', דָאס אִיז אַ לִימּוּד, עֶס אִיז גֶעמַאכְט צוּ 'לֶערְנֶען'. לֶערְן דָאס דוּרְךְ אֵיינְמָאל אוּן

נָאכְאַמָאל וֶועסְטוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דוּ וֶועסְט זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אִין אַלֶע שְׁוֶוערֶע צַייטְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**דִי גְרֶעסְטֶע כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז וֶוען מֶען פִירְט זִיךְ עֶרְלִיךְ**[ט]

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת רְאֵה, כ״ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער תַּלְמִיד ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וואוּיל** אִיז דִיר אַז דוּ נוּצְט אוּיס דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן מִיטְן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט צוּ זֶען דֶעם חֶשְׁבּוֹן וויפִיל דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען דֶעם יָאר, אַזוֹיפִיל פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן דַפִּים גְמָרָא וְכוּ׳ וְכוּ׳.

**אִיךְ** שִׁיק דִיר צוּרִיק דֶעם בְּרִיוו וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן, אִיךְ וויל דוּ זָאלְסְט דָאס וַוייזְן פַאר דַיין טַאטֶע אוּן מַאמֶע; זָאלְן זֵיי זֶען נַחַת פוּן דִיר. וַוייז זֵיי דֶעם בְּרִיוו, דֶעם חֶשְׁבּוֹן וָואס דוּ הָאסְט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן, וויפִיל תּוֹרָה דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט דֶעם יָאר - וֶועסְטוּ זֵיי מְחַיֶ׳ זַיין.

**דָאס** אִיז דִי גְרֶעסְטֶע כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אַז עֶלְטֶערְן זֶעעֶן ווִי זֵייעֶר קִינְד לֶערְנְט אוּן פִירְט זִיךְ מִיט גוּטֶע מִדּוֹת.

---

ט. קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, שְׁנַת תשע״ט.

אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו.) אוֹיפְן פָּסוּק (דְבָרִים ו, ה): "'וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹקֶיךָ', שֶׁיְּהֵא שֵׁם שָׁמַיִם מִתְאַהֵב עַל יָדְךָ", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זֶען אַז דוּרְךְ אִים זָאלְן מֶענְטְשְׁן לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן עֶר אִיז מְשַׁמֵּשׁ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, אוּיבּ פִירְט עֶר זִיךְ אוֹיף מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, וָואס זָאגְן מֶענְטְשְׁן? "אַשְׁרֵי אָבִיו, אַשְׁרֵי רַבּוֹ, שֶׁלִּמְדוֹ תּוֹרָה", ווייל זֶענֶען זַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן ווייל אִיז פַאר זַיינֶע רֶבִּי'ס וָואס הָאבְּן אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה. ווִידֶער פַארְקֶערְט, וֶוען מֶען זֶעט אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶערְנְט נִישְׁט, זָאגְט מֶען: "אוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת שֶׁלֹּא לָמְדוּ תּוֹרָה", וֵויי אִיז פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט קַיין תּוֹרָה; קוּק ווִי שֵׁיין דֶער מֶענְטְשׁ וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה פִירְט זִיךְ אוֹיף, אוֹיף אִים אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק (יְשַׁעְיָה מט, ג): "וַיֹּאמֶר לִי עַבְדִּי אָתָּה, יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "אִיךְ בַּארִים זִיךְ מִיט דִיר". אָבֶּער דֶער וָואס פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, וָואס זָאגְן מֶענְטְשְׁן? "אוֹי לוֹ לִפְלוֹנִי שֶׁלָּמַד תּוֹרָה, אוֹי לוֹ לְאָבִיו וּלְרַבּוֹ שֶׁלִּמְּדוּ תּוֹרָה", וֵויי פַאר אִים אוּן וֵויי פַאר זַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן רֶבִּי'ס וָואס הָאבְּן אִים גֶעלֶערְנְט וְכוּ'; עַיֵּין שָׁם.

**בְּנוֹגֵעַ** עֶסְן פַארְן דַאוֶוענֶען וְכוּ', דוּ ווִילְסְט ווִיסְן וָואס צוּ טוּן מֵחֲמַת דַיין רְגִילוּת צוּ עֶסְן פַארְן דַאוֶוענֶען; דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז - דוּ זָאלְסְט דַאוֶוענֶען גְלַייךְ וֶוען דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף. גֵיי אִין מִקְוֶה, זוּךְ אַ מִנְיָן אוּן שְׁטֶעל זִיךְ דַאוֶוענֶען,

וַוייל מֶען טָאר נִישְׁט עֶסְן פַארְן דַאוֶוענֶען, דָאס אִיז אַ בְּפֵירוּשׁ'עֶ הֲלָכָה (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן פט, סְעִיף ג).

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

## תתנב

### וֶועל אִיךְ נָאךְ אַמָאל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דֶעם פָארְגַאנְגֶענֶעם שַׁבָּת פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ בַּיים "שַׁבָּת סִיּוּם הַשַּׁ"ס", און אִיךְ הָאבּ אַ גַאנְץ שַׁבָּת מַמָּשׁ גֶעוֵויינְט. אִיךְ קוּק זִיךְ אַרוּם און אִיךְ זֶע ווִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה וָואס זֶענֶען אַריינְגֶעקוּמֶען נָאךְ מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט שַׁ"ס, און וואוּ בִּין אִיךְ? אִיךְ לֶערְן שׁוֹין אִין יְשִׁיבָה אַפָּאר יָאר און אִיךְ הַאלְט נָאךְ בַּיי גָארְנִישְׁט.

אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ שׁוֹין יָארְן מַמָּשׁ בְּלוֹיז צוּ זַיין אַ פָּשׁוּטֶ'ער אִיד, מִיט פְּשִׁטוּת יַהֲדוּת. אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן גְרוֹיסֶע נַארִישְׁקֵייטְן אַלְס יוּנְגֶער בָּחוּר און זַייט דֶעמָאלְט מוּטְשֶׁע אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר אִין אִידִישְׁקֵייט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט דֶעמָאלְט אִין וָואס אִיךְ לָאז זִיךְ אַריין, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז אִיךְ וֶועל זִיךְ דַארְפְן אַזוֹי שְׁטַארְק מוּטְשֶׁען מִיט פְּשִׁטוּת יַהֲדוּת. יָא מְחַלֵּל שַׁבָּת זַיין אָדֶער נִישְׁט מְחַלֵּל שַׁבָּת זַיין, יָא גֵיין מִיט אַ מֵיידְל אָדֶער נִישְׁט גֵיין מִיט אַ מֵיידְל, וְכוּ' וְכוּ'.

טַייעֶרֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער, אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ ווִיל זַיין גוּט, אָבֶּער אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ שׁוֹין אוֹיף דִי זֶעלְבֶּע זַאכְן פַאר אַפָּאר יָאר און אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט קַיין כֹּחַ. וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן, הַלְוַאי וָואלְט אִיךְ עֶס גֶעקֶענְט צוּרִיק דְרֵייעֶן, אָבֶּער יֶעצְט ווִיל אִיךְ זַיין גוּט.

איך ווייס אַז דער ראש ישיבה קען מיר העלפן, און איך בעט זייער אַז דער ראש ישיבה זאָל מיך טוישן צום גוטן. איך וויין מיט טייכן טרערן יעצט בשעת'ן שרייבן דעם בריוו, ווייל איך ווייס אַז איך וויל באמת זיין אַן ערליכער איד, אָבער איך שפיר אַז איך בין שוין פאַרטיג, איך גיב שוין אויף, איך קען נישט מער.

איך בעט זייער דעם ראש ישיבה מיר צו העלפן.

יישר כח

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת וָאֵרָא, כ"ד טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה**

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט נִישְׁט זַיין צֶעבְּרָאכְן צוּלִיבּ דַיין עָבַר; יֶעדֶער אִיד קֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוּן אָנְהוֹיבְּן אַ נֵייעֶ בְּלֶעטְל אִין לֶעבְּן, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס מֶען הָאט אַלְץ אָפְּגֶעטוּן קֶען מֶען אֵייבִּיג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דָאס** וָואס דוּ טְרַאכְסְט שְׁטֶענְדִיג פוּן דַיין פַארְגַאנְגֶענְהֵייט - אִיז מַעֲשֵׂה שָׂטָן וָואס הַאקְט דֶעם מֶענְטְשׁ אִין קָאפּ: "דוּ בִּיסְט מְמֵילָא גָארְנִישְׁט"; "דוּ הָאסְט גֶעטוּן דָאס אוּן דָאס"; בִּיז דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן אוּן קֶערְט זִיךְ צוּרִיק צוּ זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים.

**דְרֵיי** זִיךְ נִישְׁט אַרוּם מִיט אַ שׁוּלְד גֶעפִיל פוּנֶעם פַארְגַאנְגֶענְהֵייט, פַארְגֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען אוּן הוֹיבּ

אָן פוּן פְּרִישׁ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו): "בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ חִסָּרוֹן, אָבֶער בַּיי מִיר אִיז שִׁכְחָה אַ מַעֲלָה", מֶענְטְשְׁן רֶעדְן זִיךְ אָפּ אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אַ גוּטֶע זִכָּרוֹן, זֵיי פַארְגֶעסְן וָואס אִיז גֶעוֶוען, מֶען מֵיינְט אַז דָאס אִיז אַ חִסָּרוֹן, אָבֶער עֶס אִיז פַּארְקֶערְט, דָאס אִיז נָאר אַ מַעֲלָה, וַוייל וֶוען עֶס וָואלְט וֶוען נִישְׁט גֶעוֶוען שִׁכְחָה - וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וָואלְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט טְרַאכְטְן פוּנֶעם פַארְגַאנְגֶענְהֵייט, פוּן אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער אוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶען אִיז אַדוּרְךְ, דָאס וָואלְט גוֹרֵם גֶעוֶוען אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט וֶועלְן נָאכְאַמָאל פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶער יֶעצְט אַז עֶס אִיז דָא שִׁכְחָה - קֶען מֶען זִיךְ בַּאנֵייעֶן אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן ווִי חָשׁוּב עֶס אִיז אוֹיבְן אִין הִימְל וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו.): "גְּדוֹלָה תְּשׁוּבָה שֶׁמַּגַּעַת עַד כִּסֵּא הַכָּבוֹד", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה קוּמְט עֶר אָן בִּיזְן כִּסֵּא הַכָּבוֹד; אִין אֵיין סֶעקוּנְדֶע קֶען מֶען אָנְקוּמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית, פוּן דִי וַוייטְסְטֶע פְּלַאץ - בִּיזְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס, דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען זָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים; אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט טוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אִיךְ הוֹיבּ אָן פוּנְדָאסְנֵיי"; מֶען נֶעמְט אַוֶועק פוּן זִיךְ אַלֶע עוֹנְשִׁים, אוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת וֶוערְן אוֹיסְגֶעמֶעקְט.

**קְלַאפּ** זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ וֶוען דוּ זֶעסְט אִין יְשִׁיבָה בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען נָאךְ דִיר אוּן זֵיי הָאבְּן אִין

אַ קוּרְצֶע צַייט גֶעעֶנְדִיגְט שַ"ס וְכוּ' וְכוּ'; מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן פוּן אַנְדֶערֶע. עֶס אִיז ווִיכְטִיג דוּ זָאלְסְט נָאכְקוּקְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת פֶּסַח ט, אוֹת כב) פִּינְקְט ווִי אַ מֶענְטְש דַארְף זִיךְ מְחַזֵּק זַיין נִישְׁט צוּ הָאבְּן קַיין הִתְפַּעֲלוּת פוּן שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס מַאכְן חוֹזֵק פוּן אִים וֶוען עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעפַּאלְן, אַזוֹי אוֹיךְ אוּן נָאךְ אַסַאךְ מֶער - זָאגְט רֶבִּי נָתָן - דַארְף אַ מֶענְטְש זַיין בַּיי זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן זַיינֶע עֶרְלִיכֶע חֲבֵרִים, וֶוען עֶר זֶעט ווִי זֵיי שְׁטֵייגְן אוּן זֶענֶען מַצְלִיחַ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, וֶוען מֶען קוּקְט זִיךְ אָן אוּן מֶען זֶעט ווִי אַזוֹי מֶען זֶעט אוֹיס וְכוּ'.

דֶער עִקָּר דַארְף אַ מֶענְטְש קוּקְן אוֹיף זִיךְ אַלֵיינְס אוּן אַרוֹיסְכַאפְּן גוּטֶע זַאכְן צוּ מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אַז מֶען קוּקְט נָאר אוֹיף זִיךְ. אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט בַּיי אַבְרָהָם אָבִינוּ (יְחֶזְקֵאל לג, כד): "אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם", אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר ווַייל עֶר הָאט אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעקוּקְט (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, הַשְׁמָטָה).

זַיי נִישְׁט מְקַנֵּא אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה; אֲפִלּוּ אוֹיף גוּטֶע זַאכְן טָאר מֶען נִישְׁט מְקַנֵּא זַיין אַ צְוֵייטְן אוּן וֶועלְן יֶענֶעם נָאכְמַאכְן. מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא כא.): "קִנְאַת סוֹפְרִים תַּרְבֶּה חָכְמָה", אִיז נִישְׁט פְּשַׁט אַז מֶען זָאגְט דֶעם מֶענְטְש: 'דוּ דַארְפְסְט מְקַנֵּא זַיין אַ צְוֵייטְן אוּן אִים נָאכְמַאכְן', ווַייל חֲכָמֵינוּ

זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן נִישְׁט: "קִנְאַת סוֹפְרִים תַּרְבֶּה 'סוֹפְרִים'", נָאר: "קִנְאַת סוֹפְרִים תַּרְבֶּה 'חָכְמָה'", דִי נְקוּדָה אִיז נִישְׁט יֶענֶעם נָאכְצוּמַאכְן, נָאר וֶוען אִיךְ זֶע וִוי יֶענֶער אִיז זַייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ, תַּרְבֶּה 'חָכְמָה', דַארְף אִיךְ טְרַאכְטְן צוּ מִיר: 'וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיךְ זָאל מַצְלִיחַ זַיין אִין מַיין זַאךְ?'

**אִיךְ** הָאף דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְנֶעמֶען חִזּוּק פוּן מַיינֶע וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר, דוּ וֶועסְט לֶעבְן מִיט דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער הֵיילִיגֶער תַּם פְלֶעגְט זָאגְן וֶוען מֶען הָאט גֶערֶעדְט צוּ אִים פוּן אַנְדֶערֶע (ספּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ט', מֵחָכָם וְתָּם): "וָואס הָאט דָאס צוּ טוּן מִיט מִיר? דָאס אִיז יֶענֶעמְ'ס מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה; אוּן וַוייטֶער פַארְוָואס דַארְפְן מִיר שְׁמוּעֶסְן פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, לָאמִיר מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן וִויפִיל אִיךְ הָאבּ פַארְדִינְט".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתנג

### דֶער גַבַּאי פוּן שׁוּל הָאט מִיךְ זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט, זָאל אִיךְ צוּרִיקְגֵיין אַהִין?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ דַאוֶוען אִין אַ גְרוֹיסֶע שׁוּל אִין מַיין גֶעגְנְט, אוּן דִי וָואךְ הָאט אֵיינֶער עֶפֶּעס שָׁאדְן גֶעמַאכְט פַאר דִי שׁוּל, אוּן דֶער גַבַּאי הָאט בַּאשְׁלָאסְן אַז אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעטוּן, אוּן לִכְבוֹד דֶעם הָאט עֶר מִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק

פַארְשֶׁעמְט אִין פָארְנְט פוּן יֶעדְן, מִיט מוֹרָא'דִיגֶע בִּזְיוֹנוֹת, אָן אֲפִלּוּ מְבָרֵר זַיין צִי עֶס אִיז אֱמֶת. אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן פוּן דֶעם אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אַז נֶעכְטְן הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוֶוענְט מִנְחָה מַעֲרִיב אִינְדֶערְהֵיים, אִיךְ הָאבּ זִיךְ פָּשׁוּט גֶעשֶׁעמְט צוּ גֵיין אִין שׁוּל. אוּן אִיךְ טְרַאכְט - נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל צוּרִיקְצוּגֵיין אַהִין - וִוי לַאנְג עֶר קוּמְט מִיךְ נִישְׁט אִיבֶּערְבֶּעטְן; וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ד טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

## גֵיי צוּרִיק דַאוֶוענֶען אִין שׁוּל אוּן מַאךְ נִישְׁט קַיין עֵסֶק פוּן דֶעם וָואס דֶער גַבַּאי הָאט דִיךְ פַארְשֶׁעמְט.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ו): "וְעִקַּר הַתְּשׁוּבָה כְּשֶׁיִּשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ, יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק", אַז מֶען וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט אוּן מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ, דָאס אִיז דֶער עִקָּר וִוי אַזוֹי מֶען טוּט תְּשׁוּבָה; מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אַמָאל אִיז דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה גֶעגַאנְגֶען מִיט אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, אוֹיפְן וֶועג אִיז צוּגֶעקוּמֶען אַ מִתְנַגֵּד אוּן גֶעוָוארְפְן אוֹיפְן טְשֶׁערִינֶער רָב אַ שְׁטִיק צוֹאָה, דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ שֵׁיינֶע זַייְדֶענֶע בֶּעקִיטְשֶׁע אוּן דִי בֶּעקִיטְשֶׁע אִיז אִים פַארְשְׁמִירְט גֶעוָוארְן, עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט וואוּסְנְדִיג גֶעמַאכְט פוּן

דֶעם נָאר עֶר אִיז וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען, אָבֶּער דֶער אַנְדֶערֶער וָואס אִיז מִיטְגֶעגַאנְגֶען מִיט אִים הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּ דֶעם מִתְנַגֵּד אוּן אָנְגֶעפַאנְגֶען שְׁרֵייעֶן: "שֵׁגֶץ!" וְכוּ' אוּן דֶער מִתְנַגֵּד הָאט צוּרִיק גֶעשְׁרִיגְן וְכוּ', הָאט דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב אִים אָנְגֶעכַאפְּט אוּן גֶעזָאגְט: "שְׁוַויג, דָאס אִיז דָאךְ אוּנְזֶער זַאךְ", אוּן עֶר הָאט צוּגֶעלֵייגְט: "אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ שְׁוַוייגְט אָפּ אוֹיף בִּזְיוֹנוֹת אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ גָאר שֵׁיינֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט".

**בְּלַייבּ** דַאוֶוענֶען אִינֶעם שׁוּל וואו דוּ דַאוֶוענְסְט; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:): "כָּל הַקּוֹבֵעַ מָקוֹם לִתְפִלָּתוֹ, אֱלֹקֵי אַבְרָהָם בְּעֶזְרוֹ", וֶוער עֶס אִיז זִיךְ קוֹבֵעַ אַ פְּלַאץ וואו צוּ דַאוֶוענֶען בִּקְבִיעוּת - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - וָואס הָאט גֶעהָאלְפְן אַבְרָהָם אָבִינוּ - אִים אוֹיךְ הֶעלְפְן, "וּכְשֶׁמֵּת, אוֹמְרִים לוֹ, אִי עָנָיו, אִי חָסִיד, מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ", אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְבְּט זָאגְט מֶען אוֹיף אִים בַּיים הֶסְפֵּד: וַויי פַאר דֶעם עָנָיו וָואס אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, וַויי פַאר דֶעם חָסִיד וָואס אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי תַּלְמִידִים פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ; זֶעט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶער וָואס בְּלַייבְּט דַאוֶוענֶען אִינֶעם זֶעלְבְן שׁוּל, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיבּ מֶען פַארְשֶׁעמְט אִים, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, עֶר קוּמְט אִין שׁוּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַן "עָנָיו" אוּן אַ "חָסִיד", אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז "מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ", וַוייל אוֹיבּ וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין עָנָיו - וָואלְט עֶר שׁוֹין לַאנְג

אַוֶועק גֶעלָאפְן פוּן דָארְט, נָאכְדֶעם וָואלְט עֶר אַוֶועקְגֶעלָאפְן פוּן דֶעם אַנְדֶערְן שׁוּל אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אָבֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַן עָנָיו, עֶר וֵוייסְט בַּיי זִיךְ: 'אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט, אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט, אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט אוּן אִיךְ וִויל גָארְנִישְׁט; אִיךְ קוּם נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם דָא אִין שׁוּל, אִיךְ קוּם נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן', דָאס אִיז אַ סִימָן פוּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתנד

### זָאל אִיךְ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט שַׁדְכָנוּת?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין אַ שַׁדְכָן', הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אַ זַאךְ וָואס שְׁטֶערְט מִיךְ שׁוֹין זֵייעֶר לַאנְג.

אִיךְ בִּין אַ שַׁדְכָן שׁוֹין פַאר יָארְן לַאנְג, אֵיינְס פוּן דִי שַׁדוּכִים וָואס אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעפִירְט הָאט זִיךְ זֵייעֶר נִישְׁט גוּט אוֹיסְגֶעלָאזְט, מֶען הָאט זִיךְ צֶעקְרִיגְט אוּן אַפָּאר קִינְדֶער זֶענֶען נֶעבֶּעךְ חָרוּב גֶעוָוארְן לֹא עָלֵינוּ, אוּן אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע שׁוּלְד גֶעפִיל דֶערְפוּן, אַז אֶפְשָׁר הָאבּ אִיךְ זִיךְ נִישְׁט גֶענוּג גוּט נָאכְגֶעפְרֶעגְט פַארְן שִׁדּוּךְ אַז עֶס אִיז

---

י. דֶער בְּרִיוו [אִיז] בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו.

אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דוּרְךְ מִיר אַזַא זַאךְ. וֶוען אִיךְ טְרֶעף אֵיינֶעם פוּן דִי מְחוּתָּנִים דְרֵיי אִיךְ זִיךְ אַוֶועק אוּן עֶס קָאסְט מִיר מַמָּשׁ דָאס גֶעזוּנְט, אוּן דָאס מַאכְט מִיךְ זִיךְ צוּרִיק הַאלְטְן אַסַאךְ מָאל פוּן אָנְטְרָאגְן אַ שִׁדּוּךְ.

וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג דָאס צוּ בַּאהַאנְדְלֶען?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ד טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וואוֹיל** אִיז דִיר אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ בִּיסְט עוֹסֵק אִין אַזַא הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן מַאכְן שִׁדּוּכִים, כְּמוֹתְךָ יִרְבּוּ בְּיִשְׂרָאֵל; וַוייל עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ ווִי מַאכְן שִׁדּוּכִים. בִּפְרַט מִיר תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ דַארְפְן עוֹסֵק זַיין אִין דִי מִצְוָה, אַזוֹי ווִי מִיר הָאבְן גֶעלֶערְנְט בַּיי אוּנְזֶער גְרוֹיסֶער רֶבִּי מוֹהֲרָא"שׁ וָואס הָאט מַפְקִיר גֶעוֶוען זַיין גַאנְץ לֶעבְן פַּאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, זֵיי צוּ חֲתֻנָּה מַאכְן. אַזוֹי ווִי מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָּאָה (צַוָּאַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת יז): "בָּרוּךְ ה' אִיךְ הָאבּ אַ חֵלֶק אִין אִיבֶּער צְוֵויי טוֹיזְנְט קָאפְּלְס וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין דֶער גוּטֶער שָׁלִיחַ אוּן זֵיי חֲתֻנָּה מַאכְן, אוּן ווִי לַאנְג אִיךְ לֶעבּ בֶּעט אִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען זַיין דֶער גוּטֶער שָׁלִיחַ אוּן מַאכְן נָאךְ שִׁדּוּכִים פַּאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ אוּן מִיט דֶעם זֵיי רַאטֶעוֶוען פוּן עֲבֵירוֹת.

**און** אִיךְ בִּין מְגַלֶּה דַעַת אַז װען אִיךְ װעל אַװעק גֵיין פון דֶער װעלְט, יֶעדֶער בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל װָאס װעט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר און אוֹיסְזָאגְן גַאנְץ תְּהִלִּים אוֹיף אֵיין מָאל אָן אַ הֶפְסֵק - װעל אִיךְ זַיין פַאר זֵיי אַ מֵלִיץ יוֹשֶׁר און זֵיי װעלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר רִיכְטִיגֶע בַּאשֶׁערְטֶע שִׁדּוּךְ פוּן הִימְל, און אִיךְ בִּין זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט דֶעם צוּזָאג.

**מִיט** דֶעם עֶנְדִיג אִיךְ מַיין צַוָּאָה פַאר מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער און תַּלְמִידִים און אִיר קֶענְט דָאס פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז עֶס זָאל שׁוֹין זַיין יִתְגַּדֵּל וְיִתְקַדֵּשׁ שְׁמֵיהּ רַבָּא, דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס נָאמֶען זָאל גֶעהֵיילִיגְט װערְן אוֹיף דֶער װעלְט, סֵיי בַּיי מַיין לֶעבְּן און סֵיי נָאכְדֶעם װָאס אִיךְ װעל אַװעק גֵיין פוּן דִי װעלְט, אָמֵן וְאָמֵן".

**דֶער** יֵצֶר הָרַע הָאט נִישְׁט לִיב עֶס זָאל װערְן שִׁדּוּכִים, אִיז בֶּעסֶער װִי װֵיינִיגֶער שִׁדּוּכִים עֶס װערְט; עֶר װֵייסְט אַז װען אַ בָּחוּר און אַ מֵיידְל הָאבְּן חֲתֻנָּה - הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט קֵיין שְׁלִיטָה אוֹיף זֵיי, אַזוֹי װִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סג:): "כֵּיוָן שֶׁנָּשָׂא אָדָם אִשָּׁה, עֲוֹנוֹתָיו מִתְפַּקְקִין", װען מֶען הָאט חֲתֻנָּה װערְט מֶען עֶרְלִיךְ, מֶען לָאזְט אָפּ דִי עֲבֵירוֹת; דֶערִיבֶּער מַאכְט עֶר פְּעוּלוֹת אָפְּצוּהַאלְטְן שִׁדּוּכִים.

**דָאס** אִיז דִי זַאךְ װָאס עֶס אִיז לֶעצְטְנְס גֶעװָארְן אַ נֵייעֶ גְזֵרָה בַּיי דִי מֵיידְלֶעךְ אַז מֶען דַארְף בְּלַייבְּן אִין סְקוּל פַאר צְװֶעלְפְטֶע קְלַאס; מֶען רֶעדְט אֵיין דִי עֶלְטֶערְן אַז מֶען

דַארְף בְּלַייבְּן נָאךְ אַ יָאר אִין סְקוּל וַוייל מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין דִי מֵיידְלֶעךְ זֵייעֶר וִויכְטִיגֶע לִימוּדִים, וֶוען בֶּאֱמֶת אִיז דָאס אַ שְׁפִּיל פוּנֶעם שָׂטָן אָפְּצוּהַאלְטְן שִׁדוּכִים פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער; אַז דִי מֵיידְלֶעךְ זָאלְן זִיךְ מֶער אַרַיין טוּן מִיט חַבֶר'טֶעס אוּן נִישְׁט אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן דִי תוֹרָה לֶעבְּן, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז עֶס אִיז דָא שׁוּלֶעס וָואס לָאזְן נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען אִין סְקוּל אוֹיבּ מֶען וֶוערְט אַ כַּלָּה.

**אַזוֹי** אוֹיךְ מַאכְט מֶען הַיינְט מִיט בָּחוּרִים; מֶען רֶעדְט אַיין עֶלְטֶערְן מֶען זָאל נִישְׁט אַ שִׁדוּךְ טוּן אִינְמִיטְן זְמַן וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט שְׁטֵייגְן, מֶען מַאכְט חוֹזֶק פוּן דִי בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען זוֹכֶה חֲתֻנָּה צוּ הָאבְּן יוּנְג; מִיט דֶעם גֵייט מֶען קֶעגְן דִי תוֹרָה, קֶעגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים וָואס הָאבְּן גֶעהֵייסְן חַתֻנָּה הָאבְּן וָואס יוּנְגֶער אוּן וָואס פְרִיעֶר - נִצוֹל צוּ וֶוערְן פוּן עֲבֵירוֹת. דָאס אַלֶעס אִיז מַעֲשֶׂה שָׂטָן צוּרִיק צוּ הַאלְטְן שִׁדוּכִים, אַז דִי טֵייעֶרֶע חָשׁוּבֶ'ע בָּחוּרִים זָאלְן נִכְשָׁל וֶוערְן אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחְמָנָא לִצְלָן.

**דָאס** וָואס דוּ הָאסְט חֲלִישׁוּת הַדַעַת - דָאס אִיז אוֹיךְ זַיין אַרְבֶּעט, עֶר וִויל אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט עוֹסֵק זַיין וַוייטֶער אִין דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה; פְרֶעג אִיךְ דִיר: פַארְוָואס זָאלְסְטוּ קוּקְן אוֹיף דִי אֵיינְצֶעלְנֶע וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶע'גֶט? קוּק אוֹיף דִי אַלֶע אַנְדֶערֶע וָואס הָאבְּן חֲתֻנָּה גֶעהַאט אוּן לֶעבְּן שֵׁיין! אַז דוּ הָאסְט גֶעקֶענְט זַיין דֶער גוּטֶער שָׁלִיחַ בִּיז אַהֶער - זָאלְסְטוּ וַוייטֶער זַיין דֶער גוּטֶער שָׁלִיחַ, "לֵךְ בְּכֹחֲךָ זֶה וְהוֹשַׁעְתָּ אֶת

יִשְׂרָאֵל״ (שׁוֹפְטִים ו, יד), גֵיי אָן מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט צוּ הֶעלְפְּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי זְכוּת אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין דֶער שָׁלִיחַ צוּ מַאכְן צֶענְדְלִיגֶער שִׁדּוּכִים, בַּיי מִיר אִיז אוֹיךְ דָא אֵיינְצֶעלְנֶע וָואס הָאבְּן זִיךְ לֹא עָלֵינוּ גֶע׳גֶט, מִיט דֶעם אַלֶעם בֶּעט אִיךְ וַוייטֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר גֶעבְּן דִי זְכוּת צוּ זַיין אַ גוּטֶער שָׁלִיחַ פַאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, זֵיי הֶעלְפְּן חַתֲנָה הָאבְּן אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְּן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

### זָאל אִיךְ וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט שַׁדְכָנוּת?[יא]

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

אִיךְ הָאבּ חַתֲנָה גֶעהַאט נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין פַּרְנָסָה, הָאבּ אִיךְ פְּרוּבִּירְט צוּ זַיין אַ שַׁדְכָן. אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעטְרָאגְן צְווֵיי שִׁדּוּכִים וָואס בֵּיידֶע זֶענֶען בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעוָוארְן, אָבֶּער בַּיי אֵיין שִׁדּוּךְ הָאבְּן בֵּיידֶע צְדָדִים בִּכְלַל נִישְׁט בַּאצָאלְט, אוּן בַּיים צְוֵויייטְן שִׁדּוּךְ הָאט נָאר אֵיין זַייט גֶעצָאלְט פִינְף הוּנְדֶערְט דָאלֶער, דֶער מְחוּתָּן הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוען עֶר וֶועט הָאבְּן - וֶועט עֶר גֶעבְּן מֶער.

יא. סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק ח, מִכְתָּב תתיח.

איך הָאבּ זייער שְׁטַארְקֶע עַגְמַת נֶפֶשׁ דֶערְפוּן, וַוייל אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט פַאר בֵּיידֶע שִׁדוּכִים אוּן אִיךְ וֵויים נִישְׁט צִי אִיךְ זָאל וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין אַזוֹי?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִשְׁלַח, י' כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וואויל** אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט עוֹסֵק אִין אַזַא הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, זַיין אַ שַׁדְכָן; דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן פד) עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט אִין הִימְל וָואס וֶועט זַיין זַיין פַּרְנָסָה, הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ וֶועסְט זַיין אַ שַׁדְכָן"; מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט: "פַארְוָואס הָאט דָאס דֶער רֶבִּי אוּנְז דֶערְצֵיילְט? וַוייל דֶער רֶבִּי וִויל אַז מִיר זָאלְן אִים נָאכְמַאכְן מִיט אַלֶע זַיינֶע זַאכְן; מִיר זָאלְן נָאר עוֹסֵק זַיין אִין אוֹיפְשְׁטֶעלְן אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן".

**מוֹהֲרָא"שׁ** הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין מַאכְן שִׁדוּכִים; מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אִין זַיין צַוָּאָה (אוֹת יז): "בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ אַ חֵלֶק אִין אִיבֶּער צְוֵויי טוֹיזְנְט קָאפְּלְס וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין דֶער גוּטֶער שָׁלִיחַ אוּן זֵיי חֲתֻנָּה מַאכְן, אוּן וִוי לַאנְג אִיךְ לֶעבּ בֶּעט

אִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען זַיין דֶער גוּטֶער שָׁלִיחַ אוּן מַאכְן נָאךְ שִׁדוּכִים פַּאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ אוּן מִיט דֶעם זַיי רַאטֶעוֶועֶן פוּן עֲבֵירוֹת"; מִיר דַארְפְן נָאכְגֵיין דִי וֶועגְן פוּן מוֹהֲרַ"אשׁ צוּ טוּן פַּאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, מַאכְן שִׁדוּכִים.

**אַז** דוּ וֶועסְט מַאכְן שִׁדוּכִים פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועגְן, דוּ וֶועסְט נִישְׁט אִינְזִין הָאבְן גֶעלְט - וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין, אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט אִינְזִין הָאבְן גֶעלְט וְכוּ' - וֶועסְטוּ הָאבְן חֲלִישׁוּת הַדַעַת, בִּיז דוּ וֶועסְט דָאס אָפְּלָאזְן. מוֹהֲרַ"אשׁ שְׁרַייבְּט מִיר אִין אַ בְּרִיוו בַּיים עֶפֶענֶען דִי מֵיידְל סְקוּל "בֵּית פֵיגָא", עֶס אִיז מְקֻבָּל פוּן צַדִיקִים, וֶוען מֶען טוּט אַ זַאךְ מִיטְן כַּוָנָה פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועגְן - דֶעמָאלְט אִיז מֶען מַצְלִיחַ, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען הָאט אִינְזִין כָּבוֹד אָדֶער גֶעלְט - הָאט דָאס נִישְׁט קַיין קִיוּם, דָא הָאסְטוּ דֶעם לָשׁוֹן פוּנֶעם בְּרִיוו (אֲשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק ד', מִכְתָּב שסח):

"עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רֶבּ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, בַּעַל "דִבְרֵי יוֹאֵל", הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זַיין מֵיידְל שׁוּלֶע 'בֵּית רָחֵל' מִיט צְוֵויי תַּלְמִידוֹת, אוּן עֶס אִיז צוּוַאוואקְסְן גֶעוָוארְן אַ גַאנְצֶע אִימְפֶּערְיֶע, קָרוֹב צוּ צֶען טוֹיזְנְט מֵיידְלֶעךְ כֵּן יִרְבּוּ, דָאס אִיז מְקֻבָּל פוּן צַדִיקִים אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ אוּן מִיט אֱמֶת, הָאט הַצְלָחָה, אָבֶּער אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט אִינְזִינֶען זִיךְ וְכוּ', יֵשׁוּת וְכוּ', פִּרְסוּם וְכוּ', אִיז צוּם סוֹף פַּאלְט דָאס אַוֶועק אוּן עֶס וֶוערְט בָּטוּל

וּמְבוּטָל כְּעַפְרָא דְאַרְעָא, אִיבֶּערְדֶעם וַוייל קַיין שׁוּם מוּסָד וְויל נִישְׁט אַרַיינְנֶעמֶען אוּנְזֶערֶע טֶעכְטֶער, וַוייל זַייעֶרֶע זִין לֶערְנֶען אִין אוּנְזֶער תַּלְמוּד תּוֹרָה, זֶע אִיךְ נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה, נָאר אוֹיפְמַאכְן אַ מֵיידְל שׁוּלֶע, מֶען דַארְף אָנְהוֹיבְּן מִיט קְלֵיינֶעם, נִישְׁט מִיט קַיין גְרוֹיסְן סְטֶעפּ, וֶועט מֶען הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה.

**אִיךְ** בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ זֶען מְבַטֵּל זַיין אִינְגַאנְצְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן זָאלְסְט גוּט גֶעדֶענְקֶען, כָּל זְמַן מֶען הָאט זִיךְ אִינְזִינֶען וְכוּ' וֶוערְט לֶעבֶּער פוּן אַלֶע זַייטְן וְכוּ', אוּן עֶס רִינֶען אַרוֹיס דִי הַשְׁפָּעוֹת וְכוּ', אוּן מֶען וֶוערְט פַארְפְּלָאנְטֶערְט אִין אַלֶע עֶרְלֵיי פַּארְפְּלָאנְטֶערְנִישְׁן, אָבֶּער וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר אִיז זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵּל צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר וְויל גָארְנִישְׁט נָאר טוּן דֶעם רָצוֹן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶער הָאט נִישְׁט קַיין מוֹרָא פוּן קַיין מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן דָאס קֶען זַיין דִי כַּוָנָה וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה (בְּרֵאשִׁית ו', ט') 'אֶת הָאֱלֹקִים הִתְהַלֶּךְ נֹחַ', נֹחַ אִיז גֶעגַאנְגֶען נָאר מִיטְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם הָאט עֶר נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# תתנה

## זָאל אִיךְ פָארְן קַיין חוּץ לָאָרֶץ צוּ גֵיין נָאךְ צְדָקָה?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וואוֹין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דִי שִׁעוּרִים אוּן חִזּוּק פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אִיךְ שְׁפִּיר אַז נָאר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַארְשְׁטֵייט מִיךְ, אוּן דֶערְפַאר וִויל אִיךְ פְרֶעגְן מַיין שְׁאֵלָה.

אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ מִיט פַּרְנָסָה, אוּן עֶס זֶענֶען דָא פִּילֶע אִידְן פוּן דָאהִי וָואס פָארְן קַיין חוּץ לָאָרֶץ צוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט; אִיז דָאס אַ גוּטֶע זַאךְ צוּ טוּן? זָאל אִיךְ עֶס אוֹיךְ טוּן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ד טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אַ** שָׁאד צוּ קוּמֶען קַיין חוּץ לָאָרֶץ; מֵיין נִישְׁט אַז אִין חוּץ לָאָרֶץ וֶועסְטוּ הָאבְּן דַיין יְשׁוּעָה.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּנְחוּמָא תַזְרִיעַ, ו): "מַעֲשֶׂה בְּכֹהֵן אֶחָד שֶׁהָיָה רוֹאֶה אֶת הַנְּגָעִים", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ כֹּהֵן וָואס פְלֶעגְט קוּקְן נְגָעִים, "מָטָה יָדוֹ, בִּקֵּשׁ לָצֵאת לְחוּצָה לָאָרֶץ", מִיט דִי צַייט אִיז עֶר גֶעוָוארְן אָרֶעם אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַרוֹיסְגֵיין קַיין חוּץ לָאָרֶץ מַאכְן גֶעלְט, "קָרָא

לְאִשְׁתּוֹ אָמַר לָהּ, בִּשְׁבִיל שֶׁבְּנֵי אָדָם רְגִילִין לָבֹא אֶצְלִי לִרְאוֹת אֶת הַנְּגָעִים, קָשֶׁה עָלַי לָצֵאת מֵעֲלֵיהֶם", הָאט עֶר גֶערוּפְן זַיין וַוייבּ אוּן אִיר גֶעזָאגְט: עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער אַוֶועק צוּ גֵיין קַיין חוּץ לָאָרֶץ וַוייל מֶענְטְשְׁן קוּמֶען דָא כְּסֵדֶר וַוייזְן זֵייעֶרֶע נְגָעִים, "אֶלָּא בּוֹאִי וַאֲנִי מְלַמֵּדְךָ שֶׁתְּהֵא רוֹאָה אֶת הַנְּגָעִים", אִיךְ וֶועל דִיר אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען קוּקְט אוֹיף אַ נֶגַע, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען קוּקְן נְגָעִים אוּן אִיךְ וֶועל קֶענֶען פָארְן קַיין חוּץ לָאָרֶץ מַאכְן גֶעלְט. "אִם רָאִית שְׂעָרוֹ שֶׁל אָדָם שֶׁיָּבֵשׁ הַמַּעְיָן שֶׁלּוֹ, תְּהֵא יוֹדַעַת שֶׁלָּקָה", עֶר הָאט אִיר גֶעלֶערְנְט אַז אוֹיבּ זִי זֶעט וִוי דִי קְוָואל פוּנֶעם הָאר אִיז פַארְטְרִיקְנְט, אִיז אַ סִימָן אַז דֶער הָאר אִיז גֶעשְׁלָאגְן, "לְפִי שֶׁכָּל שֵׂעָר וְשֵׂעָר, בָּרָא לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַעְיָן בִּפְנֵי עַצְמוֹ שֶׁיְּהֵא שׁוֹתֶה מִמֶּנּוּ", וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן פַאר יֶעדְע הָאר בַּאזוּנְדֶער אַ קְוָואל פוּן וואוּ דֶער הָאר זָאל הָאבְן חַיוּת, פַּרְנָסָה צוּ לֶעבְן, "יָבֵשׁ הַמַּעְיָן, יָבֵשׁ הַשֵּׂעָר", אָבֶער אַז דֶער קְוָואל אִיז טוֹיט אִיז אַ סִימָן אַז דֶער הָאר אִיז טוֹיט, "אָמְרָה לוֹ אִשְׁתּוֹ, וּמָה אִם כָּל שֵׂעָר וְשֵׂעָר, בָּרָא לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַעְיָן בִּפְנֵי עַצְמוֹ שֶׁיְּהֵא שׁוֹתֶה מִמֶּנּוּ, אַתָּה שֶׁאַתָּה בֶּן אָדָם, כַּמָּה שְׂעָרוֹת יֵשׁ בְּךָ, וּבָנֶיךָ מִתְפַּרְנְסִין עַל יָדְךָ, לֹא כָּל שֶׁכֵּן שֶׁיְּזַמֵּן לְךָ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא פַּרְנָסָה", הָאט אִים זַיין וַוייבּ גֶעזָאגְט: מַה דָאךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן פַאר יֶעדְע הָאר בַּאזוּנְדֶער אַ קְוָואל פוּן וואוּ דֶער הָאר זָאל הָאבְן צוּ לֶעבְן, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דוּ וָואס דוּ הָאסְט טוֹיזְנְטֶער הָאר, דוּ הָאסְט אַ וַוייבּ אוּן קִינְדֶער וָואס נֶעמֶען פַּרְנָסָה פוּן דִיר וֶועט דִיר דֶער

אײבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן פַּרְנָסָה, "לְפִיכָךְ לֹא הֵנִיחָה אוֹתוֹ לָצֵאת חוּצָה לָאָרֶץ", זִי הָאט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק מְחַזֵּק גֶעוֶוען אוּן אִים נִישְׁט גֶעלָאזְט פָארְן קַיין חוּץ לָאָרֶץ.

אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן רנג) אַז מֶען קֶען גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַאר זִיךְ אַלֵיינְס; פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז פַאר דִי ווייבּ דַארְף מֶען נִישְׁט זָאגְן פִינְקְטְלִיךְ אַז מֶען גֵייט נָאךְ גֶעלְט פַאר זִיךְ, מֶען זָאגְט פַאר אַלֶעמֶען: "אִיךְ גֵיי נָאךְ גֶעלְט פַאר אַ חָבֵר וָואס הָאט נִישְׁט אוֹיף שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב", וְדַ"ל.

דִי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל'דִיגֶע אִידְן מֵיינֶען אַז אִין אַמֶערִיקֶע וַואלְגֶערְט זִיךְ גָאלְד אוֹיף דִי גַאסְן, מֶען קוּקְט אוֹיף אַן אַמֶערִיקַאנֶער אִיד מִיט קִנְאָה וְכוּ'; ווייסְן זָאלְסְטוּ אַז דָא מוּטְשֶׁעט מֶען זִיךְ אוֹיךְ, דֶערִיבֶּער אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ קוּמֶען קַיין אַמֶערִיקֶע אוּן לָאזְן דִי וַוייבּ אַלֵיין.

מֶען לֵיינְט אִין דִי מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ ווִי דִי פָּרִיצִים פְלֶעגְן הֵייסְן זֵייעֶר מָאשְׁקֶע טַאנְצְן בִּשְׁעַת זֵיי פְלֶעגְן מַאכְן זֵייעֶרֶע סְעוּדוֹת, אַזוֹי טוּעֶן דִי אַמֶערִיקַאנֶע גְבִירִים מִיט דִי מְשׁוּלָחִים, מֶען וויל זִיךְ אַהֶערְשְׁטֶעלְן פַאר דִי וַוייבּ אוּן פַארְן אֵיידֶעם ווִי אַ שֵׁיינֶער אִיד אַז מֶען הָאט גֶעסְט בַּיי דִי סְעוּדָה, הֵייסְט מֶען זֵיי קוּמֶען צוּ אַ סְעוּדָה, בִּשְׁעַת דִי סְעוּדָה פְרֶעגְט מֶען זֵיי אוֹיס אַלֶע סָארְט פָּאלִיטִיק וְכוּ' אוּן מוֹצָאֵי שַׁבָּת בַּאקוּמְט דֶער מְשׁוּלָח אַ גַאנְצֶע צְוָואנְצִיגֶער... דִי מְשׁוּלָחִים זֶענֶען אוֹיסְגֶעמַאטֶערְט פוּן אַרוּמְלוֹיפְן אַ גַאנְצֶע וָואךְ נָאךְ גֶעלְט,

יֶעצְט דַארְף עֶר זִיצְן כַּמָה שָׁעוֹת בַּיי דֶעם פָּרִיץ און מָארְגְן בַּיי יֶענֶעם פָּרִיץ צוּ בַּאקוּמֶען אַ צְוָואנְצִיגֶער?! מֶען בֶּעט אַ הַמְלָצָה; אוֹיבּ הָאסְטוּ פוּן בַּדַ"ץ אִיז גוּט, דֶעמָאלְט בַּאקוּמְסְטוּ אַ 'גַאנְצֶע דָאלֶער'... אוֹיבּ הָאסְטוּ נִישְׁט פוּן בַּדַ"ץ וְכוּ' פַארְשִׁיקְט מֶען דִיךְ מִיט בִּזְיוֹנוֹת, און מִיט אַ הַמְלָצָה פוּן בַּדַ"ץ הָאסְטוּ בִּיזֵי בִּזְיוֹנוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתנו

### וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין חַתֻנָּה הָאבְּן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעם וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט זִיךְ אַזוֹי אַוֶועק פַאר מִיר. זַייט אִיךְ בִּין אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה הָאט זִיךְ מַיין לֶעבְּן גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן מַמָּשׁ מִקָּצֶה אֶל הַקָּצֶה.

אִין זְכוּת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאבּ אִיךְ שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען מְסַיֵּם צוּ זַיין גַאנְץ שַׁ"ס, הוּנְדֶערְט און אֵיין מָאל מַסֶּכֶת תַּעֲנִית, דְרֵיי און פֶערְצִיג מָאל מַסֶּכֶת רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַכְצְן מָאל מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת, אֵיין און צְוָואנְצִיג מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, גַאנְץ נַ"ךְ, תּוֹסֶפְתָּא, יְרוּשַׁלְמִי בִּיז מַסֶּכֶת עֵירוּבִין, זֶעקְס מָאל סֵפֶר הַמִּדּוֹת, שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, אַ חֵלֶק פוּן לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן און שִׁבְחֵי הָרַ"ן.

יֶעצְט הָאבּ אִיךְ צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ סֵפֶר בְּרֵאשִׁית אוֹיךְ מִיט רַשִׁ"י, אִיךְ לֶערְן בָּרוּךְ ה' יֶעדְן טָאג בַּיִת נִצְחִי און שֻׁלְחָן עָרוּךְ. עֶס אִיז נִישְׁטָא דִי וֶוערְטֶער זִיךְ צוּ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶעס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א טוּט מִיט מִיר.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט בִּין אִיךְ אָבֶער זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן מַיין שִׁדּוּךְ, אִיךְ פַּאל אוּן אִיךְ פַאל, עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ זַיין אַלֵיין, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ הַאלְט עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיס. אִיךְ בִּין גְרֵייט פַאר סַיי וֶועלְכֶע שִׁדּוּךְ, נִישְׁט קַיין חִילוּק וֶועלְכֶע מִשְׁפָּחָה, וֶועלְכֶע שְׁטָאט, וֶועלְכֶע לְבוּשׁ, אִיךְ וִויל מֶער נִישְׁט וַוארְטְן נָאךְ אֵיין טָאג.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ד טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ לֶערְנְסְט אַזוֹי פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד** (הַמְּבֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו)**; דוּ הָאסְט מִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּה גֶעוֶוען מִיט דַיין בְּרִיוו וואו דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר דַיינֶע סִיּוּמִים.**

**גְלֵייבּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן, דוּ וֶועסְט בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין זִוּוּג; דֶערְהַאלְט זִיךְ מִיט דַיין גַאנְצֶע כֹּחַ, לֶערְן וַוייטֶער דַיינֶע שִׁעוּרִים כְּסִדְרָן.**

טַייעֶרְער בְּרוּדֶער, הָאבּ נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן

פַּארְוָואס דוּ הָאסְט נָאכְנִישְׁט דַיין שִׁדוּךְ, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פִּרְקֵי דְרַבִּי אֱלִיעֶזֶר, פֶּרֶק לו): "אַלֶע שְׁבָטִים, וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, זֶענֶען גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן מִיט זֵיי - זֵייעֶר זִוּוג, חוּץ יוֹסֵף הַצַדִיק אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אָן אַ זִוּוג"; יוֹסֵף הַצַדִיק וָואלְט אוֹיךְ גֶעקֶענְט זַיין צֶעבְּרָאכְן אוּן טְרַאכְטְן: 'פַּארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מַיין שִׁדוּךְ? אַלֶע מַיינֶע בְּרִידֶער הָאבְּן שׁוֹין זֵייעֶר שִׁדוּךְ', יוֹסֵף הַצַדִיק הָאט גֶעהַאט בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן דָאךְ הָאט עֶר זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען. מֶען הָאט אִים אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין תְּפִיסָה פַּאר גָארְנִישְׁט אוּן פַּאר נִישְׁט, עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער אַלֵיין אִין אַ פְרֶעמְדֶע לַאנְד וְכוּ' וְכוּ', מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט עֶר זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען, עֶר הָאט גֶעטַאנְצְן אִין תְּפִיסָה אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען לוּסְטִיג אוּן פְרֵיילִיךְ, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (דְבָרִים רַבָּה ד, ז) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים לא, ח): "'אָגִילָה וְאֶשְׂמְחָה בְּחַסְדֶךָ' וְגוֹ' - זֶה יוֹסֵף", עַיֵין שָׁם.

שְׁטַארְק זִיךְ וַוייטֶער בְּלִמּוּד הַתּוֹרָה; עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַ

זַאךְ וָואס זָאל מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן - ווִי לֶערְנֶען תּוֹרָה. דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַּאר אֵיינֶעם (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יז): "אֵיינְמָאל דִי תּוֹרָה וֶועט דִיר וַוייזְן אִיר פָּנִים - וֶועסְטוּ שׁוֹין גָארְנִישְׁט דַארְפְן", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען שִׁעוּרִים כְּסִדְרָן עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן - דַארְף עֶר שׁוֹין נִישְׁט גָארְנִישְׁט; עֶר שְׁפִּירְט אַ צוּפְרִידְנְקֵייט אִין לֶעבְּן אוּן עֶר לֶעבְּט אַ פְרֵיילִיכֶע לֶעבְּן,

וֶוען עֶר הָאט אַפָּאר אִיבְּרִיגֶע מִינוּט - נֶעמְט עֶר אַ מִשְׁנַיוֹת, אַ גְּמָרָא וְכוּ' - אוּן אִיז גוֹרֵס פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן דַּפִּים גְּמָרָא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתנז

### זָאל אִיךְ זִיךְ אָנְהוֹיבְּן שֶׁערְן דִי הָאר?

**שְׁאֵלָה:**

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

מִיר הָאבְּן זֵייעֶר הֲנָאָה צוּ הֶערְן דִי שִׁעוּרִים, עֶס אִיז אוּנְז זֵייעֶר מְחַזֵּק, עֶס גֶעבְּט אוּנְז כֹּחַ אוּן שִׂמְחָה, יֶעדֶעס וָוארְט אִיז מַמָּשׁ אַ בְּרִילְיַאנְט, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ בִּין אַ פְּרוֹי, אוּן דֶערְוַוייל שֶׁער אִיךְ זִיךְ נִישְׁט מַיין הָאר. מַיין טֵייעֶרֶער מַאן קוּמְט פוּן אַ מִשְׁפָּחָה וָואס אַלֶע שֶׁערְן זִיךְ אָפּ, אוּן גְלַייךְ נָאךְ דִי חֲתֻנָּה הָאט מַיין מַאן מִיר גֶעבֶּעטְן זִיךְ אָפְּצוּשֶׁערְן, אִיךְ הָאב עֶס גֶעטוּן אִין אָנְהוֹיב נִישְׁט מִיטְן גַאנְצְן הַארְץ, עֶס אִיז מִיר גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער, אוּן אַ שְׁטִיק צַייט שְׁפֶּעטֶער הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט זִיךְ שֶׁערְן.

עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער אַסַאךְ יָארְן זַייט דֶעמָאלְט, אוּן יֶעצְט הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן בַּאקוּמֶען אַ רָצוֹן יָא זִיךְ אָפְּצוּשֶׁערְן, בִּפְרַט וֶוען אִיךְ הָאב אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס אִיז מְחַזֵּק אוֹיף דֶעם, אָבֶּער יֶעצְט הָאבּ אִיךְ אַ פַּארְקֶערְטֶער פְּרָאבְּלֶעם, מַיין מַאן ווִיל נִישְׁט אַז אִיךְ זָאל עֶס יֶעצְט טוּן, וַוייל עֶר טְרַאכְט אַז עֶס וֶועט מִיר זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער דָאס צוּ טוּן; אִיךְ מֵיין אָבֶּער אַז יֶעצְט אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען דִי צַייט פַאר דֶעם, וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ה טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**וַוייל** אִיז אַייךְ אוּן ווייל אִיז אַייעֶר חֵלֶק אַז אִיר גֵייט זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר מִיט שִׂמְחָה; אִיר גֵייט טוּן דֶעם ווילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַייעֶר גַאנְצֶע הַארְץ, עֶס פְרֵייט זִיךְ צוּ הֶערְן פוּן אַייךְ אַז אִיר גֵייט דָאס טוּן מִיט ווילְן אוּן חֵשֶׁק, נִישְׁט גֶעצְווּינְגֶענֶערְהֵייט.

**מוֹהֲרָא"שׁ** שְׁרַייבְּט אִין בְּרִיוו (שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב, מִכְתָּב אֶלֶף כב) פַאר אַ פְרוֹי וָואס פְרֶעגְט, אוֹיבּ אַ פְרוֹי וָואס פְלֶעגְט זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר אוּן זִי בַּארֶעכְנְט זִיךְ צוּ לָאזְן וַואקְסְן דִי הָאר, צִי דָאס הֵייסְט אַ יְרִידָה בְּרוּחָנִיוּת? מוֹהֲרָא"שׁ עֶנְטְפֶערְט אִיר: "זֶה נִקְרָא יְרִידָה בְּרוּחָנִיוּת, וּמִסְכְּנוֹת אֵלּוּ הַנָּשִׁים שֶׁעָשׂוּ עַד עַכְשָׁיו תִּגְלַחַת וְכוּ', וְהִתְחִילוּ לְהַאֲרִיךְ שֵׂעָר וְכוּ', זֶה רַק הַתְחָלַת הַהִתְדַּרְדְּרוּת, כִּי אַחַר כַּךְ הֵן יִפְּלוּ יוֹתֵר וְיוֹתֵר וְכוּ'", אַ רַחְמָנוּת אוֹיף דִי פְרוֹיעֶן וָואס פְלֶעגְן זִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר אוּן הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לָאזְן וַואקְסְן זֵייעֶרע הָאר, דָאס אִיז אַן אָנְהוֹיבּ פוּן זִיךְ אַוֶעק גְלִיטְשְׁן וְכוּ', נָאכְדֶעם פַאלְט מֶען מֶער אוּן מֶער; אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז וֶוען אַ פְרוֹי וָואס פְלֶעגְט זִיךְ נִישְׁט שֶׁערְן אִיר הָאר בַּארֶעכְנְט זִיךְ אוּן הוֹיבְּט אָן זִיךְ שֶׁערְן אִיר הָאר - אִיז דָאס אַן עֲלִיָּה בְּרוּחָנִיוּת, אַ וֶועג צוּ וֶוערְן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ

אַלֶע בְּרָכוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא הָאֱלֹקִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי וואוּנְטְשְׁט אוּן זָאגְט צוּ פַאר דִי פְרוֹיעֶן וָואס שֶׁערְן זִיךְ אָפּ זֵייעֶר הָאר, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (נָשֹׂא קכה:): "'תּוּנְבָא לֵיתֵי', אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען, 'עַל הַהוּא בַּר נָשׁ', אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, 'דְּשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ', וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ, 'דְּתִתְחַזֵי מִשַׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר', אַז אִיר הָאר פוּן קָאפּ זָאל זִיךְ אַרוֹיסְזֶען. 'וְדָא הוּא חַד מֵאִינוּן צְנִיעוּתָא דְּבֵיתָא', אוּן דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען דִי הָאר פוּן דִי פְרוֹי. 'וְאִתְּתָא דְּאַפִּיקַת מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר', אוּן אַ פְרוֹי וָואס גֵייט מִיט אוּיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, 'לְאִתְתַּקְּנָא בֵּיהּ', זִיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן, 'גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא', אִיז זִי גוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַיין אָרֶעמְקֵייט אִין שְׁטוּבּ, 'וְגָרִים לִבְנָהָא דְּלָא יִתְחַשְּׁבוּן בְּדָרָא', אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּבּ. 'וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְּשַׁרְיָא בְּבֵיתָא', אַזוֹי אוֹיךְ אִיז זִי גוֹרֵם אַז דֶער סמֶ"ךְ מֶ"ם אוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע זָאלְן זַיין אִין אִיר שְׁטוּבּ, 'מַאן גָּרִים דָא?' וֶוער אִיז דָאס אַלֶעם גוֹרֵם? 'הַהוּא שַׂעֲרָא דְּאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר', דִי פְרוֹי וָואס אִיר הָאר זֶעט זִיךְ אַרוֹיס"; אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז פַארְקֶערְט אִיז נָאךְ מֶער; אַ פְרוֹי וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג אַז אִירֶע הָאר זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְזֶען, זִי שֶׁערְט זִיךְ דִי הָאר - וֶועט זִי הָאבְּן אַלֶע בְּרָכוֹת אוּן זִי וֶועט הָאבְּן נַחַת פוּן אִירֶע קִינְדֶער.

וְויסְן זָאלְט אִיר אַז יֶעדֶעס מָאל וֶוען דִי פְרוֹי שֶׁערְט זִיךְ דִי הָאר - אִיז זִי מַקְרִיב אַ קָרְבָּן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; זִי

קֶען דֶעמָאלְט בֶּעטְן פַאר זִיךְ אוּן פַאר אַנְדֶערֶע, זֵי קֶען פּוֹעֵל'ן יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל. וֶוען אִיר שֶׁערְט זִיךְ דִי הָאר זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַייךְ אוּן פַאר אַנְדֶערֶע; וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִסִּים.

**זָאגְט** פַאר אַייעֶר מַאן אַז אִיר טוּט דָאס מִיט אַייעֶר גַאנְצֶע הַארְץ, עֶס אִיז נִישְׁט דִי זֶעלְבֶּע פוּן נָאךְ דִי חֲתֻנָּה וֶוען אִיר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט אָפְּצוּשַׁאצְן דִי חֲשִׁיבוּת פוּן דִי זַאךְ, דֶערִיבֶּער אִיז דָאס גֶעוֶוען פַאר אַייךְ וַוייטָאגְלִיךְ, אַזוֹי וִוי אַסַאךְ אַנְדֶערֶע פְרוֹיעֶן - נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת - וָואס שֶׁערְן זִיךְ נִישְׁט אָפּ צוּלִיב דִי סִבָּה, ווייל זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט דִי חֲשִׁיבוּת הָעִנְיָן, מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן דֶעם, מֶען בְּרֶענְגְט נִישְׁט אַרוֹיס דָאס גְרוֹיסְקֵייט דֶערְפוּן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ בֶּענְטְשְׁן מִיט אַלֶע בְּרָכוֹת.

## תתנח

### ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ גֶעשְׁמַאק אִין לֶערְנֶען?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער בָּרוּךְ ה' יֶעדֶע וָואךְ אוֹיף "קוֹל בְּרֶסְלֶב" דִי שִׁעוּר פַאר אִינְגֶעלַייט פוּן דָאנֶערְשְׁטָאג נַאכְט אוּן דָאס אִיז מִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אַסַאךְ פוּן לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד, הָאבּ אִיךְ בַּאשְׁלָאסְן אַז אִיךְ וֶועל דָאס אוֹיסְפְּרוּבִּירְן. אִיךְ הָאבּ

בָּרוּךְ ה׳ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעזָאגְט אַ גְרוֹיס חֵלֶק פוּן מִשְׁנָיוֹת, אוּן אִיךְ הָאף בְּעֵזֶר ה׳ צוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

עֶס אִיז אָבֶּער דָא אֵיין זַאךְ וָואס שְׁטֶערְט מִיר, אִיךְ לֶערְן גֶעוֶוענְלִיךְ דִי מִשְׁנָיוֹת אִין מַיינֶע לֵיידִיגֶע צֵייטְן, אָדֶער וֶוען אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד, אָבֶּער יֶעדֶעס מָאל נָאכְן לֶערְנֶען שְׁפִּיר אִיךְ אַז דָאס בְּרֶענְגְט מִיר נִישְׁט קַיין סִפּוּק.

אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א וֶועט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן מִיט דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרָשַׁת בֹּא, רֹאשׁ חֹדֶשׁ שְׁבַט, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**שְׁטַארְק** זִיךְ וַוייטֶער בְּלִמּוּד הַתּוֹרָה; קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם צִי דוּ הָאסְט הֲנָאָה פוּנֶעם לֶערְנֶען אָדֶער נִישְׁט. זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן אַ טַעַם גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט, עֶס נֶעמְט צַייט בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן דָאס זִיסְקֵייט פוּן דִי תוֹרָה, אָבֶּער אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה יֶעדְן טָאג אִיז מֶען זוֹכֶה דֶערְצוּ.

**דֶערִיבֶּער** בֶּעט אִיךְ דִיר זַייעֶר זָאלְסְט וַוייטֶער לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו); עֶס וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען לַאנְג, עֶס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין

אַ שְׁטִיק צַייט און דו וֶועסְט זֶען וָואס וֶועט גֶעשֶׁען צוּ דִיר, דוּ וֶועסְט זִיךְ שְׁפִּירְן ווִי אִין גַּן עֵדֶן, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן דַארְף עֶר שׁוֹין גָארְנִישְׁט; עֶר שְׁפִּירְט אַ צוּפְרִידְנְקֵייט אִין לֶעבְן און עֶר לֶעבְּט אַ פְרֵיילִיכֶע לֶעבְן. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַּאר אֵיינֶעם (עַיֵּן שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יז): "אֵיינְמָאל דִי תּוֹרָה וֶועט דִיר וַוייזְן אִיר פָּנִים, וֶועסְטוּ שׁוֹין גָארְנִישְׁט דַארְפְן"; וואוּיל אִיז דֶעם וָואס וֶוען עֶר הָאט אַפָּאר מִינוּט נֶעמְט עֶר אַ מִשְׁנָיוֹת, אַ גְּמָרָא וְכוּ' און אִיז גוֹרֵם פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת און דַפִּים גְּמָרָא.

**דֶער** דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן אִיז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע וֶועג פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם צוּ לֶערְנֶען און אָנְקוּמֶען צוּ דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז דָא אוֹיף דֶעם אַסַאךְ לֵיצָנוּת, מֶען רֶעדְט אַיין מֶענְטְשְׁן אַז דָאס הֵייסְט נִישְׁט לֶערְנֶען, דֶערְפַאר דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט נַארְן בְּזֶה הָעוֹלָם, מֶען זָאל נִישְׁט אָנְקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט.

**דֶער** רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מִמֶּנִּי", דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר, "שֶׁלֹּא יַטְעֶה אֶתְכֶם הָעוֹלָם, כִּי הָעוֹלָם מַטְעֶה מְאֹד", דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ, לָאזְט אַייךְ נִישְׁט נַארְן; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְן עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּנַארְן, מֶען קֶען זַיין אִין בְּרֶסְלֶב, זִיךְ פַּארְרוּפְן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד און מֶען לֶערְנְט נִישְׁט קַיין

תּוֹרָה; נִישְׁט קַיין חוּמָשׁ רַשִׁ"י יֶעדְן טָאג, נִישְׁט קַיין מִשְׁנַיוֹת, נִישְׁט קַיין גְּמָרָא וְכוּ' וְכוּ'; מֶען נַארְט זִיךְ אַליינְס אָפּ.

**מוֹהֲרַא"שׁ** זָאגְט אִין דִי צַוָּאָה (צַוָּאַת מוֹהֲרַא"שׁ, אות יג): "וֶוען אִיר וֶועט אָנְקוּמֶען אוּיפְן עוֹלָם הָאֱמֶת, דַאן וֶועט אִיר זִיךְ אַליין אִיבֶּערְצֵייגְן אִין דִי רִיכְטִיגְקֵייט פוּן דֶעם 'סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד'".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתנט

**ווִי אַזוֹי בַּארוּאִיגְט מֶען דִי קִינְדֶער וֶוען עֶס פְּלִיעֶן רַאקֶעטְן?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע שִׁעוּרִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אֵייךְ גֶעבְּן אַסַאךְ כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

אִיךְ וואוֹין אִין דָרוֹם אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וואוּ עֶס פְּלִיעֶן אַסַאךְ מָאל אַרַיין רַאקֶעטְן פוּן דִי אַרַאבֶּער, אוּן מֶען דַארְף לוֹיפְן זִיךְ בַּאשִׁיצְן. דִי קִינְדֶער וֶוערְן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דֶעם, זֵיי הוֹיבְּן אָן פְרֶעגְן קַשְׁיוֹת פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט דָאס פַאר אוּנְז, אוּן דָאס גְלַייכְן. ווִי אַזוֹי אִיז מֶען מְחַזֵּק דִי קִינְדֶער? ווִי אַזוֹי בַּארוּאִיגְט מֶען זֵיי? אוּן ווִי אַזוֹי בְּרֶענְגְט מֶען אַרַיין אִין זֵיי אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בֹּא, רֹאשׁ חֹדֶשׁ שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען עֶס פְלִיעֶן רַאקֶעטְן פוּן דִי אַרַאבֶּער דֶעמָאלְט אִיז שׁוֹין אַבִּיסְל שְׁפֶּעט צוּ בַּארוּאִיגְן קִינְדֶער וְכוּ'; דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אֱמוּנָה אִין זִיךְ אוּן אִין שְׁטוּב - אִיז דוּרְךְ רֶעדְן כְּסֵדֶר פוּן אֱמוּנָה; נָאךְ בֶּעפָאר עֶס פְלִיעֶן דִי רַאקֶעטְן וְכוּ', וֶוען עֶס אִיז אַלֶעס גוּט, אוּן אַלֶעס אִיז אִין בֶּעסְטְן אָרְדֶענוּנְג - דֶעמָאלְט דַארְף מֶען אַיינְפְלַאנְצְן אֱמוּנָה, נָאכְדֶעם וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ הָאט מֶען כֹּחַ זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן.

מֶען דַארְף אַסַאךְ רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אֱמוּנָה; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מד): "הָאֱמוּנָה תּוֹלָה בְּפֶה שֶׁל אָדָם", אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים פט, ב): "אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי", דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט, מִיט מַיין מוֹיל דֶערְצֵייל אִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַז מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה אִיז דָאס אַלֵיינְס אֱמוּנָה אוּן דָאס בְּרֶענְגְט מֶען זָאל הָאבְּן אֱמוּנָה. מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען מֶען קֶען נָאר זָאל מֶען דֶערְמַאנֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען פְרֶעגְט דִיר: "וֶועסְט קוּמֶען הַיינְט נַאכְט?" עֶנְטְפֶער נִישְׁט: "יָא", נָאר עֶנְטְפֶער: "מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף"; מֶען פְרֶעגְט דִיר: "וָואס מַאכְסְטוּ? וָואס

הֶערְט זִיךְ?" עֶנְטְפֶער נִישְׁט: "גוּט", עֶנְטְפֶער: "בָּרוּךְ הַשֵּׁם, גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", דָאס גֵייט צוּבִּיסְלִיךְ אַרַיין אִין זִיךְ, אִין דִי וַוייבּ אוּן אִין דִי קִינְדֶער, אַזוֹי פַאלְן אַוֶועק אַלֶע פְּחָדִים אוּן אַלֶע שְׁרֶעק.

**רֶעד** צוּ דַיינֶע קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג אוּן קְלֵיינְטְשִׁיג אַסַאךְ דִּבּוּרֵי אֱמוּנָה, דוּרְכְדֶעם וֶועלְן זֵיי נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט. וַוארְט נִישְׁט זֵיי זָאלְן עֶלְטֶער וֶוערְן; מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז קְלֵיינֶע קִינְדֶער פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט, מֶען מֵיינְט אַז חִנּוּךְ הוֹיבְּט זִיךְ אָן מִיט גְרֶעסֶערֶע קִינְדֶער, מֶען שְׁפִּירְט נַארִישׁ צוּ רֶעדְן צוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה וְכוּ'; עֶס אִיז אָבֶער נִישְׁט אַזוֹי, אַזוֹי ווִי מִיר וֵוייסְן דִי מַעֲשֶׂה אַז רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעבַאפְּט אַ לַאנְגֶע שְׁמוּעֶס מִיט אַ קִינְד, הָאט מֶען גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי נָתָן פַארְוָואס עֶר פַארְבְּרֶענְגְט צַייט מִיט אַ קִינְד, הָאט זִיךְ רֶבִּי נָתָן צוּפְלַאמְט אוּן גֶעזָאגְט מִיט אַ נִגּוּן: "אָט אִיז מֶען אַ קִינְד, אָט אִיז מֶען אַ בָּחוּר, אָט אִיז מֶען אַ אִינְגֶערְמַאן אוּן אָט פִירְט מֶען שׁוֹין צוּ דִי קְבוּרָה"; ווִי אֵיינֶער זָאגְט, 'וָואס זָאגְסְטוּ עֶר אִיז אַ קִינְד, אַ שָׁאד צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען צַייט מִיט אִים, מֶען גֶעבְּט זִיךְ אֵיין דְרֵיי אוּן מֶען אִיז שׁוֹין אַן אַלְטֶער אִיד', אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא קַמָּא צז:): "מַטְבֵּעַ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ, זָקֵן וּזְקֵנָה מִצַּד אֶחָד, וּבָחוּר וּבְתוּלָה מִצַּד אַחֵר", אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעהַאט אַ מַטְבֵּעַ וָואס פוּן אֵיין זַייט אִיז גֶעוֶוען אַ בִּילְד פוּן אַ אִינְגְל מִיט אַ מֵיידְל אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז גֶעוֶוען אַ בִּילְד פוּן אַן אַלְטֶער

איד מִיט אַן אַלְטֶע אִידֶענֶע; מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעלֶעבְּט מִיט דִי מַחֲשָׁבָה: 'אָט אִיז מֶען אַ בָּחוּר אוּן אָט אִיז מֶען שׁוֹין אַן אַלְטֶער אִיד, אָט אִיז מֶען אַ מֵיידְל אוּן אָט אִיז מֶען אַן אַלְטֶע אִידֶענֶע'.

**אַז** מֶען וויל פּוּעלְ'ן בַּיי קִינְדֶער דַארְף מֶען רֶעדְן צוּ זֵיי וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג, דֶעמָאלְט אִיז אַ צַייט וָואס זֵיי זֶענֶען נָאךְ רֵיין, דֶעמָאלְט וֶוערְט אַרַיינְגֶעקְרִיצְט דִי אֱמוּנָה אִין זֵיי, שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן קוּמְט אַרוֹיס זֵייעֶר אֱמוּנָה אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט מוֹרָא פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (יִרְמְיָה יז, ז-ח): "בָּרוּךְ הַגֶּבֶר אֲשֶׁר יִבְטַח בַּה' וְהָיָה ה' מִבְטַחוֹ", ווארויל אִיז דֶעם וָואס פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט פַארְלָאזְן, "וְהָיָה כְּעֵץ שָׁתוּל עַל מַיִם", דֶער אִיז גְלַייךְ צוּ אַ בּוֹים וָואס אִיז אַיינְגֶעפְּלַאנְצְט נֶעבְּן וַואסֶער, "וְעַל יוּבַל יְשַׁלַּח שָׁרָשָׁיו", עֶר אִיז ווי אַ בּוֹים וָואס דִי וָוארְצְלֶען זֶענֶען אַיינְגֶעטִינְקֶען אִין וַואסֶער, "וְלֹא יִרְאֶה כִּי יָבֹא חֹם", עֶס וֶועט אִים נִישְׁט שָׁאטְן קַיין הֵייסֶע טֶעג, "וְהָיָה עָלֵהוּ רַעֲנָן", דִי בְּלֶעטֶער הַאלְטְן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג פְרִישׁ, "וּבִשְׁנַת בַּצֹּרֶת לֹא יִדְאָג", וֶוען עֶס אִיז דָא אַ טְרִיקֶענִישׁ וֶועט עֶר נִישְׁט זָארְגְן, "וְלֹא יָמִישׁ מֵעֲשׂוֹת פֶּרִי", עֶר וֶועט שְׁטֶענְדִיג אַרוֹיסְגֶעבְּן פֵיינֶע פְרוּכְט; אַזוֹי אִיז דֶער וָואס לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה אוּן פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, גָארְנִישְׁט וֶועט אִים נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן.

**וואָויל** אִיז דֶעם וָואס רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה אוּן פְלַאנְצְט דָאס אַיין אִין זַיינֶע קִינְדֶער, וֶועט עֶר זֶען שַׁיינֶע לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתס

### מַיין לֶעבְּן הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן דוּרְכְן הֶערְן דִי שִׁעוּרִים

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל פָּשׁוּט זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע דְרָשׁוֹת אוּן חִזּוּק, וָואס הָאט מִיךְ מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ נֵייעֶם לֶעבְּן, אוּן מִיר גֶעהָאלְפְן מִיט אַזוֹיפִיל זַאכְן.

שׁוֹין אִיבֶּער אַ חֹדֶשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג, דָאס אִיז גֶעקוּמֶען נָאכְן הֶערְן אַ שִׁעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעזָאגְט: "אַז דוּ קֶענְסְט נָאכְנִישְׁט גֵיין אִין מִקְוֶה, כָאטְשׁ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם"; אִיךְ הָאבּ טַאקֶע דֶעמָאלְט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין אוֹיף דֶעם, אוּן לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ טַאקֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין אִין מִקְוֶה טֶעגְלִיךְ.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעמַאכְט אַ שִׁעוּר מִיט אַ חַבְרוּתָא, מִיר זָאגְן צוּזַאמֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָר"ן, סִימָן עו), אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אִיז מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן גֶעטוֹישְׁט גֶעוָוארְן צוּם גוּטְן אִין יֶעדְן הִינְזִיכְט, סַיי אִינְדֶערְהֵיים אוּן סַיי בַּיי דִי אַרְבֶּעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל הָאבְּן אַסַאךְ כֹּחַ וַוייטֶער צוּ מְחַזֵּק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן זֶען פִּיל אִידִישׁ נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בֹּא, רֹאשׁ חֹדֶשׁ שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ לֶעבְּסְט אַ נֵייעֶ לֶעבְּן זַייט דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַזֵּק מִיטְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער; הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין אִין מִקְוֶה, הָאסְט זִיךְ גֶענוּמֶען לֶערְנֶען, דַיין צוּגַאנְג אִין שְׁטוּבּ צוּ דַיין וַוייבּ, בַּיי דִי אַרְבֶּעט אוּן אַלֶעם - אִיז מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ וְכוּ' וְכוּ'; עֶס אִיז מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נִישְׁט סְתַּם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

**אַז** מֶען לֶעבְּט מִיט אַ צַדִּיק אִיז דָאס לֶעבְּן גָאר אַנְדֶערְשׁ, מֶען לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען נֶעמְט עֲבוֹדַת הַשֵּׁם מִיט שִׂמְחָה. חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (בְּרָכוֹת לג:) אוֹיפְן פָּסוּק (דְּבָרִים י, יב): "וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל מָה ה' אֱלֹקֶיךָ שֹׁאֵל מֵעִמָּךְ, כִּי אִם לְיִרְאָה אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ, לָלֶכֶת בְּכָל דְּרָכָיו וּלְאַהֲבָה אֹתוֹ,

וְלַעֲבֹד אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשֶׁךָ", - מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאגְט פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל: "וָואס בֶּעט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פוּן אַייךְ, נָאר צוּ הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם", פְרֶעגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים: "אִיז דֶען יִרְאַת שָׁמַיִם עֶפֶּעס אַ קְלֵיינִיקֵייט, אַז דוּ זָאגְסְט: 'וָואס בֶּעט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נָאר צוּ הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם?!'" עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא: "אִין, לְגַבֵּי מֹשֶׁה מִילְתָא זוּטְרָתָא הִיא", פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז יִרְאַת שָׁמַיִם אַ קְלֵיינִיקֵייט; פְרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (עַיֵּן דֶּגֶל מַחֲנֶה אֶפְרַיִם פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, בִּתְחִלַּת הַפָּרָשָׁה), מֹשֶׁה רַבֵּינוּ רֶעדְט דָאךְ צוּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אִיז דָאךְ וַוייטֶער שְׁוֶוער, אִיז דֶען יִרְאַת שָׁמַיִם אַ קְלֵיינִיקֵייט? עֶנְטְפֶערְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "לְגַבֵּי מֹשֶׁה", אַז מֶען גֵייט צוּ אַ צַדִּיק, מֶען אִיז דָבוּק אִין מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, "מִילְתָא זוּטְרָתָא הִיא", דֶעמָאלְט אִיז יִרְאַת שָׁמַיִם אַ קְלֵיינִיקֵייט, וַוייל דֶער צַדִּיק בְּרֶענְגְט צוּ זַיינֶע מֶענְטְשְׁן צוּ זַיין מַדְרֵגָה אוֹיף אַ גְרִינְגֶע וֶועג, וֶוען מֶען אִיז מְקוּרָב צוּם צַדִּיק הֶערְט זִיךְ דִי מִצְווֹת אַנְדֶערְשׁ וִוי וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין צַדִּיק.

יֶעצְט דַארְפְסְטוּ הָאבְּן הַכָּרַת הַטּוֹב פַארְן רֶבִּי'ן; אַז דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען לֶעבְּן דַארְפְסְטוּ דָאס פַארְגִינֶען אוֹיךְ פַאר אַנְדֶערֶע, פַארְשְׁפְּרֵייט דִי עֵצוֹת פַאר נָאךְ מֶענְטְשְׁן, פַארְוָואס זָאלְן נִישְׁט אַנְדֶערֶע וויסְן פוּן דִי גוּטֶע מֶעדֶעצִין זִיךְ צוּ הֵיילְן פוּן אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן אוּנְז אוֹיפְן הֵיילִיגְן אֲמוֹרָא רַב הוּנָא (תַּעֲנִית כ:): "כִּי הֲוָה לֵיהּ מִילְּתָא דְּאָסוּתָא", וֶוען עֶר

הָאט גֶעפוּנֶען אַ גוּטֶע מֶעדֶעצִין, "הֲוֵי מָלֵי כּוּזָא דְּמַיָּא וְתָלֵי לֵיהּ בְּסִיפָּא דְּבֵיתָא", הָאט עֶר גֶענוּמֶען אַ גְרוֹיסֶע פַּאס פוּנֶעם מֶעדֶעצִין אוּן אַרוֹיסְגֶעלֵייגְט אִינְדְרוֹיסְן פוּן זַיין שְׁטוּב, "וְאָמַר כָּל דְּבָעֵי לֵיתֵי וְלִישְׁקוֹל", עֶר הָאט גֶעזָאגְט: 'וֶוער עֶס דַארְף פוּן דִי מֶעדֶעצִין קֶען קוּמֶען אוּן נֶעמֶען'.

**נָאךְ** אַ גוּטֶע מִנְהָג הָאט רַב הוּנָא גֶעהַאט, עֶר הָאט גֶעוואוּסְט דִי כֹּחוֹת פוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע (שֵׁדִים), עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז זֵיי קֶענֶען נִישְׁט מַזִּיק זַיין אַ מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר וַואשְׁט זִיךְ נְטִילַת יָדַיִם. עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין וַואסֶער, "וַהֲוָה מַנַּח כּוּזָא דְּמַיָּא וְדָלֵי לֵיהּ", הָאט עֶר גֶענוּמֶען אַ פַּאס וַואסֶער אוּן דָאס אַרוֹיסְגֶעלֵייגְט אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטוּב, "וְאָמַר כָּל דִּצְרִיךְ לֵיתֵי וְלֵיעוּל דְּלָא לִסְתַּכֵּן", עֶר הָאט יֶעדְן אֵיינֶעם אָנְגֶעזָאגְט מֶען זָאל נֶעמֶען פוּן דִי וַואסֶער זִיךְ צוּ וואשְׁן נְטִילַת יָדַיִם אֵיידֶער מֶען עֶסְט, כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט גֶעשֶׁעדִיגְט וֶוערְן פוּן זֵיי.

**זֶעט** מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ צַדִּיק, וֶוען עֶר טְרֶעפְט אַ גוּטֶע מֶעדֶעצִין גֶעבְּט עֶר דָאס פַּאר אַלֶעמֶען, אוּן וֶוען עֶר וֵייסְט ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן נִישְׁט גוּטֶע (שֵׁדִים) אִיז עֶר דָאס מוֹדִיעַ פַּאר אַנְדֶערֶע אוּן עֶר הֶעלְפְט אַנְדֶערֶע. דָאס דַארְפְן מִיר טוּן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אוּנְז אַז מִיר וֵייסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פוּן זַיינֶע עֵצוֹת; דַארְפְן מִיר דָאס פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר אַנְדֶערֶע.

**מִיר** דַארְפְן טוּן דֶעם ווִילְן פוּן רֶבִּי'ן; רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקמג), דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אוּנְז מְבַזֶּה

זַיין פַארְוָואס מִיר זֶענֶען נִישְׁט עוֹסֵק אִין 'הֲפָצָה'; "וּפַעַם אַחַת בְּלֵיל מוֹצָאֵי שַׁבָּת עָמַדְנוּ לְפָנָיו עִם כַּמָּה אֲנָשִׁים מֵהַחֲשׁוּבִים שֶׁלּוֹ, וְהוֹכִיחַ אוֹתָנוּ מְאֹד כַּמָּה שָׁעוֹת עַל עִנְיָן זֶה", אֵיינְמָאל מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז גֶעגֶעבְּן מוּסָר אַפָּאר שָׁעָה הַיְתָּבֵן מִיר זֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג עוֹסֵק אִין הֲפָצָה, "וּפַעַם אַחַת קָרָא אוֹתָנוּ 'עֵצִים יְבֵשִׁים' עַל שֶׁאֵין אָנוּ מוֹלִידִים נְפָשׁוֹת שֶׁיִּתְקָרְבוּ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל יָדֵינוּ", 'טְרוּקֶענֶע בֵּיימֶער' הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן; וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער - מְקָרֵב זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**וואוּיל** אִיז דֶעם וָואס טוּט פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן, עֶר פַארְשְׁפְּרֵייט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן פַאר אַנְדֶערֶע.

# תתסא

**אִיךְ הָאבּ זִיךְ שׁוֹין גֶע'גֶט, וִוי אַזוֹי טְרֶעפְט מֶען אַ גוּטֶע שִׁדּוּךְ?**

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְּרוּי וָואס אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַסַאךְ שְׁוֶועריקַייטְן אִין לֶעבְּן, אִיךְ הָאבּ חֲתֻנָּה גֶעהַאט מִיט אַ מַאן וָואס הָאט מִיךְ צוּבִּיסְלִיךְ אָפְּגֶעטֵיילְט פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם, פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן, פוּן מַיינֶע גֶעשְׁווִיסְטֶער אוּן פוּן מַיינֶע חֲבֵר'טֶעס, בִּיז אִיךְ הָאבּ גֶעמוּזְט זַיין אָנְגֶעהָאנְגֶען נָאר אִין אִים, אוּן דַאן הָאט עֶר מִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר צוּ פַּיינִיגְן אוּן רוֹדְפְ'ן, מִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט

קויפְן קְלֵיידֶער און קַיין שום זַאךְ, און פִיל מָאל - בִּכְלַל נִישְׁט גֶעלָאזְט אַרויסְגֵיין פון הויז.

אֵיינְמָאל הָאט עֶר גֶערופְן דִי פָּאלִיצַיי אויף מִיר אַז אִיךְ וִויל זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן, דִי פָּאלִיצַיי הָאט גֶערֶעדְט מִיט מִיר און גֶעזֶען אַז אִיךְ בִּין אִין אָרְדֶענוּנְג, און זַיי הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט אַז זַיי זֶענֶען גֶעקומֶען מִיךְ אַרֶעסְטִירְן, נָאר זַיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז אַלֶעס אִיז אָקֶעי זַיי הָאבְּן זַיי מִיךְ אָפְּגֶעלָאזְט; דָאס אִיז נָאר אֵיינֶע פון דִי פִילֶע דֻגְמָאות וְויפִיל אִיךְ הָאבּ גֶעלִיטְן פון אִים.

לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעמוּטְשֶׁעט זֵייעֶר שְׁטַארְק, אִיךְ הָאבּ אַייךְ דֶערמָאלְט גֶעשִׁיקְט אַ בְּרִיוו צו בֶּעטְן חִזּוּק, אִיר הָאט מִיר מְחַזֵּק גֶעוֶוען און גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל אַייךְ מְבַשֵּׂר זַיין גוּטֶע בְּשׂוּרוֹת פון מַיין מַאן און קִינְדֶער, לְמַעֲשֶׂה הָאבְּן מִיר נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער, און יֶענֶעם טָאג וָואס אִיךְ הָאבּ צוּרִיק בַּאקומֶען אַייעֶר עֶנְטְפֶער אִיז מַיין מַאן אַנְטְלָאפְּן פון שְׁטוּבּ, און זֶעט אויס אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי גוּטֶע בְּשׂוּרָה, אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעמוּטְשֶׁעט פַּאר אַ לַאנְגֶע צַייט בִּיז עֶר הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען מִיר צו שִׁיקְן אַ גֶט.

זַייט מִיר הָאבְּן זִיךְ גֶע'גֶט הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהויבְּן צו וֶוערְן צוּרִיק אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ, אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין טַעַם אִין מַיין לֶעבְּן מִיט אִים, עֶר הָאט מִיר אַרויסְגֶענומֶען דִי גַאנְצֶע סִפּוּק אִין לֶעבְּן. יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז אִיךְ קֶען זִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם נָאךְ בֶּעסֶער אַן עֵצָה גֶעבְּן וִוי מִיט אִים, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהויבְּן צו אַרְבֶּעטְן צו הָאבְּן אויף צום לֶעבְּן, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אָנְלֵייגְן אויף מַיינֶע עֶלְטֶערְן.

אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק טְרֶעפְן אַ גוּטֶע וואוילֶע און עֶרְלִיכֶע שִׁדּוּךְ, און צוּרִיק אָנְהויבְּן אַ נָארְמַאלֶע לֶעבְּן, אִיךְ דַארְף חִזּוּק זִיךְ צו קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אִין לֶעבְּן, און אִיךְ דַארְף תְּפִלּוֹת צו טְרֶעפְן וִוי שְׁנֶעלֶער מַיין רִיכְטִיגֶער שִׁדּוּךְ.

אַ גְרויסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת בֹּא, רֹאשׁ חֹדֶשׁ שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**דַאנְקְט** אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר זֶענְט פָּטוּר גֶעוָוארְן פוּן דֶעם מְסוּכָּנְ'דִיגֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַייךְ גֶעפַּיינִיגְט מִיט שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּיינִיגוּנְגֶען; אַ נֵס אַז עֶר הָאט אַייךְ גֶעגֶעבְּן אַ גֶט, יֶעצְט קֶענְט אִיר זִיךְ עֶרְהוֹילְן, זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן זַיין גְרֵייט צוּ טְרֶעפְן אַייעֶר זִוּוג אוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל.

דִי גְרֶעסְטֶע חִזּוּק פַאר אַייךְ אִיז, אִיר זָאלְט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הִיט אַייךְ פוּן שְׁלֶעכְטְס, אִיר זֶענְט פָּטוּר גֶעוָוארְן פוּן דֶעם אָדָם מְסוּכָּן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת קיב:): "אֵין אָדָם דָּר עִם נָחָשׁ בִּכְפִיפָה אַחַת", אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט וואוֹינֶען מִיט אַ שְׁלַאנְג אִין אֵיין לָאדְ; דָאס אִיז אַ מָשָׁל פַאר מַאן אוּן וַוייבּ, אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז אַ שְׁלַאנְג, עֶר פַּיינִיגְט דֶעם צְוֵוייטְן רַחְמָנָא לִצְלָן - קֶען מֶען נִישְׁט זַיין אִינְאֵיינֶעם אִין אֵיין שְׁטוּבּ; זֶעט אִיר דָאךְ קְלָאר דִי חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט אַייךְ גֶערַאטֶעוֶועט פוּן עֶרְגֶערֶע צָרוֹת.

**בַּאפְט** אַייךְ אַרִיבֶּער קַיין יַבְנְאֵל צוּם הֵיילִיגְן צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אִיר זָאלְט דָארְט אוֹיסְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים; אֵיידֶער אִיר הוֹיבְּט אָן תְּהִלִּים זָאלְט אִיר זָאגְן: "אִיךְ

גֵיי יֶעצְט זָאגְן סֵפֶר תְּהִלִּים לִזְכוּת מוֹהֲרָא"ש וָואס הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס וֶועט אוֹיסְזָאגְן תְּהִלִּים פַאר זַיין זְכוּת - וֶועט עֶר נִישְׁט רוּעֶן בִּיז עֶר וֶועט אִים בְּרֶענְגֶען זַיין שִׁדּוּךְ".

מוֹהֲרָא"ש הָאט צוּגֶעזָאגְט אוּן אוּנְז גֶעלָאזְט צַוָּאָה (צַוָּאַת מוֹהֲרָא"ש, אוֹת ה): "אִיךְ זָאג צוּ אַז יֶעדֶער וָואס דַארְף אַ שִׁדּוּךְ אוּן וֶועט קוּמֶען דָא אוֹיף מַיין קֶבֶר אוּן דוּרְכְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְן סוֹף פַאר מַיין זְכוּת, וֶועל אִיךְ טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ קֶען אַז זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁדּוּךְ, אוּן דָאס זָאג אִיךְ צוּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע צוּזָאג".

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן דִי גוּטֶע נֵייעֶס.

## תתסב

### זָאל אִיךְ צוּרִיקְגֵיין אִין יְשִׁיבָה נָאכְדֶעם וָואס זֵיי הָאבְן מִיךְ אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן?[יב]

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן כִּמְעַט נֵיינְצְן יָאר, מַיין יְשִׁיבָה הָאט מִיךְ אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן וַוייל אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען בַּאזוּכְן אַ חוֹלֶה אִין שְׁפִּיטָאל אוּן זֵיי לָאזְן מִיר נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען נָאר אוֹיב אִיךְ בְּרֶענְג פִינְף הוּנְדֶערְט דָאלֶער.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, קֹדֶם אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ גֶעבְּן דָאס גֶעלְט, אוּן בִּכְלַל לֶערְן אִיךְ שׁוֹין אִין דִי יְשִׁיבָה קָרוֹב צוּ צְוֵויי אוּן אַ

יב. אַ הֶמְשֵׁךְ צוּ דֶעם בְּרִיוו, וַוייטֶער אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב תתפב.

הַאלְבּ יָאר, און אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט גֶעשְׁטִיגְן דָארְט, נָאר גֶעפַּאלְן אִין יִרְאַת שָׁמַיִם, און יֶעדֶע פָּאר וָואכְן מַאכְט מֶען מִיר דָארְט מְשׁוּגָע מִיט אַנְדֶערֶע זַאכְן, אוֹיסֶער דֶעם וָואס אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן סְתָם אַזוֹי פוּן וַוארְטְן אוֹיף מַיין שִׁדוּךְ וָואס קֵיינֶער פַּארְשְׁטֵייט מִיךְ נִישְׁט. וֶוען אִיךְ וָואלְט שׁוֹין גֶעוֶוען יֶעצְט אַ אִינְגֶערְמַאן וָואלְט אִיךְ שׁוֹין גֶעקֶענְט הָאבְן אַ (כָּשֵׁר'ע) טֶעלֶעפָאן וְכַדוֹמֶה, און אִיךְ וָואלְט קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעדַארְפְט גֶעבְן דִין וְחֶשְׁבּוֹן.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ אִיךְ זָאל צוּרִיקְגֵיין און בַּאצָאלְן און זִיךְ וַוייטֶער אַרוּמְשְׁפִּילְן מִיט זֵיי וִוי אִין נוּרְסֶערִי, אָדֶער זָאל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ גֵיין אִין כּוֹלֵל זִיךְ זֶעצְן לֶערְנֶען מִיט אַ חַבְרוּתָא?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרְשַׁת בֹּא, ב' שְׁבָט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**גֵיי** צוּרִיק אִין יְשִׁיבָה, בֶּעט אִיבֶּער דַיינֶע מַגִּידֵי שִׁעוּרִים און מְנַהֲלִים; נֶעם זִיךְ פָּאר צוּ הַאלְטְן דִי זְמַנִּים וָואס מֶען פַּארְלַאנְגְט אִין יְשִׁיבָה, וֶועט מֶען דִיר צוּרִיק נֶעמֶען. מֶען קֶען נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן אִינְמִיטְן סֵדֶר; אַז מֶען אִיז אַיינְגֶעשְׁרִיבְּן אִין אַ מִסְגֶרֶת, אִין אַ כּוֹלֵל אָדֶער יְשִׁיבָה, קֶען מֶען נִישְׁט קוּמֶען און גֵיין וֶוען מֶען וִויל און וואוּ מֶען וִויל, מֶען דַארְף הַאלְטְן דִי סְדָרִים, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין.

**פַארְוָואס** זָאלְסְטוּ נִישְׁט אוֹיסְנוּצְן דִי יָארְן מִיט הַתְמָדַת הַתּוֹרָה? יֶעצְט אִיז אַ צַייט וָואס דוּ קֶענְסְט

לֶערְנֶען אָן קַיין שְׁטֶערוּנְגֶען; אֱמֶת טַאקֶע, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר אַ בָּחוּר, דוּ הַאלְסְט נִישְׁט אוֹיס, דוּ ווִילְסְט שׁוֹין זַיין חֲתֻנָּה גֶעהַאט, דוּ ווִילְסְט זַיין עֶרְלִיךְ אוּן אָפְּגֶעהִיטְן, דֶער יֵצֶר הָרָע פְּלַאקֶערְט אוּן בְּרֶענְט, מֶען שְׁפִּירְט ווִי מֶען וֶוערְט פַארְבְּרֶענְט יֶעדֶע רֶגַע, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶענְסְטוּ יֶעצְט לֶערְנֶען מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה אָן קַיין שְׁטֶערוּנְגֶען. אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ מְסַדֵּר זַיין מִיט אַ גוּטֶע סֵדֶר אוּן לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) אַז אֲפִלּוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אַזוֹי גוּט וָואס מֶען לֶערְנְט זָאל מֶען וַוייטֶער לֶערְנֶען, נִישְׁט בְּלַייבְּן שְׁטֵיין וְכוּ' - קֶענְסְטוּ בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁעוּר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל מִקְרָא - שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, מִיט רַשִׁ"י, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בִּיז סוֹף וָואךְ; דֶער הֵיילִיגֶער מְחַבֵּר פַּסְקְ'נְט (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן רפה, סְעִיף ג): "מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילַךְ חָשׁוּב עִם הַצִּבּוּר", פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין. דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט אַרָאפּ (שָׁם, סְעִיף קָטָן ח) פוּנֶעם הֵיילִיגְן גְרָ"א זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, אַז עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט, יֶעדְן טָאג הָאט עֶר מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען אַבִּיסְל; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אַז מֶען גֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זַיין זִיכֶער אַז מֶען וֶועט עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה.

**נָאכְדֶעם** זָאלְסְטוּ מַאכְן אַ שִׁעוּר אִין מִשְׁנָה - הויבּ אָן לֶערְנֶען מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת הויבּ אָן מַסֶּכֶת פֵּאָה, נָאכְדֶעם מַסֶּכֶת דְמַאי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט - זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן, דוּ לֶערְן וַוייטֶער אֲפִלּוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, מִיט דֶער צַייט וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז דַיין קָאפּ וֶועט זִיךְ עֶפֶענֶען אוּן דוּ וֶועסְט אָנְהוֹיבְּן פַארְשְׁטֵיין.

**וֶוען** מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעוואוּסְט וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה דוּרְךְ מִשְׁנַיוֹת - וָואלְטְן אַלֶע גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת; דֶער הֵיילִיגֶער בֵּית יוֹסֵף זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ מַגִיד פוּן הִימְל, דֶער מַגִיד פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג קוּמֶען לֶערְנֶען מִיט אִים אוּן אִים זָאגְן מוּסָר וְכוּ' - אַלֶעם בִּזְכוּת מִשְׁנַיוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער בֵּית יוֹסֵף פְלֶעגְט זָאגְן זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, אַמָאל פֶערְצִיג פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן אַמָאל מֶער, אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט מִשְׁנַיוֹת פְלֶעגְט זִיךְ דֶער מַגִיד בַּאוַוייזְן צוּ אִים, אַזוֹי ווִי דֶער בֵּית יוֹסֵף בְּרֶענְגְט (סֵפֶר מַגִּיד מֵישָׁרִים מִשְׁלֵי סִימָן כג, עַמּוּד קסג): "הִשְׁכַּמְתִּי כְּמִנְהָגִי לִקְרוֹת בַּמִּשְׁנָיוֹת, וְקָרִיתִי כְּמוֹ מ' פְּרָקִים", אוּן נָאכְדֶעם הָאט זִיךְ דֶער מַגִיד צוּ אִים בַּאוִויזְן; זֶעט מֶען צוּ וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין וֶוען מֶען לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת.

**נָאכְדֶעם** מַאךְ זִיךְ אַ שִׁעוּר אִין לִימוּד גְּמָרָא, חֲכָמֵינוּ הַקְדוֹשִׁים זָאגְן (שַׁבָּת קו:): "גְּמָרָא גְמוֹר זְמוּרְתָּא תְּהֵא"; זָאגְן אוֹיף דֶעם צַדִיקִים (עַיֵּן סֵפֶר פְּרִי צַדִּיק פָּרָשַׁת אַחֲרֵי, אוֹת ג) "גְּמָרָא גְמוֹר" - אוֹיבּ דוּ לֶערְנְסְט גְּמָרָא, דֶעמָאלְט "זְמוּרְתָּא תְּהֵא" - וֶועסְטוּ פַארְשְׁנַיידְן אַלֶע קְלִפּוֹת וָואס נֶעמֶען אַרוּם דִי נְשָׁמָה הַקְדוֹשָׁה.

וַוייל "זְמוֹרְתָא" אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן: "לְזַמֵּר אֶת כָּל הֶעָרִיצִים וּלְהַכְרִית אֶת כָּל הַקּוֹצִים הַסּוֹבְבִים אֶת הַשּׁוֹשַׁנָּה הָעֶלְיוֹנָה", וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל; אוּן וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה וֶוערְן אַלֶע קְלִפּוֹת פַארְבְּרֶענְט.

קוּק נִישְׁט צִי דוּ פַארְשְׁטֵייסְט וָואס דוּ לֶערְנְסְט אָדֶער נִישְׁט; דוּ זָאג נָאר דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע גְּמָרָא. חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה ב, טו): "אָמַר רַבִּי אַחָא, עַם הָאָרֶץ שֶׁקּוֹרֵא לְאַהֲבָה אֵיבָה, כְּגוֹן וְאָהַבְתָּ וְאָיַבְתָּ, אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא 'וְדִלּוּגוֹ עָלַי אַהֲבָה'", אַן עַם הָאָרֶץ וָואס זָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה מִיט גְרַייזְן; אַנְשְׁטָאט זָאגְן: "וְאָהַבְתָּ אֵת ה'" מֶען זָאל לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְט עֶר: "וְאָיַבְתָּ אֵת", מֶען זָאל פַיינְט הָאבְּן, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער (שִׁיר הַשִּׁירִים ב, ד): "וְדִלּוּגוֹ עָלַי אַהֲבָה", אִיךְ הָאבּ לִיבּ זַיינֶע גְרַייזְן; וַוייל בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר בַּאלִיבְּט דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה - אֲפִלּוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט אוּן אֲפִלּוּ עֶר זָאגְט עֶס מִיט גְרַייזְן, עֶר זָאגְט דָאס פַארְקֶערְטֶע וָואס מֶען דַארְף וֶוען זָאגְן, אַזוֹי בַּאלִיבְּט אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה, עַיֵּן שָׁם.

זוּךְ זִיךְ נִישְׁט קַיין מִצְווֹת אִין דִי צַייט וָואס מֶען לֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה. דֶער הֵיילִיגֶער רָאפְּשִׁיצֶער רַב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (זֶרַע קֹדֶשׁ, פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים) וֶוען דֶער יֵצֶר הָרָע זֶעט אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנֶען וִויל עֶר אִים שְׁטֶערְן, דֶער יֵצֶר הָרָע צִיטֶערְט פוּן זַיין לֶערְנֶען וַוייל דוּרְךְ תּוֹרָה וֶוערְט דֶער יֵצֶר הָרָע בָּטֵל וּמְבוּטָל; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִדּוּשִׁין ל:): "אִם אֶבֶן

הוּא", אֲפִלּוּ מֶען הָאט אַ שְׁטַארְקֶע יֵצֶר הָרָע אַזוֹי שְׁטַארְק ווִי שְׁטֵיין, "נִמּוֹחַ", וֶוערְט עֶר צֶעגַאנְגֶען דוּרְךְ תּוֹרָה, "וְאִם בַּרְזֶל הוּא", אֲפִלּוּ מֶען הָאט אַ שְׁטַארְקֶע יֵצֶר הָרָע אַזוֹי שְׁטַארְק ווִי אַייזְן, "מִתְפּוֹצֵץ", דוּרְךְ תּוֹרָה וֶוערְט דֶער יֵצֶר הָרָע צֶעבְרֶעקְלְט, דֶערִיבֶּער ווייל דֶער יֵצֶר הָרָע שְׁטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רָאפְּשִׁיצֶער רַב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: "לָכֵן מַזְמִין לוֹ אֵיזֶה מִצְוָה", דֶערִיבֶּער בְּרֶענְגְט דֶער יֵצֶר הָרָע פַּארְן מֶענְטְשׁ מִצְווֹת, "כְּדֵי שֶׁעַל יְדֵי זֶה יְקַרֵר אֶת עַצְמוֹ מֵהִתְלַהֲבוּת וְלֹא יָבוֹא לַעֲשׂוֹת דָּבָר גָּדוֹל יוֹתֵר טוֹב", דוּרְךְ דִי מִצְוָה קִילְט עֶר אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן לֶערְנֶען, "כִּי יִסְבֹּר שֶׁכְּבָר הוּא טוֹב בְּהַמִּצְוָה הַזֹּאת", דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט 'אִיךְ דַארְף שׁוֹין נִישְׁט לֶערְנֶען וַוייל אִיךְ טוּ דָאךְ אַנְדֶערֶע מִצְווֹת', עַיֵּין שָׁם. דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט אַז דָאס אַלֶעס אִיז מַעֲשֵׂה בַּעַל דָּבָר, אַבִּי אִים צוּ שְׁטֶערְן עֶר זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען.

גֵיי צוּרִיק אִין יְשִׁיבָה, בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער מִיט דַיינֶע מַגִּידֵי שִׁעוּרִים; דוּ קֶענְסְט זֵיי וַוייזְן דֶעם בְּרִיוו זֵיי זָאלְן זֶען אַז דוּ מֵיינְסְט עֶס טַאקֶע עֶרְנְסְט, אַז דוּ גֵייסְט פוּן הַיינְט אוּן ווייטֶער מִיטְהַאלְטְן דִי סְדָרִים אִין יְשִׁיבָה אוּן זִיךְ פִירְן מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ. אַז דוּ ווילְסְט טוּן חֶסֶד, גֵיין אִין שְׁפִּיטֶעלֶער בַּאזוּכְן חוֹלֵי יִשְׂרָאֵל - זָאלְסְטוּ דָאס טוּן נָאכְן סֵדֶר הַיְשִׁיבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט טְרֶעפְן דַיין שִׁדּוּךְ בְּקָרוֹב.

# תתסג

## זָאלְן מִיר צֶעטֵיילְן דִי קִינְדֶער אוֹיף שַׁבָּת צוּ קֶענֶען גֵיין צוּ אַ שִׂמְחָה?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ קוּם פוּן אַ גְרוֹיסֶע מִשְׁפָּחָה קַיין עַיִן הָרָע, אוּן וֶוען מַיינֶע גֶעשְׁווִיסְטֶער מַאכְן אַ שַׁבָּת שֶׁבַע בְּרָכוֹת ווילְן זֵיי אַז יֶעדֶער זָאל קוּמֶען, אָבֶּער נָאר דִי פָּארְפֶעלְקֶער, אָן דִי קִינְדֶער; דָאס מֵיינְט אַז כְּדֵי צוּ גֵיין צוּ דִי שִׂמְחָה דַארְף מֶען צֶעטֵיילְן דִי קִינְדֶער אוֹיף שַׁבָּת.

מַיין מַאן הַאלְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט קַיין נָארְמַאלֶע זַאךְ, אוּן עֶר אִיז נִישְׁט מַסְכִּים צוּ דֶעם, אַמָאל קֶען אִיךְ אִים אִיבֶּערְרֶעדְן יָא צוּ גֵיין אוּן אַמָאל נִישְׁט, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז וֶוען מִיר גֵייעֶן נִישְׁט - בַּארֶעדְט מֶען מִיךְ בַּיי דִי מִשְׁפָּחָה.

בַּיי יֶעדֶע שִׂמְחָה הָאבּ אִיךְ פְּרָאבְּלֶעמֶען אִין שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן אוֹיךְ בַּיי מַיין מִשְׁפָּחָה, אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ טוּן; אִיךְ ווִיל בֶּעטְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר צוּ זָאגְן ווִי אַזוֹי מֶען דַארְף זִיךְ פִירְן, אוּן אַזוֹי וֶועלְן מִיר טוּן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בֹּא, ג' שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**אַייעֶר מַאן אִיז גֶערֶעכְט; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין לְכַתְּחִילָה'דִיגֶע זַאךְ צוּ צֶעטֵיילְן דִי קִינְדֶער אוּן אַוֶועק פָּארְן אוֹיף**

שַׁבָּתִים. קִינְדֶער דַארְפְן שַׁבָּת זֵייעֶר אֵייגֶענֶע טַאטֶע מַאמֶע, זֵיי דַארְפְן שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת מִיט זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע עֶלְטֶערְן. אַ גַאנְצֶע וָואךְ וַוארְטְן דִי קִינְדֶער אוֹיף שַׁבָּת, זֵיי וַוארְטְן צוּ זִיצְן מִיט זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, דֶעמָאלְט אִיז דִי צַייט וָואס טַאטֶע מַאמֶע פְלַאנְצְן אַיין אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ לִיבְשַׁאפְט צוּם הֵיילִיגְן שַׁבָּת.

**עֶס** אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט פוּן דִי וָואס לַאדֶענֶען אוֹיף אַ שִׂמְחָה צוּ קוּמֶען עֶסְן שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת אוּן מֶען נֶעמְט זִיךְ אוֹיס: "קִינְדֶער קֶענֶען נִישְׁט קוּמֶען"; אַז מֶען קֶען נִישְׁט קוּמֶען מִיט קִינְדֶער אִיז בֶּעסֶער צוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּב מַאכְן דִי סְעוּדוֹת מִיט דִי קִינְדֶער אוּן נָאךְ דִי סְעוּדָה זָאל מֶען גֵיין וואוּנְטְשְׁן מַזָל טוֹב, אוּן אַז דִי שִׂמְחָה אִיז אִין אַן אַנְדֶערֶע שְׁטָאט - בְּלַייבְּט מֶען אִין שְׁטוּב.

**שַׁבָּת**'דִיגֶע סְעוּדוֹת אִיז אַ צַייט פוּן אֱמוּנָה. דֶער הֵיילִיגֶער זֹהַר זָאגְט (פָּרָשַׁת יִתְרוֹ, פח:): "תָּא חֲזֵי, בִּסְעוּדָתֵי אִלֵּין, אִשְׁתְּמוֹדְעוּן יִשְׂרָאֵל דְּאִינוּן בְּנֵי מַלְכָּא, דְּאִינוּן מֵהֵיכָלָא דְּמַלְכָּא דְּאִינוּן בְּנֵי מְהֵימְנוּתָא", וֶוען מֶען עֶסְט דְרֵיי סְעוּדוֹת שַׁבָּת זֶעט מֶען אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ קִינְד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער הָאט אֱמוּנָה, נָאךְ זָאגְט דֶער זֹהַר: "רַבִּי שִׁמְעוֹן אָמַר, הַאי מָאן דְּאַשְׁלִים תְּלַת סְעוּדָתֵי בְּשַׁבְּתָא, קָלָא נָפִיק וּמַכְרְזָא עֲלֵיהּ (יְשַׁעְיָה נח, יד): אָז תִּתְעַנַּג עַל יְיָ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ עֶסְן דְרֵיי סְעוּדוֹת שַׁבָּת גֵייט אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל אִין הִימְל אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה; זֶעט מֶען אַז דֶעמָאלְט אִיז אַ צַייט פוּן אַיינְפְלַאנְצְן אֱמוּנָה אִין דִי קִינְדֶער.

**פַארְשְׁטֵייט** זִיךְ אַז מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן; עֶס זֶענֶען דָא פֶעלֶער וָואס מֶען הָאט נִישְׁט קַיין בְּרֵירָה, מֶען דַארְף יָא צֶעטֵיילְן דִי קִינְדֶער, אָבֶּער דָאס דַארְף מֶען ווִיסְן - אַז עֶס אִיז נִישְׁט קַיין לְכַתְחִילָה, אוּן אַז מֶען קֶען זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן - אִיז זִיכֶער גֶעזוּנְטֶער צוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּב מִיט דִי קִינְדֶער.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אַייעֶרֶע וֶועגְן.

# תתסד

### ווִי אַזוֹי וֶוערְט מַיין וַוייבּ פָּטוּר פוּן אַ מְנֻוָּל?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין וַוייבּ הָאט בָּרוּךְ ה' אַ גוּטֶע פָּאסְטְן, זִי אַרְבֶּעט אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן אוֹיפְצוּהֵייבְּן אוּן אַרוֹיסְהֶעלְפְן מֶענְטְשְׁן אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן, פַאר אַ פִירְמֶע, אוּן זִי אִיז בָּרוּךְ ה' זֵייעֶר צוּפְרִידְן פוּן אִיר אַרְבֶּעט.

הַיינְט הָאט זִי אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אַ טֶעלֶעפָאן פַאר אֵיינֶעם, אוּן יֶענֶער אִיז גֶעוֶוען אַ מְנֻוָּל וָואס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן נִישְׁט אֵיידֶל צוּ אִיר, אוּן אִיר גֶעזָאגְט זִי זָאל אָפְּשְׁרַייבְּן זַיין טֶעלֶעפָאן נוּמֶער, אוּן נָאךְ אַזֶעלְכֶע זַאכְן. מַיין וַוייבּ אִיז זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן גֶעוָוארְן פוּן דֶעם, זִי ווֵייסְט נִישְׁט וֶוער דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אוּן זִי ווֵייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיר שְׁרַייבְּן חִזּוּק אוּן עֵצוֹת ווִי אַזוֹי זִי זָאל זִיךְ פִירְן אִין אַזַא מַצָּב?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח, ח' שְׁבָט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**זָאג** דַיין וַוייבּ זִי זָאל וַוייטֶער אַרְבֶּעטְן, זִי זָאל זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן פוּן קֵיינֶעם; פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער אוֹיבּ אֵיינֶער רֶעדְט מִיט אִיר אֵיין וָוארְט מֶער פוּן וָואס עֶס אִיז נוֹגֵעַ פַאר דִי אַרְבֶּעט - זָאל זִי אַרָאפְּלֵייגְן דֶעם טֶעלֶעפָאן אוּן מֶער נִישְׁט רֶעדְן מִיט יֶענֶעם, אוּן וַוייטֶער רֶעדְן מִיט אַנְדֶערֶע וָואס רוּפְן וֶועגְן דִי אַרְבֶּעט.

**לֵיידֶער** זֶענֶען דָא אַסַאךְ מְנֻוָּלִים וָואס זוּכְן צוּ מַאכְן קְשָׁרִים מִיט פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן, דֶער עִקָּר וֶועג ווִי אַזוֹי זֵיי זֶענֶען לֵיידֶער מַצְלִיחַ אִיז דוּרְךְ וַוארְפְן אַ פַּחַד אוּן מוֹרָא; זֵיי וָוארֶענֶען אַז אוֹיבּ מֶען וֶועט דֶערְצֵיילְן וֶועלְן זֵיי הַרְגְ'נֶען וְכוּ', בִּיז דֶער קָרְבָּן פַאלְט אַרַיין אִין אַ קַטְנוּת הַדַּעַת אוּן מֶען פַאלְט אַרָאפּ.

**דֶערִיבֶּער** דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען קִינְד אוּן קֵייט אַז מֶען זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; ווִי מֶער מֶען נֶעמְט אַרַיין אֱמוּנָה אִין זִיךְ אַלְץ מֶער פַאלְט אַוֶועק דִי קְלִיפּוֹת אוּן עֲבֵירוֹת. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט: "אַ סְגֻלָּה קֶעגְן רְשָׁעִים - שֶׁלֹּא לִפְחוֹד, נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן".

**וָ**ועֶן מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה אַז 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט מִיר אַרוּם אוּן הִיט מִיךְ' - וֶוערְט מֶען נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן קֵיינֶעם; דִי מְנֻוָּלִים שְׁפִּירְן דָאס, זֵיי וֵוייסְן אוֹיךְ צוּ וֶועם זֵיי זָאלְן צוּגֵיין, זֵיי וֶוערְן בָּטֵל וּמְבוּטָּל פַאר דֶעם וָואס לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה.

**זָאג** דַיין וַוייבּ זִי זָאל צוּרִיק גֵיין צוּ דִי אַרְבֶּעט אוּן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם; אוֹיבּ אֵיינֶער הוֹיבְּט אָן רֶעדְן מִיט אִיר אִיבְּרִיגֶע וֶוערְטֶער וָואס אִיז נִישְׁט נוֹגֵעַ צוּם אַרְבֶּעט זָאל זִי גְלַייךְ אַרָאפְּלֵייגְן דֶעם טֶעלֶעפָאן אוּן פָּטוּר אַן עֵסֶק.

**אַ** שָׁאד אַז מֶען לֶערְנְט דָאס נִישְׁט מִיט אַלֶע קִינְדֶער פוּן קְלֵיינְוַוייז אָן; סַיי מִיט דִי אִינְגְלֶעךְ אוּן סַיי מִיט מֵיידְלֶעךְ, אַז מֶען זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוּן נִישְׁט פוּן קַיין שׁוּם מַלְאָךְ נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס. דֶעמָאלְט וָואלְט מֶען זִיךְ גֶעקֶענְט אַיינְשְׁפָּארְן אַסַאךְ עַגְמַת נֶפֶשׁ, וַוייל דִי גַאנְצֶע וֶועג וִוי אַזוֹי דִי מְנֻוָּלִים זֶענֶען מַצְלִיחַ צוּ טוּן עֲבֵירוֹת מִיט אַנְדֶערֶע, אִיז נָאר דוּרְךְ וַוארְפְן אַ פַּחַד, צוּנֶעמֶען דִי מֹחַ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתסה

**וָואס טוּט מֶען וֶוען עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ טוּן דִי סְגֻלּוֹת פַאר אַ שִׁדוּךְ?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל זִיךְ קֹדֶם בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי שִׁעוּרִים, עֶס הָאט גֶעטוֹיגְט מַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן.

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר אוּן אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק שׁוֹין חַתְנָה הָאבְּן, אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט צוּ זָאגְן פֶערְצִיג טֶעג מַסֶּכֶת תַּעֲנִית, אָבֶּער וֶוען אִיךְ הוֹיבּ אָן צוּ זָאגְן, נָאךְ אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה - וֶוער אִיךְ זֵייעֶר אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, מַיין קָאפּ אוּן מַיינֶע אוֹיגְן הוֹיבְּן אָן וֵויי צוּ טוּן, אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט וַוייטֶער זָאגְן.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיטְן אוֹיסְזָאגְן גַאנְץ תְּהִלִּים בַּיים צִיּוּן פוּן מוֹהֲרַ"ן ;ש"א עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זָאגְן אַזוֹי לַאנְג אוֹיף אֵיין מָאל.

אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַן אַנְדֶערֶע סְגֻלָּה וָואס אוֹיךְ אִיךְ זָאל קֶענֶען טוּן אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין טְרֶעפְן מַיין שִׁדוּךְ אוּן חַתְנָה הָאבְּן בְּקָרוֹב מִיט מַיין רִיכְטִיגֶע זִווּג?

יְיִשַׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קֹדֶשׁ פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח-שִׁירָה, י"ב שְׁבָט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד הַבָּחוּר... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אַז** דוּ ווִילְסְט זֵייעֶר שְׁטַארְק חַתְנָה הָאבְּן זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; זָאלְסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן אַ שִׁעוּר מָאל: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער

הֶעלְף מִיר, אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק חֲתֻנָּה הָאבְּן, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין אֵיינֶער אַלֵיין, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שׁוֹין טְרֶעפְן מַיין זִוּוג"; דִי תְּפִלָּה זָאלְסְטוּ זָאגְן אָן אַ שִׁעוּר מָאל פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁדּוּךְ בְּקָרוֹב מַמָּשׁ.

**זֶע** צוּ לֶערְנֶען ווִיפִיל דוּ קֶענְסְט; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "מְעַט גַם כֵּן טוֹב", אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט; לֶערְן אַבִּיסְל חוּמָש יֶעדְן טָאג, אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת יֶעדְן טָאג, אַבִּיסְל גְּמָרָא אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. קוּק נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע, זַיי שְׁטַארְק מִיט דַיין וֶועג, מִיט דַיין סֶדֶר; וֶועסְטוּ זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ זַיין.

**בְּנוֹגֵעַ** וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעגֶעבְּן אַ סְגֻלָּה פַאר בָּחוּרִים צוּ לֶערְנֶען פֶערְצִיג טֶעג מַסֶּכֶת תַּעֲנִית[יג], דָאס אִיז פַאר דֶער וָואס קֶען; בָּחוּרִים וָואס קֶענֶען עִבְרִי, זֵיי הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע אוֹיגְן וְכוּ' וְכוּ', זֵיי הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעמֵיינְט זֵיי זָאלְן עֶנְדִיגְן דִי מַסֶּכְתָּא יֶעדְן טָאג פַאר פֶערְצִיג טֶעג. אָבֶער אַז אֵיינֶער קֶען נִישְׁט אַזוֹי גוּט עִבְרִי, עֶר קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען אַזוֹיפִיל - דֶער זָאל לֶערְנֶען אוֹיף זַיין וֶועג ווִיפִיל עֶר קֶען לֶערְנֶען.

**אַז** עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער צוּ זָאגְן אַ גַאנְצֶע מַסֶּכְתָּא, דִי אוֹיגְן טוּט דִיר וֵויי אוּן דִי עִבְרִי נֶעמְט דִיר לַאנְג וְכוּ', זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אוֹיף דַיין וֶועג; זָאלְסְט לֶערְנֶען ווִיפִיל דוּ קֶענְסְט, דָאס וֶועט זַיין דַיין סְגֻלָּה אַ חָתָן צוּ וֶוערְן. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ

יג. וַוייטֶער אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב תתסח.

זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְנָחוֹת קי.): "אֶחָד הַמַּרְבֶּה וְאֶחָד הַמַּמְעִיט, וּבִלְבַד שֶׁיְּכַוֵּן אָדָם אֶת דַּעְתּוֹ לַשָּׁמַיִם", דֶער וָואס טוּט אַסַאךְ אוּן דֶער וָואס טוּט וֵוייניג - זֶענֶען בֵּיידֶע חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן; וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט אוֹיף דִי הַארְץ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

**צֶעקְלַאפּ** זִיךְ נִישְׁט אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט טוּן וָואס אַנְדֶערֶע טוּעֶן; נֶעם אַריין אִין דִיר וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן שה): "מֶען הָאט גָאר נִיט צוּ טָאהן", אַזוֹי ווִי דִי הֵייליגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְנָחוֹת צט:): "תָּנָא דְּבֵי רַבִּי יִשְׁמָעֵאל, דִּבְרֵי תוֹרָה לֹא יְהוּ עָלֶיךָ חוֹבָה, וְאִי אַתָּה רַשַּׁאי לִפְטוֹר עַצְמְךָ מֵהֶם"; דָאס אִיז אַ ווִיכְטִיגֶע כְּלַל אִין לֶעבְּן, מֶען זָאל נִישְׁט נֶעמֶען קַיין אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, גָארְנִישְׁט מוּז זַיין אַזוֹי אוּן אַזוֹי, וַוייל זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ בַּאקוּמְט פְּרֶעשׁוּר (דְרוּק) אַז עֶר דַארְף לֶערְנֶען אַסַאךְ - דֶעמָאלְט לֶערְנְט עֶר גָארְנִישְׁט, אוֹיב וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶענוּמֶען קַיין פְּרֶעשׁוּר נָאר עֶר וָואלְט גֶעלֶערְנְט אַבִּיסְל - וָואלְט עֶר בַּיים סוֹף אָנְגֶעקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען גָאר אַסַאךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט טְרֶעפְן דַיין שִׁדּוּךְ אוּן וָואס שְׁנֶעלֶער חֲתֻנָּה הָאבְּן.

# תתסו

### פַארְוָואס שְׁרַייבְּט מוֹהֲרָא"ש אַזוֹי שַׁארְף אִין זַיין צַוָּאָה?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דִי חִזּוּק פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הַאלְט מִיר מַמָּשׁ בַּיים לֶעבְּן, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶעבְּן, אוּן אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו).

אִיךְ הָאבּ אָבֶּער אַ זַאךְ וָואס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר, דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אִין דִי צַוָּאָה פוּן מוֹהֲרָא"ש וואו עֶר שְׁרַייבְּט זֵייעֶר שַׁארְף אוֹיף דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן אִים גֶעטְשֶׁעפֶּעט, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט נְקָמָה נֶעמֶען אִין זֵיי, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. וִוי אַזוֹי קֶען אַ צַדִּיק רֶעדְן אַזוֹי, צוּ וֶועלְן זֶען שְׁלֶעכְטְס בַּיי אַנְדֶערֶע אִידְן? אַ צַדִּיק אִיז דָא צוּ מַשְׁפִּיעַ זַיין נָאר גוּטְס פַאר יֶעדְן.

אִיךְ מֵיין גָארְנִישְׁט פֶּערְזֶענְלִיךְ, אָבֶּער עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער אָנְצוּגֵיין מִיטְן לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד צוּלִיבּ דִי קַשְׁיוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ אוֹיף מוֹהֲרָא"שׁ, וּבִפְרַט אוֹיף דָאס וָואס עֶר שְׁרַייבְּט אִין זַיין צַוָּאָה.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ד שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז אַ צַדִּיק וִויל נִישְׁט זֶען שְׁלֶעכְטְס בַּיי אַנְדֶערֶע אִידְן, אַ צַדִּיק וִויל מַשְׁפִּיעַ זַיין פַאר אַלֶע**

אִידְן נָאר גוּטְס; עֶס גֵייט אִים אִין לֶעבְּן אַז אִידְן זָאלְן הָאבְּן נָאר גוּטְס.

**דֶער** צַדִּיק הָאט אַזַא שְׁטַארְקֶע כֹּחַ אַז עֶר קֶען צוּרִיק בְּרֶענְגֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס טוּט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם? עֶר הָאט זֵייעֶר מוֹרָא אוֹיבּ דֶער צַדִּיק וֶועט אַנְטפְּלֶעקְט וֶוערְן, וַוייל דֶעמָאלְט וֶועלְן דָאךְ אַלֶע אִידְן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר מַאכְט עֶר מֶען זָאל רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיפְן צַדִּיק, אַזוֹי הַאלְטְן זִיךְ מֶענְטְשְׁן צוּרִיק פוּן מְקוֹרָב וֶוערְן צוּ אִים; עֶר פַארְשְׁטֶעלְט דֶעם צַדִּיק וָואס קֶען צוּרִיק בְּרֶענְגֶען יֶעדְן אֵיינֶעם צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִלּוּ מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען שׁוֹין זֵייעֶר וַוייט, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רנא): "יֵשׁ לָאֵל יָדִי לְהַחֲזִיר כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ לְמוּטָב", אִיךְ קֶען צוּרִיק בְּרֶענְגֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְלֹא בִּלְבַד אֲנָשִׁים פְּשׁוּטִים", נִישְׁט נָאר פְּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן קֶען אִיךְ צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אֶלָּא אֲפִלּוּ צַדִּיקִים וַאֲנָשִׁים גְּדוֹלִים אֲנִי יָכוֹל לְהַחֲזִירָם לְמוּטָב", אִיךְ קֶען צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אַלֶע גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים צוּם גוּטְן וֶועג; קוּמְט עֲמָלֵק אוּן מַאכְט לֵיצָנוּת אוֹיף דִי אֱמֶת'עֶ צַדִּיקִים, אַלֶעס נָאר צוּ פַארְשְׁטֶעלְן דֶעם אֱמֶת'ן צַדִּיק.

**אַז** דוּ וֶועסְט נָאכְאַמָאל לֶערְנֶען דִי צַוָּאָה מִיט אַן אֱמֶת'ן בְּלִיק וֶועסְטוּ זֶען אַז דָאס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט שַׁארְף גֶעשְׁרִיבְּן, עֶס אִיז פוּל מִיט רַחְמָנוּת; דוּ וֶועסְט וֵויינֶען וֶוען דוּ וֶועסְט לֵיינֶען דִי וֶוערְטֶער וָואס מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָּאָה (צַוָּאַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת יד): "לֹא הָיָה לִי יוֹם אֶחָד טוֹב בְּזֶה הָעוֹלָם,

בְּלִי שׁוּם גֻּזְמָא כְּלָל", אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֵיין גוּטְן טָאג אִין מַיין לֶעבְּן, אָן קַיין גוּזְמָא, "וּמַמָּשׁ בְּבֵיתִי בְּכָל יוֹם וָיוֹם", אִיךְ פְלֶעג וֵויינֶען יֶעדְן טָאג פוּן מַיין לֶעבְּן, "מֵרֹב צַעַר וְעַגְמַת נֶפֶשׁ שֶׁסְּבָבוּנִי מִבַּיִת וּמִחוּץ", פוּן דִי יִסּוּרִים וָואס אִיז אוֹיף מִיר אַרִיבֶּער - סַיי פוּן אִינְדְרוֹיסְן אוּן סַיי פוּן שְׁטוּבּ. מִיט אַלֶע צָרוֹת אִין יִסּוּרִים הָאט עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט מְחַזֵּק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער; טָאג אוּן נַאכְט, נַאכְט אוּן טָאג - הָאט עֶר גֶעשְׁרִיבְּן סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פַאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ זֵיי זָאלְן הָאבְּן מִיט וָואס זִיךְ צוּ מְחַזֵּק זַיין.

**אִיךְ** הָאבּ נָאכְאַמָאל אַפִּיר גֶענוּמֶען דִי צַוָּואָה אוֹיפְצוּזוּכְן וֶועלְכֶע שְׁטִיקָל דִיר שְׁטֶערְט, אִיךְ לֵיין אוּן אִיךְ וֵויין זֶעעֶנְדִיג וָואס מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט (שָׁם, אוֹת יא): "אִיךְ וִויל אַייךְ זָאגְן דֶעם רֵיינֶעם אֱמֶת, אַז דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעהַאט אַ חֵלֶק אִין דֶעם שְׁלֶעכְטְן נָאמֶען וָואס מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיף מִיר, זָאל מְקֻיָּם וֶוערְן בַּיי זֵיי דֶער פָּסוּק (תְּהִלִּים יב, ד): "יַכְרֵת ה' כָּל שִׂפְתֵי חֲלָקוֹת לָשׁוֹן מְדַבֶּרֶת גְּדֹלוֹת, אֲשֶׁר אָמְרוּ לִלְשֹׁנֵנוּ נַגְבִּיר שְׂפָתֵינוּ אִתָּנוּ מִי אָדוֹן לָנוּ" - זֵיי וֶועלְן אִינְגַאנְצְן פַארְשְׁנִיטְן וֶוערְן. אוּן זֵיי וֶועלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְגֶעבְּן וֶוערְן אוֹיף דָאס וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן, דֶער הֵיילִיגֶער "רְמָ"א" פַּסְקְ'נְט (אוֹרַח חַיִּים סִימָן תר"ו) אַז אוֹיבּ מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַ שְׁלֶעכְטְן נָאמֶען אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ דַארְף מֶען יֶענֶעם נִישְׁט מוֹחֵל זַיין. דֶער "מָרְדְּכַי" שְׁרַייבְּט אַז אוֹיבּ מֶען לָאזְט אַרוֹיס אַ שְׁלֶעכְטְן נָאמֶען אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט דָאס קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְגֶעבְּן - "אֵין לוֹ מְחִילָה עוֹלָמִית", עַיֵּן שָׁם.

**דָאס** וָואס מוֹהֲרָא״שׁ שְׁרַייבְּט אִיז בִּכְלַל נִישְׁט שַׁארְף, דָאס אִיז וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים יב, ד) אַז דִי אַלֶע וָואס רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף צַדִיקִים, זֵיי פַארְשְׁפְּרֵייטְן לָשׁוֹן הָרָע אוֹיפְן צַדִיק אוּן זֶענֶען גוֹרֵם אַז אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן - זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין חֵלֶק אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט; דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ הָאסְט קַשְׁיוֹת אוֹיף מוֹהֲרָא״שׁ, אִיךְ וִויל דִיר פְרֶעגְן, תְּהִלִּים הָאסְטוּ אוֹיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט זָאגְן, דָוִד הַמֶּלֶךְ בֶּעט אִין תְּהִלִּים (שָׁם): ״יַכְרֵת ה׳ כָּל שִׂפְתֵי חֲלָקוֹת, לָשׁוֹן מְדַבֶּרֶת גְּדֹלוֹת, אֲשֶׁר אָמְרוּ לִלְשֹׁנֵנוּ נַגְבִּיר שְׂפָתֵינוּ אִתָּנוּ מִי אָדוֹן לָנוּ״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל פַארְשְׁנַיידְן אַלֶע בַּעֲלֵי לָשׁוֹן הָרָע, זֵיי זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין חֵלֶק לָעוֹלָם הַבָּא; הָאסְטוּ אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ זָאגְן תְּהִלִּים?

קוּק וַוייטֶער וָואס מוֹהֲרָא״שׁ שְׁרַייבְּט, פַארְוָואס אִיז עֶר זֵיי נִישְׁט מוֹחֵל? פַארְוָואס בֶּעט עֶר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל זֵיי פַארְשְׁנַיידְן: ״דִי מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע הָאבְּן אוֹיף מִיר אַרוֹיסְגֶעלָאזְט דֶעם שְׁלֶעכְטְן נָאמֶען הָאבְּן מִיט דֶעם גֶעמַאכְט אוּן גוֹרֵם גֶעוֶוען אַז טוֹיזְנְטֶער אִידְן זָאלְן נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן דָאס גֶעטוּן זֶענֶען ׳חוֹטְאִים וּמַחֲטִיאִים אֶת הָרַבִּים׳, וָואס נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוייסְט, אוּן עֶר וֶועט זִיבֶער נְקָמָה נֶעמֶען פוּן זֵיי״.

**אַ** צַדִיק גֵייט אִין לֶעבְּן צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען אַלֶע אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִים גֵייט נִישְׁט אָן אַז מֶען רֶעדְט אוֹיף אִים, אִים שְׁטֶערְט נִישְׁט וָואס מֶען טוּט מִיט אִים, עֶר אִיז בַּיי זִיךְ גָארְנִישְׁט, עֶר אִיז בָּטֵל וּמְבוּטָל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בַּיים לֶעבְּן

אִיז עֶר שׁוֹין בַּיי זִיךְ "שָׁכֵן לֶעָפָר בְּחַיָּיו" (עַיֵּין סוֹטָה ה.; לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ע), אַזוֹי ווִי עֶר לִיגְט שׁוֹין בַּאגְרָאבְן; עֶר ווִיל גָארְנִישְׁט, עֶר דַארְף גָארְנִישְׁט, עֶר אִיז יֶעדֶע רֶגַע גְרֵייט צוּרִיק צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר ווִיל אֵיין זַאךְ: 'אַלֶע אִידְן זָאלְן זַיין בַּאהָאפְטְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן'. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן: "מִיר גֵייט נִישְׁט אָן ווָאס מֶען רֶעדְט אוֹיף מִיר, עֶס גֵייט מִיר אָן אַז מֶען הַאלְט צוּרִיק מֶענְטְשְׁן פוּן תְּשׁוּבָה טוּן; דָאס ווָאס אִיךְ שְׁרַייבּ קֶענְגְן דִי ווָאס רֶעדְן אוּן מַאכְן חוֹזֶק פוּן מִיר, ווָאס אִיז נוֹגֵעַ פַאר מִיר אַלֵיינְס גֵייט מִיר נִישְׁט אָן, נָאר דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גוֹרֵם אַז טוֹיזְנְטֶער אִידְן זָאלְן נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן".

אִיךְ ווִיל דִיר פְרֶעגְן, ווָאס ווָאלְסְטוּ גֶעטוּן ווֶען דוּ זֶעסְט מֶענְטְשְׁן ווֶערְן דֶערְטְרוּנְקֶען אִין וַואסֶער אוּן עֶס שְׁטֵייט אֵיינֶער אוּן וַוארְפְט זֵיי אוֹיס שְׁטְרִיק זֵיי זָאלְן זִיךְ קֶענֶען רַאטֶעווֶען, קוּמֶען לֵצִים אוּן שְׁנַיידְן אָפּ דִי שְׁטְרִיק אוּן אַלֶע מֶענְטְשְׁן אִין וַואסֶער ווֶערְן דֶערְטְרוּנְקֶען, ווָאס ווָאלְסְטוּ גֶעטוּן מִיט דִי לֵצִים? ווִי אַזוֹי ווָאלְסְטוּ גֶעקוּקְט אוֹיף זֵיי? ווִי אַזוֹי ווָאלְסְטוּ גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף זֵיי? זֶענֶען זֵיי נִישְׁט קַיין רוֹצְחִים?! דָאס זֶעלְבֶּע אִיז ווֶען אֵיינֶער רֶעדְט לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים ווָאס זֶענֶען מְחַזֵּק צֶעבְּרָאכֶענֶע בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ ווָאס דֶערְטְרוּנְקֶען זִיךְ, זֵיי פַאלְן אַרָאפּ אִין זִינְד, זֵיי הָאבְּן נָאךְ אֵיין הָאפֶענוּנְג צוּרִיק צוּ קוּמֶען, דוּרְךְ דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים אוּן עֶס קוּמֶען מֶענְטְשְׁן ווָאס זָאגְן: "מֶען טָאר נִישְׁט אַרַיינְקוּקְן אִין דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים", ווָאס זֶענֶען זֵיי? ווִי אַזוֹי דַארְף מֶען קוּקְן אוֹיף זֵיי?

**מִיט** דֶעם אַלֶעם וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעלִיטְן אַלֶע יָארְן פוּן דִי וָואס רֶעדְן אוֹיף אִים, בֶּעט אוּנְז מוֹהֲרָא"ש מִיר זָאלְן נִישְׁט מַאכְן קַיין מַחֲלֹקֶת אוּן מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט קֵיינֶעם; אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט וַוייטֶער (צַוָּאַת מוֹהֲרָא"ש, שָׁם): "מִיט דֶעם אַלֶעם בֶּעט אִיךְ אַייךְ, מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, אַז אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן אִין קַיין מַחֲלֹקֶת, אִיר זָאלְט נָאר שְׁטִיל שְׁוַוייגְן אוּן נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן פַאר דִי וָואס הָאבְּן מִיךְ פַארְשֶׁעמְט. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זִיכֶער גֶערֶעכְט מִיט אַלֶעם וָואס עֶר טוּט, אִיךְ דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן דָאס טוּ אִיךְ טַאקֶע, יֶעדְן טָאג טוּ אִיךְ נָאכְאַמָאל תְּשׁוּבָה, וַוייל נִישְׁט אוּמְזִיסְט רוֹדְפְ'ט מֶען מִיךְ.

**וָואס** טוּ אִיךְ דֶען? אִיךְ בִּין נָאר מְגַלֶה דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוֹיף אַזַא וֶועג אַז אֲפִלּוּ דֶער שְׁוַואכְסְטֶער אוּן נִידְרִיגְסְטֶער מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיךְ קֶענֶען שְׁפִּירְן דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דֶערִיבֶּער אִיז דִי מִדַּת הַדִּין מְקַטְרֵג אוֹיף מִיר, אוּן דִי מִדַּת הַדִּין גֵייט אַרַיין אִין דִי רְשָׁעִים וֶועלְכֶע טְשֶׁעפֶּענֶען מִיר אוּן קְרִיגְן אוֹיף מִיר, אוּן אִיךְ דַארְף נָאר טוּן תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה. וַוייל אוֹיף צוּ קֶענֶען מְגַלֶה זַיין דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַזַא גֶעוַואלְדִיגֶע פַארְנֶעם, דַארְף מֶען הָאבְּן אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע זְכִיָּה פוּן הִימְל.

**אָבֶּער** פוּן אַייךְ בֶּעט אִיךְ אַז אִיר זָאל נָאר אָפְּשְׁוַוייגְן, אִיר זָאלְט גָארְנִישְׁט צוּרִיק עֶנְטְפֶערְן פַאר דִי אַלֶע וָואס רֶעדְן קֶעגְן מִיר, זֵיי וֶועט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשְׁטְרָאפְן,

ווייל ווער עס רעדט אויף מיר וועט שוין כאפן זיינס, פריער אדער שפעטער".

**אַז** דו האסט קשיות אויף צדיקים - זאלסטו טון וואס דער הייליגער רבי אלימלך זכותו יגן עלינו זאגט (הנהגות האדם, סימן א) מען זאל זיך מתבודד זיין און וויינען צום אייבערשטן אויף אלע מעשים וואס מען דארף פאררעכטן, "ואז יראה בעצמו שעמדו עונותיו נגד עיניו, ויזכר את חטאתיו ועוונותיו ופשעיו כהרים וגבעות", דעמאלט וועט ער זען די עבירות וואס גרייכט אזויפיל ווי ריזיגע בערג, "אשר מעולם לא זכר אותם אם עשה ככה". וואס פארן זיך מתבודד זיין האט ער בכלל נישט געוואוסט אז ער דארף תשובה טון אויף דעם, "ככה יעשה לא פעם ולא שתים ולא מאה פעמים, עד אשר ירחמו עליו מן השמים", אזוי זאל ער טון נישט איין מאל, נישט צוויי מאל, נישט הונדערט מאל; ער זאל זיך אזוי פירן ביז דער אייבערשטער וועט רחמנות האבן אויף אים און אים פירן אויפן ריכטיגן וועג, "ויתפלל להשם יתברך שידריכהו בדרך ויורהו דרכו שלא יבלה חיי חייו", ער זאל בעטן דעם אייבערשטן ער זאל וויסן ווי אזוי זיך צו פירן, ער זאל נישט פארברענגען זיינע יארן און טעג מיט נארישקייטן, ביז דער אייבערשטער וועט אים העלפן ער וועט וויסן ווי אזוי זיך צו פירן.

**הַלְוַאי** זאלסטו זיך מאכן א שעור אין לערנען יעדן טאג די צוואה פון מוהר"ש, דורכדעם וועסטו זוכה זיין צו לעבן מיטן אייבערשטן. בפרט אות ט, וואו מוהר"ש

שְׁרַייבְּט: "זִכְרוּ הֵיטֵיב וּתְיַישְּׁבוּ עַצְמְכֶם וְאָז תִּרְאוּ כִּי שָׁוְא תְּשׁוּעַת אָדָם, וְהַכֹּל הֶבֶל הֲבָלִים", גֶעדֶענְקְט גוּט אוּן נֶעמְט גוּט אַרַיין אִין אַייעֶר קָאפּ אַז אִיר הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶס אִיז אַ שָׁאד זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן, "אַף אֶחָד לֹא יָכוֹל לַעֲזוֹר לָכֶם, וּמִכָּל שֶׁכֵּן שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לְהַזִּיק לָכֶם", קֵיינֶער קֶען אַייךְ נִישְׁט הֶעלְפְן אוּן זִיכֶער נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, "וְעַל כֵּן אַל תִּירְאוּ וְאַל תֵּחַתּוּ מִשּׁוּם בְּרִיָּה שֶׁבָּעוֹלָם, וּמִכָּל שֶׁכֵּן שֶׁאַל תַּחֲנִיפוּ אֶת שׁוּם בְּרִיָּה, כִּי לֹא יוֹעִיל כְּלָל, אֶלָּא עוֹד יַזִּיק לָכֶם בִּבְרִיאוּתְכֶם", דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוּן אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט חַנְפְ'נֶען צוּ קֵיינֶעם וַוייל דָאס וֶועט אַייךְ גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן, פַארְקֶערְט, דָאס וֶועט אַייךְ שָׁאטְן צוּם גֶעזוּנְט, "כִּי כְּשֶׁאָדָם שָׂם בִּטְחוֹנוֹ בְּבָשָׂר וָדָם, וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁאֵינוֹ נַעֲשָׂה כִּרְצוֹנוֹ אֲזַי בָּא לִידֵי אַכְזָבוֹת גְּדוֹלוֹת עַד מְאֹד, וְנִשְׁבָּר לְגַמְרֵי, וְנוֹפֵל רוּחוֹ, וְנֶחֱלַשׁ דַּעְתּוֹ", וַוייל וֶוען מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף מֶענְטְשְׁן אוּן דֶערְנָאךְ זֶעט מֶען אַז יֶענֶער אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט דִיר צוּ הֶעלְפְן אוּן עֶר קֶען דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן - וֶוערְט מֶען זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט אוּן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, "אֲבָל בָּזֶה שֶׁמַּכְנִסִים אֶת עַצְמוֹ לְגַמְרֵי בֶּאֱמוּנָה פְּשׁוּטָה בּוֹ יִתְבָּרַךְ, אָז מַצְלִיחִים בְּכָל הָעִנְיָנִים, כִּי אֵינוֹ חוֹנֵף לְשׁוּם בְּרִיָּה, וְכֵן אֵינוֹ מִתְיָרֵא מִשּׁוּם בְּרִיָּה, וְחַי אֶת הַחַיִּים שֶׁלּוֹ", אָבֶּער אַז מֶען גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף אִים - אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ, עַיֵּן שָׁם.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט אָפְּלָאזְן דַיינֶע נַארִישֶׁע חָכְמָה'לֶעךְ, דוּ וֶועסְט צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען פְלַייסִיג דֶעם דֶּרֶךְ

הַלִּימוּד, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָּאָה (צַוָּאַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת יג): "וּכְשֶׁתַּגִּיעוּ לְעוֹלָם הָאֱמֶת אָז תִּיוָכְחוּ צִדְקַת 'סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד' שֶׁל רַבֵּינוּ זַ"ל", וֶוען אִיר וֶועט אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועט אִיר זִיךְ אִיבֶּערְצֵייגְן דִי וָוארְהֵייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס 'סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד'; "וְעַל כֵּן מַה וְלָמָּה לָכֶם לְהִתְוַכֵּחַ?! טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב הַשֵּׁם, הַרְגִילוּ עַצְמְכֶם לָזֶה וְאָז תִּרְאוּ וְתַרְגִּשׁוּ כָּל מִינֵי טַעֲמִים בְּחַיֵּיכֶם", דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט טַעְנָה'ן מִיט קֵיינֶעם, נָאר גֶעוואוּינְט אַייךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען לוֹיט דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, דֶעמָאלְט וֶועט אִיר זֶען אוּן שְׁפִּירְן אַלֶע טַעֲמִים אוֹיף דִי וֶועלְט, "כִּי הַתּוֹרָה הִיא חִיּוּתֵנוּ בָּעוֹלָם הַזֶּה וּבָעוֹלָם הַבָּא, חִיּוּת גַּשְׁמִי וְחִיּוּת רוּחָנִי", ווייל דִי תּוֹרָה אִיז אוּנְזֶער לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, דִי תּוֹרָה גֶעבְּט אוּנְז לֶעבְּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן סַיי בְּרוּחָנִיּוּת, "אַשְׁרֵי מִי שֶׁאֵינוֹ מַטְעֶה עַצְמוֹ בָּזֶה הָעוֹלָם כְּלָל, וְיוֹדֵעַ אֲשֶׁר עִקַּר הַלִּימוּד הוּא רַק לַעֲשׂוֹת רְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ וְלוֹמֵד עַל מְנָת לְקַיֵּים מִצְווֹתָיו יִתְבָּרַךְ וְלַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ לוֹ יִתְבָּרַךְ", וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוּן וֵוייסְט אַז דֶער עִקָּר לִימוּד הַתּוֹרָה אִיז צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עַיֵּין שָׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר אוּן אוֹיף אַלֶע אִידְן.

# תתסז

## פַארְוָואס הָאט מוֹהֲרָ"ש צוּגֶעזָאגְט אַזוֹיפִיל הַבְטָחוֹת?

### שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוואלְדִיגֶע שִׁעוּרִים וָואס זֶענֶען מַמָּשׁ מְחַיֶּה נְפָשׁוֹת, אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶּה מִיט יֶעדֶע שִׁעוּר בַּאזוּנְדֶער.

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן פַארְוָואס מוֹהֲרָ"שׁ הָאט צוּגֶעזָאגְט אַזוֹיפִיל הַבְטָחוֹת אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, אוֹיף וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיּוּן, טְרָאגְן זַיין קַמֵיעַ, מִקְוֶה מַלְכָּה, דְרוּקְן אֲשֶׁר בַּנַּחַל, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

מֶען טְרֶעפְט עֶס נִישְׁט אַזוֹי בַּיי אַנְדֶערֶע צַדִּיקִים, פַארְוָואס הָאט מוֹהֲרָ"שׁ דָאס יָא גֶעטוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת יִתְרוֹ, י"ד שְׁבָט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וָואס** אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין? חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא פה.) אוֹיפְן פָּסוּק (יִרְמְיָה טו, יט): "וְאִם תּוֹצִיא יָקָר מִזּוֹלֵל, כְּפִי תִהְיֶה", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ בְּרֶענְגְט צוּרִיק מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - "אֲפִלּוּ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא גּוֹזֵר גְּזֵרָה, מְבַטְלָהּ בִּשְׁבִילוֹ", אֲפִלּוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס מַאכְט אַ גְזֵרָה, אִיז עֶר עֶס מְבַטֵּל צוּלִיבּ דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס

בְּרענְגְט צוּריק אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דָאךְ פָּשׁוּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מְבַטֵל אַלֶע גְזֵירוֹת צוּלִיבּ אִים.

**דָאס** הָאט מֶען גֶעזֶען אוּן דָאס זֶעט מֶען בַּיי אַלֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין צוּרִיק בְּרענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ כֹּחַ צוּ בְּרֶענְגֶען יְשׁוּעוֹת; קֵיינֶער הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעקֶענְט אָפְּהַאלְטְן אוּן שְׁטֵיין אִין זֵייעֶר וֶועג. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער זֹהַר זָאגְט (תְּרוּמָה, קכח:) "תָּא חֲזִי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בְּיָדָא דְּחַיָּיבָא וְאִשְׁתָּדַל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא", קוּם אוּן זֶע: אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא", דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; "גָּרִים לְאַכְפְיָיא סִטְרָא אַחֲרָא, וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ, וְגָרִים לְקַיְימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַוֶועק טֻמְאָה פוּן דֶער וֶועלְט אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵייליגְט אוֹיף דֶער וֶועלְט, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת, "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "כָּל מָארֵי דִינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי", קֵיינֶער קֶען אִים

נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן - נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ", עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְּרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

**עֶם** אִיז מְקֻבָּל פוּן צַדִּיקִים אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ הָאט אַ כֹּחַ צוּ בְּרֶענְגֶען יְשׁוּעוֹת פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן מוֹהֲרַ"שׁ הָאט זִיךְ דָאךְ אַ גַאנְץ לֶעבְּן מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, בִּפְרַט פַאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ - זֵיי צוּ רַאטֶעוֶוען פוּן עֲבֵירוֹת. קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט - אָדֶער מַאכְט מֶען זִיךְ וִוי מֶען וֵוייסְט נִישְׁט - וָואס בָּחוּרִים גֵייעֶן אַרִיבֶּער, וִוי זֵיי פַאלְן אִין עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן, בָּחוּרִים זֶענֶען פּוֹגֵם בִּבְרִית, אִין הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן; קֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער זֵיי צוּ מְחַזֵּק זַיין, קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף זֵיי, ווידֶער מוֹהֲרַ"שׁ הָאט דוּרְכְאוֹיס זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן גֶעשְׁרִיבְּן סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים זֵיי צוּ מְחַזֵּק זַיין, זֵיי צוּ שְׁטַארְקְן. מוֹהֲרַ"שׁ הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוען עֶר וֶועט אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וועלְט וֶועט עֶר זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין פַאר אַלֶע בָּחוּרִים, עֶר וֶועט טַעְנָה'ן פַארְן בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה: "וָואס זֶענֶען בָּחוּרִים שׁוּלְדִיג אַז זֵיי פַאלְן אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת?!" דֶערִיבֶּער הָאט מוֹהֲרַ"שׁ צַוָּאָה גֶעלָאזְט (צַוָּאַת מוֹהֲרַ"שׁ, אוֹת ה): "אִיךְ זָאג צוּ אַז יֶעדֶע בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס דַארְף אַ שִׁדּוּךְ אוּן זֵיי וֶועלְן קוּמֶען דָא אוֹיף מַיין קֶבֶר אוּן דוּרְכְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְן סוֹף פַאר מַיין זְכוּת, וֶועל אִיךְ טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ קֶען, אַז זֵיי זָאלְן

טְרֶעפְן זַייעֶר שִׁדוּךְ. אוּן דָאס זָאג אִיךְ צוּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע צוּזָאג"; וַוייל עֶר הָאט זִיךְ אַ גַאנְץ לֶעבְּן מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועןְ פַאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען וַוייטֶער צוּ הֶעלְפְן בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

אוֹיךְ הָאט מוֹהֲרָא"שׁ זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען צוּ בּוֹיעֶן אַ מִקְוֶה אִין יַבְנְאֵל מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ; וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט בּוֹיעֶן דִי מִקְוֶה אִין יַבְנְאֵל אוּן דֶער רָב אִין יַבְנְאֵל הָאט אַיינְגֶערֶעדְט אַז זַיין מִקְוֶה אִיז כָּשֵׁר, עֶר הָאט מַכְשִׁיל גֶעוֶוען אַלֶעמֶען מִיט אִסוּרֵי כְּרִיתוּת רַחְמָנָא לִצְלָן, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין רֶעגְן וַואסֶער אִינֶעם אוֹצָר, קוּמְט אוֹיס אַז אַלֶע וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶע'טוֹבֵל'ט הָאבְּן זִיךְ גֶע'טוֹבֵל'ט אִין אַ פָּשׁוּט'עֶ וַואנֶע רַחְמָנָא לִצְלָן. דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע רֶעגִירוּנְג, דִי מְדִינָה שֶׁל גֵיהִנוֹם הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט בּוֹיעֶן אַ מִקְוֶה, הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעבּוֹיט אִינְמִיטְן דִי נַאכְט שְׁטִילֶערְהֵייט אַ מִקְוֶה מִיט שְׁרֶעקְלִיכֶע פֵּיין, דֶערְפַאר הָאט מוֹהֲרָא"שׁ צוּגֶעזָאגְט אַז יֶעדֶע פְּרוֹי וָואס וֶועט נוּצְן דִי "מִקְוֶה מַלְכָּה" וֶועט הָאבְּן קִינְדֶער, אֲפִלוּ פְּרוֹיעֶן וָואס קֶענֶען בְּדֶרֶךְ הַטֶבַע נִישְׁט הָאבְּן קַיין קִינְדֶער וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער, אוּן דָאס זֶעט מֶען קְלָאר.

אִיךְ אַלֵיינְס קֶען אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער, דִי דָאקְטוֹירִים הָאבְּן זֵיי מְיַיאֵשׁ גֶעוֶוען פוּן הָאבְּן קִינְדֶער, אָבֶער זֵיי זֶענֶען גֶעפָארְן קַיין יַבְנְאֵל אוּן גֶענוּצְט דִי סְגֻלָּה, אוּן זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער; וַוייל אַ זַאךְ וָואס מֶען לֵייגְט אַרֵיין דֶערִין מְסִירוּת נֶפֶשׁ הָאט אַ כֹּחַ צוּ בְּרֶענְגֶען אַלֶע סָארְט יְשׁוּעוֹת.

אַזוֹי אוֹיךְ מִיטְן דְרוּקְן דֶעם סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל; דִי בְּרִיוו הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעשְׁרִיבְּן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ צוּ מְחַזֵּק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הָאט דָאס אַ כֹּחַ צוּ בְּרֶענְגֶען אַלֶע יְשׁוּעוֹת און אַלֶע רְפוּאוֹת. וואוּיל אִיז דֶעם וָואס הֶעלְפְּט דְרוּקְן דִי סְפָרִים, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען אָפֶּענֶע יְשׁוּעוֹת און אָפֶּענֶע רְפוּאוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתסח

**ווי אַזוֹי אַרְבֶּעט דִי סְגֻלָּה צוּ זָאגְן**
**מַסֶּכֶת תַּעֲנִית צוּ וֶוערְן אַ חָתָן?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן טוּן דִי סְגֻלָּה פוּן מוֹהֲרָא"שׁ צוּ זָאגְן מַסֶּכֶת תַּעֲנִית כְּדֵי צוּ טְרֶעפְן מַיין שִׁדּוּךְ; אִיךְ ווִיל ווִיסְן ווִיפִיל טֶעג מֶען דַארְף דָאס זָאגְן, אִיז דָא אַ בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִיבֶּער דֶעם?

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט ווִיסְן, אַזוֹי ווִי אִיךְ בִּין אַ פְרִישֶׁער מְקוֹרָב, צִי אִיךְ דַארְף אוֹיךְ גֵיין הֶפְצָה?

אִיךְ פְּרוּבִיר זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, און אִיךְ בִּין לֶעצְטְנְס נָאכְאַמָאל גֶעפָארְן צוּם צִיּוּן הַקָּדוֹשׁ פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אִין יַבְנְאֵל, און אִיךְ הָאבּ זִיכֶער גֶע'פּוֹעֵל'ט אַלֶעם גוּטְס.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת יִתְרוֹ, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**ווַאוִיל** אִיז דִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט יֶעדְן טָאג גַאנְץ מַסֶּכֶת תַּעֲנִית, יֶעדְן טָאג פוּן דִי שׁוֹבָבִי"ם טֶעג; אִין דֶעם זְכוּת וֶועסְטוּ בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין שִׁדּוּךְ.

**דָא** הָאסְטוּ דֶעם בְּרִיוו (אֲשֶׁר בְּנַחַל-אִידִישׁ חֵלֶק ד, מִכְתָּב תכ) וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשִׁיקְט פַאר דִי בָּחוּרִים אָנְהוֹיבּ שׁוֹבָבִי"ם שְׁנַת תשע"ב:

"בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, יוֹם א' לְסֵדֶר שְׁמוֹת, י"ג טֵבֵת ה'תשע"ב

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה הַקְּדוֹשָׁה "תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה" נֵרָם יָאִיר וְיִזְרַח.

הַיינְט הֵייבְּט זִיךְ אָן דִי פֶערְצִיג טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם, וָואס דָאס מֵיינְט דִי וָואכְן וָואס מֶען לֵיינְט שְׁ'מוֹת וָ'אֵרָא בּ'א בְּ'שַׁלַּח יִ'תְרוֹ מִ'שְׁפָּטִים, זָאגְט דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ דִי טֶעג זֶענֶען מְסוּגָּל צוּ פַארְרֶעכְטְן אַלֶע פְּגָמֵי הַבְּרִית וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן פ"ז) אַז דָאס אִיז גּוֹרֵם פַאר אַ בָּחוּר עֶס זָאל אִים שְׁוֶוער אָנְקוּמֶען טְרֶעפְן זַיין בַּת זוּג, אוּן אוֹיךְ אַ אִינְגֶערְמַאן וֶועט אִים אָנְקוּמֶען שְׁוֶוער דִי שְׁלוֹם בַּיִת, אָבֶּער אוֹיבּ עֶר וֶועט תְּשׁוּבָה טוּן, וֶועט אִים אַלֶעס פַארְרַאכְטְן וֶוערְן.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים אַז דִי פֶּערְצִיג טֶעג דַארְף מֶען פַאסְטְן, אָבֶּער עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אָנְגֶעזָאגְט נִישְׁט צוּ פַאסְטְן אוּן מֶען זָאל נִישְׁט נֶעמֶען פַאר זִיךְ אַלֵיין תַּעֲנִיתִים, עֶס אִיז עֶנְק אַלֶע בַּאוואוּסְט וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיי עֶנְק אִין דִי יְשִׁיבָה חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, וָואס אִיז פֶּערְצִיג טֶעג פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט אַז דִי אַלֶע וָואס זַיי וֶועלְן עֶנְדִיגְן יֶעדְן טָאג מַסֶּכֶת תַּעֲנִית, וֶועלְן טְרֶעפְן אַ גוּטְן שִׁדוּךְ, אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען קְלוּגֶע בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן אָנְגֶענוּמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער אוּן זַיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט מַמָּשׁ מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ יֶעדְן טָאג מַסֶּכֶת תַּעֲנִית, אֲפִלּוּ עֶס אִיז זַיי אָנְגֶעקוּמֶען זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער, אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען שְׁוֶוערֶע צַייטְן וְכוּ', ווִי פַארְפְלֵייצוּנְגֶען וְכוּ', אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין עֶלֶעקְטֶערִיק וְכוּ', אוּן מֶען הָאט גֶעדַארְפְט לֶערְנֶען מִיט לֶעכְט וְכוּ', הָאט זַיי דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים גֶעהָאלְפְן, אוּן זַיי הָאבְּן גֶעטְרָאפְן יֶעדֶער אֵיינֶער אַ גוּטְן שִׁדוּךְ, אוּן דִי וָואס זַיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן וְכוּ', קֶען זַיין אַז זֵייעֶר אֱמוּנָה אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁטַארְק, אִיבֶּערְדֶעם בִּין אִיךְ מַצִיעַ כַּאפְּט אַרַיין בָּאטְשִׁיג דִי פֶּערְצִיג טֶעג - פוּן הַיינְט אָן - לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מַסֶּכֶת תַּעֲנִית, אַנְשְׁטָאט צוּ פַאסְטְן, וֶועט עֶטְץ זֶען וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער דָאס אַלֶע וֶועלְן אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם טוּן גוּטֶע שִׁדוּכִים, נָאר זִיךְ נִישְׁט מְיַאֵשׁ זַיין".

בְּנוֹגֵעַ הַפָּצָה וְכוּ'; יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה, נִישְׁט קַיין חִילוּק פְרִישֶׁע מְקוֹרָבִים אָדֶער אַלְטֶע

מְקוּרָבִים, אַזוֹי הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי גֶעהֵייסְן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקמג; וְעוֹד); דַארְפְן מִיר פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן רֶבִּי נָתָן. רֶבִּי נָתָן אֵיידֶער עֶר אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "עֶזְרָא הַסּוֹפֵר גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, אוּן טְרֵיף פָּסוּל אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר, אַזוֹי פִיל ווִי סְ'אִיז הַיינְט דָא אֲלָפִים וּרְבָבוֹת טְרֵיף פָּסוּל; נָאר אֵיין בְּלֶעטְל פוּן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֶועט זַיין אַ תִּקּוּן אוֹיף אַלְסְדִינְג", אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "אִיךְ זָאג אַייךְ אָן אַז אַייעֶר עוֹבְדָא זָאל זַיין אִיר זָאלְט דְרוּקְן דִי סְפָרִים, עֶס זָאל זַיין 'יָפוּצוּ מַעְיְנֹתֶיךָ חוּצָה'; אִיר זָאלְט זַיין שְׁטַארְק מִיט 'גֶעלְט' מִיט 'רָצוֹן' אוּן מִיט 'טִרְחָא'".

יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף טְרַאכְטְן: 'ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ הֶעלְפְן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דִי לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן אִין דִי וֶועלְט'; מֶען דַארְף זַיין שְׁטַארְק מִיט 'גֶעלְט', מִיט 'רָצוֹן' אוּן מִיט 'טִרְחָא'; אֵיינֶער קֶען בְּרֶענְגֶען גֶעלְט צוּ דְרוּקְן - זָאל עֶר בְּרֶענְגֶען גֶעלְט, אֵיינֶער קֶען דְרוּקְן - זָאל עֶר דְרוּקְן, אֵיינֶער קֶען גֵיין בַּיי דִי הַייזֶער מִיט דִי סְפָרִים וְכוּ' זָאל עֶר דָאס טוּן; יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף עוֹסֵק זַיין אִין דֶעם, נֶעמֶען אַ חֵלֶק אִין מְגַלֶּה זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

**אַז** דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אִין יַבְנְאֵל בַּיי מוֹהֲרָא"שְׁ'ס צִיּוּן אוּן אוֹיסְגֶעזָאגְט תְּהִלִּים - וֶועסְטוּ זִיכֶער בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין שִׁדּוּךְ.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתסט

## אָפְּזָאגְן אַ שִׁדּוּךְ אוֹיב דִי כַּלָּה ווִיל זִיךְ נִישְׁט שֶׁערְן דִי הָאר?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ אוֹיף אַלֶע שִׁעוּרִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ ווַייטֶער גֶעבְּן אַסַאךְ כּוֹחוֹת אָנְצוּגֵיין אוֹיף לַאנְגֶע גֶעזוּנְטֶע יָארְן צוּ מְזַכֶּה זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר, בַּאלְד דְרַייסִיג יָאר אַלְט, אוּן דִי מְסוֹרָה בַּיי אוּנְז אִיז אַז דִי פְרוֹיעֶן שֶׁערְן זִיךְ אָפּ נָאךְ דִי חֲתֻנָּה, אַזוֹי הָאט מֶען זִיךְ גֶעפִירְט בַּיי אוּנְז אִין אַלֶע דוֹרוֹת. יֶעצְט טְרָאגְט מֶען מִיר אָן אַ גוּטֶע שִׁדּוּךְ, אָבֶער בַּיי זֵיי אִין דִי קְהִלָּה (אַ חֲסִידִי'שֶׁע קְהִלָּה) אִיז דָאס נִישְׁט אַיינְגֶעפִירְט, אוּן זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מַסְכִּים זִיךְ צוּ שֶׁערְן.

מַיינֶע עֶלְטֶערְן - אוּן אוֹיךְ אַנְדֶערֶע - טַעְנָה'ן אַז מֶען טָאר נִישְׁט מְוַתֵּר זַיין אוֹיף אוּנְזֶער מִנְהָג וָואס הָאט הֵיילִיגֶע מְקוֹרוֹת, אַל תִּטּוֹשׁ תּוֹרַת אִמֶּךָ. פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאגְן אָבֶער אַנְדֶערֶע אַז מֶען דַארְף יָא פַארְקוּקְן אוּן מְוַתֵּר זַיין אוֹיף דֶעם, מִיט אַ טַעְנָה אַז חֲתֻנָּה הָאבְּן אִיז אַ מִצְוַת עֲשֵׂה דְאוֹרַיְיתָא, אוּן דָאס קוּמְט פְרִיעֶר.

אִיךְ וַוארְט אוֹיף אַ שְׁנֶעלֶע עֶנְטְפֶער גָאר ווִיכְטִיג.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דַיין שְׁאֵלָה אִיז אַ שְׁווֶערֶע שְׁאֵלָה; פוּן אֵיין זַייט, אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה אַז אַ פְרוֹי נָאךְ דִי חֲתֻנָּה בְּלַייבְּט מִיט**

אִירֶע אֵייגֶענֶע הָאר. דָאס אִיז אַ סַכָּנָה פַאר אִיר, פַאר אִיר מַאן אוּן פַאר דִי קִינְדֶער. דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (נָשֹׂא קכה:): "'תוּנְבָא לֵיתֵי' אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען, 'עַל הַהוּא בַּר נָשׁ' אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, 'דְּשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ' וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ, 'דְּתִתְחַזֵּי מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר' אַז אִיר הָאר פוּן קָאפּ זָאל זִיךְ אַרוֹיסְזֶען, 'וְדָא הוּא חַד מֵאִינּוּן צְנִיעוּתָא דְּבֵיתָא' אוּן דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען דִי הָאר פוּן דִי פְּרוֹי; 'וְאִתְּתָא דַּאֲפִּיקַת מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר' אוּן אַ פְּרוֹי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, 'לְאִתְתַּקְּנָא בֵּיהּ' זִיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן, 'גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא' אִיז זִי גּוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַיין אָרֶעמְקֵייט אִין שְׁטוּבּ, 'וְגָרִים לִבְנָהָא דְּלָא יִתְחַשְּׁבוּן בְּדָרָא' אוּן זִי אִיז גּוֹרֵם אַז אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּב, 'וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְּשַׁרְיָא בְּבֵיתָא' אוּן זִי אִיז גּוֹרֵם אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע זָאלְן זַיין אִין אִיר שְׁטוּבּ. זָאגְט וַוייטֶער דֶער זֹהַר: 'מַאן גָּרִים דָא' וֶוער אִיז דָאס אַלֶעס גּוֹרֵם? 'הַהוּא שַׂעֲרָא דְּאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר' דִי פְּרוֹי וָואס אִיר הָאר זֶעט זִיךְ אַרוֹיס". אוּן פַארְקֶערְט אִיז נָאךְ מֶער, אַ פְּרוֹי וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג אַז אִירֶע הָאר זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְזֶען - וֶועט הָאבְּן אַלֶע בְּרָכוֹת אוּן זִי וֶועט הָאבְּן נַחַת פוּן אִירֶע קִינְדֶער.

**אָבֶּער** וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט - צוּ זַיין אַ בָּחוּר, אִיז נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע סַכָּנָה. מֶען דַארְף חַתֲנָה הָאבְּן, מֶען דַארְף מְקַיֵּים זַיין דִי עֶרְשְׁטֶע מִצְוָה אִין דִי תּוֹרָה פוּן פְּרוּ וּרְבוּ, אוּן אַז מֶען הָאט נִישְׁט חַתֲנָה - זָאגְט דֶער

שֻׁלְחָן עָרוּךְ אִינֶעם עֶרְשְׁטְן סִימָן אִין אֶבֶן הָעֶזֶר: "חַיָּב כָּל אָדָם לִשָּׂא אִשָּׁה כְּדֵי לִפְרוֹת וְלִרְבּוֹת", יֶעדֶער אִיד אִיז מְחֻיָּב חֲתֻנָּה צוּ הָאבְּן אוּן גֶעבּוֹירְן קִינְדֶער, "וְכָל מִי שֶׁאֵינוֹ עוֹסֵק בִּפְרִיָּה וּרְבִיָּה כְּאִלּוּ שׁוֹפֵךְ דָּמִים, וּמְמַעֵט אֶת הַדְּמוּת, וְגוֹרֵם לַשְּׁכִינָה שֶׁתִּסְתַּלֵּק מִיִּשְׂרָאֵל", אוּן דֶער וָואס הָאט נִישְׁט חֲתֻנָּה - אִיז אַזוֹי וִוי אֵיינֶער וָואס פַארְגִיסְט בְּלוּט אוּן אִיז גּוֹרֵם אַז דִי שְׁכִינָה זָאל נִישְׁט רוּעֶן צְוִוישְׁן דִי אִידְן; בִּפְרַט אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין כִּמְעַט דְרַייסִיג יָאר - קֶענְסְטוּ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף גָארְנִישְׁט, דוּ דַארְפְסְט שׁוֹין וָואס פְרִיעֶר חֲתֻנָּה הָאבְּן.

וֶוען עֶס קוּמְט צוּ טוּן אַ שִׁדּוּךְ דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען וָואס חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (יְבָמוֹת סג.): "נְחוֹת דַּרְגָּא וּנְסִיב אִיתְּתָא", גֵיי אַרָאפּ אַ מַדְרֵגָה אוּן הָאבּ חֲתֻנָּה; מֶען דַארְף חֲתֻנָּה הָאבְּן וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, אוּן נִישְׁט זַיין קְלוֹיבֶּערִישׁ, אַז מֶען קְלוֹיבְּט זִיךְ אוּן מֶען וֶועלְט זִיךְ - בְּלַייבְּט מֶען אֵיינֶער אַלֵיין. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ב): "עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מֶלֶךְ וָואס הָאט גֶעבּוֹיט פַּאלַאצְן בַּיים יַם וְכוּ', דֶער מֶלֶךְ הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין וַוייבּ - זָאגְט דֶער רֶבִּי - וַוייל עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְקְלוֹיבְּן; דִי וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט הָאט אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַארְקֶערְט, דִי וָואס הָאבְּן אִים גֶעוָואלְט הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט"; דָא אִיז דֶער רֶבִּי מְרַמֵּז אַז מֶען דַארְף זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ זַיין קְלוֹיבֶּערִישׁ, נָאר אַרָאפְּגֵיין אַ שְׁטַאפְּל אוּן חֲתֻנָּה הָאבְּן.

**אַז** דו הָאסְט אַ שִׁדוּךְ, אַ וואוּילֶע עֶרְלִיכֶע מֵיידְל - זָאלְסְטוּ גֵיין בְּשִׂמְחָה טוּן דִי שִׁדוּךְ אוּן וָואס פְּרִיעֶר חֲתֻנָּה הָאבְּן מִיט אִיר, אוּן מִיט שֵׁיינֶעם וֶועסְטוּ אִיר קֶענֶען גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס שֵׁיינְקֵייט אוּן הֵיילִיגְקֵייט פוּן זִיךְ שְׁנַיידְן דִי הָאר.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתע

**ווִי אַזוֹי לֶערְנְט מֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוֹיפְן סֵדֶר?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל אָנְהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוֹיפְן סֵדֶר פוּן אִינֶעוֵוייניג, אִיךְ ווִיל ווִיסְן וואוּ אָנְצוּהוֹיבְּן אוּן וואוּ וַוייטֶער צוּ גֵיין.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת יִתְרוֹ, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זֵייעֶר** גוּט אַז דוּ ווִילְסְט אָנְהוֹיבְּן שִׁעוּרִים אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט זַיין אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד נָאר אַז

מֶען לֶערְנְט דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצב): "פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ נִמְצָאִים בְּתוֹךְ סִפְרוֹ", דִי פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִיק, גֶעפִינְט זִיךְ אִין זַיינֶע סְפָרִים; דֶער וָואס לֶערְנְט דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - דֶער אִיז אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד, אוּן אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים - הָאט מֶען נִישְׁט קַיין שַׁייְכוּת מִיטְן רֶבִּי'ן.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁעוּר אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן; אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט דִי תּוֹרוֹת - זָאלְסְטוּ דָאס זָאגְן אָן פַארְשְׁטֵיין, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען, אַז אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט - זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן אוּן זוּכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין (עַיֵּן שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו). אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען אַבִּיסְל לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן יֶעדְן טָאג - וֶועסְטוּ אָנְהוֹיבְּן בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ וֶועסְט לֶעבְּן מִיט תְּשׁוּבָה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמט): "שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ", מֶען קֶען וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר בַּעַל תְּשׁוּבָה אַז מֶען לֶערְנְט לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, "וְאָמַר, שֶׁמִּי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו רַק בְּלִי קִנְטוּר וְנִצָּחוֹן, וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת, אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קַשְׁיוֹת לְבָבוֹ, וְאָמַר בְּזוּ הַלָּשׁוֹן: 'סֶע וֶועט אִים אַלֶע אָדֶערְן טְרֶעגֶען'", אוּן וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת, וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען אַלֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁעוּר צוּ לֶערְנֶען לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אִין אָנְהוֹיב

וֶועסְטוּ אֶפְשָׁר נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין יֶעדֶע זַאךְ, אָבֶער עֶס דַארְף דִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן, דוּ זָאג דִי וֶוערְטֶער, אוּן בַּיים סוֹף, נָאךְ אַפָּאר מָאל - וֶועסְטוּ אָנְהוֹיבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין.

**נָאכְדֶעם** מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן אוּן אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן; רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ מֶער אַרוֹיסְגֶעהַאט דֶעם רֶבִּי'ן פוּן זַיינֶע שִׂיחוֹת אוּן שְׁמוּעֶסְן"; דָאס וֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער צוּ פַארְשְׁטֵיין. אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען דִי שִׂיחוֹת פוּן רֶבִּי'ן וֶועסְטוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק קֶענְט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נִישְׁט סְתָם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

**הוֹיבּ** אָן קֹדֶם חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', דָארְט וֶועסְטוּ זֶען הֶערְלִיכֶע שְׁמוּעֶסְן פוּן רֶבִּי'ן, אוּן וֶוען דוּ וֶועסְט עֶס מְסַיֵּם זַיין - זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען חֵלֶק א'.

**אוֹיךְ** מַאךְ דִיר אַ שִׁיעוּר אִין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת; דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט זַיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן כה) אַז דִי מַעֲשִׂיּוֹת וֶועקְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ פוּן שְׁלָאף; אֲפִלּוּ אֵיינֶער וָואס שְׁלָאפְט שׁוֹין, זַיין נְשָׁמָה אִיז שׁוֹין פַארְשְׁלָאפְן, בִּבְחִינַת 'אֲנִי יְשֵׁנָה', אָבֶער דוּרְךְ דִי מַעֲשִׂיּוֹת וֶוערְט 'וְלִבִּי עֵר'.

**אוֹיךְ** זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען סֵפֶר הַמִּדּוֹת; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַפְתָּלִי (וָואס עֶר אִיז אֵיינֶער פוּן

די צְווייִ עֵדִים וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף תִּקּוּן הַכְּלָלִי): "מַיין לִיבֶּער הַארְצִיגֶער חָבֵר, דֶער סֵפֶר הָאט מִיךְ גֶעמַאכְט פַאר אַ אִיד" (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שעט).

וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל, די בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן; דָארְט וֶועסְטוּ טְרֶעפְן חִזּוּק פַאר יֶעדְן מַצָּב, עֶס וֶועט דִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן פוּן אַלֶע בְּלָאטֶעס, אוּן לִיכְטִיג מַאכְן פוּן אַלֶע טוּנְקֶלְקֵייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתעא

### פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט גֵיין אוֹיף טֶערָאפִּי?

### שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

קוֹדֶם כָּל וויל אִיךְ אַרוֹיסבְּרֶענְגֶען מַיינֶע גֶעפִילְן אִיבֶּער די גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁעוּרִים אוּן חִזּוּק מִיט וָואס אִיר זֶענְט מְחַזֵּק אַזוֹיפִיל טוֹיזְנְטֶער אִידִישֶׁע קִינְדֶער יֶעדְן טָאג, ווִי אוֹיךְ די גֶעוַואלְדִיגֶע בְּרִיוו וָואס אִיר עֶנְטְפֶערְט פַאר יֶעדְן מִיט אַזַא שֵׂכֶל הַיָּשָׁר אוּן אַ קְלָארְקֵייט, מַמָּשׁ הַפְלֵא וָפֶלֶא. אִיךְ לֵיין כְּסֵדֶר די בְּרִיוו אוּן אִיךְ נֶעם דֶערְפוּן אַסַאךְ חִזּוּק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל וַוייטֶער הֶעלְפְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אֵיין זַאךְ וָואס אִיז מִיר זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוֹיפְן פָּסוּק "וְרַפֹּא יְרַפֵּא" (שְׁמוֹת כא, יט), "מִכַּאן שֶׁנִּתְּנָה רְשׁוּת לְרוֹפֵא לְרַפְּאוֹת", דָאס מֵיינְט אַז מֶען קֶען אוּן מֶען דַארְף

גֵיין צוּ אַ דָאקְטֶער וֶוען עֶס פֶעלְט אוֹיס. אוּן אַזוֹי וִוי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ מַחֲלָה לֹא עָלֵינוּ אִין זַיין גוּף פַארְשְׁטֵייט מֶען אַז מֶען דַארְף גֵיין צוּ אַ דָאקְטֶער, דִי זֶעלְבֶּע וָואלְט גֶעדַארְפְט זַיין וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לַיידְט נֶעבֶּעךְ אוֹיף זַיין נֶפֶשׁ, עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן מִיט זַיין וַוייבּ, מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. צִי עֶר הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם מִיט כַּעַס אָדֶער אַנְדֶערֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, אָדֶער אֵיינֶער וָואס הָאט פְּרָאבְּלֶעמֶען מִיט פְּחָדִים, דִמְיוֹנוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, וָואלְט עֶר אוֹיךְ גֶעדַארְפְט גֵיין צוּ אַ נַפְשִׁיוּת'דִיגֶער דָאקְטֶער אִים צוּ הֵיילְן.

דֶערְפַאר וואוּנְדֶער אִיךְ זִיךְ פַארְוָואס אִיר שְׁרַייבְּט אַלְץ אוֹיף דִי אַלֶע זַאכְן אַז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה צוּ דֶעם אִיז נָאר תְּפִלָּה. אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז אֲפִלּוּ וֶוען מֶען גֵייט זִיךְ יָא הֵיילְן דַארְף מֶען אַוַדַאי הָאבְּן אוֹיךְ תְּפִלָּה צוּ דֶעם, אַזוֹי וִוי בַּיי אַ גֶעוֶועגְלִיכֶע מַחֲלָה וָואס מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן בְּלוֹיז אוֹיפְן דָאקְטֶער, מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה, אָבֶער פַארְוָואס שְׁרַייבְּט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַז נָאר תְּפִלָּה אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ צוּ טוּן?

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט מִיר קֶענֶען אוֹיסְקְלָארְן דִי זַאךְ, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט וַוייטֶער קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט מִיט דִי הַרְבָּצַת הַתּוֹרָה, מִיט פִיל נַחַת אוּן הַרְחָבַת הַדַּעַת.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט מִיךְ מְקַרֵב גֶעוֶוען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה**

גֶעוֶועןְ צוּ מְקוֹרָב וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דוּרְךְ מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן מִיךְ מְזַכֶּה גֶעוֶוען אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן וַוייטֶער פַאר בְּנֵי הַנְּעוּרִים דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן. בִּפְרַט דִי לֶעצְטֶע פָּאר יָאר פוּן וֶוען מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן הָאבְּן בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן בְּרִיוו וואוּ זֵיי דֶערְצֵיילְן זֵייעֶר וֶוייטָאג, זֵייעֶרֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן אִיבֶּערְגֵייעֶכְצֶער וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיךְ מְזַכֶּה גֶעוֶוען צוּ שְׁרַייבְּן חִיזּוּק אוּן עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**אַלֶע** בְּרִיוו, אַלֶע עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק - דָאס אִיז גֶענוּמֶען גֶעוָוארְן פוּן סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ "אֲשֶׁר בַּנַּחַל"; דָאס עֶנְטְהַאלְט שֵׂכֶל פַארְן לֶעבְּן, עֵצוֹת פַארְן לֶעבְּן, חִיזּוּק פַארְן לֶעבְּן, וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם צַדִּיק אֱמֶת בַּאקוּמְט מֶען אַ קְלָארֶע שֵׂכֶל אוּן אַ לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ח', אוֹת ח): "וְצָרִיךְ לְבַקֵּשׁ מְאֹד מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיִּזְכֶּה לְהִתְקָרֵב לְמַנְהִיג אֲמִתִּי, כְּדֵי שֶׁיִּזְכֶּה לֶאֱמוּנָה אֲמִתִּית בִּשְׁלֵמוּת", מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַן אֱמֶת'ן צַדִּיק וָואס קֶען צוּבְּרֶענְגֶען צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶע קְלָארֶע אֱמוּנָה, "כָּל הַמִּתְקָרְבִים לְמַנְהִיג אֲמִתִּי, זוֹכִין לֶאֱמוּנָה יְשָׁרָה דִּקְדֻשָּׁה", וַוייל אַלֶע וָואס זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ אַן אֱמֶת'ן צַדִּיק זֶענֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה; דָאס בַּאקוּמְט מֶען וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן. אַלֶע קַשְׁיוֹת, סְפֵקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים גֵייעֶן אַוֶועק אוּן

## דִי אֱמוּנָה שַׁיינְט אוּן לַייכְט, מֶען לֶעבְּט מִיט אַן אֱמוּנָה בְּרוּרָה וּמְזוּכֶּכֶת.

**בְּנוֹגֵעַ** דַיין פְרַאגֶע וָואס אִיז שְׁלֶעכְט מִיטְן גֵיין צוּ מֶענְטְשְׁן זִיךְ אוּיסְהֵיילְן דֶעם נֶפֶשׁ וְכוּ' וְכוּ'; ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז רוֹב טֶערָאפִּיסְטְן זֶענֶען גְרוֹיסֶע פַארְבְּרֶעכֶערְס, זֵיי קֶענֶען נִישְׁט הֶעלְפְן אוּן זֵיי ווִילְן נִישְׁט הֶעלְפְן, זֵיי זוּכְן נָאר אוֹיסְצוּמֶעלְקְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער וְכוּ' וְכוּ'. לֵיידֶער זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס לַיידְן פְּחָדִים, דִמְיוֹנוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת וְכוּ' וְכוּ', וָואס דָאס קֶען מֶען נִישְׁט הֵיילְן נָאר דוּרְךְ אֱמוּנָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ה): "הָעִקָּר הוּא הָאֱמוּנָה, וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְחַפֵּשׂ אֶת עַצְמוֹ, וּלְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה", דֶער עִקָּר אוֹיף וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַרְבֶּעטְן צוּ צוּקוּמֶען - אִיז אֱמוּנָה, "כִּי יֵשׁ סוֹבְלֵי חֳלָאִים, שֶׁיֵּשׁ לָהֶם מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת, וְהֵם סוֹבְלִים הֶחֳלָאִים רַק בִּשְׁבִיל נְפִילַת הָאֱמוּנָה", וַוייל עֶס זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן מַחֲלוֹת אוּן זֵיי לַיידְן דָאס נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יִסּוּרֵי הַנֶּפֶשׁ וָואס מֶענְטְשְׁן לַיידְן זִיךְ נֶעבֶּעךְ צָאם, זָאגְט דֶער רֶבִּי וַוייטֶער: "כִּי עַל יְדֵי נְפִילַת הָאֱמוּנָה, בָּאִים מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת שֶׁאֵין מוֹעִיל לָהֶם לֹא רְפוּאוֹת, וְלֹא תְּפִלָּה, וְלֹא זְכוּת אָבוֹת", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה אוּן עֶר לַיידְט נֶעבֶּעךְ פוּן דִי מַחֲלוֹת וָואס קוּמְט פוּן חִסָּרוֹן אֱמוּנָה, דֶעמָאלְט הֶעלְפְט אִים נִישְׁט קַיין רְפוּאוֹת, עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּפִלָּה אוּן אוֹיךְ נִישְׁט זְכוּת אָבוֹת. דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי יִסּוּרִים וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן נֶעבֶּעךְ מִיט פוּן

אַלֶע סָארְט יִסוּרֵי הַנֶּפֶשׁ; עֶס פַּיינִיגְט זֵיי פוּן אִינֶעוֵוייניג - יֶעדֶער מִיט זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, און דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע רְפוּאָה אויף דֶעם אִיז אֱמוּנָה.

**פְּרֶעג** זִיךְ נָאךְ בַּיי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען מִיד גֶעוָוארְן פוּן אַרוּמְלוֹיפְן צוּ טֶערָאפִּיסְטְן און בַּיים סוֹף זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, זֵיי לֶעבְּן מִיט דִי עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, זֵיי וֶועלְן דִיר זָאגְן וָואס יִתְרוֹ הָאט גֶעזָאגְט (שְׁמוֹת יח, יא): "עַתָּה יָדַעְתִּי כִּי גָדוֹל ה' מִכָּל הָאֱלֹקִים"; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְכִילְתָּא יִתְרוֹ א, יב) יִתְרוֹ הָאט גֶעדִינְט אַלֶע עֲבוֹדָה זָרָה'ס, עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעלָאזְט קַיין אֵיינְס און עֶר הָאט גֶעזֶען אַז אַלֶעס אִיז נַארִישְׁקֵייטְן, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ און גֶעזָאגְט: "עַתָּה יָדַעְתִּי כִּי גָדוֹל ה' מִכָּל הָאֱלֹקִים"; אַזוֹי אוֹיךְ יֶעצְט, וֶוען דִי מֶענְטְשְׁן לֶעבְּן מִיטְן רֶבִּינְ'ס עֵצָה, זֵיי מַאכְן 'הִתְבּוֹדְדוּת', זָאגְן זֵיי: "עַתָּה יָדַעְתִּי כִּי גָדוֹל ה' מִכָּל הָאֱלֹקִים", מִיר וֵוייסְן אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ.

**עֶס** אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם וֶועג אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן פְּחָדִים, דִמְיוֹנוֹת און שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין וֶועג צוּ אוֹיפְבּוֹיעֶן 'סֶעלְף קַאנְפִידֶענְס', נָאר דוּרְךְ 'אֱמוּנָה'; נָאר דֶער רֶבִּי קֶען אוֹיסְהֵיילְן דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט זַיינֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יג): "אוּן אִיךְ הֵייל זֵי"; דֶער

רֶבִּי הָאט אַזוֹיפִיל חִזּוּק אוּן גְרִינְגֶע עֵצוֹת וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְש קֶען אַרוֹיסקְרִיכְן פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְּן מִיטְן רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, וֶועלְן מִיר זַיין גֶעזוּנְט בַּגּוּף וּבַנֶּפֶשׁ.

# תתעב

**מֶעג אִיךְ זִיךְ עַקְשְׁנ'ֶען צוּ נֶעמֶען נָאר אַ בְּרֶסְלֶב'ֶע כַּלָּה?**

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁעוּרִים אוּן חִזּוּק, דָאס גֶעבְּט מִיר מַמָּשׁ לֶעבְּן.

אִיךְ הֶער כְּסֵדֶר בַּיי דִי שִׁעוּרִים אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט עַקְשְׁנ'ֶען אוּן מִתְפַּלֵּל זַיין אַז מֶען וויל דַוְקָא אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע שִׁדּוּךְ, מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק קְלוֹיבְּן בַּיי אַ שִׁדּוּךְ. אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר אוּן אִיךְ וָואלְט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט הָאבְּן אַ כַּלָּה פוּן דִי "בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב" סְקוּל, וַוייל אִיךְ וִויל אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שְׁטוּב אוֹיף דִי וֶועג פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; מֶעג אִיךְ זִיךְ עַקְשְׁנ'ֶען בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִתְפַּלֵּל זַיין אַז אִיךְ וִויל דַוְקָא אַ כַּלָּה פוּן דִי בְּרֶסְלֶב'ֶע שׁוּלֶע?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת יִתְרוֹ, ט"ז שְׁבָט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וֶוען** מֶען בֶּעט פַאר אַ שִׁדּוּךְ דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּכְלָלִיּוּת, מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן אוּן בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער אַזוֹי ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז בַּאפוֹילְן, מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ בּוֹיעֶן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

**עֶס** אִיז נִישְׁט כְּדַאי זִיךְ צוּ עַקְשְׁנְ'עֶן דַוְקָא אוֹיף אַ תַּלְמִידָה פוּן 'בֵּית פֵיגָא'; דֶער עִקָּר דַארְף מֶען בֶּעטְן אוֹיף אַן עֶרְלִיכֶע גֶעזוּנְטֶע מֵיידְל מִיט גוּטֶע מִדּוֹת. אַ מֵיידְל וָואס ווִיל לֶעבְּן אַ תּוֹרָה'דִיגֶע לֶעבְּן, אַ מֵיידְל וָואס ווִיל פִירְן אַ אִידִישֶׁע לֶעבְּן; וָואס וֵוייסְט אַ מֶענְטְשׁ וואוּ זַיין שִׁדּוּךְ אִיז, אֶפְשָׁר אִיז דִי שִׁדּוּךְ עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ? דוּ קֶענְסְט בֶּעטְן אַז זִי זָאל לֶעבְּן מִיט דִי עֵצוֹת וָואס מֶען לֶערְנְט אִין בֵּית פֵיגָא אוּן זִי זָאל זִיךְ פִירְן אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז.

**דָאס** וֵוייסְטוּ דָאךְ, אַז נִישְׁט יֶעדֶער בָּחוּר וָואס דְרֵיידְט זִיךְ אִין יְשִׁיבָה אִיז אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ, עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג זִיךְ צוּ דְרֵייעֶן אִין יְשִׁיבָה אַז מֶען זָאל שׁוֹין אָנְגֶערוּפְן וֶוערְן אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ, מֶען דַארְף טוּן וָואס מֶען לֶערְנְט אִין הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ; אַזוֹי אוֹיךְ, נִישְׁט יֶעדֶע מֵיידְל וָואס דְרֵייט זִיךְ אִין הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ וֶוערְט פַארְרֶעכְנְט ווִי אַ תַּלְמִידָה וְכוּ'.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים יֶעדֶע זַאךְ אוֹיף דַיין פָּשׁוּט'עֶ שְׁפְּרַאךְ, וֶועסְטוּ זֶען נִסִּים.

# תתעג

### ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אוֹיפְוַוייזְן פַאר מֶענְטְשְׁן אַז מֶען דַארְף זִיךְ יָא שֶׁערְן?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ עֶטְלִיכֶע מִיטְגְלִידֶער אִין מַיין מִשְׁפָּחָה וָואס זֵייעֶרע פְּרוּיעֶן שֶׁערְן זִיךְ נִישְׁט, אוּן זֵיי בְּרֶענְגֶען כָּל מִינֵי רַאֲיוֹת אַז מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט שֶׁערְן, זֵיי פְּרוּבִּירְן אוֹיךְ נָאכְצוּשְׁלֶעפְּן אַנְדֶערֶע מִיט זֵייעֶרע שִׁיטוֹת.

עֶס זֶעט מִיר אוֹיס אַז אוֹיבּ וֶועל אִיךְ זֵיי בְּרֶענְגֶען מַרְאֵה מְקוֹמוֹת אִיבֶּער דֶעם חֹמֶר הָאִסּוּר פוּן זֹהַר הַקָּדוֹשׁ וְכוּ' - וֶועלְן זֵיי פָּאלְגְן. דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיבּ עֶס אִיז מֶעגְלִיךְ מִיר צוּ שִׁיקְן ווִי אַמְשְׁטֶענְלְסְטְן מַרְאֵה מְקוֹמוֹת אִיבֶּער דֶעם.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קֹדֶשׁ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ט שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיי נִישְׁט קְלוּגֶער פוּן שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ; שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ אִיז גֶעוֶוען דֶער חָכָם מִכָּל אָדָם אוּן עֶר זָאגְט אַז עֶס אִיז אַ שָׁאד

צו רֶעדְן מִיט לֵצִים, אַ שָׁאד צוּ זָאגְן מוּסָר פַאר מֶענְטְשְׁן וָואס ווילְן נִישְׁט אָנְנֶעמֶען וָואס צַדִּיקִים זָאגְן.

**אַזוֹי** זָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ (מִשְׁלֵי טו, יב): "לֹא יֶאֱהַב לֵץ, הוֹכֵחַ לוֹ", דֶער וָואס שְׁפֶּעט אָפּ הָאט נִישְׁט לִיבּ וֶוען מֶען מוּסָר'ט אִים אוּן מֶען וַוייזְט אִים ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, "אֶל חֲכָמִים, לֹא יֵלֵךְ", דֶערִיבֶּער גֵייט עֶר נִישְׁט צוּ קְלוּגֶע מֶענְטְשְׁן, עֶר ווִיל נִישְׁט הֶערְן וָואס זֵיי וֶועלְן אִים זָאגְן, נָאךְ זָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ (שָׁם יג, א): "וְלֵץ, לֹא שָׁמַע גְּעָרָה", דֶער וָואס שְׁפֶּעט אָפּ הָאט נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט קַיין מוּסָר, עֶר הֶערְט נִישְׁט צוּ וָואס דִי צַדִּיקִים זָאגְן.

**עֶס** אִיז נִישְׁט כְּדַאי זִיךְ צוּ טַעְנָה'ן מִיט מֶענְטְשְׁן; אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט זֵיי הֶעלְפְן - זָאלְסְטוּ זֵיי מְקָרֵב זַיין בְּאוֹפֶן כְּלָלִי צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. זָאג זֵיי פוּן דִי שֵׁיינֶע סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן. גֶעבּ זֵיי צוּ הֶערְן דִּבּוּרִים וָואס מֶען רֶעדְט אִין הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ, דִי זִיסֶע וַואסֶער, מַיִם חַיִּים וָואס קְוֶועלְט פוּנֶעם נַ'חַל נ'וֹבֵעַ מְ'קוֹר חָ'כְמָה - וֶועלְן זֵיי שׁוֹין ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

**רֶבִּי** נָתָן פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג אָנְזָאגְן זַיינֶע תַּלְמִידִים זֵיי זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְן פוּן לֵצִים; עֶר פְלֶעגְט זָאגְן: "דִי אַלֶע וָואס הָאבְן גֶערֶעדְט, הָאבְן זִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן", דִי וָואס הָאבְן גֶע'טַעְנָה'ט אוּן זִיךְ מִתְוַכֵּחַ גֶעוֶוען, זֶענֶען נָאכְדֶעם אַוֶועקְגֶעפַאלְן.

# תתעד

## ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן "נֵיין" פַאר אַ מֶענְטְשׁ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַ פְּרָאבְּלֶעם אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט זָאגְן "נֵיין" פַּאר אַ מֶענְטְשׁ. לְמָשָׁל וֶוען אַ חָבֵר בֶּעט מִיר אַרוֹיסְצוּגֵיין עֶסְן מִיט אִים, אָדֶער אוֹיבּ אֵיינֶער וויל בָּארְגְן גֶעלְט פוּן מִיר, אָדֶער בַּיי אַנְדֶערֶע פֶּעלֶער; וֶוען עֶס קוּמְט צוּ זַאכְן וָואס אִיךְ וויל בֶּאֱמֶת נִישְׁט טוּן - וֶועל אִיךְ עֶס אָבֶּער יָא טוּן, וִוי אֵיידֶער צוּ זָאגְן נֵיין פַאר יֶענֶעם.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַן עֵצָה אוֹיף דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ט שְׁבָט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**גֶעבּ** זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט פַארְפְּלָאנְטֶעשְׁן דַיין לֶעבְּן מִיט מֶענְטְשְׁן; מוֹהֲרַא"שׁ הָאט גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין חַזֶר'ן מִיט אוּנְז דוּרְכְאוֹיס אַלֶע יָארְן: "אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם אוֹיף דִי וֶועלְט, אוֹיבּ הָאט עֶר יָא אֵיינֶעם - אִיז עֶס דִי וַוייבּ"; אַז חֲבֵרִים רוּפְן דִיר עֶסְן מִיט זֵיי, פָארְן מִיט זֵיי, גֵיין אוּן קוּמֶען וְכוּ' - זָאלְסְטוּ זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן מִיט חָכְמָה

און נָאר גֵיין מִיט דַיין וַוייבּ, אַז דוּ ווִילְסְט אַוֶועק פָאהְרֶן זִיךְ אָפְּרוּעֶן - פָאר מִיט דַיין וַוייבּ; פָאהְרֶן אוֹיף וַואקַאצְיֶע מִיט חֲבֵרִים און אִיבֶּערְלָאזְן דִי וַוייבּ אִין שְׁטוּבּ - אִיז נִישְׁט דִי וֶועג.

**מוֹהֲרַא"שׁ** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט זִיךְ בֶּעטְן בַּיי אוּנְז: "אִיךְ בֶּעט אַייךְ, גְלֵייבְּט מִיר, אִיךְ הָאבּ דָאס שׁוֹין גֶעזֶען און גֶעלֶערְנְט אוֹיף מַיין בָּארְד, מֶען דַארְף זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן מֶענְטְשְׁן וְכוּ'".

**אָפְּגֶעהִיטְן** פוּן בָּארְגְן גֶעלְט און נוּצְן דַיין נָאמֶען וְכוּ' וְכוּ'; מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס בָּארְגְן און בַּאצָאלְן נִישְׁט, מֶען דַארְף זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן מִיט חָכְמָה.

**אֵיינֶער** וָואס אִיז דִיךְ מְחַזֵק אוֹיף עֲבוֹדַת הַשֵׁם, עֶר גֶעבְּט דִיר עֵצוֹת פַארְן לֶעבְּן - מִיט אִים אִיז גוּט זִיךְ צוּ חַבְר'ן, אָבֶּער אוֹיךְ מִיט אַ מָאס, מִיט אַ גְרֶענִיץ, אַז יֶענֶער הוֹיבְּט אָן אַרַיינְקְרִיכְן אִין דַיין פְּרִיוַואטֶע לֶעבְּן, דַארְפְסְטוּ הָאבְּן שֵׂכֶל זִיךְ נִישְׁט צוּ לָאזְן אַרַיינְקְרִיכְן אִין דַיין פְּרִיוַואטֶע לֶעבְּן. עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע, און בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה - וֶוען יֶענֶער אִיז זֵייעֶר וַוארֶעם זֶעעֶנְדִיג ווִי מֶען הֶעלְפְט אִים וְכוּ' וְכוּ' - גֶעבְּן זֵיי אַ זֶעקְל אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען בָּארְגְט כְּלוֹמֶר'ישׁ אַסַאךְ גֶעלְט און מִיט דֶעם עֶנְדִיגְט זִיךְ דֶער סִפּוּר, הַשֵׁם יִשְׁמְרֵנוּ.

**פַארְוָואס** גֵיין עֶסְן מִיט חֲבֵרִים? עֶס מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה, עֶס מִיט דַיין וַוייבּ; גֵיי אַרוֹיס פוּן דַיין קַטְנוּת הַדַעַת,

פון דִי קַטְנוּת וָואס רוּפְט זִיךְ 'חֲבֵרִים'. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעבּ מִיר אַ גוּטֶע עֵצָה אִיךְ זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן פַארְפְּלָאנְטֶערְט מִיט נִישְׁט גוּטֶע מֶענְטְשְׁן; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן אַז אִיךְ בִּין אֵיינֶער אַלֵיין, אִיךְ הָאבּ קֵיינֶעם נִישְׁט נָאר דִיר אֵיינְצִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער".

## תתעה

### מֶעג מֶען קוֹיפְן עֶפֶּעס פוּן אַ פִירְמֶע וָואס אִיז אֶפְשָׁר גֶעוֶוען פוּן דִי נַאצִיס יִמַּח שְׁמָם?[יד]

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן מִיר גֶעבְּן לֶעבְּן. דִי שִׁעוּרִים זֶענֶען הֶערְלִיךְ שֵׁיין, אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה.

אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעהֶערְט פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַז מֶען זָאל נִישְׁט קוֹיפְן קַיין זַאכְן וָואס קוּמְט פוּן דִי נַאצִיס. הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט וִויסְן אוֹיבּ עֶס אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם צוּ קוֹיפְן פֶערְפִיוּם פוּן קָאקָאוּ שַׁאנֶעל, אִיז זִי גֶעוֶוען אַ נַאצִי?

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, אוּן הַצְלָחָה אוֹיף וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

יד. נָאךְ אַ בְּרִיוו אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן, צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבַּת קֹדֶשׁ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, כ"א שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**מוֹהֲרָא"שׁ** פְלֶעגְט זָאגְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט קוֹיפְן זַאכְן וָואס קוּמֶען פוּן דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע עֲמָלֵקִים - דִי דַייטְשְׁן יִמַּח שְׁמָם.

**מוֹהֲרָא"שׁ** דֶערְצֵיילְט פוּן דֶעם גְרוֹיסְן צַדִּיק רֶבִּי יוֹסֵף חַיִּים זָאנֶנְעֶנְפֶעלְד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - דֶער יְרוּשָׁלַיִם'עֶר רָב, וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט מְקֻבָּל פוּן זַיינֶע רֶבִּי'ס אוֹיף דִי דַייטְשְׁן, אַז זֵיי זֶענֶען מִזֶּרַע עֲמָלֵק. אוּן וֶוען דֶער דֵייטְשֶׁער קֵיסָר ווילְהֶעלְם אִיז גֶעקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט דֶער צַדִּיק נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין אִים מְקַבֵּל פָּנִים זַיין, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט זֶען דֶעם פָּנִים פוּן אַן עֲמָלֵקִי.

**מוֹהֲרָא"שׁ** פְלֶעגְט זָאגְן: "הַלְוַאי וָואלְטְן אַלֶע תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס אוּן מֵיידְל סְקוּלְס גֶענוּמֶען דִי קִינְדֶער אֵיין מָאל אַ יָאר צוּ אַ הָאלָאקָאוּסְט מוּזֶעאוּם, דִי קִינְדֶער זָאלְן זֶען וָואס דִי רוֹצְחִים - דִי עֲמָלֵקִים - הָאבְּן גֶעטוּן מִיט אוּנְזֶערֶע זֵיידֶעס אוּן בַּאבֶּעס"; דִי רוֹצְחִים, דִי דַייטְשְׁן זֶענֶען עֶרְגֶער פוּן דִי ווילְדְסְטֶע חַיּוֹת! אַ חַיָּה וֶועט נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אַ מֶענְטְשׁ נָאר וֶוען עֶס אִיז הוּנְגֶערִיג, ווידֶער זֵיי, דִי עֲמָלֵקִים - הָאבְּן גֶענוּמֶען אוּמְשׁוּלְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן, מֶענֶער, פְרוֹיעֶן אוּן קִינְדֶער, זֵיי גֶעפַּיינִיגְט מִיט דִי עֶרְגְסְטֶע פַּיינִיגוּנְגֶען וָואס קַיין שׁוּם בַּר

דַעַת קֶען נִשְׁט פַארְשְׁטֵיין ווִי אַזוֹי מֶען קֶען דָאס טוּן; דָאס דַארְף מֶען חַזֶר'ן מִיט קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן ווִיסְן וָואס דִי פַארְשָׁאלְטֶעְנֶע גוֹיִם זֶענֶען גְרֵייט צוּ טוּן.

דוּ קֶענְסְט נוּצְן דִי פֶּערְפְיוּם קָאקָאוּ שַׁאנֶעל, זִי אִיז נִשְׁט גֶעוֶוען אַ נַאצִי.

## נִשְׁט קוֹיפְן קַיין דֵייטְשֶׁע פְּרָאדוּקְטְן[טו]

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ ב', ו' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט מֶען זָאל נִשְׁט קוֹיפְן קַיין דֵייטְשֶׁע פְּרָאדוּקְטְן, מֶען זָאל זֵיי נִשְׁט שְׁטִיצְן, ווַייל זֵיי הָאבְּן פַארְטִילִיגְט כְּלַל יִשְׂרָאֵל, זֵיי הָאבְּן פַארְבְּרֶענְט אוּנְזֶערֶע זֵיידֶעס אוּן בַּאבֶּעס, גֶע'שָׁחְט'ן אִיבֶּער זֶעקְס מִילְיָאן אִידְן הַשֵּׁם יִנְקֹם דָמָם; דֶערִיבֶּער זָאל מֶען נִשְׁט הָאבְּן מִיט זֵיי צוּטוּן, אָבֶּער אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעקוֹיפְט - דַארְפְסְטוּ דָאס נִשְׁט אַוֶועקְוַוארְפְן.

מֶען דַארְף דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע דוֹרוֹת וָואס דִי עֲמָלֵקִים הָאבְּן גֶעטוּן פַאר אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן; זֵיי זָאלְן נִשְׁט מֵיינֶען אַז דִי אֻמּוֹת הָעוֹלָם זֶענֶען פְרַיינְד, זֵיי זָאלְן זִיךְ

---

טו. קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה 318, פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, שְׁנַת תשפ"ד.

נִישְׁט מִתְחַבֵּר זַיין צוּ זֵיי, נִישְׁט זִיךְ אָנְטוּן וִוי זֵיי און נִישְׁט הָאבְּן מִיט זֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה.

## תתעו

**מֶען הָאט מִיךְ אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן יְשִׁיבָה וַוייל אִיךְ טוּ דָארְט הֶפָצָה, וָואס טוּ אִיךְ?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר, און אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ מַאכְן הֶפָצָה אִין מַיין יְשִׁיבָה, צוּ מְקַרֵב זַיין דִי בָּחוּרִים צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דִי יְשִׁיבָה הָאט מִיר זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט אַז אִיךְ זָאל דָאס נִישְׁט טוּן, אִיךְ הָאב עֶס אָבֶּער יָא וַוייטֶער גֶעטוּן.

יֶעצְט הָאט מֶען מִיךְ אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן יְשִׁיבָה, זָאגְנְדִיג פַאר מַיין טַאטֶע אַז דָאס אִיז וַוייל אִיךְ פִיר אָן "מִיסְיָאנֶערִישֶׁע אַקְטִיוִויטֶעטְן" אִין יְשִׁיבָה, וַוייל אִיךְ מַאךְ הֶפָצָה, און זֵיי קֶענֶען מִיךְ נָאר צוּרִיק נֶעמֶען אוֹיב וֶועל אִיךְ אוֹיפְהֶערְן מִיט דִי זַאכְן; וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ב שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זָאג** פַאר דִי מַשְׁגִּיחִים, מְנַהֲלִים וְכוּ' - אַז דוּ וֶועסְט מֶער נִישְׁט טוּן דִי אַלֶע זַאכְן, וֶועט מֶען דִיר צוּרִיק נֶעמֶען אִין יְשִׁיבָה.

**אוּן** דִיר זָאג אִיךְ: זָאלְסְט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט הֶפָּצָה; זָאלְסְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן קַיין אֵיין זַאךְ. זַיי מַמְשִׁיךְ בְּיֶתֶר שְׂאֵת וּבְיֶתֶר עוֹז - אָבֶּער נִישְׁט אִין יְשִׁיבָה, נִישְׁט אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דִי יְשִׁיבָה; אַז דוּ ווילְסְט גֵיין הֶפָּצָה - טוּ עֶס נִישְׁט אִין יְשִׁיבָה, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי דִיךְ צוּרִיק נֶעמֶען אוּן דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ יְשִׁיבָה.

**דוּ** קֶענְסְט טוּן הֶפָּצָה אִין דַיינֶע זַיטִיגֶע צֵייטְן, אִיבֶּערָאל, נָאר נִישְׁט אִין יְשִׁיבָה.

# תתעז

### דארְף מֶען פַאסְטְן אָדֶער נִישְׁט? ווִי אַזוֹי מַאכְט מֶען זִיךְ פְרֵיילִיךְ בְּמִילְתָא דְשְׁטוּתָא? [טז]

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק א', סִימָן קעט) אַז עֶס אִיז דָא אַן עִנְיָן צוּ פַאסְטְן תַּעֲנִיתִים אוּן דָאס בְּרֶענְגְט שִׂמְחָה, אָבֶּער פוּן דִי

---

טז. נָאךְ אַ בְּרִיוו אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן, אִין סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק ח, מִכְתָּב תת.

אַנְדֶערְע זַייט הָאט דָאךְ דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס וֵוייסְט פוּן מִיר דַארְף נִישְׁט פַאסְטְן, אוּן וֶוער עֶס וֵוייסְט נִישְׁט פוּן מִיר וָואס הֶעלְפְט אִים פַאסְטְן?" ווי אַזוֹי גֵייעֶן דִי צְוֵויי זַאכְן אִינְאֵיינֶעם?

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק ב', סִימָן מח) אַז מֶען דַארְף זִיךְ מַאכְן פְרֵייליךְ מִיט סַיי וָואס, אֲפִלּוּ "בְּמִילְתָא דִשְׁטוּתָא", ווי אַזוֹי אַרְבֶּעט דָאס אוּן ווי אַזוֹי אִיז מֶען דָאס מְקַיֵּם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ג שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר**

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז נִישְׁט גֶעלָאזְט פַאסְטְן אֵייגֶענֶע תַּעֲנִיתִים, נָאר יוֹם כִּיפּוּר וָואס אִיז אַ מִצְוַת עֲשֵׂה דְאוֹרַיְיתָא צוּ פַאסְטְן, אוּן דִי טֶעג וָואס מִיר דַארְפְן פַאסְטְן מִדְרַבָּנָן: תִּשְׁעָה בְּאָב, עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, י"ז בְּתַמּוּז, תַּעֲנִית אֶסְתֵּר אוּן צוֹם גְּדַלְיָה. אָבֶּער לְגַבֵּי זִיךְ מַאכְן אֵייגֶענֶע תַּעֲנִיתִים הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (עַיֵּן חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תצא): "וֶוער עֶס וֵוייסְט פוּן מִיר דַארְף נִישְׁט פַאסְטְן, אוּן וֶוער עֶס וֵוייסְט נִישְׁט פוּן מִיר וָואס הֶעלְפְט אִים פַאסְטְן?" וַוייל וֶוען מֶען וֵוייסְט פוּן רֶבִּי'ן, מֶען פִירְט זִיךְ מִיט דִי עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס וַואשְׁט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע שְׁמוּץ אוּן עֶס נֶעמְט אַרָאפּ אַלֶע נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן וָואס הָאט זִיךְ אָנְגֶעקְלֶעבְּט פוּן דִי עֲבֵירוֹת, עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ פַאסְטְן.

**דָאס** וָואס דוּ פְּרֶעגְסְט, דֶער רֶבִּי זָאגְט דָאךְ אַז עֶס אִיז דָא מַדְרֵיגוֹת וָואס מֶען קֶען נָאר צוּקוּמֶען צוּ דֶעם דוּרְךְ פַּאסְטְן; קוּק וָואס רֶבִּי נָתָן בֶּעט אִין לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת (לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת חֵלֶק א', תְּפִלָּה נ): "וּבְכֵן תְּרַחֵם עָלַי, וּתְזַכֵּנִי וְתוֹרֵנִי וּתְלַמְּדֵנִי, שֶׁאֶזְכֶּה לֵידַע בֶּאֱמֶת אֵיךְ לְהִתְנַהֵג בְּעִנְיַן הַתַּעֲנִיּוֹת שֶׁאֲנִי מְחֻיָּב לְהִתְעַנּוֹת בִּשְׁבִיל תְּשׁוּבָה עַל עֲווֹנוֹתַי הָרַבִּים", רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אוּן לֶערְן מִיר, אִיךְ זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי אִיךְ זָאל זִיךְ פִירְן מִיט תַּעֲנִיתִים, "כִּי אַתָּה לְבַד יָדַעְתָּ אֶת כָּל הַמְּנִיעוֹת וְכָל הַסְּפֵקוֹת וְהַבִּלְבּוּלִים שֶׁיֵּשׁ לִי עַל זֶה", וַוייל נָאר דוּ אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט וִוי שְׁטַארְק אִיךְ בִּין צֶעמִישְׁט אוּן וִויפִיל בִּלְבּוּלִים אִיךְ הָאבּ אִין דֶעם, "עַד שֶׁאֵינִי יוֹדֵעַ לָתֵת עֵצוֹת בְּנַפְשִׁי כְּלַל בְּעִנְיָן זֶה שֶׁל תַּעֲנִיּוֹת", אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אַלֵיינְס אַן עֵצָה גֶעבְּן צוּ וִויסְן אוֹיבּ אִיךְ זָאל פַּאסְטְן אוּן וִויפִיל אִיךְ זָאל פַּאסְטְן.

**בַּיים** רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטִיק צַייט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן פַּאסְטְן, נָאכְדֶעם הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט מֶען זָאל אָפְּלָאזְן דִי זַאךְ פוּן פַּאסְטְן (אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפה), אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קנד) אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת וַוייל עֶר הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוּן וֶוען עֶר וָואלְט גֶעוואוּסְט צוּ וָואס מֶען קֶען אַלְץ זוֹכֶה זַיין דוּרְךְ דִי הַנְהָגָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ - וָואלְט עֶר נִישְׁט אַזוֹיפִיל גֶעפַּאסְטְ אוּן גֶעטוּן סִיגוּפִים וְכוּ'.

אוֹיף דִי צְווייטֶע פְרַאגֶע, ווִי אַזוֹי מֶען אִיז מְקַיֵּם וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כד): "צָרִיךְ לְהַכְרִיחַ אֶת עַצְמוֹ בְּכֹחַ גָדוֹל לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד וּלְשַׂמֵּחַ אֶת עַצְמוֹ בְּכָל אֲשֶׁר יוּכַל, וַאֲפִלּוּ בְּמִילֵי דִשְׁטוּתָא", מֶען דַארְף זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ מִיטְן גַאנְצְן כֹּחַ אוּן מִיט וָואס מֶען קֶען נָאר, אֲפִלּוּ זִיךְ נַארִישׁ מַאכְן; דָאס אִיז מֶען מְקַיֵּם פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ, מֶען דַארְף זִיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן אוֹיף אַלֶע וֶועגְן ווִי אַזוֹי מֶען קֶען נָאר, אֲפִלּוּ זִיךְ נַארִישׁ מַאכְן, אַבִּי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

שְׁטַארְק זִיךְ, וֶוער נִישְׁט צֶעבְרָאכְן פוּן גָארְנִישְׁט.

## תתעח

### ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ מְקָרֵב זַיין מַיין טַאטֶע צוּם רֶבִּי'ן?[יז]

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט דַארְף אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דִי שִׁעוּרִים. אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַסַאךְ שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אִין קְדֻשָּׁה, אוּן אִיךְ בִּין גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן נָאר דוּרְכְן הֶערְן דִי שִׁעוּרִים טָאג טֶעגְלִיךְ. אוֹיךְ הָאב אִיךְ שׁוֹין מְסַיֵּם גֶעוֶוען צְווֵיי מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

אוֹיךְ הָאב אִיךְ בַּאקוּמֶען אַסַאךְ חִזּוּק אִין כִּיבּוּד אָב, עֶס אִיז מִיר גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער מְכַבֵּד צוּ זַיין מַיין טַאטֶע, וַוייל עֶר הָאט פַארְלַאנְגְט פוּן מִיר זַאכְן וָואס עֶר אַלֵיין טוּט נִישְׁט, אִיךְ וֵויים גֶעווִיסֶע זַאכְן וָואס

יז. נָאךְ אַ בְּרִיוו אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן, צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו.

יֶעדֶער אִיד אִיז מְחֻיָּב צוּ טוּן יֶעדְן טָאג, ווִי לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אוּן לֵייגְן תְּפִלִּין - אוּן עֶר טוּט עֶס נִישְׁט. אָבֶער מִיטְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה'ס שִׁעוּרִים הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעקֶענְט מְחַזֵּק זַיין אִים מְכַבֵּד צוּ זַיין ווִי אַזוֹי עֶר אִיז.

אִיךְ וֵויים אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט אוֹיךְ אָנְהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁעוּרִים, וֶועט אִים עֶס לִכְאוֹרָה הֶעלְפְן אִין לֶעבְּן, אַזוֹי ווִי אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעזֶען בַּיי חֲבֵרִים פַאר וֶועמֶען אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעגֶעבְּן, אָבֶער דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז עֶר הֶערְט נִישְׁט קַיין שׁוּם שִׁעוּרִים, עֶר לֶערְנְט נִישְׁט קַיין סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין וֶועג ווִי אַזוֹי אִים צוּ בְּרֶענְגֶען דֶערְצוּ; אִיךְ קֶען נִישְׁט רֶעדְן אָפְן צוּ אִים, עֶר טָאר נִישְׁט ווִיסְן אַז אִיךְ וֵויים דִי אַלֶע זַאכְן אוֹיף אִים, אוּן אִיךְ דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט פּוֹגֵעַ צוּ זַיין אִין זַיין כָּבוֹד.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען הֶעלְפְן מַיין טַאטֶע, עֶר זָאל אָנְהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁעוּרִים אוּן זִיךְ שְׁטֶעלְן אוֹיף דִי פִּיס.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ד שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אַז** עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער צוּ מְקַיֵּם זַיין דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם וֶועסְטוּ קְרִיגְן מֶער שְׂכַר אוֹיף דֶעם. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ה, כג): "לְפוּם צַעֲרָא - אַגְרָא", לוֹיט ווִי שְׁוֶוער עֶס קוּמְט אָן אַ מִצְוָה אַלְץ מֶער שְׂכַר בַּאקוּמְט מֶען דֶערוֹיף; אֲפִלּוּ עֶס קוּמְט דִיר אָן שְׁוֶוער דַארְפְסְטוּ נָאכְאַלְץ מְקַיֵּם זַיין דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פֶּרֶק כו): "כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְבַקֵּשׁ מֵהָאָדָם רַק שֶׁיְּכַבֵּד אָב וָאֵם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז מַיינְס - אִיךְ הָאבּ עֶס בַּאשַׁאפְן, אוּן אִיךְ בֶּעט פוּן עֶנְק נָאר אֵיין זַאךְ, אִיר זָאלְט מְכַבֵּד זַיין עֶנְקֶערֶע עֶלְטֶערְן".

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶע זָאלְן וויסְן פוּן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת; דוּ, דַיינֶע קִינְדֶער, דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אוּן אַלֶע אִידְן - זָאלְן וויסְן פוּן דִי זִיסֶע עֵצוֹת וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז, עֵצוֹת וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט מִיט אוּנְז דָאס וָואס מָשִׁיחַ וֶועט לֶערְנֶען מִיט אוּנְז, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רסו): "צְווִישְׁן מִיר אוּן מָשִׁיחַ אִיז נִישְׁטָא קַיין חִילוּק, אֵיין חִילוּק אִיז דָא, מָשִׁיחַ וֶועט מֶען פָאלְגְן, עֶס וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין בְּחִירָה", מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ לִיכְטִיגְקֵייט אִין דִי וֶועלְט אַז יֶעדֶער אֵיינֶער וֶועט שְׁפִּירְן ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר'. מֶען וֶועט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס עֶר דַארְף, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (צְפַנְיָה ג, ט): "כִּי אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה, לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה'"; אוּן יֶעדֶער וֶועט זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה נב, ח): "כִּי עַיִן בְּעַיִן יִרְאוּ בְּשׁוּב ה' צִיּוֹן"; אוּן דָאס טוּט שׁוֹין דֶער רֶבִּי מִיט אוּנְז יֶעצְט, דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אוּנְז אַזַא גֶעטְלִיכְקֵייט, אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט אַז מִיר שְׁפִּירְן ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז

מִיט אוּנְז, בַּיי אוּנְז אוּן נֶעבְּן אוּנְז. אוּן אֵיינְמָאל מֶען שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הוֹיבְּט מֶען אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**בֶּעט** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַּאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן זֵיי זָאלְן אוֹיךְ מְקוּרָב וֶוערְן; נָאר דָאס זָאלְסְטוּ טוּן, אוּן זָאלְסְט זֵיי וַוייטֶער מְכַבֵּד זַיין מִיטְן גְרֶעסְטְן מָאס דֶרֶךְ אֶרֶץ.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**וְוי אַזוֹי הֶעלְף אִיךְ מַיין טַאטֶע וָואס לִיגְט אִין אַ טִיפֶע מָרָה שְׁחוֹרָה?**[יח]

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע אוֹר פוּן אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַארְשְׁפְּרֵייט אוֹיף דִי וֶועלְט, בִּפְרַט צְוִוישְׁן הֵיימִישֶׁע חֲסִידִי'שֶׁע קְרֵייזְן.

אִיךְ שְׁרַייבּ דָא וֶועגְן מַיין טַאטֶע זָאל זַיין גֶעזוּנְט, אַ וואוילֶער אִיד אִין דִי מִיטֶעלֶע יָארְן, וָואס אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ טִיפֶע מָרָה שְׁחוֹרָה פוּן וָואס עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְזֶען. עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען בַּיי דָאקְטוֹירִים, טֶערָאפִּיסְטְן, שְׁטַארְקֶע מֶעדֶעצִין, אָבֶער גָארְנִישְׁט הֶעלְפְט נִישְׁט. עֶר אִיז אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אוּן מְיוּאָשׁ פוּן זַיין מַצָב, אַז עֶר הָאט שׁוֹין אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אוֹיף זִיךְ רַחְמָנָא לִיצְלָן. אִיךְ פִּיל אַז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע הָאפֶענוּנְג אִיז אַרַיינְצוּשַׁיינֶען אִין אִים דֶעם רֶבִּינְ'ס אוֹר אוּן עֵצוֹת אוֹיף אַ שְׁטַארְקֶע

יח. קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה 332, פַּרְשַׁת בֹּא, שְׁנַת תשפ"ד.

פַּארְנֶעם, בִּיז עֶר וֶועט זִיךְ בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ אִינְגַאנְצְן אַרוֹיסְזֶען פוּן זַיין מַצָב; דִי שְׁאֵלָה אִיז ווִי אַזוֹי הוֹיבְּט מֶען אָן?

אֶפְשָׁר קֶען אִיךְ אִים בְּרֶענְגֶען צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר אַ קוּרְצֶע שְׁמוּעֶס? פָּשׁוּט צוּרִיק אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אִים אַ שְׁטִיקְל חַיּוּת אוּן אִים מְחַזֵק זַיין אָנְצוּגֵיין וַוייטֶער; מִיר זֶענֶען אוֹבֵד עֵצוֹת אוּן מִיר קוּקְן אַרוֹים אוֹיף יְשׁוּעַת הַשֵׁם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ד' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, שׁוֹבָבִי"ם, כ"ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וֶוען** דִי מְפִיצִים גֵייעֶן אִין שׁוּלְן מִיט דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים, מִיט דִי הֶערְלִיכֶע גִלְיוֹנוֹת - לַאכְט מֶען פוּן זֵיי, אוּן אַלֶע זָאגְן 'וָואס פֶעלְט אוֹיס דִי זַאכְן? וֶוער דַארְף חִזוּק? וֶוער אִיז צֶעבְּרָאכְן? אַ נַייעֶ וֶועלְט הַיינְט גֶעוָוארְן, מֶען רֶעדְט אַזוֹיפִיל פוּן חִזוּק...' מֶען לַאכְט אָפּ, בִּיז עֶס הוֹיבְּט אָן אִיבֶּערְגֵיין וָואס גֵייט אִיבֶּער... דֶעמָאלְט ווִיל מֶען חִזוּק; וָואלְט מֶען זִיךְ אָנְגֶעגְרֵייט מִיטְן רֶבִּינְ'ס לִימוּדִים - וָואלְט דִי לֶעבְּן אַרִיבֶּער שֵׁיין אוּן זִיס.

**יוֹסֵף** הַצַדִיק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית מא, לה-לו), מֶען דַארְף זִיךְ אָנְגְרֵייטְן אִין דִי פֶעטֶע יָארְן, דָאס מֵיינְט מֶען דִי יוּנְגֶע יָארְן, וַוייל בַּאלְד קוּמְט דִי הוּנְגֶער יָארְן אוּן מֶען וֶועט שְׁטַארְבְּן, דָאס אִיז בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם; אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן טְרַאכְט מֶען

'וָואס דַארְף מֶען רֶעדְן אַזוֹיפִיל פוּן אֱמוּנָה? וָואס דַארְף מֶען רֶעדְן פוּן חִזּוּק?' עֶס אִיז אַ בְּחִינָה פוּן דִי זִיבְּן פֶּעטֶע יָארְן, מֶען לַאכְט זִיךְ אוֹיס; בִּיז מֶען וֶוערְט עֶלְטֶער, אָדֶער אֲפִילוּ וֶוען מֶען אִיז יוּנְג אוּן עֶס הוֹיבְּט אָן אִיבֶּערְגֵיין אוֹיפְן מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט אִיבֶּער, דֶעמָאלְט זֶעט מֶען; דֶער וָואס הָאט זִיךְ אָנְגֶעגְרֵייט מִיט אַסַאךְ אֱמוּנָה - דֶער קֶען אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן, אוּן אַז מֶען הָאט נִישְׁט גֶעהֶערְט אָן אַ שִׁיעוּר חִזּוּק אוֹיף אֱמוּנָה - אִיז גָאר שְׁרֶעקְלִיךְ, מֶען פַאלְט אַרַיין אִין עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, בִּיז דִי לֶעבְּן אִיז אַ טוֹיטֶע לֶעבְּן.

גֵיי שְׁפַּאצִירְן מִיט דַיין טַאטֶע, נֶעם אִים אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ; עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן שְׁטוּבּ, וַוייל פוּן זִיצְן אִין שְׁטוּבּ טֶעג אוּן וָואכְן אִיז זֵייעֶר נִישְׁט גוּט, מֶען קֶען אִינְגַאנְצְן צוּגְרוּנְד גֵיין. גֵיי מִיט אִים שְׁפַּאצִירְן, רֶעד מִיט אִים עַל דָא וְעַל הָא, דֶערְצֵייל אִים פוּן דַיין לֶעבְּן, דֶערְצֵייל אִים פוּן וָואס דוּ לֶערְנְסְט, פוּן דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, דָאס וֶועט אִים פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

גְרֵייט זִיךְ אָן יֶעצְט אִין דַיינֶע פֶּעטֶע יָארְן מִיט אַסַאךְ חִזּוּק אוֹיף אֱמוּנָה, לֶערְן דִי הֵיילִיגֶער סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן, חַזֶר דָאס אָן אַ שִׁיעוּר מָאל - וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, בִּיז דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר; רֶעד צוּ אִים, שְׁמוּעֶס מִיט אִים, דַאנְק אוּן לוֹיבּ אִים - אַזוֹי וֶועסְטוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתעט

## זָאל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ לֶערְנֶען בְּעִיּוּן, אָדֶער עֶנְדֶערְשׁ שְׁנֶעל?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט ווִיל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דִי גֶעוַואלְדִיגֶע חִזּוּק וָואס אִיךְ הֶער שׁוֹין פַּאר עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים, עֶס הָאט מִיר מַמָּשׁ גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ אַ זַאךְ וָואס לָאזְט מִיר נִישְׁט מְנוּחָה, כְּלַל יִשְׂרָאֵל הָאט לֶעצְטְנְס אָנְגֶעהוֹיבְּן שַׁ"ס עַל הַסֵּדֶר, אוּן דָאס הָאט מִיר גֶעצוֹיגְן אוֹיךְ אָנְצוּהוֹיבְּן לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְּמָרָא יֶעדְן טָאג, אִיךְ וֵויים אוֹיךְ פוּנֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד וָואס דֶער הֵיילִיגֶע רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען גְּמָרָא אֲפִלּוּ מֶען זָאגְט בְּלוֹיז דִי וֶוערְטֶער, אִיךְ בִּין אָבֶּער נָאכְאַלְץ מְסֻפָּק אוֹיבּ אִיךְ זָאל עֶנְדֶערְשׁ לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְּמָרָא יֶעדְן טָאג אֲפִלּוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, אָדֶער עֶנְדֶערְשׁ לֶערְנֶען אַבִּיסְל אוֹיף אַמָאל אוּן יָא פְּרוּבִּירְן צוּ פַארְשְׁטֵיין.

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד אוּן אִיךְ הָאבּ נָאר אַבִּיסְל צַייט אִין טָאג צוּ לֶערְנֶען, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין צַייט פַאר צְוֵויי שִׁעוּרִים, אֵיינְס צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל בְּעִיּוּן אוּן דִי צְוֵוייטֶע צוּ זָאגְן אַסַאךְ; וָואס זָאל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ טוּן?

דֶערְוַוייל הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת צוּ לֶערְנֶען אַ בְּלַאט יֶעדְן טָאג, אָבֶּער אִיךְ בִּין נִישְׁט רוּאִיג אוֹיבּ אִיךְ גֵיי אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ד שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** אִיז נִישְׁט קַיין סְתִירָה, מֶען קֶען טוּן בֵּיידֶע; אֲפִלּוּ אַ מְלַמֵּד הָאט גֶעווּג אוּן נָאךְ צַייט צוּ טוּן בֵּיידֶע, סַיי לֶערְנֶען אַסַאךְ אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד אוּן אוֹיךְ הָאבְּן אַ שִׁעוּר בְּעִיּוּן. אִינֶעם זֶעלְבְּן שִׂיחָה וואוּ דֶער רֶבִּי זָאגְט מֶען זָאל לֶערְנֶען שְׁנֶעל אֲפִלּוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "גַּם צְרִיכִין לִלְמֹד אֵיזֶה שִׁעוּר בַּיּוֹם, בִּקְצָת עִיּוּן", אַ מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיךְ הָאבְּן אַ שִׁעוּר צוּ לֶערְנֶען בְּעִיּוּן אַבִּיסְל יֶעדְן טָאג.

**לֶערְן** ווִי אַזוֹי עֶס קוּמְט דִיר אוֹיס בֶּעסֶער; קֶענְסְט לֶערְנֶען שְׁנֶעל, קֶענְסְט לֶערְנֶען בְּעִיּוּן, דֶער עִקָּר זָאלְסְטוּ זֶען זִיךְ נִישְׁט צוּ לָאזְן נַארְן, עֶס זָאל נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין אַ טָאג אָן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. וֶוען עֶס קוּמְט צוּ גַשְׁמִיּוּת דָארְט לָאזְט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט נַארְן, קֵיינֶער גֵייט נִישְׁט שְׁלָאפְן הוּנְגֶערִיגֶערְהֵייט, אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין פִישׁ אוּן פְלֵיישׁ - וֶועט מֶען עֶסְן גְרִינְצֵייג אוּן דָאס גְלַייכְן, אַזוֹי דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ פִירְן מִיט לֶערְנֶען תּוֹרָה, זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן; נִישְׁט טְרַאכְטְן: 'מָארְגְן וֶועל אִיךְ זַיין אוֹיסְגֶערוּט וֶועל אִיךְ דֶעמָאלְט לֶערְנֶען', 'קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וֶועל אִיךְ זַיין מֶער מְסֻדָּר וֶועל אִיךְ נֶעמֶען אַ חַבְרוּתָא', 'דֶעם קוּמֶענְדִיגְן חֹדֶשׁ וֶוען

אַלֶעס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין וְכוּ' - הוֹיב אִיךְ אָן מִיט אַ פְּרִישְׁקֵייט צוּ לֶערְנֶען', 'דֶעם אַנְדֶערְן יָאר וֶועל אִיךְ אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען', דָאס מֵיינְט זִיךְ גֶענַארְט; וָואלְט דֶער מֶענְטְש גֶעלֶערְנְט אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, עֶר וָואלְט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף דֶעם אוֹיבּ עֶר פַארְשְׁטֵייט יָא אָדֶער עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, דַאן וָואלְט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אוּן עֶר וָואלְט זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּקוּמֶען אַזוֹיפִיל לֶערְנֶען וָואס אַ צְוֵייטֶער קוּמְט בִּכְלַל נִישְׁט אָן דוּרְכְאוֹיס דֶעם גַאנְצְן לֶעבְּן. בַּיי אִים וֶועט מְקֻיָּם וֶוערְן דֶער פָּסוּק (מִשְׁלֵי לא, כה): "עֹז וְהָדָר לְבוּשָׁהּ, וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן"; וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דַרְשְׁ'נֶען אוֹיף דֶעם (שְׁמוֹת רַבָּה נג, ב): "אֵימָתַי הַתּוֹרָה מְשַׂחֶקֶת", וֶוען לַאכְט דִי תּוֹרָה צוּם מֶענְטְש, וֶוען זֶעט דֶער מֶענְטְש וָואס עֶר הָאט אַלְץ גֶעטוּן אִין זַיין לֶעבְּן? "הֱוֵי לְיוֹם אַחֲרוֹן", בַּיים לֶעצְטְן טָאג; דֶעמָאלְט וֶועלְן אַפִיר קוּמֶען אַלֶע פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן דַפִּים גְּמָרָא, דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זֶען דִי וָוארְהֵייט פוּנֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד; דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי וָואס הָאבְּן גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת.

זַיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן קֵיינֶעם; דוּ זַיי מַמְשִׁיךְ מִיטְן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג כָאטְשִׁיג אַ בְּלַאט גְּמָרָא אֲפִלּוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, וֶוען מֶען וֶועט דִיךְ בַּאגְלֵייטְן בַּיי דַיין לְוָיָה וֶועט מֶען טְרָאגְן אַ סֵפֶר תּוֹרָה, מֶען וֶועט נִישְׁט טְרָאגְן סְתַם אַן אָרוֹן פוּן אַ נִפְטָר, עֶס וֶועט זַיין אַן אָרוֹן הַקֹּדֶשׁ, אַן אָרוֹן מָלֵא סְפָרִים; עֶס וֶועט לִיגְן אִינֶעם אָרוֹן: חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה, נְבִיאִים וּכְתוּבִים, שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, בַּבְלִי, יְרוּשַׁלְמִי, תּוֹסֶפְתָּא,

רַמְבַּ"ם, טוּר, שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אַלֶע מִדְרָשִׁים, זֹהַר וְתִקּוּנִים, כָּל סִפְרֵי רַבֵּינוּ וְכוּ' וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתפ

**אִיךְ הָאבּ תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוּן צוּרִיק גֶעקוּמֶען, וְוִי אַזוֹי גֵייט מֶען וַוייטֶער?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר וָואס הָאט גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערֶע דוּרְכְגַאנְג אִין לֶעבְּן. אִיךְ קוּם פוּן אַ חֲסִידִי'שֶׁע מִשְׁפָּחָה, מֶען הָאט מִיךְ מְחַנֵּךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג אוּן גֶעצְווּינְגֶען זִיךְ צוּ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן דִי גַאס, אוּן לֵיידֶער אוֹיךְ מִיט אַ שִׂנְאָה קֶעגְן בְּרֶסְלֶב. נָאךְ מַיין בַּר מִצְוָה הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁפִּירְן אַז אִידִישְׁקֵייט אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ, אוּן לֵיידֶער הָאבּ אִיךְ אָפְּגֶעלָאזְט אִידִישְׁקֵייט רַחְמָנָא לִצְלָן, כִּמְעַט פִיר יָאר הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעפִירְט וִוי אַ גּוֹי רַחְמָנָא לִצְלָן. אִיךְ מוּז דַאנְקֶען מַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן מִיךְ וַוייטֶער מְקָרֵב גֶעוֶוען אוּן נִישְׁט אַוֶועק גֶעוָוארְפְן דוּרְכְאוֹיס דִי אַלֶע יָארְן.

אֵיין מָאל הָאט אַ חָבֵר מַיינֶער מִיר גֶעגֶעבְּן צוּ זֶען אַ דְרָשָׁה פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אוּן פוּן דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן כַאפְּן אַז אִידִישְׁקֵייט אִיז נִישְׁט אַזוֹי שְׁלֶעכְט, פַארְקֶערְט - עֶס אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט. אוּן דָא קוּמְט ווִידֶער אַרֵיין דִי חֲשִׁיבוּת פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן מִיר גֶעשְׁטִיצְט אוּן גֶעהָאלְפְן פָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף אוּמַאן, כָאטְשׁ וָואס בַּיי זֵייעֶר חֲסִידוּת אִיז דָאס גָאר שְׁטַארְק אָפְּגֶעפְרֶעגְט.

עֶס אִיז מִיר נִישְׁט גֶעוֶוען גְרִינְג צוּרִיק צוּ קוּמֶען, אָבֶער עֶס הָאט זִיךְ גֶעלוינְט, אִיךְ הָאבּ צוּרִיק גֶעלָאזְט וַואקְסְן דִי בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, אוּן אִיךְ בֶּעט דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל וַוייטֶער זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד. ווִיפִּיל מָאל אִיךְ זָאל דַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט נִישְׁט זַיין גֶענוּג, אִיר הָאט מִיר מַמָּשׁ גֶערַאטֶעוֶועט דָאס לֶעבְּן.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט מִיר קֶענֶען מַדְרִיךְ זַיין ווִי אַזוֹי וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין אִין לֶעבְּן מִיט עֶרְלִיכְקֵייט.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ד שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**עֶס** אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען קֶען אַרָאפְּשְׁרַייבְּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶער וָואס קֶערְט זִיךְ צוּרִיק צוּם אײבֶּערְשְׁטְן, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוּנְז (בְּרָכוֹת לד:): "מָקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה עוֹמְדִין אֵין צַדִּיקִים גְּמוּרִין יְכוֹלִין לַעֲמֹד בּוֹ", צַדִּיקִים קֶענֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען אַזוֹי הוֹיךְ וואוּ דִי מֶענְטְשְׁן וָואס טוּעֶן תְּשׁוּבָה קוּמֶען אָן; וַוייל דֶער וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין פַארְשְׁמִירְט מִיט אַלֶע שְׁמוּץ, עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אִין דִי טוּנְקְלְסְטֶע פְּלֶעצֶער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, פְּלֶעצֶער וואוּ אַ צַדִּיק אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן מִיט זַיינֶע זִינְד קְלִפּוֹת אוּן מַשְׁחִיתִים וָואס לוֹיפְן אִים נָאךְ, זֵיי ווִילְן אִים נָאר צוּרִיק שְׁלֶעפְּן צוּ דִי אַלֶע טוּנְקֶעלֶע פְּלֶעצֶער;

מִיט דֶעם אַלֶעם אִיז עֶר שְׁטַארְק אוּן עֶר גֵייט נִישְׁט צוּרִיק צוּ דִי עֲבֵירוֹת, עֶר גֵייט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שְׁטַארְקֶע קַבָּלוֹת, דֶערִיבֶּער אִיז עֶר זֵייעֶר חָשׁוּב. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו.): "גְּדוֹלָה תְּשׁוּבָה שֶׁמַּגַּעַת עַד כִּסֵּא הַכָּבוֹד", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה קוּמְט עֶר אָן בִּיזְן כִּסֵּא הַכָּבוֹד; אִין אֵיין סֶעקוּנְדֶע קֶען מֶען אָנְקוּמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית, פוּן דִי וַוייטְסְטֶע פְּלַאץ - בִּיזְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס.

**אִיךְ** בִּין גְרֵייט דִיר וַוייטֶער מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן; דוּ זַיי שְׁטַארְק מִיט דַיין צֶלֶם אֱלֹקִים, מִיט דַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת. דַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת ווַייזְט אַז דוּ מֵיינְסְט עֶס עֶרְנְסְט, אַז דוּ ווִילְסְט זִיךְ טַאקֶע צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זַיי מְכַבֵּד דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת.

## תתפא

### אוֹיבּ הָאבּ אִיךְ חֲתֻנָּה יוּנְג, ווִי אַזוֹי וֶועל אִיךְ הָאבְּן פַּרְנָסָה?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן זִיבֶּעצְן יָאר אַלְט, אִיךְ הֶער אַסַאךְ דִי שִׁעוּרִים אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּה, יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אַסַאךְ פוּן חֲתֻנָּה הָאבְּן יוּנְג, אוּן אִיךְ ווֵייס אַז אוֹיבּ וֶועל אִיךְ בֶּעטְן מַיינֶע עֶלְטֶערְן אַז זֵיי זָאלְן שׁוֹין אוֹיסְהֶערְן

שִׁדּוּכִים פַאר מִיר, וֶועלְן זֵיי עֶס גֶערְן טוּן, אָבֶּער אִיךְ אַלֵיין הָאבּ מוֹרָא חֲתֻנָּה צוּ הָאבְּן יוּנְג, וַוייל אִיךְ קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן ווִי אַזוֹי אִיךְ וֶועל זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְהַאלְטְן נָאךְ דִי חֲתֻנָּה, וַוייל מַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן מִיר נִישְׁט קֶענֶען הֶעלְפְן מִיט פַּרְנָסָה נָאךְ דִי חֲתֻנָּה.

אִיךְ בִּין אֵיינֶער פוּן זֶעכְצְן גֶעשְׁוִויסְטֶער, מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן שׁוֹין חֲתֻנָּה גֶעמַאכְט עֶטְלִיכֶע קִינְדֶער, אוֹיף אַ בִּילִיגְן אוֹפֶן, נִישְׁט מַמָּשׁ ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אָבֶּער נָאכְאַלְץ זֵייעֶר בִּילִיג. מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אוּנְז אַלְץ מְחַנֵּךְ גֶעוֶוען צוּ זַיין צוּפְרִידְן מִיט וָואס מֶען הָאט אוּן נִישְׁט זוּכְן קַיין אִיבְּרִיגֶע מוֹתָרוֹת, אוּן דֶערְצוּ אִיז אַלֶעמָאל פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּבּ. זֵיי בָּארְגְן נִישְׁט קַיין גֶעלְט אוּן הָאבְּן נִישְׁט קַיין חוֹבוֹת, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה לֶעבְּן זֵיי זֵייעֶר מְצֻמְצָם, אוּן זֵיי וֶועלְן מִיר נִישְׁט קֶענֶען הֶעלְפְן מִיט פַּרְנָסָה נָאךְ דִי חֲתֻנָּה.

דָאס מֵיינְט אַז אַ טָאג נָאךְ דִי חֲתֻנָּה דַארְף אִיךְ גֵיין אַרְבֶּעטְן אוּן שַׁאפְן גֶעלְט פַאר אַ דִירָה, פַאר עֶסְן אוּן קְלֵיידֶער, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער פַאר אַלֶע גֶעבְּרוֹיכְן. אִיךְ קֶען בָּרוּךְ ה' לֶערְנֶען, אוּן אִיךְ ווִיל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דָאס לֶערְנֶען גְלַייךְ נָאךְ דִי חֲתֻנָּה.

דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ מוֹרָא שׁוֹין חֲתֻנָּה צוּ הָאבְּן אַזוֹי פְּרִי, אוּן אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען זָאגְן דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ הַאנְדְלֶען אִין לֶעבְּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ"ח שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דוּ דַארְפְּסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט הָאבְּן פַּרְנָסָה; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מְפַרְנֵס דִי גַאנְצֶע וֶועלְט,**

עֶר גֶעבְּט יֶעדְן אֵיינֶעם שְׁפַּייז אִין צַייט. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁפַּייזְט דֶעם גְרוֹיסְן ווִיזְלְטִיר אוּן עֶר שְׁפַּייזְט דִי קְלֵיינֶע אֵייעֶר פוּן לַייז [נִיטְס] (שַׁבָּת קז:). חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ב.) אַז דִי שְׁלִיסְל פוּן פַּרְנָסָה אִיז אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; קֵיינֶער קֶען נִישְׁט גֶעבְּן פַּרְנָסָה אוּן קֵיינֶער קֶען נִישְׁט אַוֶועק נֶעמֶען פַּרְנָסָה - נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס.

**מוֹרָא** הָאבְּן דַארְף מֶען נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען דַארְף מוֹרָא הָאבְּן אַרָאפְּצוּפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, אַז עֶס רֶעדְט זִיךְ אַ שִׁדּוּךְ טָאר מֶען דָאס נִישְׁט אָפְּשְׁטוּפְּן אֲפִלּוּ אֵיין טָאג, מֶען דַארְף חַתֲנָה הָאבְּן אַזוֹי ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן. אַ מֶענְטְשׁ אַלֵיין אִיז אִין אַ סַכָּנָה, אַזוֹי ווִי רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת יוֹם הַכִּפּוּרִים הֲלָכָה א, אוֹת א): "מִי שֶׁאֵינוֹ נָשׂוּי, הוּא פָּגוּם בַּבְּרִית", וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט חַתֲנָה גֶעהַאט אִיז פָּגוּם בַּבְּרִית; דֶערְפַאר דַארְף מֶען וָואס שְׁנֶעלֶער חַתֲנָה הָאבְּן לְשֵׁם שָׁמַיִם, זִיךְ נִישְׁט וֶועלְן אוּן קְלוֹיבְּן.

**זָאג** דַיינֶע עֶלְטֶערְן אַז דוּ ווִילְסְט שׁוֹין חַתֲנָה הָאבְּן, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע. אַזוֹי ווִי מִיר גֶעפִינֶען בַּיי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (קִדּוּשִׁין כט:) ווִי רַב חִסְדָּא הָאט אוֹיסְגֶערִימְט פַאר רַב הוּנָא דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן רַב הַמְנוּנָא אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, הָאט רַב הוּנָא גֶעבֶּעטְן רַב חִסְדָּא: אִיךְ ווִיל אִים זֶען; וֶוען עֶר קוּמְט צוּ דִיר זָאלְסְטוּ אִים אַהֶער שִׁיקְן, "כִּי אָתָא, חַזְיֵיהּ דְּלָא פָּרִיס סוּדָרָא", וֶוען רַב הַמְנוּנָא אִיז גֶעקוּמֶען הָאט רַב

הוּנָא גֶעזֶען אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין טַלִּית, הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "מַאי טַעְמָא לָא פְּרִיסַת סוּדָרָא", פַארְוָואס גֵייסְטוּ נִישְׁט מִיט קַיין טַלִּית? הָאט אִים רַב הַמְנוּנָא גֶעעֶנְטְפֶערְט: ווייל אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט חֲתֻנָּה גֶעהַאט, "אַהְדְרִינְהוּ לְאַפֵּיהּ מִינֵיהּ", הָאט רַב הוּנָא אַוֶועקְגֶעדְרֵייט זַיין פָּנִים פוּן אִים אוּן אִים גֶעזָאגְט: "חֲזִי דְּלָא חֲזֵית לְהוּ לְאַפֵּי עַד דְּנָסְבַת", זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוּמֶען צוּ מִיר, ווייל אִיךְ וִויל נִישְׁט זֶען דַיין פָּנִים בִּיז דוּ הָאסְט חֲתֻנָּה, "בֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה וְלֹא נָשָׂא אִשָּׁה, כָּל יָמָיו בַּעֲבֵירָה", ווייל אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט חֲתֻנָּה פַאר דִי צְוָואנְצִיג יָאר - וֶועט מֶען אַ גַאנְץ לֶעבְּן טוּן עֲבֵירוֹת, פְרֶעגְט דִי גְמָרָא: "בַּעֲבֵירָה סַלְקָא דַּעְתָּךְ", ווִי קֶען זַיין מֶען וֶועט טוּן עֲבֵירוֹת אַ גַאנְץ לֶעבְּן? אֵיינְמָאל מֶען הָאט חֲתֻנָּה אִיז מֶען דָאךְ אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת! עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא: "אֶלָּא אֵימָא 'כָּל יָמָיו בְּהִרְהוּר עֲבֵירָה'", מֶען וֶועט אַ גַאנְץ לֶעבְּן הָאבְּן שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת; זֶעט מֶען פוּן דֶעם ווִי שְׁטַארְק מֶען דַארְף זִיךְ צוּאַיילְן חֲתֻנָּה צוּ הָאבְּן, ווייל רַב הַמְנוּנָא אִיז גֶעקוּמֶען צוּ רַב הוּנָא אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט קוּקְן אוֹיף זַיין פָּנִים ווייל עֶר הָאט נִישְׁט חֲתֻנָּה גֶעהַאט.

**זָארְג** נִישְׁט יֶעצְט פוּן וַואנֶעט דוּ וֶועסְט הָאבְּן פַּרְנָסָה; פַּרְנָסָה וַואקְסְט מִיטְן מֶענְטְשׁ, ווִי מֶער מֶען עֶלְטֶערְט זִיךְ - אַלְץ מֶער גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַּרְנָסָה, אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן ג): "אֵין צָרִיךְ לָאָדָם לִדְאֹג עַל פַּרְנָסַת בָּנָיו, כִּי כְּשֶׁהֵם גְּדֵלִים, גְּדֵלָה פַּרְנָסָתָם עִמָּהֶם", מֶען דַארְף נִישְׁט זָארְגְן אוֹיף פַּרְנָסָה, פַּרְנָסָה וַואקְסְט מִיטְן מֶענְטְשׁ.

**אַז** דוּ וֶועסְט אַוֶועקְלֵייגְן דַיינֶע חָכְמוֹת, דוּ וֶועסְט גֵיין צוּם שִׁדוּךְ וָואס פְּרִיעֶר אוּן דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען פְלַייסִיג - וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִסִים; דוּ וֶועסְט הָאבְן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע אוּן דוּ וֶועסְט קֶענֶען לֶערְנֶען וַוייטֶער נָאךְ דַיין חֲתֻנָּה.

## תתפב

**מֶען לָאזְט מִיר נִישְׁט לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד, זָאל אִיךְ צוּרִיקְגֵיין אִין יְשִׁיבָה?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

ווִי אִיךְ הָאבּ אַייךְ שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן[יט] הָאט מֶען מִיךְ אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן מַיין יְשִׁיבָה, אוּן יֶעצְט זָאגְן דִי מַשְׁגִיחִים אַז זֵיי לָאזְן מִיךְ צוּרִיק נָאר מִיט עֶטְלִיכֶע תְּנָאִים. אִיךְ מוּז אוֹיפְהֶערְן רֶעדְן פוּן בְּרֶסְלֶב אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ מוּז הַאלְטְן דִי סְדָרִים פוּן יְשִׁיבָה, אִיךְ טָאר נִישְׁט לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד, נִישְׁט לֶערְנֶען דִי פוּפְצְן שִׁעוּרִים, אוּן דֶער עִקָר - נִישְׁט צוּ זָאגְן מִשְׁנָיוֹת.

מִיט דִי צְוֵויי עֶרְשְׁטֶע תְּנָאִים הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם, וַוייל גֶעוֶוענְלִיךְ הַאלְט אִיךְ זִיךְ צוּ דִי סִדְרֵי הַיְשִׁיבָה, אוּן אוֹיךְ רֶעד אִיךְ נִישְׁט וֶועגְן בְּרֶסְלֶב אִין יְשִׁיבָה; אָבֶּער דִי דְרִיטֶע זַאךְ, נִישְׁט צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַסְכִּים זַיין צוּ דֶעם?

זָאל אִיךְ צוּרִיקְגֵיין אִין יְשִׁיבָה אָדֶער נִישְׁט?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

יט. פְּרִיעֶר אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב תתסב.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, כ"ח שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**גֵיי** צוּרִיק אִין יְשִׁיבָה אוּן זַיי זִיךְ מַכְנִיעַ פַאר דַיינֶע מַגִּידֵי שִׁעוּרִים; זַיי מֵיינֶען נִישְׁט דַיין שְׁלֶעכְטְס, זַיי ווִילְן בְּסַךְ הַכֹּל עֶס זָאל זַיין סֵדֶר אִין יְשִׁיבָה, עֶס זָאל זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ אִין יְשִׁיבָה. זַיי וֶועלְן דִיךְ נִישְׁט שְׁטֶערְן אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען אִין דַיינֶע זַייטִיגֶע צַייטְן דַיינֶע שִׁעוּרִים, זַיי וֶועלְן זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דוּ וֶועסְט אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט צוּ לֶערְנֶען וָואס דוּ ווִילְסְט. דוּ זַיי דֶרֶךְ אֶרֶץ'דִיג אוּן פִיר זִיךְ מִיט הַכְנָעָה, ווַייל בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען אַ יְסוֹד "דֶרֶךְ אֶרֶץ"; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען קֵיסָרִים אוּן קֶענִיגְן וָואלְטְן גֶעוואוּסְט וָואס פַאר אַ דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיךְ לֶערְן אוֹיס פַאר מַיינֶע תַּלְמִידִים, וָואלְטְן זַיי גֶעשִׁיקְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער צוּ מִיר אִיךְ זָאל זַיי אוֹיסְלֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ"; דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק א): "דֶּרֶךְ אֶרֶץ קָדְמָה לַתּוֹרָה", דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן מִדּוֹת טוֹבוֹת.

**הַאלְט** מִיט דִי שִׁעוּרִים אִין יְשִׁיבָה, אוּן וֶוען אַלֶע בָּחוּרִים טַאנְצְן אוּן ווִילְדֶעוֶוען - דֶעמָאלְט זָאלְסְטוּ זִיצְן אִין אַ ווִינְקֶעלֶע אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ פַאר דִיר אַלֵיין אוּן לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁעוּרִים.

**פָּאלְג** וָואס אִיךְ זָאג דִיר; גֵיי צוּרִיק אִין יְשִׁיבָה, ווַייז הַכְנָעָה פַאר אַלֶעמֶען, טַעֲנָה נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, פִיר זִיךְ אוֹיף

אַזוֹי ווי אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד פִירְט זִיךְ, מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן מִיט הַכְנָעָה - וֶועט דִיךְ קֵיינֶער נִישְׁט שְׁטֶערְן פוּן לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), קֵיינֶער וֶועט דִיךְ נִישְׁט שְׁטֶערְן פוּן פָארְן קַיין אוּמַאן, אַלֶע וֶועלְן זֶען דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידִים.

**הַלְוַאי** וָואלְטְן אַלֶע בָּחוּרִים זִיךְ אַזוֹי אוֹיפְגֶעפִירְט וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט אַיינְשְׁפָּארְן אַסַאךְ מַחֲלֹקֶת אוּן אַסַאךְ קְרִיגֶערַייעֶן; דִי יְשִׁיבוֹת וָואלְטְן נִישְׁט גֶעמַאכְט קַיין עֵסֶק וֶוען בָּחוּרִים ווילְן פָארְן קַיין אוּמַאן, מֶען וָואלְט זִיךְ גֶעקֶענְט אַיינְשְׁפָּארְן דִי אַלֶע עַגְמַת נֶפֶשׁ. דִי אַלֶע יְשִׁיבוֹת וָואס וַוארְפְן אַרוֹיס בָּחוּרִים פַאר פָארְן קַיין אוּמַאן זֶענֶען זִיךְ דִי בָּחוּרִים אַלֵיינְס שוּלְדִיג, וַוייל זֵיי רֵייצְן זִיךְ מִיט דִי יְשִׁיבָה וְכוּ', זֵיי פִירְן זִיךְ מִיט חֻצְפָּה, אַלְץ מִיט אַ צוּדֶעק כְּאִלּוּ דָאס אִיז בְּרֶסְלֶב וד"ל.

## תתפג

**ווי לַאנְג וֶועל אִיךְ נָאךְ דַארְפְן וַוארְטְן אוֹיף מַיין שִׁדּוּךְ?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קֹדֶם מוּז אִיךְ זָאגְן בֶּאֱמֶת אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע הֶערְלִיכֶע דְרָשׁוֹת, סֵיי פַאר דִי בָּחוּרִים אוּן אוֹיךְ פַאר דִי מֵיידְלֶעךְ, בִּפְרַט אִין אֱמוּנָה אוּן תְּפִלָּה, עֶס גֶעבְּט צוּ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חַיוּת אִין מַיין לֶעבְּן, אוּן אִיךְ קֶען קוֹים וַוארְטְן פַאר נָאךְ.

איך בּין אַ מֵיידל פוּן נײַנצן יָאר, און איך וואַרט און בֶּעט יֶעדן טָאג פַאר מַיין שִׁדּוּךְ. איך זָאג יֶעדן טָאג די תְּפִלּוֹת פוּן מְצִיאַת הַזִּוּוּג, און איך פְּרוּבִיר זיך צוּ הַאלְטְן שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה, אָבֶּער אַסאַך מָאל גֵייט עֶס נִישְׁט; לְמָשָׁל וֶוען איך דַארְף גֵיין צוּ אַ חַבֶר'טֶעס חֲתֻנָּה.

רוֹב פוּן מַיין קְלַאס זֶענֶען שׁוֹין כַּלּוֹת אָדֶער שׁוֹין חֲתֻנָּה גֶעהַאט. עֶס אִיז נָאר דָא נָאךְ אַפָּאר מֵיידְלֶעךְ, אָבֶּער עֶס וֶועט נִישְׁט גֶעמֶען לַאנְג פַּאר זֵיי צוּ חֲתֻנָּה הָאבְּן. מַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז אִיךְ הָאבּ נָאךְ עֶטְלִיכֶע גֶעשְׁווִיסְטֶער הֶעכֶער מִיר און גָארְנִישְׁט רוּקְט זיך נִישְׁט בְּנוֹגֵעַ שִׁדּוּכִים חוּץ דִי יָארְן. דֶערְפַאר אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער וֶוען אִיךְ דַארְף גֵיין צוּ אַ תְּנָאִים אָדֶער אַ חֲתֻנָּה פוּן אַ חַבֶר'טֶע.

איך וֵויים נִישְׁט אוֹיבּ איך מֶעג אַזוֹי טְרַאכְטְן, אָבֶּער איך פִּיל אַסאַךְ מָאל ווי אֶפְשָׁר הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְגֶעסְן פוּן מִיר, און עֶס גֵייט אִים נִישְׁט אָן אַז איך לַייד. איך ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק קֶענֶען פַארְגִינֶען אַ צְוֵוייטְן אָבֶּער איך פִּיל אַז עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ, איך קוּם אָן צוּ אַ שִׂמְחָה מִיט אַ רִיזִיגֶע שְׁמֵייכְל און אִיךְ טַאנְץ מִיט, אָבֶּער קֵיינֶער קֶען נִישְׁט חָלוֹמְ'עֶן ווִיפִיל עֶס שְׁטֶעכְט מִיר אִינֶעווֵייניג. אַזוֹי וַוייט אַז אַסאַךְ מָאל מוּז איך אַרוֹיסְגֵיין אַבִּיסְל צוּ קֶענֶען אָטֶעמֶען.

עֶס קֶען נִישְׁט וַוייטֶער אַזוֹי אָנְגֵיין, אָבֶּער איך וֵויים נִישְׁט וָואס צוּ טוּן; אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַן עֵצָה פַאר מִיר?

אַ גְרוֹיסְן יְיִשַׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ה' אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן** (פְּסִיקְתָּא דְּרַב כַּהֲנָא, הוּבָא בְּרַשִׁ"י שְׁמוֹת יז, ח), **אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז**

גֶעגַאנְגֶען אַ וַוייטֶע וֶועג מִיט זַיין קִינְד, דָאס קִינְד הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין כֹּחַ מֶער צוּ גֵיין הָאט אִים דֶער טַאטֶע גֶענוּמֶען אוֹיפְן אַקְסְל, אַזוֹי אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעגַאנְגֶען מִיטְן קִינְד אוֹיפְן פְּלֵייצֶע, גֵייעֶנְדִיג זֶעט דָאס קִינְד ווִי אֵיינֶער פַארְקוֹיפְט גֶעשְׁמַאקֶע עֶסְן, בֶּעט עֶר זַיין טַאטֶע עֶר זָאל אִים גֶעבְן עֶסְן אוּן דֶער טַאטֶע הָאט אִים גֶעגֶעבְן עֶסְן, גֵייעֶנְדִיג וַוייטֶער בֶּעט עֶר זַיין טַאטֶע אַז עֶר דַארְף טְרִינְקֶען אוּן דֶער טַאטֶע הָאט אִים גֶעקוֹיפְט אַ טְרִינְק, אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען מִיט אַלֶעס וָואס דֶער קִינְד הָאט גֶעזֶען, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן זַיין טַאטֶע זָאל אִים דָאס קוֹיפְן אוּן דֶער טַאטֶע הָאט אִים אַלֶעס גֶעגֶעבְן, גֵייעֶנְדִיג וַוייטֶער הָאט דָאס קִינְד גֶעזֶען אֵיינֶעם גֵיין אוּן הָאט יֶענֶעם גֶעפְרֶעגְט: "הָאסְט אֶפְשָׁר גֶעזֶען מַיין טַאטֶע? אִיךְ וֵויים נִישְׁט וואוּ מַיין טַאטֶע אִיז!" וֶוען דֶער טַאטֶע הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן דָאס קִינְד פוּן זַיין אַקְסְל, אִיז גֶעקוּמֶען אַ הוּנְט אוּן גֶעבִּיסְן דָאס קִינְד.

אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם, עֶר הָאט זֵיי גֶעוִויזְן דִי גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער, עֶר הָאט גֶעשְׁפָּאלְטְן דֶעם יַם, זֵיי גֶעגֶעבְן צוּ עֶסְן מָן פוּן הִימְל, דִי בְּרוּנֶעם וַואסֶער צוּ טְרִינְקֶען אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, בִּיז דִי אִידְן הָאבְן גֶעפְרֶעגְט (שְׁמוֹת יז, ז): "הֲיֵשׁ ה' בְּקִרְבֵּנוּ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט אוּנְז? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פַארְגֶעסְן פוּן אוּנְז? גְלַייךְ הָאט פַּאסִירְט דִי פַּרְשָׁה מִיט עֲמָלֵק, "וַיָּבֹא עֲמָלֵק" - אוּן עֶר הָאט גֶעבִּיסְן דִי אִידְן.

**אִיר** טְרַאכְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פַארְגֶעסְן פוּן אַייךְ?

חַס וְשָׁלוֹם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן אַייךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְגֶעסְט נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ פִּינְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן. וֶוער עֶס טְרֶעפְט שְׁנֶעל זַיין שִׁדּוּךְ אוּן וֶוער עֶס טְרֶעפְט נִישְׁט גְלַייךְ זַיין שִׁדּוּךְ - אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס, מִיר דַארְפְן זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רעט): "אַז עֶס אִיז גָאר בִּיטֶער אִיז מֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵּל", הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט: "וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מְבַטֵּל?" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "מֶען פַארְמַאכְט דִי מוֹיל מִיט דִי אוֹיגְן, דָאס אִיז בִּטּוּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן"; דָאס הֵייסְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַארְמַאכְט דִי מוֹיל - עֶר פְרֶעגְט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת, עֶר פַארְמַאכְט דִי אוֹיגְן - עֶר וִויל גָארְנִישְׁט זֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין, עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה אַז אַלֶעס וֶוערְט גוּט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט דִי יְשׁוּעָה וָואס עֶר דַארְף.

**פַארְלִירְט** זִיךְ נִישְׁט, זַייט שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִסִּים.

# תתפד

## ווי לַאנְג דַארְף נֶעמֶען דָאס דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וויפִיל צַייט דַארְף נֶעמֶען לְכָל הַפָּחוֹת דָאס דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית פוּן הוֹדוּ בִּיז שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה? אִיךְ רֶעד נִישְׁט פוּן כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט, נָאר פַאר אַרְבֵּייטֶערְס וָואס דַאוֶוענֶען מִיטְן זִיבְּן אַזֵייגֶער מִנְיָן אִינְדֶערְפְרִי.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ה' אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וֶוען מֶען דַאוֶונְט בְּצִבּוּר נִישְׁט אוֹיסְצוּצִיעֶן דָאס דַאוֶוענֶען כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט שְׁוֶוער מַאכְן פַארְן עוֹלָם, אוּן אַזוֹי וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן נג, סְעִיף יא): "כָּל שֶׁמַּאֲרִיךְ בִּתְפִלָּתוֹ לֹא טוֹב עוֹשֶׂה, מִפְּנֵי טֹרַח הַצִּבּוּר", מֶען זָאל נִישְׁט אוֹיסְצִיעֶן דָאס דַאוֶוענֶען כְּדֵי נִישְׁט שְׁוֶוער צוּ מַאכְן פַארְן עוֹלָם; וַוייל דָאס אִיז גוֹרֵם אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן נִישְׁט קוּמֶען אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען, בִּפְרָט אִינְדֶערְפְרִי וֶוען מֶען יָאגְט זִיךְ צוּ גֵיין אַרְבֶּעטְן, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פָארְזִיכְטִיג נִישְׁט צוּ פֶּענְיֶען אַז מֶען זָאל קֶענֶען גֵיין אַרְבֶּעטְן.

**אוֹיךְ** דֶערְצֵיילְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בְּרָכוֹת לא.) אוֹיף דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָא רֶבִּי עֲקִיבָא, וֶוען עֶר הָאט גֶעדַאוֶׁוענְט בְּיְחִידוּת הָאט עֶר גֶעדַאוֶׁוענְט זֵייעֶר לַאנְג און וֶוען עֶר הָאט גֶעדַאוֶׁוענְט מִיטְן עוֹלָם הָאט עֶר גֶעדַאוֶׁוענְט שְׁנֶעל, נִישְׁט שְׁוֶוער צוּ מַאכְן פַּארְן צִיבּוּר; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז וֶוען מֶען דַאוֶׁוענְט זָאל מֶען נִישְׁט אוֹיסְצִיעֶן לֶענְגֶער כְּדֵי נִישְׁט שְׁוֶוער צוּ מַאכְן פַּארְן עוֹלָם.

**פוּן** הוֹדוּ בִּיז בָּרְכוּ דַארְף נִישְׁט נֶעמֶען מֶער פוּן צֶען מִינוּט, און פוּן בָּרְכוּ בִּיז שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה נֶעמְט נָאךְ פִיר - פִינְף מִינוּט.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתפה

### ווי אַזוֹי קֶענֶען מִיר נֶעמֶען "הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ בְּרֶסְלֶב" פַאר אוּנְזֶער וֶועגְוַוייזֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶרְשְׁטְנְס אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע בְּרִיוו, נִגּוּנִים, און שִׁעוּרִים, וֶועלְכֶע הָאבְּן מַמָּשׁ אוֹיפְגֶעלָאכְטְן אוּנְזֶער שְׁטוּבּ, אִיךְ מִיט מַיין מַאן הַאלְטְן אַלֶעם מִיט, און דָאס גֶעבְּט אוּנְז אַ וֶועג אִין לֶעבְּן, מַיין מַאן הָאט בַּאשְׁלָאסְן אַז נָאר אִין הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ בְּרֶסְלֶב אִיז דָא דֶער רִיכְטִיגֶער מְהַלֵּךְ פַאר אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ.

מִיר הָאבְן אָבֶּער אַסַאךְ סְפֵקוֹת און שְׁאֵלוֹת וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן בַּיי אַסַאךְ זַאכְן, און מִיר וֵוייסְן נִישְׁט וִוי אַזוֹי אָנְצוּקוּמֶען און קֶענֶען פְרֶעגְן

אַלֶע אוּנְזֶערֶע שְׁאֵלוֹת; מִיר ווילְן וויסְן ווי אַזוֹי מִיר קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוּנְז צוּ פִירְן אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ה' אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**וויסְן** זָאלְט אִיר אַז נָאר דוּרְכְן לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים קֶען מֶען הָאבְּן אַ שַׁיְיכוּת מִיטְן רֶבִּי'ן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצב): "פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ נִמְצָאִים בְּתוֹךְ סִפְרוֹ", דִי פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִּיק גֶעפִינְט זִיךְ אִין זַיינֶע סְפָרִים; אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים הָאט מֶען אַ גְלַייכְן וֶועג אִין לֶעבְּן, וַוייל אַלֶע רְפוּאוֹת, עֵצוֹת אוּן סְגֻלּוֹת - לִיגְן אִין רֶבִּינְ'ס תּוֹרוֹת, אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמט): "שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ", מֶען קֶען וֶוערְן אַן אֶמֶת'עֶר בַּעַל תְּשׁוּבָה אַז מֶען לֶערְנְט זַיין סֵפֶר, לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, "וְאָמַר, שֶׁמִּי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו רַק בְּלִי קִנְטוּר וְנִצָּחוֹן, וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת, אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קַשְׁיוֹת לְבָבוֹ", וְאָמַר בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן: "סֶע וֶועט אִים אַלֶע אָדֶערְן טְרֶענֶען"; וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת - וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען אַלֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן, עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**אַזוֹי** אוֹיךְ אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם סֵפֶר "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן, זִיבֶּעצִיג טוֹיזְנְט בְּרִיוו - קֶען מֶען זֶען דִי גְלַייכֶע וֶועג אִין לֶעבְּן; מֶען וֵוייסְט בַּיי יֶעדֶע זַאךְ וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, וֶוער עֶס הָאט אַ פְרַאגֶע קֶען זֶען אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל קְלָארֶע תְּשׁוּבוֹת וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט אַז יֶעדֶער וָואס הָאט אַ שְׁאֵלָה זָאל עֶפֶענֶען אַן "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" - וואוּ עֶר וֶועט טְרֶעפְן אַ תְּשׁוּבָה; דָאס אִיז בָּדוּק וּמְנוּסֶה.

**אוֹיךְ** זָאלְט אִיר זִיךְ מַאכְן אַ שִׁעוּר אִין סֵפֶר "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה"; יֶעדֶע בְּרִיוו אִיז שֵׂכֶל פַארְן לֶעבְּן, יֶעדֶע בְּרִיוו אִיז שַׁיָּיךְ פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ, פוּן יֶעדֶע בְּרִיוו קֶען מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען נָאךְ שֵׂכֶל פַארְן לֶעבְּן. מַאכְט זִיךְ אַ שִׁעוּר דֶערִין, יֶעדְן טָאג זָאלְט אִיר לֶערְנֶען אַפָּאר בְּרִיוו; אַלֶע סְפֵקוֹת אוּן שְׁאֵלוֹת וֶועלְן אַייךְ פַארֶענְטְפֶערְט וֶוערְן. אַלֶעס וָואס שְׁטֵייט אִין דִי בְּרִיוו אִיז גֶענוּמֶען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, פוּן סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל, עֶס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף אַ שְׁפְּרַאךְ פַארְן הַיינְטִיגְן דוֹר.

**נָאר** אַזוֹי וֶועט אִיר הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ, אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט זִיךְ גֶעשְׁטוּפְּט דַוְקָא אָנְצוּכַאפְּן מוֹהֲרָא"שׁ'ס הַאנְט בַּיים טַאנְצְן: "דוּ ווִילְסְט מִיךְ אָנְכַאפְּן? לֶערְן אֲשֶׁר בַּנַּחַל, אַזוֹי וֶועסְטוּ מִיךְ אָנְכַאפְּן".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתפו

## ווי אַזוֹי פַארְרֶעכְט מֶען די הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת פוּן די יוּנְגֶע יָארְן?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

פַאר לַאנְגֶע יָארְן צוּרִיק, אַלְס יוּנְגֶער בָּחוּר, הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן אַסַאךְ עֲבֵירוֹת אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחְמָנָא לִצְלָן, בָּרוּךְ ה' אַז שׁוֹין פַאר אַסַאךְ יָארְן פִיר אִיךְ זִיךְ ווי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט קַיין שַׁייְכוּת מִיט די אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, מַיין שְׁאֵלָה אִיז אָבֶער ווי אַזוֹי אִיךְ קֶען פַארְרֶעכְטְן די אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אִין די יוּנְגֶע יָארְן. וַוייל צַדִּיקִים הָאבְּן אוּנְז שׁוֹין גֶעזָאגְט אַז תַּעֲנִיתִים אִיז נִישְׁט די וֶועג צוּ פַארְרֶעכְטְן, וָואס אִיז יָא די וֶועג?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ה' אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרַט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וְוִיסְן זָאלְסְטוּ, די עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן - אִיז פוּן די הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת,**

**אַזוֹי ווי עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט** (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אֶבֶן הָעֶזֶר סִימָן כג, סְעִיף א)**:**

**"אָסוּר לְהוֹצִיא שִׁכְבַת זֶרַע לְבַטָּלָה. וְעָוֹן זֶה חָמוּר מִכָּל עֲבֵרוֹת שֶׁבַּתּוֹרָה", די עֲבֵירָה אִיז הַארְבֶּער פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת פוּן די**

תּוֹרָה; אוֹיךְ זֶעעֶן מִיר וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נִדָּה יג.): "כָּל הַמּוֹצִיא שִׁכְבַת זֶרַע לְבַטָּלָה חַיָּב מִיתָה", וֶוער עֶס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶר אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, אִיז חַיָּב מִיתָה, "רַבִּי יִצְחָק וְרַבִּי אַמִּי אָמְרֵי, כְּאִלּוּ שׁוֹפֵךְ דָּמִים", רֶבִּי יִצְחָק אוּן רֶבִּי אַמִּי זָאגְן, עֶס אִיז אַזוֹי ווִי אֵיינֶער אִיז עוֹבֵר אוֹיף רְצִיחָה אוּן שְׁפִיכַת דָּמִים, "רַב אַסִּי אָמַר, כְּאִלּוּ עוֹבֵד עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים", רַב אַסִּי זָאגְט, עֶס אִיז אַזוֹי ווִי עֶר דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה רַחְמָנָא לִצְלָן.

אַז מֶען טוּט נִישְׁט תְּשׁוּבָה אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, וַוייל וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט בְּלַייבְּן דִי אַלֶע וְכוּ' צוּגֶעטְשֶׁעפֶּעט צוּ אִים, זֵיי לָאזְן אִים נִישְׁט אָפּ אוּן זֵיי בַּאגְלֵייטְן אִים זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, בִּיז צוּם קֶבֶר. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קמא): "כְּשֶׁנִּפְטָר הָאָדָם הֵם הוֹלְכִים אַחַר הַמִּטָּה", וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט דֶעמָאלְט קוּמֶען אַלֶע קְלִפּוֹת אוּן מַזִּיקִים וָואס זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פוּן דִי עֲבֵירָה אוּן זֵיי בַּאגְלֵייטְן אִים, "וּמְקוֹנְנִים עָלָיו, כְּמוֹ בָּנָיו מַמָּשׁ מִמִּין אָדָם", זֵיי קְלָאגְן אוֹיפְן נִפְטָר אַזוֹי ווִי דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער, "רַחְמָנָא לִצְלָן מֵעֳנָשִׁים הַלָּלוּ, כַּיָּדוּעַ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז אָפְּהִיטְן פוּן אַזֶעלְכֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע עוֹנְשִׁים, עַיֵּין שָׁם.

זֵייעֶר אוּן בִּיטֶער אִיז פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶר רַייסְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (וַיְחִי ריט:): "לֵית לָךְ חוֹבָא בְּעָלְמָא דְּלָא אִית

לֵיהּ תְּשׁוּבָה", עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין עֲבֵירָה וָואס עֶס הֶעלְפְּט נִישְׁט דֶערוּיף קַיין תְּשׁוּבָה, "בַּר מֵהַאי", אוֹיסֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם בַּבְּרִית, אוֹיף דֶעם הֶעלְפְּט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, "וְלֵית לָךְ חַיָּיבָא דְּלָא חָמָאן אַפֵּי שְׁכִינְתָּא", אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין זִינְדִיגֶער מֶענְטְשׁ וָואס וֶועט נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "בַּר מֵהַאי", נָאר וֶוער עֶס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית; אַזוֹי הַארְבּ אִיז דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אוּנְזֶער דוֹר אוּן אַרָאפְּגֶעשִׁיקְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְ'ס נְשָׁמָה אוֹיף דִי וֶועלְט, וָואס עֶר הֵייבְּט אוֹיף אַלֶע נְשָׁמוֹת וָואס זֶענֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, אוּן דוּרְךְ זַיינֶע עֵצוֹת בְּרֶענְגְט עֶר זֵיי אַלֶע צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עא): "קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט פְּשַׁט אִין דֶעם זֹהַר וָואס זָאגְט (וַיֵּשֶׁב קפח.; וַיְחִי ריט:) אַז אוֹיבּ מֶען זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית הֶעלְפְּט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה"; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "נָאר אִיךְ פַארְשְׁטֵיי פְּשַׁט אִין דֶעם זֹהַר אוּן אִיךְ זָאג אַז עֶס הֶעלְפְּט יָא תְּשׁוּבָה, אֲפִלּוּ אֵיינֶער וָואס הָאט אַסַאךְ גֶעזִינְדִיגְט מִיט דִי עֲבֵירָה".

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה וָואס רוּפְט זִיךְ 'הִתְבּוֹדְדוּת'; אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף זַיין מַאמֶע לָשׁוֹן. מֶען זָאל גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ ווּאוּ קֵיינֶער גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט דָארְט אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ; אַ מֶענְטְשׁ זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן ווּאוּ דֶער יֵצֶר הָרַע וַוארְפְּט

אִים אַלְץ אַרָאפּ, אוּן אַז וִויפִיל מָאל עֶר מַאכְט שׁוֹין אָפּ אַז עֶר גֵייט זַיין גוּט - פַּאלְט עֶר נָאכְאַמָאל צוּרִיק אַרַיין אִין דִי עֲבֵירָה; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִּירְט זִיךְ אַזוֹי, נֶעמְט דָאס אַרָאפּ פוּן אִים אַלֶע עוֹנְשִׁים אוּן דִינִים.

דֶערְפַאר, אַז דוּ ווילְסְט בֶּאֱמֶת פַארְרֶעכְטְן דַיינֶע חַטְאוֹת נְעוּרִים - פָּאלְג דֶעם רֶבִּי'ן; זוּךְ דִיר אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ אַהִינְגֵיין זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דִיר, אוּן ווִי עֶר וַוארְפְט דִיר אַרָאפּ אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאב רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, אִיךְ בִּין שׁוֹין אַזוֹי צוּגֶעווֹאוֹינְט צוּ טוּן דִי עֲבֵירָה אַז עֶס אִיז מִיר שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ אַרוֹיס צוּ רַייסְן דֶערְפוּן. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין צוּרִיק פַאלְן, אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ וֶוער פַארְבְּרֶענְט, דִי תַּאֲוַת נָאוֹף פְּלַאקֶערְט אִין מִיר, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער רַאטֶעוֶוע מִיךְ! אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶער אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין צוּרִיק פַאלְן, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעקְלַאפְּט. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאב אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל פַארְרֶעכְטְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים מַיינֶע וָואס אִיךְ הָאב פּוֹגֵם גֶעוֶוען דִי אַלֶע יָארְן", אַזוֹי זָאלְסְטוּ

רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְט אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן אוּן גָארְנִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּן אִים, וֶועסְטוּ סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיין פְּלָאנְטֶער וואוּ דוּ לִיגְסְט.

**אַנְשְׁטָאט** פַּאסְטְן זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת; יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אֲפִלּוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט - דָאךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת יֶעדְן טָאג, דָאס וֶועט דִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דַיין בְּלָאטֶע. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִלּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחְמָנָא לִצְלָן", אֲפִלּוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדֻשָּׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת, "אַף עַל פִּי כֵן הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כָּךְ וְכָךְ" וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעבְּטְס.

וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהֶערְט דִי שִׂיחָה, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן צִי תּוֹרָה קֶען אוֹיךְ הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן? הָאט דֶער רֶבִּי אִים

גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז?! תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס לִיגְט נֶעבֶּעךְ אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלַן, אוֹיבּ וֶועט עֶר לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ' וֶועט עֶר וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.**

## תתפז

**וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז מַיין מַאן זָאל אַהֵיימְקוּמֶען צַייטְלִיךְ?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע אֵייעֶרֶע חִיזּוּק אוּן עֵצוֹת.

אִיךְ בִּין אַ פְרוֹי, אַ מַאמֶע פוּן פִיר פִּיצְלֶעךְ קִינְדֶער, דֶער עֶלְטְסְטֶער אִיז נָאכְנִישְׁט קַיין פִיר יָאר אַלְט, אוּן אֵיינֶער פוּן זֵיי אִיז לֵיידֶער נִישְׁט גֶעזוּנְט לֹא עָלֵינוּ. מַיין מַאן בְּרֶענְגְט בָּרוּךְ ה' פַּרְנָסָה אִין שְׁטוּב, אוּן אַלֶעס פָארְט מִיט אַ סֵדֶר בָּרוּךְ ה'.

מַיין מַאנְ'ס אַרְבֶּעטְס פְּלַאץ אִיז נִישְׁט צוּ וַוייט פוּן אוּנְזֶער הוֹיז, אוּמְגֶעפֶער אַ פוּפְצְן מִינוּט צוּ שְׁפַּאצִירְן, עֶר הָאט אָבֶער אַ אִיד וָואס אַרְבֶּעט מִיט אִים וָואס קֶען אִים אַהֵיימְבְּרֶענְגֶען מִיט זַיין קַאר אַ שָׁעָה שְׁפֶּעטֶער פוּן וֶוען עֶר דַארְף אַהֵיימְקוּמֶען, אוּן מַיין מַאן כַאפְּט זִיךְ בְּסֵדֶר צוּ צוּ דֶעם, אוּן עֶר וַוארְט אַן אִיבְּרִיגֶע שָׁעָה בַּיי דִי אַרְבֶּעט, צוּ קֶענֶען קוּמֶען מִיט דִי קַאר.

איך וֶוער מַמָּשׁ צֶערִיסְן אוֹיף שְׁטִיקֶער אִינְדֶערְהֵיים, אִיךְ דַארְף לוֹיפְן פוּן אֵיין קִינְד צוּם צְווֵייטְן דִי גַאנְצֶע צַייט, אוּן אִיךְ וַוארְט שׁוֹין קוֹים אַז עֶר זָאל אַהֵיימְקוּמֶען פוּן דִי אַרְבֶּעט אוּן צוּלֵייגְן אַבִּיסְל אַ הַאנְט, אָבֶּער כִּמְעַט יֶעדְן טָאג קוּמְט עֶר אָן אַ שָׁעָה שְׁפֶּעטֶער, מִיטְן זֶעלְבְּן תֵּירוּץ; אַז עֶר הָאט גֶעוַוארְט פַאר דִי קַאר.

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' גוּטְהַארְצִיגֶע שְׁכֵנִים וָואס לֵייגְן צוּ אַ הַאנְט אַבִּיסְל, אָבֶּער רוֹב צַייט דַארְף אִיךְ אַלֵיין זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק וֵויי אַז מַיין מַאן פַארְשְׁטֵייט אֲפִלּוּ נִישְׁט ווִי שְׁוֶוער אִיךְ אַרְבֶּעט מִיט דִי קִינְדֶער, עֶר הַאלְט אַז אִיךְ טְרַייבּ אִיבֶּער אוּן עֶס אִיז בֶּאֱמֶת נִישְׁט אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ אַז אִיךְ שְׁטְרֶענְג זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אִיבֶּער אִינְדֶערְהֵיים.

אִיךְ הָאבּ אִים שׁוֹין גֶעבֶּעטְן מִיט גוּטְנְס אוּן מִיט טְרֶערְן, אָבֶּער עֶס בְּלַייבְּט וַוייטֶער בַּיים אַלְטְן; אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט הָאבְּן אַן עֵצָה פַאר מִיר.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרָשַׁת תְּצַוֶּה, ה' אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

אַ פְרוֹי אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ אַ רָב פַארְלַאנְגֶען אַ גֶט, זִי ווִיל זִיךְ גֶטְ'ן פוּן אִיר מַאן; הָאט דֶער רָב אִיר גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס זִי ווִיל זִיךְ גֶטְ'ן פוּן אִים, הָאט זִי גֶעזָאגְט: "מַיין מַאן קוּמְט אַהֵיים זֵייעֶר שְׁפֶּעט, אִיךְ דַארְף אַלֵיין זַיין מִיט דִי קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַלֶעס פְּרוּבִּירְט אָבֶּער עֶס הֶעלְפְט גָארְנִישְׁט, אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט אַזוֹי אָנְגֵיין, אִיךְ ווִיל אַ גֶט",

זָאגְט אִיר דֶער רָב מִיט גְרוֹיס חָכְמָה: "אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ גֶטְ'ן וֶועט עֶר נִישְׁט אַהֵיימְקוּמֶען פְרִיעֶר, עֶס וֶועט דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן".

דִי מַעֲשֶׂה זֶעט אוֹיס וִוי אַ וִויץ אָבֶער אַז מֶען טְרַאכְט אַרַיין - לִיגְט אִין דֶעם זֵייעֶר אַ טִיפֶע חָכְמָה, אַ מֶענְטְשׁ וִויל אַנְטְלוֹיפְן פוּן זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען לוֹיפְט עֶר אַרַיין אִין טִיפֶערֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען. אַז עֶס אִיז שְׁוֶוער וֶוען דֶער מַאן קוּמְט אַהֵיים שְׁפֶּעט - וֶועט דָאךְ זִיכֶער זַיין שְׁוֶוערֶער וֶוען עֶס וֶועט בִּכְלַל נִישְׁט זַיין קַיין טַאטֶע אִין שְׁטוּב; אַז יֶעצְט אִיז שְׁוֶוער מִיט דִי קִינְדֶער אוּן דִי ווִירְטְשַׁאפְט אַז עֶר קוּמְט אַהֵיים שְׁפֶּעט - וָואס וֶועט זַיין אָן אַ מַאן, אָן אַ טַאטֶע? וֶועט דָאךְ זַיין גָאר בִּיטֶער!

אַז אִיר ווִילְט טַאקֶע אַן עֵצָה - זָאלְט אִיר אַרַיינְנֶעמֶען בַּיי זִיךְ וָואס מוֹהֲרַ"ש הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט אוּנְז, מוֹהֲרַ"ש הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעזָאגְט דֶעם סוֹד וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְן אַ גוּט לֶעבְן; דֶער סוֹד פוּן הָאבְן אַ גוּט לֶעבְן אִיז - מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג הַאלְטְן קָאפּ אוּן זוּכְן צוּ "זַיין קְלוּג, נִישְׁט גֶערֶעכְט"; דָאס אִיז דֶער סוֹד פוּן הַצְלָחָה - נִישְׁט זוּכְן צוּ זַיין גֶערֶעכְט, נָאר זוּכְן וִוי מֶען קֶען זַיין קְלוּג. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יד, א): "חַכְמוֹת נָשִׁים בָּנְתָה בֵיתָהּ", אַ קְלוּגֶע פְרוֹי בּוֹיט אוֹיף אִיר הוֹיז, "וְאִוֶּלֶת בְּיָדֶיהָ תֶהֶרְסֶנּוּ", אוּן אַ נַארִישֶׁע פְרוֹי צֶעבְּרֶעכְט עֶס מִיט אִירֶע אֵייגֶענֶע הֶענְט.

וֶוען מֶען הֶערְט הֶעְרט אַייעֶר זַייט וָואס אִיר דֶערְצֵיילְט זֶעעְט אִיר הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט גֶערֶעכְט, אָבֶער דָא דַארְף מֶען אַבִּיסְל חָכְמָה, אַבִּיסְל שֵׂכֶל; אַז אִיר וֶועט רֶעדְן שַׁיין צוּ

אַייעֶר מַאן, אִיר וֶועט אִים אָפְּוַוארְטְן מִיט אַ שְׁמֵייכְל און אִים אוֹיפְנֶעמֶען וַוארֶעם וְכוּ' - וֶועט אִיר זֶען ווִי עֶס וֶועט זִיךְ טוּישְׁן, סֵיי בַּיי אַייךְ און סֵיי בַּיי אִים; קֹדֶם בַּיי אַייךְ וֶועט זִיךְ טוּישְׁן אַז אִיר וֶועט נִישְׁט זַיין בְּכַּעַס, אִיר וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיף דָאס בִּיסְל וָואס עֶר אִיז יָא אִין שְׁטוּב, און בַּיי אִים וֶועט זִיךְ אוֹיךְ טוּישְׁן; עֶר וֶועט לִיבּ הָאבְּן אַהֵיים צוּ קוּמֶען, עֶר וֶועט אַהֵיים קוּמֶען גְלַייךְ נָאךְ דִי אַרְבֶּעט.

**עֶס** וֶועט אַייךְ זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער דָאס צוּ טוּן, בִּפְרַט וֶוען אִיר הָאט שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט אִין אַייעֶר הַארְץ קֶעגְן אִים וְכוּ' וְכוּ'; מִיט דֶעם אַלֶעם בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר, אִיר פּוּן אַייעֶר זַייט זָאלְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִים, זַייט וַוייטֶער וַוארֶעם צוּ אִים און וַוארְטְס אִים אָפּ מִיט אַ שְׁמֵייכְל וְכוּ'. אַ קְלוּגֶע פְרוֹי הָאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְצוּדְרֵייעֶן אִיר מַאן לְטוֹבָה; אִיךְ בֶּעט אַייךְ, וַוארְטְס אוֹיס אוֹיף אַ יְשׁוּעָה און אַנְטְלוֹיפְט נִישְׁט. עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין חָכְמָה צוּ צֶעבְּרֶעכְן אַ שְׁטוּבּ וֶוען מֶען קֶען עֶס נָאךְ רַאטֶעוֶוען.

**שְׁלֹמֹה** הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כז, יט): "כַּמַּיִם הַפָּנִים לַפָּנִים, כֵּן לֵב הָאָדָם לָאָדָם", אַזוֹי ווִי וֶוען מֶען קוּקְט אִין וַואסֶער זֶעט מֶען זִיךְ - וֶוען מֶען שְׁמֵייכְלְט זֶעט מֶען אַ שְׁמֵייכְל און וֶוען מֶען אִיז זוֹיעֶר זֶעט מֶען אַ זוֹיעֶרֶע בִּילְד; אַזוֹי אִיז דֶער גַאנְצֶער לֶעבְּן, אוֹיבּ מֶען שְׁמֵייכְלְט צוּ אַ 'שְׁפִּיגְל', זֶעט מֶען ווִי אֵיינֶער שְׁמֵייכְלְט צוּרִיק און אוֹיבּ מֶען וַוייזְט אַ זוֹיעֶרֶע פָּנִים וַוייזְט יֶענֶער צוּרִיק אַ זוֹיעֶרֶע פָּנִים. דֶערְפַאר, זוּכְט נִישְׁט צוּ זַיין גֶערֶעכְט, נָאר הַאלְטְס פַאר

אַייעֶרע אוֹיגְן דִי וֶוערְטֶער: "זַיי קְלוּג, נִישְׁט גֶערֶעכְט", אִיר זָאלְט זַיין דֶער וָואס בֶּעט אִיבֶּער און רֶעדְט שַׁיין.

קַיינֶער הָאט נִישְׁט לִיבּ קַיין קְרִיטִיק - בִּפְרַט קְרִיטִיק פוּן דִי אֵייגֶעגֶע וַוייבּ; אַז אִיר וֶועט שְׁרַייעֶן אוֹיף אַייעֶר מַאן - וֶועט אִיר גָארְנִישְׁט אוֹיפְטוּן, אִיר וֶועט נָאר עֶרְגֶער מַאכְן, וַוייל דִי נַאטוּר פוּן אַ מַאן אִיז אַז עֶר הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס, מֶענֶער הָאבְּן לִיבּ צוּ זַיין דִי בַּעֲלֵי בָּתִּים וְכוּ', זֵיי ווִילְן נִישְׁט אַז דִי וַוייבּ זָאל זֵיי אַרַיינְזָאגְן וְכוּ' וְכוּ'; דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר רֶעדְן צוּ אַייעֶר מַאן שַׁיינֶערְהַייט, גֶעבְּט אִים דֶעם כָּבוֹד, נִישְׁט מִיט אַ נֶערְוֶועזְקֵייט און גֶערֶעגְטְקַייט, אַזוֹי ווִי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי טו, א): "מַעֲנֶה רַךְ, יָשִׁיב חֵמָה", אֵיינֶער וָואס רֶעדְט שַׁיין און אֵיידְל - נֶעמְט אַוֶועק צָארְן; אַז אִיר וֶועט שְׁרַייעֶן אוֹיף אַייעֶר מַאן וֶועט אִיר גָארְנִישְׁט אוֹיפְטוּן, עֶר וֶועט נִישְׁט צוּהֶערְן וָואס אִיר זָאגְט, עֶר וֶועט זִיךְ נָאר אוֹיפְרֶעגְן און צוּרִיק שְׁרַייעֶן, און עֶס קֶען נָאךְ גֵיין וַוייטֶער, אַז עֶר וֶועט אָנְהוֹיבְּן שֶׁעלְטְן אָדֶער גָאר הֵייבְּן הֶענְט.

אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר הָאט שׁוֹין פְּרוּבִּירְט מִיט שַׁיינֶעם; עֶס אִיז שְׁוֶוער אָנְצוּנֶעמֶען אַז עֶס אִיז וָואר וָואס אִיר זָאגְט, וַוייל מִיט שַׁיינֶעם פּוֹעֵל'ט מֶען, קֶען זַיין אַז אִיר הָאט פְּרוּבִּירְט צוּ רֶעדְן שַׁיין אָבֶּער אָן סַבְלָנוּת, אָן גֶעדוּלְד, וַוייל וֶוען מֶען רֶעדְט שַׁיין און מֶען הָאט גֶעדוּלְד - קֶען מֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דֶעם שְׁווֶערְסְטְן נַאטוּר, מֶען קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דֶעם שְׁוֶוערְסְטְן מֶענְטְשׁ, אִים מַאכְן גוּט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתפח

## ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ צוּרִיק צָאלְן פַארְן
## רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַאר דִי שֵׁייְנֶע שִׁעוּרִים?

## שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן דִי שִׁעוּרִים; מַיין פַּרְנָסָה הָאט זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְט, מַיין שָׁלוֹם בַּיִת אִיז בֶּעסֶער גֶעוָוארְן, אוּן מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן הָאט זִיךְ גֶעטוּישְׁט - אַ דַאנְק דִי שִׁעוּרִים.

אִיךְ וויל ווִיסְן ווי אַזוֹי אִיךְ קֶען צוּרִיקְצָאלְן פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר דִי שֵׁייְנֶע שִׁעוּרִים.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּצַוֶה, ה' אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אַז** דַיין לֶעבְּן הָאט זִיךְ גֶעטוּישְׁט צוּם גוּטְן אַדַאנְק דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דַארְפְסְטוּ דָאס פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר נָאךְ מֶענְטְשְׁן - זֵיי זָאלְן אוֹיךְ קֶענֶען הָאבְּן פוּן דִי גוּטֶע לֶעבְּן.

**עֶס** אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ בַּאצָאלְן פַארְן רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אוּן אַלֶעס אַוֶועק גֶעגֶעבְּן אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דִי הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים; רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אוּנְז אִיבֶּער

צו גֶעבְּן דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶועג, מֶען הָאט אִים גֶע'רוֹדְפְ'ט, אַלֶע הָאבְּן גֶעקְרִיגְט אוֹיף אִים, אַלֶע הָאבְּן גֶערֶעדְט אוֹיף אִים, מֶען הָאט אִים אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין תְּפִיסָה - דָאךְ הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט פוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**אַזוֹי** אוֹיךְ מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַלֶעם אַוֶועק גֶעגֶעבְּן פַאר אוּנְז, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֵיין גוּטְן טָאג אִין זַיין לֶעבְּן נָאר צוּלִיבּ דֶעם אַז מִיר זָאלְן וִויסְן ווִי אַזוֹי מֶען קֶען לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זָאלְן וִויסְן ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיט אַ וַוייבּ, מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; ווִי אִיז שַׁיָּךְ צוּ בַּאצָאלְן? אַז מֶען בַּאקוּמְט לֶעבְּן אִיז נִישְׁט שַׁיָּךְ צוּ בַּאצָאלְן, מִיר קֶענֶען נָאר אֵיין זַאךְ טוּן: "וַוייטֶער גֵיין אִין דִי וֶועגְן, וַוייטֶער פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי לִיכְטִיגְקֵייט פַאר אַנְדֶערֶע".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתפט

### אַ סְמַארְטְפָאוֹן אִיז טַאקֶע אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְּרוּ וָואס הֶערְט דִי שִׁעוּרִים, אוּן אִיךְ וִויל זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע שִׁעוּרִים, סְפֶּעצִיעֶל פַאר דִי חִנּוּךְ אָוֶונְט שִׁעוּר, וָואס

דָארְט הָאט אִיר גֶעזִינְגֶען אַ לִיד פוּן אַ קִינְד וָואס זִינְגְט צוּ אִיר מַאמֶע אַז זִי זָאל נִישְׁט זַיין אַזוֹי סַאךְ פַארְנוּמֶען מִיט אִיר סְמַארְטְפָאוֹן, נָאר זִיךְ עֶנְדֶערְשׁ אָפְּגֶעבְּן מִיט אִיר.

כָאטְשׁ וָואס אִיךְ הָאב בָּרוּךְ ה׳ נִישְׁט קַיין סְמַארְטְפָאוֹן, אָבֶער הַיינְט אִיז דָא אַזוֹיפִיל סָארְט הַאטְלֵיינְס פוּן מִשְׁפָּחָה, חַבֶרְ׳טֶעס, אוּן נָאךְ, אוּן דָאס נֶעמְט אוֹיךְ אַוֶועק דִי אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן דֶער שִׁעוּר מִיטְן לִיד הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַסַאךְ חִיזוּק אַז אִיךְ זָאל אַלֶעס אָפְּלָאזְן אוּן זִיךְ בֶּעסֶער אָפְּגֶעבְּן מִיט מַיינֶע קִינְדֶער.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ה׳ אֲדָר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

## אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מִיר הָאבְּן אִין אוּנְזֶער דוֹר אַ צָרָה וָואס הָאט שׁוֹין חָרוּב גֶעמַאכְט זֵייעֶר אַסַאךְ אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער, דָאס אִיז דֶער קְלֵיינֶער טֶעלֶעפָאן וְכַדוֹמֶה; מֶען קֶען הָאבְּן אַ קְלֵיינֶעם טֶעלֶעפָאן אוּן זֶען אִין דֶעם שְׁמוּץ פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט רַחְמָנָא לִצְלָן, דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ גְרִינְגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר קֶען אַרָאפְּוַוארְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, גְרִינְגֶערְהֵייט; אַנְשְׁטָאט דַארְפְן אַרְבֶּעטְן טָאג אוּן נַאכְט זֵיי צוּ שְׁלֶעפְּן אוֹיף נִישְׁט גוּטֶע פְּלֶעצֶער, הָאט עֶר הַיינְט אַ גְרִינְגֶע וֶועג, דֶער בָּחוּר אוּן מֵיידְל קוֹיפְט זִיךְ אַ

סְמַארְטְפָאוֹן אָדֶער אַ טֶעבְּלֶעט וְכַדוֹמֶה לָזֶה, דַארְפְן זֵיי שׁוֹין אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט גֵיין, מֶען קֶען זִיצְן בַּיי זִיךְ בַּאהַאלְטְן אוּן זֶען אַלֶע שְׁמוּץ וָואס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט רַחְמָנָא לִצְלָן.

**דֶער** יֵצֶר הָרָע שְׁטֶעלְט אָן אַ זִיסֶע פָּנִים, דֶער טֶעלֶעפָאן זֶעט אוֹיס זֵייעֶר זִיס, זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק, דָאס אִיז אַ וֶועג ווִי אַזוֹי אַרַיין צוּ נַארְן מֶענְטְשְׁן; אַזוֹי ווִי מֶען שְׁטֶעלְט אַרָאפּ סַם פַּאר מַייז, מֶען לֵייגְט אַרוֹיף אוֹיף דֶעם זִיסֶע זַאכְן אוּן דִי מַייז לֶעקְן דָאס אָפּ מִיט גְרוֹיס אַפֶּעטִיט, אָבֶער נָאכְדֶעם וֶוערְן זֵיי פַּאר'סַמְ'ט - אַזוֹי אִיז מִיט דִי אַלֶע כֵּלִים, עֶס זֶעט אוֹיס זִיס, עֶס זֶעט אוֹיס גֶעשְׁמַאק אוּן אָךְ אוּן וַויי וֶוער עֶס וֶוערְט אַרַיינְגֶעכַאפְּט דֶערִין.

**וָואס** זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען אוֹיבֶער חֲכָמִים זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן אַז מֶען קֶען הָאבְן אִין שְׁטוּב דִי כֵּלִים מִכֵּלִים שׁוֹנִים וְכוּ' וְכוּ', בַּאצָאלְן נָאכְדֶעם זֵייעֶר טֵייעֶר, דִי כֵּלִים הָאבְן שׁוֹין חָרוּב גֶעמַאכְט זֵייעֶר אַסַאךְ שְׁטִיבֶער.

**וֵוייל** אִיז דֶעם וָואס פָּאלְגְט וָואס צַדִּיקִים זָאגְן, מֶען נֶעמְט נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּב דִי אַלֶע כֵּלִים אֲפִלּוּ פַּאר פַּרְנָסָה, דִי שְׁטוּב הַאלְט מֶען זוֹיבֶער אוּן רֵיין פַארְן אֵייבֶערְשְׁטְן; וֶועלְן זֵיי זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נַחַת בַּיי זֵייעֶרֶע קִינְדֶער.

# תתצ

## קֵיינֶער דַארְף מִיךְ נִישְׁט, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ שְׁפִּיר אַז קֵיינֶער דַארְף מִיךְ נִישְׁט, אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ אִינְגַאנְצְן אַלֵיין, און אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט קַיין כֹּחַ ווַייטֶער אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיךְ מְחַזֵּק זַיין?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ו׳ אֲדָר, שְׁנַת תשׁ"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דוּ** שְׁרַייבְּסְט: "קֵיינֶער דַארְף מִיךְ נִישְׁט" און דוּ בִּיסְט זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן דֶערְפוּן.

**לָאמִיר** זָאגְן עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי, קֵיינֶער דַארְף דִיךְ נִישְׁט הָאבְּן, אָבֶּער פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זַיין צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דִיךְ יָא און אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דִיךְ הָאבְּן - דַארְפְסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט קֵיינֶעם אוֹיף דֶער ווֶעלְט; ווַייל ווָאס נָאךְ דַארְף אַ מֶענְטְשׁ? נָאר

איין זַאךְ, עֶר זָאל שְׁפִּירְן ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, בַּיי אִים אוּן נֶעבְּן אִים; מֶער פוּן דֶעם אִיז נִישְׁטָא, מֶער פוּן דֶעם דַארְף נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ.

**אַ** מֶענְטְשׁ דַארְף לֶעבְּן מִיט אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, עֶר זָאל שְׁפִּירְן ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, בַּיי אִים אוּן נֶעבְּן אִים, עֶס זָאל אִים נִישְׁט אָנְגֵיין קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, דִי גַאנְצֶע חַיּוּת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין פוּן דֶעם אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן עֶר אִיז מְחַיֶּה דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, דּוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר - אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַלֶעס אִיז עֶר אוּן עֶר אִיז אַלֶעס; דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט.

**נֶעם** דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה: "הִתְבּוֹדְדוּת", אַ מֶענְטְשׁ זָאל גֵיין אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ע) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קוּמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כִּבְיָכוֹל אוּן שְׁטֵייט אַנְטְקֶעגְן דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן הֶערְט אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט וָואס עֶר רֶעדְט.

**לֶעב** מִיט דִי עֵצָה וֶועסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט שְׁפִּירְן ווִי דוּ בִּיסְט אֵיינֶער אַלֵיין.

# תתצא

## ווי אַזוֹי קֶען מֶען טוֹישְׁן דִי שָׁלוֹם בַּיִת צוּם גוּטְן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט מִיטְטֵיילְן דֶעם גְרוֹיסְן נֵס וָואס הָאט פַּאסִירְט אִין מַיין לֶעבְּן. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין חֲתֻנָּה גֶעהַאט פַאר אַ שֵׁיינֶע פָּאר יָאר צוּרִיק, אוּן פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַסַאךְ שְׁוָוערִיקֵייטְן מִיט מַיין מַאן. אִיךְ הָאבּ גֶעפִילְט אַז עֶס אִיז מִיר בַּאשֶׁערְט צוּ לֶעבְּן מִיט אַ מַאן וָואס אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין מִיר אוּן הָאט מִיךְ נִישְׁט צוּ שְׁטַארְק לִיבּ, עֶר הָאט בֶּעסֶער לִיבּ גֶעהַאט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט חוּץ מִיר.

דֶער מַצָּב פוּן מַיין שָׁלוֹם בַּיִת הָאט מִיר שְׁרֶעקְלִיךְ גֶעשְׁטֶערְט, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער גֶעשְׁפִּירְט ווִי עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא צוּ טוּן דֶערְצוּ, אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע צַייטְן, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ דַארְף פְּשׁוּט שְׁלוֹם מַאכְן מִיט דִי מַצָּב. עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אַ פִינְגֶער מִיר צוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּב, קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר מְחַזֵּק צוּ זַיין. אִיךְ וָואלְט שׁוֹין לַאנְג אַהֵיימְגֶעלָאפְן צוּ מַיינֶע עֶלְטֶערְן, אָבֶּער בָּרוּךְ ה' אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעקוּמֶען פוּן צוּ אַ גֶעזוּנְטֶע שְׁטוּב, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ בִּכְלַל קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעטְרַאכְט פוּן אַהֵיים גֵיין, וַוייל דָארְט הָאט מֶען מִיר זֵייעֶר צֶעקְלַאפְּט.

בִּיז אֵיין טָאג וֶוען עֶס אִיז גֶעשֶׁען דֶער גְרוֹיסֶער נֵס אַז אִיךְ אוּן מַיין מַאן הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אוּן מִיר זֶענֶען מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, אוּנְזֶער גַאנְצֶע לֶעבְּן הָאט זִיךְ מַמָּשׁ גֶעטוֹישְׁט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶענוּג וֶוערְטֶער עֶס אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן. מַיין מַאן הָאט זִיךְ פְּלוּצְלוּנְג אָנְגֶעהוֹיבְּן אִינְטֶערֶעסִירְן אוּן טְרַאכְטְן וֶועגְן מִיר, עֶר רֶעדְט שֵׁיין צוּ מִיר, עֶר הָאט מִיךְ לִיבּ, אוּן עֶר הָאט מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶעלְפְן אִינְדֶערְהֵיים.

עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען מַמָּשׁ ווִי אַ חָלוֹם, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט גְלֵייבְּן מַיינֶע אוֹיגְן, אָבֶּער עֶס אִיז דָאךְ אַ פַּאקְט, עֶס אִיז מַמָּשׁ אַ רִיזִיגֶער נֵס, אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ ווִי נָאכְאַמָאל חֲתֻנָּה גֶעהַאט, מִיר זֶענֶען בֵּיידֶע צְווֵיי נַייֶע מֶענְטְשְׁן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַאר דִי הֶערְלִיכֶע שִׁעוּרִים וָואס הָאט גֶערַאטֶעוֶועט אוּנְזֶער לֶעבְּן, אִיךְ פִּיל זִיךְ גְלִיקְלִיךְ אוּן אוֹיסְגֶעהֵיילְט מִיט דִי אַלֶע זִיסֶע עֵצוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ אוֹיף וַוייטֶער.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ז' אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייֶער בְּרִיוו.

**עֶס** אִיז מַמָּשׁ אַזוֹי ווִי אִיר שְׁרַייבְּט; ווֶען מֶען הוֹיבְּט אָן הֶערְן דֶעם רֶבִּינְ'ס ווֶערְטֶער בַּאקוּמְט מֶען שֵׂכֶל, מֶען ווֶערְט אַ נַייעֶר מֶענְטְשׁ, מֶען הוֹיבְּט אָן לֶעבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע לֶעבְּן, מֶען הוֹיבְּט אָן לֶעבְּן אַן עֶכְטֶע לֶעבְּן; ווֶען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעוואוּסְט וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן - וָואלְטְן אַלֶע גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אַלֶע וָואלְטְן גֶעלֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רצב): "הָעוֹלָם רָאוּי שֶׁיִּתְמְהוּ עַצְמָן עַל הָאַהֲבָה שֶׁבֵּינֵינוּ", דִי ווֶעלְט ווֶעט זִיךְ וואוּנְדֶערְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע לִיבְּשַׁאפְט וָואס ווֶעט זַיין צְווִישְׁן אַייךְ; דָאס גֵייט אוֹיךְ אַרוֹיף אוֹיף אַ בְּרֶסְלֶב'עֶ שְׁטוּב, דִי ווֶעלְט ווֶעט זִיךְ וואוּנְדֶערְן אוֹיף דִי לִיבְּשַׁאפְט וָואס אִיז דָא

אִין אַ בְּרֶסְלֶב'עֶ שְׁטוּבּ, מֶען לֶעבְּט מִיט לִיבְּשַׁאפְט אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן - וָואס מֶען זֶעט נִישְׁט בַּיי אַנְדֶערֶע. לֵיידֶער הֶערְט מֶען אוּן מֶען זֶעט בַּיי זֵייעֶר פִיל מִשְׁפָּחוֹת אַז מֶען לֶעבְּט נִישְׁט אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן; מֶען קְרִיגְט זִיךְ, מֶען בַּארֶעדְט זִיךְ, דֶער מַאן מַאכְט חוֹזֶק פוּן דִי וַוייבּ פַאר זַיינֶע חֲבֵרִים, עֶר זוּכְט וִוי עֶר קֶען אִיר אוֹיסְנַארְן אוּן זָאגְן לִיגְנְט, עֶר וִויל נִישְׁט אַהֵיימְקוּמֶען, עֶר זוּכְט תֵּירוּצִים וָואס עֶר קֶען אִיר זָאגְן, אוּן בַּיי דִי וַוייבּ אִיז אוֹיךְ אַזוֹי, זִי רֶעדְט מִיט אִירֶע חַבֶרְ'טֶעס אַלֶע פְּרִיוַואטֶע זַאכְן פוּן אִיר מַאן, אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין לִיבְּשַׁאפְט. אָבֶּער וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיטְן צַדִּיק, מֶען הֶערְט זִיךְ צוּ צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס דִבּוּרִים, דַאן וֶוערְט מַמָּשׁ מְקֻיָּם וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט: ״הָעוֹלָם רָאוּי שֶׁיִּתְמְהוּ עַצְמָן עַל הָאַהֲבָה שֶׁבֵּינֵינוּ״, דִי וֶועלְט וֶועט זִיךְ וואוּנְדֶערְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע לִיבְּשַׁאפְט וָואס וֶועט זַיין צְוִוישְׁן אַייךְ.

**וזאוֹיל** אִיז דֶעם וָואס לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם, מֶען גֶעבְּט נָאךְ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, מֶען זוּכְט דָאס גוּטְס אֵיינֶער בַּיים צְוֵוייטְן; דִי וֶועלְן הָאבְּן אַלֶע בְּרָכוֹת, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה יז.): ״אִישׁ וְאִשָּׁה, זָכוּ, שְׁכִינָה בֵּינֵיהֶן״, וֶוען מֶען לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה אַז דִי שְׁכִינָה רוּט אִין שְׁטוּבּ, וַוייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען אִיז 'שָׁלוֹם' (שַׁבָּת י:), אוּן אַז מֶען אִיז בְּשָׁלוֹם אִיז דָא הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתצב

## דַארְף אִיךְ טַאקֶע אַוֶועקְוַוארְפְן מַיין סְמַארְטְפָאוֹן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער אַזוֹיפִיל מָאל בַּיי שִׁעוּרִים וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אִיבֶּער דִי שֶׁעדְלִיכְקֵייט פוּן הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן, דָאס גֶעבְּט מִיר חֵשֶׁק אַוֶועקְצוּוואַרְפְן מַיין סְמַארְטְפָאוֹן, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט מִיט מַיין קְלֵיינֶעם קָאפּ וָואס עֶס אִיז אַזוֹי שְׁלֶעכְט מִיט דֶעם.

אִיךְ דַארְף עֶס טַאקֶע נִישְׁט פַאר בִּיזְנֶעס, אָבֶער אִיךְ הָאבּ אַ גוּטֶע פִילְטֶער דֶערוֹיף, אוּן אִיךְ נוּץ עֶס זִיךְ אוֹיסְצוּלוּפְטֶערְן, צוּ שְׁפִּילְן גֶעימְס, קוּקְן ווִידִיאוֹס, הֶערְן מוּזִיק, שְׁרַייבְּן נָאטִיצְן, מַאפֶּעס, נֵייעֶס, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אוּן אַסַאךְ מָאל נוּץ אִיךְ עֶס אוֹיךְ צוּ לֶערְנֶען דֶערוֹיף.

עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר בַּאקְוֶועם, ווַייל אִיךְ קֶען אַלְץ קֶען בַּאקוּמֶען אַלֶע אִינְפָארְמַאצִיֶע וָואס אִיךְ וִויל. אִיךְ נוּץ עֶס נִישְׁט פַאר שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אוּן דֶערְפַאר וִויל אִיךְ פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ זָאל עֶס טַאקֶע אַוֶועקְוַוארְפְן, אָדֶער קֶען אִיךְ עֶס וַוייטֶער הַאלְטְן.

אִיךְ וֶועל טוּן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר הֵייסְן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ח' אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וֶוען דוּ זָאלְסְט וִויסְן וִויפִיל צָרוֹת דִי אִינְטֶערְנֶעט בְּרֶענְגְט אִין אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער - וָואלְסְטוּ דָאס נִישְׁט גֶעהַאלְטְן**

קַיין אֵיין טָאג מִיט דִיר. אִינְטֶערְנֶעט אִיז אַ צָרָה פַאר אוּנְזֶער דוֹר, דָאס הָאט שׁוֹין חָרוּב גֶעמַאכְט זֵייעֶר אַסַאךְ אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶער; אָן אַ שִׁעוּר אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶער זֶענֶען שׁוֹין צֶעבְּרָאכְן גֶעוָוארְן פוּן דֶעם.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ גְרִינְגֶע וֶועג ווִי אַזוֹי עֶר קֶען אַרָאפְּוַוארְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער גְרִינְגֶערְהֵייט; אַנְשְׁטָאט דַארְפְן אַרְבֶּעטְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן זֵיי צוּ שְׁלֶעפְּן אוֹיף נִישְׁט גוּטֶע פְּלֶעצֶער, הָאט עֶר הַיינְט אַ גְרִינְגֶע וֶועג, עֶר רֶעדְט צוּ אַ בָּחוּר עֶר זָאל זִיךְ קוֹיפְן אַ סְמַארְטְפָאוֹן אָדֶער אַ טֶעבְלֶעט וְכַדוֹמֶה לָזֶה, אוּן עֶר דַארְף שׁוֹין מֶער נִישְׁט אַרְבֶּעטְן אִים צוּצוּרֶעדְן צוּ עֲבֵירוֹת, מֶען דַארְף שׁוֹין נִישְׁט גֵיין אִין עֶרְגֶעץ, מֶען זִיצְט אִין שְׁטוּב אָדֶער אִין אָפִּיס וְכַדוֹמֶה בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט אוּן מֶען קוּקְט אַלֶע שְׁמוּץ וָואס אִיז פַארְהַאן אוֹיף דִי וֶועלְט רַחְמָנָא לִצְלָן.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זֵיי נִישְׁט קְלוּגֶער פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן אַזוֹיפִיל גֶערֶעדְט מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם שַׁיִיכוּת מִיט דֶעם, ווייל דָאס נֶעמְט אַוֶועק דִי לֶעבְּן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. אַזוֹי ווִי רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן הָאט גֶעזָאגְט: "דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם ווִיל נִישְׁט צוּנֶעמֶען פוּנֶעם מֶענְטְשׁ בְּלוֹיז זַיין רוּחָנִיוּת, עֶר ווִיל אִים אוֹיךְ צוּנֶעמֶען זַיין גַשְׁמִיוּת - זַיין לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶר ווִיל אִים הַרְגְ'עֶנֶען אִינְגַאנְצְן"; דָאס פַּאסִירְט וֶוען מֶען קוּקְט שְׁמוּץ רַחְמָנָא לִצְלָן, מֶען פַארְלִירְט דֶעם מֹחַ, אוּן אַז

מֶען הָאט נִישְׁט קַיין מֹחַ הָאט מֶען גָארְנִישְׁט, פְּרֶעג אִיךְ דִיר: "צִי וָואס דַארְפְסְטוּ דֶעם צָרָה??!"

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער, דוּ וֶועסְט אַוֶועק וַוארְפְן דַיינֶע כֵּלִים; דוּ דַארְפְסְט עֶס נִישְׁט הָאבְן, דוּ שְׁרַייבְּסְט אַלֵיינְס אַז דוּ דַארְפְסְט עֶס נִישְׁט פַאר פַּרְנָסָה.

## תתצג

**קֶענְט אִיר מִיר גֶעבְן חִזּוּק אָנְצוּגֵיין מִיט מַיין שִׁעוּר אִין גְּמָרָא?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ שִׁעוּר אִין שַׁ"ס מִיט דִי שִׁעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אוֹיסֶער אַנְדֶערֶע שִׁעוּרִים אִין גְּמָרָא וָואס אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג בָּרוּךְ ה'.

אִיךְ דַארְף אַ בְּרָכָה אוּן חִזּוּק וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט מַיינֶע שִׁעוּרִים.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ח' אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרַט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**ווּאוֹיל** אִיז דִיר וָואס דוּ לֶערְנְסְט יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְּמָרָא, דָאס וֶועט דִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ז) דֶער בַּארְג הָאט גֶעזָאגְט פַארְן קֶענִיג אַז עֶר דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס ווילְן אִים הַרְגְ'עֶנֶען: "כָּל זְמַן דֶער דַּף בַּאשִׁיצְט דִיר דַארְפְסְטוּ קַיין מוֹרָא נִישְׁט הָאבְּן"; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְן דַּף גְּמָרָא, וֶוען מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְּמָרָא - וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּן שְׁלֶעכְטְס.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט תּוֹרָה וֶועט אִים דִי תּוֹרָה הֶעלְפְן אִין אַלֶע שְׁוֶוערֶע מַצָּבִים, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (חֲגִיגָה טו:) אַז דֶער טָאכְטֶער פוּן אַחֵר [- אַ תַּנָּא וָואס אִיז גֶעוָוארְן אַן אֶפִּיקוֹרֵס] אִיז גֶעקוּמֶען צוּ רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ, זִי הָאט גֶעבֶּעטְן: "רֶבִּי, פַּרְנְסֵנִי", רֶבִּי, גֶעבְּט מִיר עֶפֶּעס עֶסְן, הָאט רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ אִיר גֶעפְרֶעגְט: "בַּת מִי אַתְּ", וֶועמֶענְס טָאכְטֶער בִּיסְטוּ? הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "בִּתּוֹ שֶׁל אַחֵר אֲנִי", אִיךְ בִּין אַ טָאכְטֶער פוּן אַחֵר, הָאט רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ גֶעזָאגְט מִיט וואוּנְדֶער: "עֲדַיִן יֵשׁ מִזַּרְעוֹ בָּעוֹלָם", עֶר הָאט נָאךְ קִינְדֶער דָא אוֹיף דִי וֶועלְט? עֶס שְׁטֵייט דָאךְ (אִיּוֹב יח, יט): "לֹא נִין לוֹ וְלֹא נֶכֶד בְּעַמּוֹ וְאֵין שָׂרִיד בִּמְגוּרָיו", עֶס וֶועט נִישְׁט בְּלַייבְּן קַיין קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ פוּן דֶעם רָשָׁע! הָאט זִי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ אוּן אִים גֶעבֶּעטְן: "זְכֹר לְתוֹרָתוֹ וְאַל תִּזְכֹּר מַעֲשָׂיו", אִיךְ בֶּעט דֶעם רֶבִּי'ן זָאל גֶעדֶענְקֶען דִי תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אוּן נִישְׁט גֶעדֶענְקֶען זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים. וֶוען זִי הָאט דָאס אַרוֹיסְגֶעזָאגְט אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אַ פֵייעֶר פוּן הִימְל אוּן פַארְבְּרֶענְט דָאס בֶּענְקְל פוּן רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ, זִיךְ אָנְצוּנֶעמֶען פַאר אִים, הָאט רַבֵּינוּ

הַקָדוֹשׁ זַייעֶר גֶעוֵויינְט אוּן גֶעזָאגְט: "וּמַה לַמִתְגַנִין בָּהּ כַּךְ, לַמִשְׁתַּבְּחִין בָּהּ עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה", מַה דָאךְ וֶוען אַ רָשָׁע לֶערְנְט תוֹרָה קוּמְט דִי תוֹרָה אוּן נֶעמְט זִיךְ אָן פַאר אִים, אִיז דָאךְ אַוַדַאי אוּן אַוַדַאי וֶוען עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן לֶערְנֶען תוֹרָה, וֶועט זִיךְ זִיכֶער דִי תוֹרָה אָנְנֶעמֶען פַאר זֵיי.

זַיי שְׁטַארְק מִיטְן בְּלַאט גְמָרָא - אַזוֹי וִוי לֵייגְן תְּפִלִין; מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט פוּן דֶעם גְרוֹיסְן גָאוֹן רֶבִּי שֶׁעפְּטִיל זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה, דֶער זוּן פוּנֶעם שְׁלָ"ה הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס עֶר שְׁרַייבְּט אִין זַיין צַוָואָה (בְּסוֹף סֵפֶר יֵשׁ נוֹחֲלִין): "לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג דַארְף זַיין אַ חִיוּב פַארְן מֶענְטְשׁ אַזוֹי וִוי אָנְטוּן תְּפִלִין יֶעדְן טָאג".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתצד

## וָואס אִיז דִי עֵצָה צוּ בְּלַייבְּן מְקֻשָׁר צוּם צַדִיק?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי הֶערְלִיכֶע בְּרִיוְון, עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁטַארְק מְחַזֵק. אוּן סְפֶּעצִיעֶל אַ יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי הֶערְלִיכֶע טֶעגְלִיכֶע שִׁיעוּרִים, עֶס הָאט גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט אַסַאךְ מַסֶכְתּוֹת הַשַּׁ"ס, אוּן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט אַסַאךְ מָאל מִשְׁנָיוֹת.

איך הָאבּ גֶעזֶען אַ ווידיאוֹ פוּן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, איך דֶערְקֶען דָארְט מֶענְטְשְׁן וָואס מֶען זֶעט זֵיי שׁוֹין נִישְׁט מֶער אין הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ, איך ציטֶער איך זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט קַאלְט וֶוערְן און אויך איבֶּערְלָאזְן דֶעם הֵיילִיגְן פְּלַאץ; וָואס אִיז דִי עֵצָה צוּ בְּלַייבְּן מְקֻשָּׁר צוּם צַדִּיק?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ט' אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן סב): "יֶעדֶעס מָאל מֶען קוּמְט צוּם צַדִּיק דַארְף עֶס זַיין מִיט אַ פְּרִישְׁקַייט, מֶען זָאל טְרַאכְטְן 'דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס אִיךְ גֵיי צוּם צַדִּיק'"; מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען וֶוער מֶען אִיז, ווִי אַזוֹי מִיר קוּקְן אוֹיס אַן דֶעם רֶבִּי'ן, דֶעמָאלְט וֶועט מֶען בְּלַייבְּן שְׁטֶענְדִיג מְקֻשָּׁר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**אַז** דוּ ווילְסְט בְּלַייבְּן מְקֻשָּׁר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין יֶעדְן טָאג; זָאלְסְט יֶעדְן טָאג דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר וֵוייסְן פוּן אַזַא רֶבִּי וָואס אִיז אוּנְז מְחַיֶּה, און בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט בְּלַייבְּן צוּגֶעבִּינְדְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, בֶּעט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג בְּלַייבְּן צוּגֶעבִּינְדְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט

אָפְּקִילְן, מַיין שַׁיְיכוּת צוּם רֶבִּי'ן זָאל זַיין פְּרִישׁ, אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן אָפְּגֶעקִילְט".

**נָאךְ** אַן עֵצָה צוּ בְּלַייבְּן מְקֻשָּׁר צוּם רֶבִּי'ן, זָאלְסְט זִיךְ מַאכְן אַ שִׁעוּר אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים; מַאךְ זִיךְ אַ שִׁעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמט): "יְכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ", אַז מֶען לֶערְנְט לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר בַּעַל תְּשׁוּבָה, "וְאָמַר שֶׁמִּי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו רַק בְּלִי קִנְטוּר וְנִצָּחוֹן, וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת", נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת, "אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קַשְׁיוּת לִבָּבוֹ", וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען אַלֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן, עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; וְאָמַר בְּזוּ הַלָּשׁוֹן: "סֶע וֶועט אִים אַלֶע אָדֶערְן טְרֶענֶען".

**אוֹיךְ** זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען דִי שְׁמוּעֶסְן פוּן רֶבִּי'ן: חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן אוּן שִׂיחוֹת הָרַ"ן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן נִישְׁט סְתַּם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

**וּבְעִקָּר** זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אָן קַיין אוֹיסְנָאם "סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל"; בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַאר אוּנְז. אַז מֶען לֶערְנְט אֲשֶׁר בַּנַּחַל אִיז אַזוֹי וִוי מֶען לֶערְנְט אַלֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן אוּן רֶבִּי נָתָן; אֲשֶׁר בַּנַּחַל אִיז

דֶער תַּמְצִית פוּן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וֶוען מֶען לֶערְנְט דִי בְּרִיוו וֶוערְט מֶען צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**מוֹהֲרָא"ש** הָאט דֶערְצֵיילְט אַז מֶען הָאט אַמָאל אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט פַאר רֶבִּי נָתָן דֶעם סֵפֶר 'שְׁנֵי לוּחוֹת הַבְּרִית' פוּנֶעם שְׁלָ"ה הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז דָאס אִיז מַמָּשׁ אַ "כָּל בּוֹ", וַוייל עֶס פַארְמָאגְט אִין זִיךְ אַלֶעס: דְרוּשׁ; חֲסִידוּת וְכוּ'; הָאט זִיךְ רֶבִּי נָתָן אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אוֹיף זַיינֶע סְפָרִים 'לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת': "מַיינֶע סְפָרִים אִיז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס גַּן עֵדֶן", וַוייל וֶוען מֶען לֶערְנְט לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת וֶוערְט מֶען אַזוֹי מְחוּזָק מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ ווִי אִין גַּן עֵדֶן; אוּן מוֹהֲרָא"ש הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "דֶער סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס", וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט טְרֶעפְן נָאךְ אַ סֵפֶר וָואס זָאל זַיין אַזַא שְׁטִיק גֶעטְלִיכְקֵייט אַזוֹי ווִי דֶער סֵפֶר; וואוּ מֶען עֶפְנְט נָאר אוֹיף דֶעם סֵפֶר, יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע בְּרִיוו - זֶעט מֶען דִי לוּטֶערֶע רֵיינֶע אֱמוּנָה אוּן מֶען הוֹיבְּט אָן בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתצה

### אִיז דֶעם רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אוֹיךְ גֶעמַאכְט פַאר פְרוֹיעֶן?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק פָארְן קַיין אוּמַאן מִיט מַיין וַוייבּ אִינְמִיטְן דִי יָאר, אִיךְ וִויל וִויסְן אוֹיבּ דָאס זָאגְן תִּקּוּן הַכְּלָלִי בַּיים צִיּוּן אִיז אוֹיךְ גֶעמַאכְט פַאר פְרוֹיעֶן, אוּן וָואס קֶען אִיךְ אִיר זָאגְן אַז זִי זָאל אוֹיךְ וֶועלְן אַהִינְפָארְן מִיט מִיר?

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁעוּרִים אוּן בְּרִיוו, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט וַוייטֶער זוֹכֶה זַיין מְקַרֵב צוּ זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ אוּנְזֶער טַאטֶע אִין הִימְל.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ט' אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכה) **אַז וֶוער** עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיּוּן, עֶר וֶועט זָאגְן דֶעם תִּקּוּן הַכְּלָלִי, דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ] אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר זַיין זְכוּת, אֲפִלּוּ עֶר הָאט גֶעטוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת:

"וֶועל איך מיך לֵייגְן אוֹיף דִי לֶענְג און אוֹיף דִי בְּרֵייט אִים אַ טוֹבָה צו טוּן, בַּיי דִי פֵּאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית", דִי הַבְטָחָה פוּן רֶבִּי'ן אִיז סַיי פַאר מֶענֶער און סַיי פַאר פְרוֹיעֶן; וֶוער עֶס קוּמְט קַיין אוּמַאן און זָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וֶועט דֶער רֶבִּי אִים מְתַקֵּן זַיין.

**וזאויל** אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין כָּאטְשִׁיג אֵיין מָאל אִין לֶעבְּן בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיוּן, נִישְׁט קַיין חִילוּק מֶענֶער אָדֶער פְרוֹיעֶן, בָּחוּרִים אָדֶער מֵיידְלֶעךְ; דֶעם רֶבִּינְ'ס צִיוּן אִיז פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, דֶער רֶבִּי אִיז מְתַקֵּן יֶעדְנְ'ס נְשָׁמָה.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתצו

### זָאל אִיךְ פָאלְגְן מַיין טַאטֶע און אַרָאפְּנֶעמֶען מַיין בָּארְד און פֵּאוֹת?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁעוּרִים און חִזּוּק, אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶּ' דֶערְמִיט, און אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז נָאךְ פִילֶע אִידְן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ' און מְחַזֵּק דֶערְמִיט.

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן אַכְצְן יָאר, אִיךְ וִויל פְרֶעגְן צְוֵויי זַאכְן. אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' אַ בָּארְד און פֵּאוֹת, אָבֶער מַיין טַאטֶע וִויל זֵייעֶר אִיךְ זָאל עֶס אַרָאפְּנֶעמֶען, דַארְף אִיךְ אִים פָאלְגְן?

צְוַוייטְנְס וויל אִיךְ פְרֶעגְן, אַזוֹי ווי מַיין בְּרוּדֶער גֵייט חַתֻנָה הָאבְּן בְּקָרוֹב, און אִיךְ וֵויס אַז בַּיי דִי חַתֻנָה וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין צְנִיעוּת און עֶרְלִיכְקֵייט, וָואס זָאל אִיךְ טוּן? זָאל אִיךְ גֵיין צוּ דִי חַתֻנָה אָדֶער נִישְׁט?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, י"ט אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אַוַדַאי** זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן מִיט דַיין בָּארְד און פֵּאוֹת; קוּק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת גִּלּוּחַ הֲלָכָה ג', אוֹת ב'): "עִקַּר הַדָּת יִשְׂרָאֵל וְעִקַּר הַיַּהֲדוּת תָּלוּי בְּזָקָן וּפֵאוֹת", דִי בָּארְד און פֵּאוֹת אִיז אַן עִקָר פוּן אַ אִיד און פוּן דָאס גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט, "וּבָהֶם נִכָּר הַיְהוּדִי כִּי הוּא מִזֶּרַע בֵּרַךְ ה', מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל", און מֶען דֶערְקֶענְט אַ אִיד דוּרְךְ זַיין בָּארְד און פֵּאוֹת אַז עֶר אִיז אַ אִידִישׁ קִינְד. "וּמִי שֶׁרוּחַ אַחֶרֶת עִמּוֹ, חַס וְשָׁלוֹם, וְרוֹצֶה לִכְפֹּר, חַס וְשָׁלוֹם, בֶּאֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל", און וֶוער עֶס וויל חַס וְשָׁלוֹם לֵייקֶענֶען אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "תְּחִלַּת הַכְּפִירָה הוּא, שֶׁמַּשְׁלִיךְ חַס וְשָׁלוֹם מֵעָלָיו הַזָּקָן וְהַפֵּאוֹת", דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ נֶעמְט עֶר אַרָאפּ זַיין בָּארְד און פֵּאוֹת, "כִּי בֶּאֱמֶת כָּל דַּת יִשְׂרָאֵל הַקָּדוֹשׁ הוּא תָּלוּי בְּזָקָן וּפֵאוֹת", וַוייל דָאס גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִינֶעם בָּארְד און פֵּאוֹת; קוּק אַריין דָארְט זַיינֶע הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער מֶער בַּאֲרִיכוּת.

זַיי מְכַבֵּד דַיינֶע עֶלְטֶערְן; טַעְנָה זִיךְ נִישְׁט מִיט דַיין טַאטֶע, וָוען עֶר רֶעדְט צוּ דִיר זָאלְסְטוּ אִים אוֹיסְהֶערְן מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ אוּן בְּלַייבְּן שְׁטִיל, אָבֶּער חַס וְשָׁלוֹם שְׁניידְן דִי בָּארְד אוּן פֵּאוֹת. מֶען דַארְף מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן (וַיִּקְרָא יט, ג): "אִישׁ אִמּוֹ וְאָבִיו תִּירָאוּ", מֶען דַארְף מוֹרָא הָאבְּן פוּן טַאטֶע מַאמֶע, אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט (שָׁם, שָׁם): "וְאֶת שַׁבְּתֹתַי תִּשְׁמֹרוּ", דַארְף מֶען הִיטְן שַׁבָּת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת ה:; הוּבָא בְּרַשִׁ"י וַיִּקְרָא, שָׁם): "אִם יֹאמַר לְךָ חַלֵּל אֶת הַשַּׁבָּת אַל תִּשְׁמַע לוֹ", אוֹיבּ עֶר הֵייסְט דִיר מְחַלֵּל שַׁבָּת זַיין זָאלְסְטוּ אִים נִישְׁט פָאלְגְן, אוּן אַזוֹי אִיז מִיט אַלֶע אַנְדֶערֶע מִצְווֹת.

**בְּנוֹגֵעַ** גֵיין צוּ דִי שִׂמְחָה וְכוּ'; אַוַדַאי זָאלְסְטוּ גֵיין, זָאלְסְט זַיין אַ חֵלֶק פוּן דִי מִשְׁפָּחָה. מִיט חָכְמָה זָאלְסְטוּ זֶען וָוען צוּ זַיין אִינֶעוֵויינִיג אוּן וָוען אַרוֹיסְצוּגֵיין, בִּשְׁעַת קַבָּלַת פָּנִים אוּן חוּפָּה זָאלְסְטוּ דָארְט זַיין, אוּן בִּשְׁעַת מֶען טַאנְצְט בְּתַעֲרוּבוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן זָאלְסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין אִינְדְרוֹיסְן; אַלֶעס אָן קַיין רַעַשׁ אָן קַיין טוּמְל, קֵיינֶער דַארְף נִישְׁט וִויסְן צִי דוּ בִּיסְט יָא דָארְט צִי נִישְׁט, מֶען גֵייט אַרוֹיס אוּן מֶען קוּמְט אַרַיין אַלֶעס מִיט חָכְמָה.

**אַז** דוּ וֶועסְט זִיךְ פִירְן מִיט שֵׂכֶל אוּן מִיט גֶעלַאסְנְקֵייט וֶועסְטוּ גוֹרֵם זַיין אַז דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה וֶועלְן צוּבִּיסְלִיךְ וֶוערְן מֶער אוּן מֶער עֶרְלִיךְ, דוּ וֶועסְט אַלֶעמֶען צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

# תתצז

## זָאל אִיךְ שֶׁערְן דִי הָאר, כָאטְשׁ עֶס אִיז נִישְׁט אַיינְגֶעפִירְט אִין מַיין מִשְׁפָּחָה?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער אַסַאךְ בַּיי דִי דְרָשׁוֹת פַאר פְרוֹיעֶן אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר. אִין מַיין מִשְׁפָּחָה אוּן אִין מַיין מַאנְ'ס מִשְׁפָּחָה אִיז נִישְׁט פַארְהַאן אַזַא זַאךְ; פַארְקֶערְט, מֶען אִיז זֵייעֶר מַקְפִּיד זִיךְ נִישְׁט צוּ שֶׁערְן, אוּן מֶען אִיז זִיךְ נִישְׁט מְשַׁדֵךְ מִיט אֵיינֶעם וָואס שֶׁערְט זִיךְ יָא. אָבֶּער נָאכְן הֶערְן אַזוֹיפִיל אִיבֶּער דִי חֲשִׁיבוּת דֶערְפוּן טְרַאכְט אִיךְ אוֹיב עֶס אִיז נוֹגֵעַ אוֹיךְ פַאר מִיר, אָדֶער אִיז דָאס בַּיי מִיר וִוי "אַל תִּטּשׁ תּוֹרַת אִמֶּךָ" (מִשְׁלֵי א, ח), אוּן אִיךְ טָאר דָאס נִישְׁט טוּן; זָאל אִיךְ בִּכְלָל פְּרוּבִּירְן צוּ רֶעדְן צוּ מַיין מַאן אִיבֶּער דֶעם? כָאטְשׁ וָואס אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז עֶר וֶועט נִישְׁט מַסְכִּים זַיין, אוּן עֶר וֶועט מִיךְ אָנְקוּקְן זֵייעֶר מָאדְנֶע בְּלוֹיז פַארְן פְרֶעגְן.

בָּרוּךְ ה' אַז אִיךְ בִּין זֵייעֶר מַקְפִּיד עֶס זָאל זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אַרוֹיסְזֶען מַיין הָאר, עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט צוּגֶעדֶעקְט אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף. אוּן אוֹיסֶערְדֶעם טוּ אִיךְ נָאךְ אַ מִצְוָה מִיט דִי הָאר, אַז אִיךְ שֶׁער זִיךְ נִישְׁט נָאר עֶרְשְׁט וֶוען עֶס אִיז זֵייעֶר לַאנְג, אוּן דַאן בִּין אִיךְ מְנַדֵב דִי הָאר צוּ נוּצְן פַאר קִינְדֶער וָואס הָאבְּן יֶענֶע מַחֲלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ הֶערְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט וֶועגְן דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, י"ט אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תְּחְיֶ'

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**אִיר** דַארְפְט נִישְׁט רֶעדְן מִיט אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן פוּן דֶעם אוּן אִיר זֶענְט נִישְׁט עוֹבֵר אוֹיף (מִשְׁלֵי א, ח): "וְאַל תִּטּשׁ תּוֹרַת אִמֶּךָ" מִיטְן אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר; פַּארְקֶערְט דָאס וָואס אִיר שֶׁערְט זִיךְ אָפּ, דָאס אִיז "וְאַל תִּטּשׁ תּוֹרַת אִמֶּךָ"; וְאַל תִּטּשׁ תּוֹרַת אִמֶּךָ מֵיינְט מֶען נִישְׁט דִי מַאמֶע, מֶען מֵיינְט מֶען זָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי וֶועג פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים, דִי וֶועג פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אוּן אַז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן אַלֶע דוֹרוֹת הָאבְּן גֶעזָאגְט (רַשִׁ"י, שָׁם) מֶען זָאל זִיךְ שֶׁערְן - דַארְף מֶען זִיךְ שֶׁערְן.

**דָאס** וָואס אִיר זָאגְט אַז דִי פּוֹילִישֶׁע אִידְן הָאבְּן אַ מְסוֹרָה זִיךְ נִישְׁט צוּ שֶׁערְן דִי הָאר - אִיז נִישְׁט אֶמֶת; אַלֶע פְרוֹיעֶן פוּן פּוֹילְן הָאבְּן זִיךְ גֶעשׁוֹירְן דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתֻנָּה, אִין פּוֹילְן הָאט מֶען נָאךְ מֶער מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם וִוי אִין אוּנְגַארְן, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת מַהֲרִי"ץ (חֵלֶק א, סִימָן קכז): "בְּפּוֹלִין הֶחְמִירוּ עוֹד הַנָּשִׁים לְהַקִּיף רֹאשָׁן שֶׁלֹּא יִשָּׁאֵר שׁוּם שֵׂעָר", אִין פּוֹילְן הָאט מֶען נָאךְ מֶער אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן זִיךְ אָפְּצוּשֶׁערְן, עֶס זָאל נִישְׁט בְּלַייבְּן קַיין שׁוּם הָאר; נָאר שְׁפֶּעטֶער הָאבְּן דִי גוֹיִם אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ גְזֵרָה אוֹיף אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט שֶׁערְן.

**אִינֶעם זְכוּת וָואס אִיר גֵייט טוּן דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר זָאלְט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת אוּן צוּ אַלֶע גוּטְס וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה דוּרְכְדֶעם.**

## תתצח

### וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען קֶען זִיךְ אַלֵיין נִישְׁט לַיידְן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְּרוּי פוּן ... וָואס הֶערְט דִי טֵייעֶרֶע דְרָשׁוֹת, אוּן אִיךְ טְרַאכְט אַז אֶפְשָׁר וֶועט אִיר מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן, וַוייל אִיךְ קֶען זִיךְ אַלֵיין נִישְׁט הֶעלְפְן.

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אַ וואוּלֶער מַאן מִיט זִיסֶע קִינְדֶער. אָבֶּער פוּן וֶוען אִיךְ בִּין קְלֵיין, קֶען אִיךְ זִיךְ אַלֵיין נִישְׁט לַיידְן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ פַּיינְט, אִיךְ הָאבּ אוֹיף זִיךְ מוֹרָא'דִיגֶע קְרִיטִיק, יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיךְ טוּ בִּין אִיךְ נִישְׁט צוּפְרִידְן אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גוּט. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין סְפֵק פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אוּן זָאכְן וָואס אִיךְ טְרַאכְט אַז אִיךְ וֶועל יָא הָאבְּן פוּן דֶעם סְפֵק, אִיז נִישְׁט שַׁיָּךְ צוּ טוּן פַאר אַ מַאמֶע מִיט קִינְדֶער.

יָארְן צוּרִיק הָאבּ אִיךְ פְּרוּבִּירְט צוּ גֵיין אוֹיף טֶערָאפִּי, עֶס הָאט אָבֶּער גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן, נָאר מִיר גֶעמַאכְט טְרַאכְטְן נַארִישְׁקֵייטְן אַז אִיךְ דַארְף זִיךְ גְּטְ'ן וְכַדוֹמֶה, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָפְּגֶעהִיטְן אַז מַיין לֶעבְּן זָאל נִישְׁט חָרוּב וֶוערְן. אָבֶּער יֶעצְט בִּין אִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ בִּיטֶערֶע מַצָּב אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין טַעַם אִין לֶעבְּן, אִיךְ וִויל מֶער נִישְׁט לֶעבְּן, אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט לַיידְן וָואס אִיךְ לַייד פוּן זִיךְ אַלֵיין. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין מַחְשָׁבוֹת פוּן זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן חַס וְשָׁלוֹם, סוֹף כָּל סוֹף הָאבּ

אִיךְ אַבִּיסֶל יִרְאַת שָׁמַיִם (אִיךְ הָאף אַזוֹי), אָבֶער אִיךְ וִויל נִישְׁט לֶעבְּן, אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט נֶעמֶען מַיין מַצָּב.

דִי וָואךְ הָאבּ אִיךְ פְּרוּבִּירְט צוּ רֶעדְן מִיט אֵיינֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וֶועט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶערֶעדְט אַזוֹי אָפְן, אָבֶער גוּט גֶעגֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז עֶס אִיז מִיר פִינְסְטֶער, אוּן יֶענֶער הָאט זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט וואוּסְנְדִיג גֶעמַאכְט, אוּן דָאס הָאט מִיר נָאךְ מֶער צֶעבְּרָאכְן, פוּן דִי בּוּשָׁה פוּן זִיךְ אַלֵיין הָאבּ אִיךְ גֶעפִילְט וִוי אִיךְ גֵיי מַמָּשׁ אוֹיס, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען פַארְגְלִיוֶוערְט פַאר עֶטְלִיכֶע טֶעג.

אִיךְ הֶער וִוי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ רֶעד מִיט אִים אַסַאךְ, אִיךְ דֶערְצֵייל אִים, אִיךְ בֶּעט זִיךְ בַּיי אִים עֶר זָאל שׁוֹין רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף מִיר, אָבֶער עֶס הֶעלְפְט גָארְנִישְׁט, מַיין מַצָּב וֶוערְט עֶרְגֶער אוּן עֶרְגֶער; אֶפְשָׁר וֶועט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאבְּן פַאר מִיר אַן עֵצָה?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ׳ אֲדָר, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**אִיר דַארְפְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ; אִיר דַארְפְט זוּכְן גוּטְס אִין אַייעֶר לֶעבְּן אוּן זִיךְ מִיט דֶעם פְרֵיילִיךְ מַאכְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט** (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן כד)**: ״מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד״, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ; אוֹיף דֶעם פְלֶעגְט רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְן:**

"אַז דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן זַיין פְרֵייליךְ, מִן הַסְתָם אִיז דָא מִיט וָואס צוּ זַיין פְרֵייליךְ".

אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶענְטְשְׁן הָאבְּן - נֶעמְט זִיךְ פוּן עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה; עַצְבוּת פַארְמַאכְט דֶעם מֹחַ מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן י): "מַה שֶּׁהָעוֹלָם רְחוֹקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְאֵינָם מִתְקָרְבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ", פַארְוָואס זֶענֶען מֶענְטְשְׁן אַזוֹי גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ אוּן זֶענֶען נִישְׁט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? "הוּא רַק מֵחֲמַת שֶׁאֵין לָהֶם יִשּׁוּב הַדַּעַת, וְאֵינָם מְיַשְּׁבִין עַצְמָן", וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַּעַת - מֶען טְרַאכְט נִישְׁט פוּן תַּכְלִית; זָאגְט אָבֶּער דֶער רֶבִּי, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ יִשּׁוּב הַדַּעַת אוּן צוּ אַ קְלָארֶע מֹחַ צוּ וִויסְן וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט? "אַךְ דַּע, שֶׁעַל יְדֵי מָרָה שְׁחוֹרָה אִי אֶפְשָׁר לְהַנְהִיג אֶת הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְעַל כֵּן קָשֶׁה לוֹ לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ", וֶוען מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵייליךְ קֶען מֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן גוּטֶע זַאכְן, מֶען קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן גוּט, מֶען טְרַאכְט אַ גַאנְצְן צַייט נָאר שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת. "רַק עַל יְדֵי הַשִּׂמְחָה יוּכַל לְהַנְהִיג הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְיוּכַל לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ", אָבֶּער אַז מֶען אִיז פְרֵייליךְ דֶעמָאלְט קֶען מֶען בֵּייגְן דִי מַחְשָׁבוֹת צוּ טְרַאכְטְן גוּט, "כִּי שִׂמְחָה הוּא עוֹלָם הַחֵרוּת", אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז בְּשִׂמְחָה אִיז עֶר אַ פְרֵייעֶר מֶענְטְשׁ אוּן דֶער מֹחַ אִיז אִים נִישְׁט מְצֻמְצָם, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה נה, יב): "כִּי בְשִׂמְחָה תֵצֵאוּ", מִיט שִׂמְחָה גֵייט מֶען אַרוֹיס, "שֶׁעַל יְדֵי שִׂמְחָה נַעֲשִׂין בֶּן חוֹרִין, וְיוֹצְאִין מִן הַגָּלוּת", וַוייל אַ פְרֵייליכֶער מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיי, פְרֵיי פוּן אַלֶע פַארְמַאכְטְקֵייטְן.

**איך** שְׁרַייבּ אַייךְ אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה וָואס אִיר זָאלְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג; נִישְׁט אֵיין מָאל אַ טָאג אוּן נִישְׁט צְווֵיי מָאל, נָאר יֶעדֶעס מָאל עֶס קוּמֶען אַרַיין אִין אַייךְ דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, אִיר הוֹיבְּט אָן טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטְס, אִיר הוֹיבְּט אָן זִיךְ פַּיינְט צוּ הָאבְּן אוּן זִיךְ נִישְׁט לַיידְן; זָאלְט אִיר נֶעמֶען דִי תְּפִלָּה אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִיר זֶען בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט אַז אִיר וֶועט זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, אִיר וֶועט וֶועלְן לֶעבְּן, אִיר וֶועט הֲנָאָה הָאבְּן יֶעדֶע רֶגַע פוּן דִי שֵׁיינֶע וֶועלְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן.

**דָא** הָאט אִיר דִי תְּפִלָּה:

"גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר אַלֶעס גוּטְס וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן; פַאר מַיין טַייעֶרֶער מַאן, פַאר מַיינֶע לִיבְּטִיגֶע קִינְדֶער אוּן פַאר אַלֶעס גוּטְס וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְּרֵיילִיךְ אוּן אִיךְ זָאל הֲנָאָה הָאבְּן פוּן מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן; וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט הֲנָאָה פוּן מַיין לֶעבְּן, אִיךְ בִּין אַזוֹי שְׁטַארְק דֶעפְּרֶעסְט אוּן אִיךְ וֵויין אַ גַאנְצְן טָאג, עֶס קוּמֶען אַרַיין אִין מִיר שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת פוּן וֶועלְכֶע אִיךְ קֶען נִישְׁט פָּטוּר וֶוערְן.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר טַאטֶע זִיסֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אֱמוּנָה אוּן אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה; אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט דִיר אוּן דִיךְ שְׁפִּירְן. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער,

עֶס אִיז מִיר אַזוֹי עֶנְג, מַיין קָאפּ דְרֵייט זִיךְ מִיר אַ גַאנְצְן טָאג מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, אִיךְ טְרַאכְט אַ גַאנְצְן טָאג נָאר שְׁלֶעכְטְס אוֹיף מִיר. פוּן מַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן הָאבּ אִיךְ זִיךְ נִישְׁט לִיבּ, אִיךְ הָאבּ זִיךְ פַיינְט אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט לַיידְן; אִיךְ זֶע נִישְׁט קַיין שׁוּם וֶועג וָואס זָאל מִיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן, אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ וִוי אִיךְ בִּין גֶעפַאנְגֶען בַּיי דִי נִישְׁט גוּטֶע, וָואס אִיךְ טוּ אִיז אָן קַיין טַעַם אָן קַיין פְרֵיילִיכְקֵייט.

אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, טַאטֶע זִיסֶער, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת! הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען לַיידְן, אִיךְ זָאל טְרַאכְטְן נָאר פָּאזֶעטִיוו, אִיךְ זָאל נִישְׁט טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט בַּאשׁוּלְדִיגְן נָאר אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס קוּמְט פוּן דִיר.

בַּאשֶׁעפֶער, זֶע מַיינֶע טְרֶערְן, זֶע וִוי אִיךְ וֵויין, זֶע מַיין צֶעבְּרָאכְן הַארְץ; 'אַתָּה חוֹנֵן לְאָדָם דַעַת' - דוּ גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבְּסְט שֵׂכֶל פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, 'וּמְלַמֵּד לֶאֱנוֹשׁ בִּינָה' - דוּ גֶעבְּסְט פַארְשְׁטַאנְד פַאר אַלֶעמֶען, בֶּעט אִיךְ דִיר טַאטֶע: 'חָנֵּנוּ מֵאִתְּךָ חָכְמָה בִּינָה וָדַעַת', גֶעבּ מִיר אוֹיךְ שֵׂכֶל אוּן פַארְשְׁטַאנְד אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט פַּיינִיגְן.

בַּאשֶׁעפֶער, אַסַאךְ מָאל שְׁפִּיר אִיךְ וִוי מַיין לֶעבְּן אִיז מִיר גָארְנִישְׁט וֶוערְד; אִיךְ טְרַאכְט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, אִיךְ וִויל אַנְטְלוֹיפְן פוּן מַיין לֶעבְּן, אָבֶּער אִיךְ וֵויס דָאךְ דֶעם אֱמֶת אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן, נָאר צוּ דִיר טַאטֶע זִיסֶער.

דֶערְפַאר קוּם אִיךְ צוּ דִיר אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר: הֶעלְף מִיר!
הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דַיינֶע צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ
מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן פַאר דַיינֶעט וֶועגְן;
הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים אַבְרָהָם יִצְחָק אוּן
יַעֲקֹב, הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי אִמָּהוֹת הַקְּדוֹשׁוֹת שָׂרָה רִבְקָה
רָחֵל אוּן לֵאָה, אוּן בִּזְכוּת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רַבֵּינוּ נַחְמָן
מִבְּרֶסְלֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, בִּזְכוּת זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ
יָגֵן עָלֵינוּ אוּן בִּזְכוּת מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אָמֵן".

דִי תְּפִלָּה זָאלְט אִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג, וֶועט אִיר זֶען בִּיז אַ
קוּרְצֶע צַייט אַז אַלֶעס וֶועט זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן צוּם גוּטְן,
אִיר וֶועט זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, אִיר וֶועט זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין
אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתצט

### וָואס דַארְף מֶען טוּן וֶועגְן דִי קָארָאנֶע וֵוירוּס?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אַיינְגֶעהִילְט אִין אַ פַּחַד אִיבֶּער דִי קָארָאנֶע וֵוירוּס, ווִי אַזוֹי דַארְפְן מִיר זִיךְ פִירְן אִיבֶּער דֶעם, לוֹיט דִי לִימוּדִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ' אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן; מֶען דַארְף וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ פִּינְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן. עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם פֶּערְצוּפַאל, קַיין שׁוּם זַאךְ פַּאסִירְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין; יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס, דֶערִיבֶּער טָאר מֶען נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין פְּחָדִים אוּן שְׁרֶעק.

וֶוען מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה, מֶען וֵוייסְט אוּן מֶען גֶעדֶענְקְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר; אַלֶעס אִיז עֶצֶם עַצְמִיּוּת חִיּוּת אֱלוֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ, אַלֶעס אִיז אַ לְבוּשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶעמָאלְט לֶעבְּט מֶען אַ רוּאִיגֶע לֶעבְּן, מֶען וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן אוּן דֶערְשְׁרָאקְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ וָואס פַּאסִירְט, וַוייל וָואס עֶס זָאל נָאר פַּאסִירְן וֵוייסְט מֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס גֶעבְּרֶענְגְט.

דִי עֵצָה גֶערַאטֶעוֶועט צוּ וֶוערְן פוּן דִי קְרֶענְק אִיז אַז מֶען זָאל זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין יֶעדְן טָאג, מֶען זָאל זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים אַזוֹי וִוי מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ גוּטֶער חַבֶר. אַלֶע לֶענֶדער זָאגְן דָאס פַאר דִי בַּאפֶעלְקֶערוּנְג; מֶען זָאל זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, מֶען זָאל זִיךְ

אַיינְשְׁפַּארְן אִין שְׁטוּב, מֶען זָאל זַיין אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן מֶענְטְשְׁן. זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַ שְׁטִיקְל רֶמֶז וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל פוּן אוּנְז, מִיר זָאלְן זִיךְ אַבִּיסְל מְיַשֵּׁב זַיין, אַבִּיסְל טְרַאכְטְן: 'וָואס טוּ אִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט? וָואס אִיז דֶער תַּכְלִית פוּן אַלֶע תַּאֲוֹות?'

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן י): "וְהָעִקָּר לְהִשְׁתַּדֵּל לְיַשֵּׁב עַצְמוֹ הֵיטֵב מָה הַתַּכְלִית מִכָּל הַתַּאֲווֹת וּמִכָּל עִנְיְנֵי הָעוֹלָם הַזֶּה, הֵן תַּאֲווֹת הַנִּכְנָסוֹת לַגּוּף הֵן תַּאֲווֹת שֶׁחוּץ לַגּוּף, כְּגוֹן כָּבוֹד", דֶער עִקָּר דַארְף מֶען זִיךְ בַּארֶעכֶענֶען יֶעדְן טָאג אוּן זִיךְ פְרֶעגְן: 'וָואס? וָואס אִיז דֶער תַּכְלִית פוּן אַלֶע תַּאֲוֹות אוּן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן, וָואס וֶועל אִיךְ הָאבְּן פוּן נָאכְלוֹיפְן אַלֶע מַיינֶע גְלִיסְטֶענִישְׁן?' "וְאָז בְּוַדַּאי יָשׁוּב אֶל ה'", אַז מֶען טְרַאכְט אַרַיין מִיט אַ קְלָארֶע קָאפּ זֶעט מֶען אַז אַלֶעס אִיז טַאקֶע נַארִישְׁקֵייטְן אוּן מֶען קֶערְט זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אַז** דוּ וֶועסְט זִיךְ פִירְן מִיט דִי הַנְהָגָה, דוּ וֶועסְט יֶעדְן טָאג גֵיין אַבִּיסְל אִין אַ זַייט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ, דוּ וֶועסְט מִיט אִים שְׁמוּעֶסְן אַזוֹי וִוי מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ גוּטֶער פְרֵיינְד, דוּ וֶועסְט אִים בֶּעטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר - וֶועסְטוּ שְׁפִּירְן אַ זִיסֶע טַעַם אִין לֶעבְּן; דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן וֶועט דִיר אַנְדֶערְשׁ וֶוערְן, אַלֶע פְּחָדִים וֶועלְן צוּבִּיסְלֶעךְ אַוֶועק גֵיין, דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים זֶענֶען זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן

אוֹיבְן אִין הִימְל אִין גַּן עֵדֶן, דִי זִיסֶע אַיינְגֶענֶעמֶע לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתק

**אִיךְ הָאב אַלֶעס פַארְלוֹירְן, וְוִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ מְחַזֵק זַיין?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַ נָאנְטֶער חָבֵר וָואס בְּרֶענְגְט מִיר כְּסֵדֶר דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוּן דִי גִּלְיוֹנוֹת, אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶה' דֶערְמִיט. אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דָארְט אַז עֶס אִיז דָא אַ וֶועג פַאר יֶעדְן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, דָאס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן חֵשֶׁק זִיךְ צוּרִיק צוּ כַאפְּן צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אָבֶּער הַיינְט קֶען אִיךְ שׁוֹין מֶער נִישְׁט לֶערְנֶען בִּכְלַל.

מִיט אַפָּאר יָאר צוּרִיק הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט זֵייעֶר גְרוֹיס הַצְלָחָה אִין פַּרְנָסָה, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, אָבֶּער פַאר דְרֵיי יָאר צוּרִיק בִּין אִיךְ צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן אַ בִּיזְנֶעס טְרִיפּ, אוּן אוֹיפְן פְלִיגֶער הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ הֵיימִישֶׁער אִינְגֶערְמַאן, אוּן עֶר הָאט מִיךְ אַרַיינְגֶעדְרֵייט אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע בִּיזְנֶעס, אַזוֹי אַז בִּיז אַפָּאר וָואכְן וֶוען אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן כַאפְּן וָואס טוּט זִיךְ, בִּין אִיךְ שׁוֹין גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל חוֹב, אוּן בִּיז הַיינְט זִינְק אִיךְ אִין חוֹבוֹת.

אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַזוֹי שְׁטַארְק צֶעבְּרָאכְן אוּן דֶעפְּרֶעסְט, אַז אֲפִלּוּ דִי שִׁעוּר וָואס אִיךְ פְלֶעג הָאבְּן יֶעדֶע נַאכְט - הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, אוּן אִיךְ דַאוֶוען יֶעדְן טָאג שְׁפֶּעט אִין טָאג אַרַיין, רוֹב טֶעג אָן מִנְיָן, וַוייל

אִיךְ קֶען זִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט צוּזַאמְנֶעמֶען, אִיךְ זֶע נִישְׁט וִוי אַזוֹי אִיךְ קֶען בִּכְלַל אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן דִי פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט נֶעמֶען אוֹיף מִיר יֶעצְט קַיין שִׁעוּרִים.

אִיךְ פִּיל וִוי מַיין לֶעבְּן אִיז טוּנְקְל, אוּן אִיךְ בֶּעט זַייעֶר דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיבּ עֶר קֶען מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי אִיךְ קֶען אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן מַיינֶע צָרוֹת.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ"א אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**פַארְלִיר** זִיךְ נִישְׁט; פוּן יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם אִיז דָא אַ וֶועג אַרוֹיס. עֶס זֶענֶען דָא אָן אַ שִׁעוּר מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אַרַיינְגֶעדְרֵייט גֶעוָוארְן אִין שְׁלֶעכְטֶע גֶעשֶׁעפְטְן אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט פַארְלוֹירְן דִי אֱמוּנָה, זֵיי הָאבְּן וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען מִיט זַייעֶר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מִיט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, דַאוֶונֶען אוּן טוּן מִצְווֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים - אוּן בַּיים סוֹף הָאבְּן זֵיי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גְרוֹיס הַצְלָחָה.

**דֶער** רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סֵפֶר כּוֹכְבֵי אוֹר סִפּוּרִים נִפְלָאִים, ב) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַן אָרֶעמַאן וָואס הָאט זִיךְ מְפַרְנֵס גֶעוֶוען פוּן פַארְקוֹיפְן עֶרְד צוּ מַאכְן דֶערְפוּן לֵיים, עֶר פְלֶעגְט אוֹיפְזוּכְן דִי סְפֶּעצִיעֶלֶע זַאמְד וָואס מֶען מַאכְט פוּן דֶעם לֵיים - אוּן עֶר פְלֶעגְט דָאס פַארְקוֹיפְן.

**אֵיינְמָאל** בִּשְׁעַת'ן גְרָאבְּן הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן זֵייעֶר אַ טֵייעֶרֶע שְׁטֵיין, עֶר הָאט גֶעוָואלְט פַארְקוֹיפְן דֶעם שְׁטֵיין, הָאבְּן אִים דִי צִירוּנְג סוֹחֲרִים גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז וֶוערְד אַזוֹי סַאךְ גֶעלְט, אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא אִין דִי גַאנְצֶע מְדִינָה אֵיינֶער וָואס זָאל הָאבְּן דָאס גֶעלְט צוּ קֶענֶען בַּאצָאלְן פַאר אַזַא טֵייעֶרֶע דִימַאנְט שְׁטֵיין, נָאר אִין לָאנְדָאן אִינֶעם עִיר הַמְלוּכָה וֶועט מֶען קֶענֶען אָפְּקוֹיפְן פוּן אִים דֶעם שְׁטֵיין.

**וְויבַּאלְד** עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אָרֶעם, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט צוּ פָארְן קַיין לָאנְדָאן, הָאט עֶר פַארְקוֹיפְט אַלֶעם וָואס עֶר הָאט פַארְמָאגְט, בִּיז עֶר הָאט צוּזַאמְגֶעקְלִיבְּן אַבִּיסְל גֶעלְט, אוּן עֶר הָאט מִיט דִי גֶעלְט גֶעדִינְגֶען אַ פֶערְד אוּן וָואגְן וָואס זָאל אִים פִירְן צוּם יַם פָּארְט.

**וֶוען** עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם פָּארְט הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט פַאר אַ טִיקֶעט, אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַרוֹיפְגֵיין אוֹיפְן שִׁיף וָואס פָארְט קַיין לָאנְדָאן הָאט מֶען אִים נִישְׁט אַרוֹיפְגֶעלָאזְט וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט. הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל אִים צוּלָאזְן צוּם שִׁיפְס קַאפִּיטַאן, עֶר הָאט גֶעוִויזְן דֶעם דִימַאנְט שְׁטֵיין פַארְן שִׁיפְס קַאפִּיטַאן, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶער בִּיזְנֶעס מַאן אוּן עֶר הַאנְדְלְט מִיטְן קֶענִיג. גְלַייךְ הָאט אִים דֶער שִׁיפְס קַאפִּיטַאן אַרוֹיפְגֶעלָאזְט אוֹיפְן שִׁיף אוּן עֶר הָאט גֶעהֵייסְן דִי מְשָׁרְתִים מֶען זָאל אִים גֶעבְּן דֶעם שֶׁענְסְטְן צִימֶער אוּן אִים מְכַבֵּד זַיין מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד.

**דֶער** אִיד פְלֶעגְט זִיךְ שְׁפִּילְן מִיטְן דִימַאנְט שְׁטֵיין בִּשְׁעַת עֶר הָאט גֶעגֶעסְן, דָאס פְלֶעגְט אִים מַאכְן אַפֶּעטִיטְלִיךְ, בִּיז אֵיינְמָאל הָאט עֶר אַיינְגֶעדְרִימְלְט אִינְמִיטְן עֶסְן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט בַּאמֶערְקְט וִוי דֶער מְשָׁרֵת רוּימְט אָפּ דֶעם טִישׁ מִיטְן דִימַאנְט אִינְאֵיינֶעם, אוּן הָאט אַלֶעס אַרַיינְגֶעוָוארְפְן אִין וַואסֶער.

דֶער אִיד וֶועקְט זִיךְ אוֹיף אוּן זֶעט אַז עֶר הָאט אַלֶעס פַארְלוֹירְן... עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, עֶר אִיז שִׁיעֶר נִישְׁט אַרָאפּ פוּן זִינֶען, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'יֶעצְט וֶוען דֶער שִׁיפְס קַאפִּיטַאן וֶועט זִיךְ דֶערְוִויסְן אַז אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט וֶועט עֶר מִיךְ אַרַיינְוַוארְפְן אִין וַואסֶער, וָואס קֶען אִיךְ דָא טוּן?' הָאט עֶר אָפְּגֶעמַאכְט בַּיי זִיךְ אַז עֶר וֶועט זִיךְ מַאכְן פְרֵיילִיךְ, עֶר וֶועט זִיךְ מַאכְן כְּאִלּוּ עֶר אִיז רַייךְ אוּן עֶר הָאט נָאכְאַלְץ בַּיי זִיךְ דֶעם דִימַאנְט שְׁטֵיין.

**דֶער** שִׁיפְס קַאפִּיטַאן פְלֶעגְט אַלְץ אַרַיינְקוּמֶען צוּ אִים אִין צִימֶער שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים, אוּן דֶער אִיד הָאט זִיךְ וַוייטֶער גֶעמַאכְט פְרֵיילִיךְ פִּינְקְט אַזוֹי וִוי פְרִיעֶר; אֵיין טָאג זָאגְט אִים דֶער שִׁיפְס קַאפִּיטַאן: "אִיךְ זֶע אַז דוּ בִּיסְט אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ, וִויל אִיךְ דִיךְ פַארְטְרוֹיעֶן מִיט אַ גְרוֹיסְן סוֹד, אִיךְ הָאבּ דָא אִינֶעם שִׁיף אַסַאךְ סְחוֹרָה וָואס אִיךְ קֶען נִישְׁט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין לָאנְדָאן, וַוייל מֶען אִיז מִיר חוֹשֵׁד אַז אִיךְ גַנְבְ'עֶ דָאס, אִיךְ וֶועל עֶס אִיבֶּערְשְׁרַייבְּן אוֹיף דַיין נָאמֶען אוּן מִיר וֶועלְן זִיךְ שְׁפֶּעטֶער פַארְרֶעכֶענֶען"; אַזוֹי הָאבְּן זֵיי גֶעטוּן. נָאכְן אָנְקוּמֶען קַיין לָאנְדָאן הָאט דֶער שִׁיפְס קַאפִּיטַאן גֶעכַאפְּט אַ הַארְץ אַטַאקֶע, דֶער אִיד אִיז גֶעבְּלִיבְּן מִיט אַלֶע פַארְמֶעגְנְס

## וָואס עֶר הָאט אִים אִיבֶּערְגֶעשְׁרִיבְּן און עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר.

**דֶער** רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט דִי מַעֲשֶׂה מִיט דִי וֶוערְטֶער: "דִי דִימַאנְט שְׁטֵיין אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען דֶעם אִידְ'ס, וְהָא רַאְיָ' עֶר הָאט דָאס פַארְלוֹירְן; דִי סְחוֹרָה פוּנֶעם שִׁיף הָאט גֶעהֶערְט פַארְן אִיד וְהָא רַאְיָ' עֶר הָאט דָאס בַּאקוּמֶען; און וִוי אַזוֹי אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַזוֹי רַייךְ? נָאר וַוייל עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן".

**דֶער** רֶבִּי הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעפִירְט דֶעם נִמְשָׁל, וַוייל יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אַן אַנְדֶערֶע נִמְשָׁל, און אֲפִלוּ בַּיים מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס טוֹישְׁט זִיךְ דֶער נִמְשָׁל יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט; אֵיינֶער פַארְלִירְט זַיין גֶעלְט, אֵיינֶער פַארְלִירְט אַ שִׁדוּךְ, אֵיינֶער פַארְלִירְט קִינְדֶער, דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער אִיד הָאט גֶעטוּן וֶוען עֶר הָאט פַארְלוֹירְן דֶעם דִימַאנְט שְׁטֵיין, עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט פְרֵיילִיךְ, עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעשְׁפִּילְט עוֹשֶׁר, עֶר הָאט וַוייטֶער גֶערֶעדְט מִיטְן שִׁיפְס קַאפִּיטַאן כְּאִלוּ מֶען מֵיינְט נִישְׁט אִים, דֶערְפַאר הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן רַייךְ וְכוּ'.

**אַז** דוּ הָאסְט פַארְלוֹירְן אַסַאךְ גֶעלְט דוּרְךְ דֶעם שְׁווִינְדְלֶער וְכוּ' - זָאלְסְטוּ גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה אַז אַזוֹי הָאט גֶעדַארְפְט זַיין, טְרַאכְט נִישְׁט פוּנֶעם עָבַר; דָאס וָואס אִיז גֶעוֶוען אִיז גֶעוֶוען, טְרַאכְט פוּן דַיין עָתִיד. אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, דוּ וֶועסְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, דוּ וֶועסְט וַוייטֶער פִירְן דַיין לֶעבְּן, אָנְגֵיין מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם; דוּ וֶועסְט גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען מִיט שִׂמְחָה, דוּ וֶועסְט זִיךְ מַאכְן שִׁעוּרִים:

אַבִּיסְל חוּמָש רַשִׁ"י מִיט תַּרְגוּם יֶעדְן טָאג, אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת, גְּמָרָא אוּן הֲלָכָה - וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִסִּים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט טוּן מִיט דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתקא

**אִיךְ הָאבּ שְׁרֶעקְלִיכֶע פְּחָדִים פוּן דִי קָארָאנֶע וֵויירוּס, וְוִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ צִיטֶער גֶעפֶערְלִיךְ פוּן דִי קָארָאנֶע וֵויירוּס, עֶס זֶעט מִיר אוֹיס וְוִי דִי וֶועלְט עֶנְדִיגְט זִיךְ, עֶס וֶוערְט אוֹיס וֶועלְט. אִיךְ בִּין אַ גַאנְצְן טָאג אוּנְטֶער פַּאנִיק אוּן שְׁרֶעק; אִיךְ רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ וֵוייס אַז עֶר אִיז דָא, עֶר הֶערְט אוּן עֶר זֶעט אוּן עֶר וֵוייסְט אַלֶעם - נָאכְאַלְץ בִּין אִיךְ אָבֶּער נָאךְ אִין אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּאנִיק אוּן אִין שְׁרֶעק כְּסֵדֶר.

אִיךְ דַארְף הִתְחַזְקוּת, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל אָבֶּער פַארְשְׁטֵיין אַז סְתַם הִתְחַזְקוּת וֶועט מִיר נִישְׁט הֶעלְפְן, וַוייל אִיךְ זֶע אַז אִיךְ דַארְף בַּארוּאִיגְן מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אָבֶּער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט דַארְף אִיךְ זִיךְ קֹדֶם אַלֵיין בַּארוּאִיגְן, אוּן אִיךְ קֶען מַמָּשׁ נִישְׁט קוּמֶען צוּ זִיךְ. אִיךְ לִיג אִין בֶּעט מַאכְטְלָאז, אוֹיבּ דִי קָארָאנֶע וֵויירוּס הָאט אֵיינֶעם גֶע'הַרְגֶ'ט, אִיז עֶס מִיךְ, אִיךְ בִּין מַמָּשׁ אַ טוֹיטֶער.

מַיין וַוייבּ ווייסְט נִישְׁט וָואס אִיז גֶעשֶׁען מִיט מִיר, אִיךְ ווִיל אִיר נִישְׁט זָאגְן אַז אִיךְ בִּין פָּשׁוּט אִין אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּחַד פוּן דִי קָארָאנֶע ווִיירוּס, וַוייל אִיךְ ווִיל אִיר נִישְׁט מֶער דֶערְשְׁרֶעקְן, גֶענוּג וָואס אִיךְ בִּין אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן, זָאג אִיךְ אִיר אַז אִיךְ פִּיל סְתַּם אַזוֹי נִישְׁט גוּט.

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען בַּארוּאִיגְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ"א אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בִּטָּחוֹן, סִימָן א): "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ בִּטָּחוֹן, אֵין לוֹ שׁוּם פַּחַד", ווֶער עֶס הָאט בִּטָּחוֹן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶער הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם שְׁרֶעק; עֶר שְׁרֶעקְט זִיךְ נִישְׁט פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ וַוייל עֶר הָאט בִּטָּחוֹן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר גְלֵייבְּט אַז 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט מִיךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס אוּן טוּט אַלֶעס אוּן עֶס קֶען גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן אָן אִים'.

**דֶער** וָואס הָאט בִּטָּחוֹן - פַאְרזִיכֶערְט זִיךְ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי אַ קִינְד פַארְזִיכֶערְט זִיךְ אִין זַיין טַאטֶע. מֶען זֶעט בַּיי אַ קִינְד, ווֶען עֶר גֵייט אִין גַאס מִיט זַיין פָּאטֶער אוּן עֶס קוּמְט צוּ גֵיין אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע מֶענְטְשׁ אָדֶער אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חַיָּ', כַּאפְּט דָאס קִינְד אָן דֶעם טַאטְן אוּן קְווֶעטְשְׁט

אִים דִי הַאנְט אָן קַיין מוֹרָא; אַזוֹי אִיז מִיטְן מֶענְטְש וָואס הָאט בִּטָחוֹן, עֶר כַאפְּט זִיךְ אָן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שׁוּם פַּחַד אוּן מוֹרָא פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט.

מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אִיךְ בֶּעט דִיר זַייעֶר זָאלְסְט אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיטְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת; וֶוען מֶען נֶעמְט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, מֶען הוֹיבְּט אָן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן - קְרִיכְט מֶען אַרוֹיס פוּן יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע פְּרָאבְּלֶעם. דֶער רֶבִּי הָאט עֵצוֹת פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אֲפִלּוּ מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן פְּחָדִים אוּן לַיידְן נֶעבֶּעךְ אוֹיף שְׁוֶוערֶע גֵייסְטִישֶׁע מַחֲלוֹת, זֵיי לַיידְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת; אַלֶעס גֵייט אַוֶועק אוֹיב מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן.

דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן אִיז "אֱמוּנָה"; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ה): "הָעִקָּר הוּא הָאֱמוּנָה, וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְחַפֵּשׂ אֶת עַצְמוֹ וּלְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה", דֶער עִקָּר אוֹיף וָואס אַ מֶענְטְש דַארְף אַרְבֶּעטְן צוּצוּקוּמֶען - אִיז אֱמוּנָה, "כִּי יֵשׁ סוֹבְלֵי חֳלָאִים, שֶׁיֵּשׁ לָהֶם מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת, וְהֵם סוֹבְלִים הַחֳלָאִים רַק בִּשְׁבִיל נְפִילַת הָאֱמוּנָה", וַוייל עֶס זֶענֶען דָא זַייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן מַחֲלוֹת, זֵיי לַיידְן דָאס נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יִסּוּרֵי הַנֶּפֶשׁ וָואס מֶענְטְשְׁן לַיידְן זִיךְ נֶעבֶּעךְ צוּזַאם, זָאגְט דֶער רֶבִּי וַוייטֶער: "כִּי עַל יְדֵי נְפִילַת הָאֱמוּנָה, בָּאִים מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת שֶׁאֵין מוֹעִיל לָהֶם, לֹא רְפוּאוֹת, וְלֹא תְּפִלָּה, וְלֹא זְכוּת אָבוֹת", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה אוּן עֶר לַיידְט נֶעבֶּעךְ פוּן

דִי מַחֲלוֹת וָואס קוּמְט פוּן חִסָרוֹן אֱמוּנָה, דֶעמָאלְט הֶעלְפְט אִים נִישְׁט קַיין רְפוּאוֹת, עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּפִלָּה אוּן אוֹיךְ נִישְׁט זְכוּת אָבוֹת. דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי יִסוּרִים וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן מִיט פוּן פְּחָדִים אוּן אוּמְזִיסְטִיגֶע שְׁרֶעק אוּן אַלֶע סָארְט יִסוּרֵי הַנֶּפֶשׁ; עֶס פֵּיינִיגְט זֵיי פוּן אִינֶעוֵוייגִיג - יֶעדֶער מִיט זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע רְפוּאָה אוֹיף דֶעם אִיז אֱמוּנָה.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה; עֶר וֵוייסְט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז: "מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל", לֶעבְּט עֶר אַ רוּאִיג לֶעבְּן. מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט פַארְפַאסְט אַ נִגוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער וֶוען עֶר פְלֶעגְט גֵיין אִין וַואלְד רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער אִין אָנְהוֹיב, עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ זַיין אַלֵיין אִין וַואלְד, פוּן דִי חַיוֹת וְכוּ', הָאט עֶר זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעזִינְגֶען דִי וֶוערְטֶער: "מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אַלּוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם". עֶר הָאט דָאס גֶע'חַזֶר'ט אָן אַ שִׁעוּר בִּיז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם פַּחַד פוּן קֵיינֶעם, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיט אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז גָארְנִישְׁט הָאט אִים דֶערְשְׁרָאקְן אוּן גָארְנִישְׁט הָאט אִים גֶעשְׁטֶערְט. פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן דִי שֵׁיינֶע נִגוּן פוּן: "מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם

מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אַלּוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם".

מַיין לִיבֶּער הַארְצִיגֶער בְּרוּדֶער, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה וֶוערְט אִים שְׁטַארְק זַיינֶע נֶערְוְון; אַזוֹי אוֹיךְ פַּארְקֶערְט, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר מֵיינְט אַז זַאכְן פַּאסִירְן סְתַם אַזוֹי אָן קַיין חֶשְׁבּוֹן, עֶר מֵיינְט אַז עֶס אִיז דָא טֶבַע, מִקְרֶה אוּן מַזָל - אַזַא מֶענְטְשׁ לֶעבְּט שְׁטֶענְדִיג מִיט פְּחָדִים, מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת; מֶען בַּאשׁוּלְדִיגְט זִיךְ כְּסֶדֶר, אוּן פוּן דֶעם קוּמֶען אַלֶע נֶערְוְון קְרַאנְקְהֵייטְן לֹא עָלֵינוּ וְלֹא עֲלֵיכֶם, דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע רְפוּאָה פַאר דִי וָואס לַיידְן אוֹיף דִי נֶערְוְון אִיז נָאר "אֱמוּנָה".

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה; אַ גַאנְצְן טָאג זָאלְסְטוּ נָאר זִינְגֶען נִגוּנִים פוּן אֱמוּנָה נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, בִּיז עֶס וֶועט וֶוערְן אַיינְגֶעבַּאקְן אִין דִיר אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. דֶעמָאלְט וֶועט אַוֶועק גֵיין פוּן דִיר אַלֶע פְּחָדִים, דוּ וֶועסְט נִישְׁט לִיגְן אִין בֶּעט פוּן שְׁרֶעק, דוּ וֶועסְט קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט דִי טָאג טֶעגְלִיכֶע אַרְבֶּעט, דוּ וֶועסְט וִויסְן אַז אַלֶעס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אוּן מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט גֶעבְּן קַיין רִיר אָן דֶעם וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֵייסְן.

לֵיין דֶעם בְּרִיוו אֵיין מָאל אוּן צְווֵיי מָאל אוּן דְרֵיי מָאל, אָן אַ שִׁיעוּר מָאל - בִּיז דוּ וֶועסְט אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן

דַיינֶע שְׁרֶעק, דוּ וֶועסְט זַיין אַ פְרֵייעֶר מֶענְטְשׁ, דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן דִי זִיסֶע, גֶעשְׁמַאקֶע, אַיינְגֶענֶעמֶע טַעַם וָואס צַדִיקִים שְׁפִּירְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט.

## תתקב

**מֶעג מֶען מַאכְן אַ גוֹרָל צוּ ווִיסְן וָואס צוּ טוּן?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען מִיר מַמָּשׁ מְחַיֶ'.

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ מָאל שְׁאֵלוֹת אוּן סְפֵקוֹת וָואס צוּ טוּן אוּן אִיךְ פִּיר זִיךְ צוּ זָאגְן אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים אוּן מַאכְן אַ גוֹרָל וָואס צוּ טוּן, אוּן אִיךְ טוּ לוֹיט וִוי דֶער גוֹרָל קוּמְט אוֹיס, ווייל אִיךְ פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶס אִיז רִיכְטִיג אַזוֹי צוּ טוּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, כ"ז אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**עֶס אִיז אַ קְלָארֶע הֲלָכָה אַז מֶען טָאר נִישְׁט מַאכְן אַ גוֹרָל.**

דֶער הֵיילִיגֶער מְחַבֵּר זָאגְט (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן קעט, סְעִיף א): "אֵין שׁוֹאֲלִים בְּחוֹזִים בַּכּוֹכָבִים וְלֹא בְּגוֹרָלוֹת", מֶען טָאר נִישְׁט

מַאכְן אַ גוֹרָל צוּ ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע תוֹרָה (דְבָרִים יח, יג): "תָּמִים תִּהְיֶה עִם ה' אֱלֹקֶיךָ", מֶען דַארְף זִיךְ פִירְן בִּתְמִימוּת מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**תְּהִלִּים** זָאלְסְטוּ ווַייטֶער זָאגְן; יֶעדֶעס מָאל דוּ הָאסְט אַ סָפֵק ווָאס צוּ טוּן זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דֶעם תְּהִלִּים אוּן זָאגְן אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף דַיין מַאמֶע לָשׁוֹן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל ווִיסְן ווָאס צוּ טוּן, יָא אָדֶער נֵיין, אַהֶער אָדֶער אַהִין, שְׁוַוארְץ אָדֶער ווַייס"; וֶועסְטוּ ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

**דָאס** אִיז דִי עֵצָה ווָאס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז, מִיר זָאלְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֵיין מָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן אַ דְרִיטֶע מָאל: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גֶעבּ מִיר אַ גוּטֶע עֵצָה אִיךְ זָאל ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן". רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רלח) דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט ווִי אֵיינֶער דַאוֶוענְט מַעֲרִיב אוּן עֶר כַאפְּט אָפּ דִי ווֶערְטֶער: 'וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ' הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "דִי ווֶערְטֶער פוּן 'וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ' דַארְף מֶען דָאךְ זָאגְן מִיט גְרוֹיס כַּוָּנָה, דָאס אִיז זֵייעֶר אַ חָשׁוּב'עֶ תְּפִלָּה"; ווַייל דֶער עִקָר פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז מֶען ווֵייסְט נִישְׁט ווָאס צוּ טוּן, מֶען הָאט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ סְפֵקוֹת צִי מֶען זָאל טוּן אַזוֹי צִי אַזוֹי, דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעבּ מִיר אַ גוּטֶע עֵצָה אִיךְ זָאל ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן". אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן; אַז דוּ

קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן זָאלְסְטוּ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם טַאטֶע זִיסֶער, גֶעבּ מִיר אַ גוּטֶע עֵצָה, אִיךְ זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתקג

### עֶנְדֶערְשׁ לֶערְנֶען שְׁנֶעל אוּן אַסַאךְ, אָדֶער עֶנְדֶערְשׁ וֵוייניגֶער אוּן קְלָארֶער?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁעוּרִים, אִיךְ הֶער לֶעצְטְנְס אַסַאךְ שִׁעוּרִים אוּן עֶס הָאט מִיר פִיל גֶעהָאלְפְן אִין לֶעבְּן, סְפֶּעצִיעֶל פַאר שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן דֶער סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד הָאט מִיר גֶעמַאכְט צוּרִיק עֶפֶענֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען פְלַייסִיג.

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ דֶערְצֵיילְן אִיבֶּער אַ בָּחוּר וָואס אִיךְ קֶען, וָואס צְוֵויי פוּן זַיינֶע בְּרִידֶער זֶענֶען לֵיידֶער אַוֶועקְגֶעפַאלְן פוּן אִידִישְׁקַייט אוּן עֶר הָאט שׁוֹין אוֹיךְ גֶעהַאלְטְן אוֹיפְן וֶועג אַהִין, עֶר הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייט לֵיידִיג אָן קַיין שׁוּם תּוֹכְן אוּן אִיז נָאר גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען זִיךְ צוּ קְרִיגְן מִיט דִי הַנְהָלָה פוּן זַיין יְשִׁיבָה. לֶעצְטְנְס אִיז עֶר גֶעוואוִיר גֶעוָוארְן פוּן דִי שִׁעוּרִים אוּן זַיין לֶעבְּן הָאט זִיךְ מַמָּשׁ אִינְגַאנְצְן גֶעטוֹישְׁט פוּן הִימְל בִּיז עֶרְד, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן מִשְׁנָיוֹת, גְּמָרָא, מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אִיךְ מֵיין אַז פַאר דֶעם בָּחוּר אַלֵיין הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶעלוֹינְט דֶעם גַאנְצְן טֶעלֶעפָאן לַיין.

יֶעצָט צוּ מַיין שְׁאֵלָה, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען גְּמָרָא אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, אָבֶּער יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט קוּמְט מִיר אַרַיין מַחְשָׁבוֹת אַז אִיךְ קֶען יָא פַארְשְׁטֵיין, אוּן אַזוֹי גֵייט עֶס אַז אִיךְ לֶערְן שְׁנֶעל אַ דְרֵיי בְּלַאט אוּן נָאכְדֶעם הוֹיבּ אִיךְ אָן לֶערְנֶען אַבִּיסְל שְׁטַייט אֵיין בְּלַאט, אוּן נָאכְדֶעם וֶוער אִיךְ נֶערְוֶועז אוּן אִיךְ רוּק זִיךְ וַוייטֶער שְׁנֶעל דְרֵיי בְּלַאט, אוּן נָאכְדֶעם וַוייטֶער אַבִּיסְל שְׁטַייט, אַזוֹי גֵייט עֶס נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן אִיךְ וֶוער אִינְגַאנְצְן צֶעמִישְׁט ווִי אַזוֹי אִיךְ זָאל זִיךְ אוּמְגֵיין, וַוייל אִיךְ ווִיל יָא קֶענֶען אָנְקוּמֶען אַסַאךְ בְּלֶעטֶער; וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיִקְרָא, כ"ז אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**מַאךְ** זִיךְ צְוֵויי שִׁעוּרִים. אֵיין שִׁעוּר זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען שְׁטַייטְלִיךְ; זָאלְסְט פְּרוּבִּירְן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ לֶערְנְסְט, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל הָאבְּן אַ שִׁעוּר יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען בְּעִיּוּן, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ נִישְׁט צוּ שְׁטַארְק קְוֶועטְשְׁן נָאר פְּרוּבִּירְן צוּ פַארְשְׁטֵיין.

**נָאכְדֶעם** זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן שִׁעוּרִים צוּ לֶערְנֶען בְּגִירְסָא אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן וָואס זָאגְט מֶען זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ אֲפִלּוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, מֶען זָאל זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", אֲפִלּוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט

גָארְנִישְׁט זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, "וּמִמֵּילָא יָבִין", אוּן בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין. "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל. רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט ווערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיינְס - אַז מֶען וויל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, מֶען זָאל נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ, מַה בְּכָךְ?" אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְווֵייטְן מָאל; אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְווֵייטְן מָאל - אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שַׁבָּת סג.; עֲבוֹדָה זָרָה יט.): 'לִגְמוֹר, וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר (תְּהִלִּים קיט, כ): 'גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה'", ווייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִלּוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל, וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", ווייל אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל, קֶען מֶען זוֹכֶה

זַיין צוּ לֶערְנֶען זַייעֶר אַסַאךְ; מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זַייעֶר אַסַאךְ מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "וְדִבֵּר הַרְבֵּה מְאֹד בְּעִנְיָן זֶה, וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר דְּבָרִים אֵלּוּ בִּכְתָב הֵיטֵב, אֲבָל בֶּאֱמֶת הוּא דֶּרֶךְ עֵצָה טוֹבָה מְאֹד בְּעִנְיַן הַלִּמּוּד, כִּי עַל יְדֵי זֶה יְכוֹלִים לִזְכּוֹת לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, לִגְמֹר כַּמָּה וְכַמָּה סְפָרִים, וְגַם יִזְכֶּה לְהָבִין הַדְּבָרִים יוֹתֵר, מֵאֲשֶׁר הָיָה לוֹמֵד בְּדִקְדּוּק גָּדוֹל, כִּי זֶה מְבַלְבֵּל מְאֹד מִן הַלִּמּוּד", דֶער רֶבִּי הָאט זַייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּנֶעם דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין גְלַייךְ וֶוען מֶען לֶערְנְט, נָאר מֶען זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ אָן פַארְשְׁטֵיין, בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין; וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיף דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען אַסַאךְ מֶער ווִי וֶוען מֶען לֶערְנְט שְׁטַייט אוּן מֶען קְלֶערְט אַרַיין אִין יֶעדֶע וָוארְט, וָואס דָאס שְׁטֶערְט נָאר דָאס לֶערְנֶען, "וְכַמָּה בְּנֵי אָדָם פָּסְקוּ מִלִּמּוּדָם לְגַמְרֵי עַל יְדֵי רִבּוּי הַדִּקְדּוּקִים שֶׁלָּהֶם, וּמְאוּמָה לֹא נִשְׁאַר בְּיָדָם", אוּן זַייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען צוּלִיב דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעקְוֶועטְשְׁט וְכוּ'.

"אֲבָל כְּשֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לִלְמֹד בִּמְהִירוּת כַּנִּזְכָּר לְעֵיל, בְּלִי דִקְדּוּקִים הַרְבֵּה, הַתּוֹרָה תִּתְקַיֵּם בְּיָדוֹ, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, גְּמָרָא וּפוֹסְקִים כֻּלָּם, וְתַנַ"ךְ, וּמִדְרָשִׁים, וְסִפְרֵי הַזֹּהַר וְקַבָּלָה, וּשְׁאָר סְפָרִים כֻּלָּם", אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעלֶערְהֵייט - אַזוֹי ווִי אוֹיבְּן דֶערְמַאנְט, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זַייעֶר אַסַאךְ, אוּן עֶר

וֶועט לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה - גְּמָרָא מִיט אַלֶע פּוֹסְקִים, תַּנַ"ךְ מִיט אַלֶע מֶדְרָשִׁים, און זֹהַר הַקָּדוֹשׁ, "וּכְבָר מְבֹאָר שִׂיחָתוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁטּוֹב לָאָדָם שֶׁיַּעֲבֹר בְּחַיָּיו בְּכָל הַסְּפָרִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה", אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז מִיר זָאלְן דוּרְךְ לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, עַיֵּן שָׁם.

**אַז** דוּ וֶועסְט הָאבְּן בַּאזוּנְדֶערֶע שִׁיעוּרִים - וֶועסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן מְבוּלְבָּל וְכוּ', דוּ וֶועסְט זַיין מְסֻדָּר און דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין אָנְצוּקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתקד

**מֶען טְרָאגְט מִיר אָן אַ שִׁדּוּךְ, און זֵיי ווילְן אִיךְ זָאל לֶערְנֶען אִין כּוֹלֵל, וָואס טוּ אִיךְ?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט דַארְף אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע חִיזּוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן אֵייךְ, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

לֶעצְטְנְס הָאט מֶען מִיר אָנְגֶעטְרָאגְן אַ שִׁדּוּךְ און דִי מֵיידְלְ'ס מִשְׁפָּחָה פְרֶעגְט אוֹיבּ אִיךְ גֵיי לֶערְנֶען אִין כּוֹלֵל נָאךְ דִי חֲתֻנָּה פַאר עֶטְלִיכֶע יָאר. אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר דֶעם, אִיךְ אַרְבֶּעט שׁוֹין יֶעצְט רוֹב טָאג, און אִיךְ הָאבּ שִׁיעוּרִים צוּ לֶערְנֶען עֶטְלִיכֶע שָׁעָה אִין טָאג. אִיךְ מֵיין אַז אוֹיבּ וֶועל אִיךְ נִישְׁט זִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג אִין כּוֹלֵל, אִיךְ וֶועל נָאר הָאבְּן שִׁיעוּרֵי

תוֹרָה צוּפְרִי און בַּיינאַכְט, וֶועט זִי מִיר נִישְׁט אַרוֹיפְקוּקְן, ווייל אִיר הָאט מֶען אַזוֹי מְחַנֵּךְ גֶעוֶוען, אַז עֶס אִיז נָאר חָשׁוּב אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט אַ גַאנְצְן טָאג.

וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, כ"ח אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אַז** מֶען רֶעדְט דִיר אַ שִׁדוּךְ און דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע פְּרָאבְּלֶעם אִיז יָא כּוֹלֵל אָדֶער נִישְׁט כּוֹלֵל - זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט אָפְּהַאלְטְן צוּ טוּן דֶעם שִׁדוּךְ.

**נָאךְ** דִי חֲתֻנָּה וֶועסְטוּ זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין צוּ לֶערְנֶען און אוֹיךְ וֶועסְטוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, ב): "יָפֶה תַלְמוּד תוֹרָה עִם דֶרֶךְ אֶרֶץ שֶׁיְּגִיעַת שְׁנֵיהֶם מְשַׁכַּחַת עָוֹן", עֶס אִיז גוּט מֶען זָאל לֶערְנֶען און אַרְבֶּעטְן, אַזוֹי אִיז נִישְׁטָא קַיין צַייט צוּ טוּן נַארִישְׁקֵייטְן.

**מֶען** קֶען אַרְבֶּעטְן און אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט, לֶערְנֶען פְלַייסִיג יֶעדֶע מִינוּט וָואס מֶען הָאט, און מֶען קֶען זִיצְן אִין כּוֹלֵל און בַּטְלְ'ן דִי צַייט.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ.

# תתקה

## מַיין אִינגל נֶעמְט יֶעדֶע מִצְוָה מִיט צוּפִיל דְרוּק, וְוי אַזוֹי הֶעלְף אִיךְ אִים?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי דְרָשׁוֹת אוּן חִזוּק, זֵיי מַאכְן מִיר קְלָאר דֶעם מֹחַ אוּן וַוארֶעמֶען אָן מַיין הַארְץ.

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן ווִי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט מַיין אַכְט יֶערִיג אִינְגְל וָואס הָאט לֶעצְטְנְס אַסאך אַבְסֶעסְיֶעס. עֶר וַואשְׁט כְּסֵדֶר דִי הֶענְט עֶר זָאל נִישְׁט זַיין טָמֵא, עֶר הַאלְט אִין אֵיין מַאכְן חֶשְׁבּוֹנוֹת אוֹיבּ עֶר הָאט גֶעטוּן אַן עֲבֵירָה, אֶפְשַׁר הָאט עֶר פַארְגֶעסְן צוּ מַאכְן בְּרָכוֹת אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. עֶר הַאלְט אִין אֵיין תְּשׁוּבָה טוּן, עֶר בֶּעט כְּסֵדֶר אִיבֶּער זַיינֶע גֶעשְׁווִיסְטֶער, אָבֶּער אַלֶעס מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע דְרוּק אוּן פְּרֶעשׁוּר.

ווִי אַזוֹי הַאנְדְלְט מֶען מִיט אִים?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִקְרָא, כ"ח אֲדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן ווִי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער; בִּפְרַט וֶוען מֶען לֶערְנְט מִיט זֵיי מִצְוֹת דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן ווִי אַזוֹי מֶען לֵייגְט זֵיי דָאס אַרַיין, זֵיי זָאלְן**

דָאס נִישְׁט נֶעמֶען מִיט נֶערְווְן, זֵיי זָאלְן נִישְׁט טוּן דִי מִצְוֹת מִיט חָכְמוֹת וְכוּ'.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מד): "גַּם מֵחָכְמוֹת שֶׁיֵּשׁ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בְּעַצְמוֹ צָרִיךְ לְהַרְחִיק מְאֹד", מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן חָכְמוֹת, "כִּי כָּל אֵלּוּ הַחָכְמוֹת שֶׁל הָעוֹלָם שֶׁיֵּשׁ לְהַנִּכְנָסִין וּמַתְחִילִין קְצַת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֵינָם חָכְמוֹת כְּלָל, וְהֵם רַק דִּמְיוֹנוֹת וּשְׁטוּתִים וּבִלְבּוּלִים גְּדוֹלִים", וַוייל דִי אַלֶע חָכְמוֹת וָואס מֶען הָאט וֶוען מֶען הוֹיבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חָכְמוֹת, דָאס אִיז דִּמְיוֹנוֹת, שְׁטוּתִים אוּן קָאפּ דְרֵייעֶנִישְׁן, "וְאֵלּוּ הַחָכְמוֹת מַפִּילִין מְאֹד אֶת הָאָדָם מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", דָאס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אָפְּלָאזְן זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, "וְעַל אֵלּוּ הַמְדַקְדְּקִים וּמַחְמִירִים בְּחֻמְרוֹת יְתֵרוֹת עֲלֵיהֶם נֶאֱמַר: 'וָחַי בָּהֶם, וְלֹא שֶׁיָּמוּת בָּהֶם', כִּי אֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת כְּלָל", דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט חָכְמוֹת אוּן סְפֵקוֹת זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג מְסֻפָּק צִי זֵיי הָאבְּן יוֹצֵא גֶעוֶוען דִי מִצְוָה צִי נִישְׁט - דִי הָאבְּן נִישְׁט קַיין שׁוּם חִיּוּת, "וְתָמִיד הֵם בְּמָרָה שְׁחֹרָה מֵחֲמַת שֶׁנִּדְמֶה לָהֶם שֶׁאֵינָם יוֹצְאִים יְדֵי חוֹבָתָם בְּהַמִּצְווֹת שֶׁעוֹשִׂין וְאֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת מִשּׁוּם מִצְוָה מֵחֲמַת הַדִּקְדּוּקִים וְהַמָּרָה שְׁחֹרוֹת שֶׁלָּהֶם", זֵיי זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג דֶעפְּרֶעסְט, זֵיי לֶעבְּן אַלְץ אִין סְפֵקוֹת, אוּן דִי חוּמְרוֹת וַוארְפְּט זֵיי אַרַיין אִין מָרָה שְׁחוֹרָה.

**יֶעצְט** וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין אַרַיין אִין אִים מִיט אַ פְּרֶעשׁוּר, עֶר טוּט דִי מִצְוֹת מִיט מָרָה שְׁחוֹרָה, קֶען מֶען דָאס נָאר

אַרוֹיסְנֶעמֶען מִיט חָכְמָה, מֶען קֶען נִישְׁט חוֹזֵק מַאכְן פוּן אִים אָדֶער אִים נֵייטְן צוּ טוּן אַנְדֶערְשׁ, מֶען דַארְף זֶען מִיט חָכְמָה דָאס אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען; אִים אוֹיפְהֵייבְּן מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער, אִים אוֹיסְלוֹיבְּן וִוי וואוּיל עֶר אִיז אוּן וִוי טֵייעֶר עֶר אִיז - דוּרְכְדֶעם וֶועט אַוֶועק פַאלְן דִי נֶערְוְון. וֶוען עֶר וַואשְׁט זִיךְ דִי הֶענְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל זָאל מֶען אִים זָאגְן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן כז): "מִי שֶׁמְּנַקֶּה בְּכָל עֵת יָדָיו, עַל יְדֵי זֶה מְזַכֶּה אֶת לִבּוֹ", וֶוער עֶס וַואשְׁט זִיךְ כְּסֵדֶר זַיינֶע הֶענְט מִיט דֶעם וַואשְׁט עֶר זִיךְ אָפּ זַיין הַארְץ; אוּן וֶוען עֶר מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ וְכוּ' דַארְף מֶען אִים אוֹיסְלוֹיבְּן וִוי עֶר לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען עֶר בֶּעט אִיבֶּער דִי גֶעשְׁוִוסְטֶער זָאל מֶען דָאס אוֹיסְלוֹיבְּן, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אַנְדֶערֶע, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; מֶען דַארְף מַאכְן אַן עֵסֶק פוּן אִים לְטוֹבָה, אַזוֹי וֶועט אַוֶועק פַאלְן אַלֶע נֶערְוְון. וַוייל נֶערְוְון גֵייט נִישְׁט צוּזַאמֶען מִיט שִׂמְחָה; שִׂמְחָה שְׁטוּפְּט אַוֶועק עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה.

**בֶּעסֶער** וָואלְט גֶעוֶוען וֶוען עֶס אִיז נִישְׁטָא דִי גַאנְצֶע פְּרֶעשׁוּר,
אָבֶּער אַז עֶס אִיז שׁוֹין דָא קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן
מִיט דִי סָארְט יֵצֶר הָרָע, מֶען דַארְף זֶען מִיט חָכְמָה וִוי אַזוֹי
מֶען וֶוערְט פָּטוּר דֶערְפוּן.

# תתקו

**וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קְלֵיין קִינְד וָואס זָאגְט לִיגְנְט?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

ווִי אַזוֹי דַארְף מֶען זִיךְ פִירְן מִיט אַ פִיר יֶערִיג קִינְד, וָואס הַאלְט אִין אֵיין זָאגְן לִיגְנְט, אוּן מַאכְט אוֹיף מַעֲשִׂיּוֹת?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת צַו, ה' נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

**אַסַאךְ** מָאל הָאבְּן קִינְדֶער מוֹרָא צוּ זָאגְן דֶעם אֱמֶת, זֵיי הָאבְּן מוֹרָא אַז מֶען וֶועט זֵיי גֶעבְּן אַ שְׁטְרָאף וְכוּ', דֶערִיבֶּער מַאכְן זֵיי אוֹיף מַעֲשִׂיּוֹת וָואס זֶענֶען נִישְׁט אֱמֶת; דִי עֵצָה פַאר דֶעם אִיז מֶען זָאל זָאגְן פַארְן קִינְד: "אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זָאגְן אֱמֶת וֶועסְטוּ נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין שְׁטְרָאף, אָבֶּער אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זָאגְן לִיגְנְט וֶועט מֶען דִיר דַארְפְן גֶעבְּן אַ שְׁטְרָאף", דֶעמָאלְט וֶועלְן זֵיי זָאגְן דֶעם אֱמֶת.

**צוּם** בַּיישְׁפִּיל, מֶען טְרֶעפְט אַמָאל בַּיי קִינְדֶער אַ טֵייעֶרֶע חֵפֶץ אָדֶער גֶעלְט אוּן וֶוען מֶען פְרֶעגְט זֵיי פוּן וואוּ זֵיי

הָאבְּן דָאס, הוֹיבְּן זֵיי אָן מַאכְן אַ מַעֲשֶׂה וְכוּ'; דַארְף מֶען זָאגְן פַארְן קִינְד: "אוֹיבּ וֶועסְטוּ זָאגְן דֶעם אֱמֶת וֶועט מֶען גָארְנִישְׁט טוּן, אָבֶּער אוֹיבּ וֶועסְטוּ זָאגְן לִיגְנְט וֶועט מֶען דַארְפְן גֶעבְּן אַ שְׁטְרָאף"; מֶען דַארְף הֶעלְפְן דָאס קִינְד זָאגְן דֶעם אֱמֶת, מֶען פְרֶעגְט: "פוּן וֶועם הָאסְטוּ דָאס גֶע'גַנְבְ'עֶט? פוּן וואוּ הָאסְטוּ דָאס גֶענוּמֶען?" בִּיז דֶער אֱמֶת קוּמְט אַרוֹיס, דָאס קִינְד אִיז מוֹדֶה פוּן וואוּ עֶר הָאט דָאס גֶענוּמֶען, דֶעמָאלְט לֶערְנְט מֶען זֵיי אוֹיס צוּרִיק צוּ גֶעבְּן אוּן מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי אַז מֶען טָאר נִישְׁט גַנְבְ'עֶנֶען, מֶען דֶערְצֵיילְט זֵיי מַעֲשִׂיוֹת אִיבֶּער דִי הַארְבְּקֵייט פוּן גְנֵיבָה.

דֶער עִקָר זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען אַז חִנוּךְ אִיז אַ לַאנְגֶע אַרְבֶּעט, עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט; חִנוּךְ אִיז אַ לַאנְגֶע וֶועג אָבֶּער בַּיים סוֹף אִיז דָאס אַ קוּרְצֶע וֶועג. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (עירובין נג:) רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן חֲנַנְיָה הָאט גֶעזָאגְט: קֵיינֶער הָאט מִיךְ נִישְׁט אִיבֶּער גֶעקְלוּגְט אַזוֹי ווִי דֶער קִינְד וָואס הָאט מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט וֶוען אִיךְ הָאבּ אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל מִיר וַוייזְן דֶעם אַרַיינְגַאנְג צוּם שְׁטָאט, דֶער קִינְד הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז פַארְהַאן צְוֵויי וֶועגְן, אַ קוּרְצֶע-לַאנְגֶע וֶועג אוּן אַ לַאנְגֶע-קוּרְצֶע וֶועג; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר מֵיינְט, הָאט מִיר דֶער קִינְד מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז עֶס זֶענֶען פַארְהַאן צְוֵויי וֶועגְן, אֵיין וֶועג זֶעט אוֹיס צוּ זַיין אִין אָנְהוֹיבּ גְרִינְג אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער אִיז דָאס אַ לַאנְגֶע שְׁוֶוערֶע וֶועג, מֶען קֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּם שְׁטָאט, נָאכְדֶעם אִיז פַארְהַאן אַ שְׁוֶוערֶע וֶועג אָבֶּער בַּיים

סוֹף אִיז דָאס גְרִינְג; דָאס אִיז חִנוּךְ, וֶוער עֶס אַרְבֶּעט שְׁוֶוער בַּיים אָנְהוֹיבּ, ווען דִי קִינְדֶער זֶענֶען קְלֵיין גֶעבְּט עֶר זִיךְ אָפּ מִיט זֵיי, אֲפִלּוּ עֶס אִיז שְׁוֶוער, עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג - דָאךְ אַרְבֶּעט עֶר מִיט דִי קִינְדֶער, וֶועט עֶר בַּיים סוֹף הָאבְּן אַ גְרִינְגֶע אַרְבֶּעט, עֶר וֶועט זֶען נַחַת בַּיי זֵיי, אָבֶּער אַז מֶען נֶעמְט דִי גְרִינְגֶע וֶועג אִין אָנְהוֹיבּ, מֶען אִיז נִישְׁט מְחַנֵּךְ דִי קִינְדֶער, מֶען לָאזְט זֵיי טוּן וָואס זֵיי ווילְן, וֶועט בַּיים סוֹף זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער.

**וְעַל** כּוּלָם דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער. מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט, אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט אוּן דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז דֶער תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם וואו זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִי זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זֶען אַסַאךְ נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער.

# תתקז

## ווי אַזוֹי לֶערְנְט מֶען שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִזּוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן דִי דְּרָשׁוֹת, וּבִפְרַט יֶעצְט וֶוען אִיךְ לֶערְן שׁוֹין אַ שְׁטִיק צַייט אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, אִיךְ בִּין מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדְן טָאג אוּן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט עֶטְלִיכֶע מַסֶּכְתוֹת הַשַּׁ"ס; אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן ווי אַזוֹי מֶען לֶערְנְט שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד. יֶעצְט וויל אִיךְ לֶערְנֶען הִלְכוֹת פֶּסַח, אוּן אִיךְ ווֵייס נִישְׁט אוֹיבּ אִיךְ זָאל לֶערְנֶען בְּלוֹיז מְחַבֵּר רְמָ"א, אָדֶער מִיט מִשְׁנָה בְּרוּרָה, אָדֶער נָאר מִיט בְּאֵר הֵיטֵב, ווַייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט צוּפִיל צַייט פַאר דֶעם.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת צַו, ו' נִיסָן, שְׁנַת תשׁ"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל לֶערְנֶען שֻׁלְחָן עָרוּךְ יֶעדְן טָאג, אַזוֹי ווי עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כט): "כָּל אִישׁ יִשְׂרְאֵלִי מְחֻיָּב לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם פּוֹסְקִים וְלֹא יַעֲבֹר, וְאַף אִם הוּא אָנוּס וְאֵין לוֹ פְּנַאי, יִלְמַד עַל כָּל פָּנִים אֵיזֶה סְעִיף 'שֻׁלְחָן עָרוּךְ' בְּאֵיזֶה מָקוֹם

שֶׁהוּא, אֲפִלּוּ שֶׁלֹּא בִּמְקוֹמוֹ שֶׁהוּא עוֹמֵד עַתָּה בְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ, כִּי צָרִיךְ לִלְמֹד אֵיזֶה דִּין בְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּל יְמֵי חַיָּיו", יֶעדֶער אִיד דַארְף לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג שֻׁלְחָן עָרוּךְ חֹק וְלֹא יַעֲבוֹר, אֲפִלּוּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין צַייט, מֶען אִיז אַן אָנֶס, דָאךְ זָאל מֶען לֶערְנֶען אַ סְעִיף אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אֲפִלּוּ שֶׁלֹּא כְּסִדְרָן, וַוייל יֶעדֶער אִיד מוּז לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג פוּן זַיין לֶעבְּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ - זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, "וּכְשֶׁאֵינוֹ אָנוּס יִלְמַד כְּסֵדֶר כָּל הָאַרְבָּעָה שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִדֵּי יוֹם בְּיוֹמוֹ, וּכְשֶׁיִּגְמֹר וִיסַיֵּם הָאַרְבָּעָה שֻׁלְחָן עָרוּךְ יַחֲזֹר וְיַתְחִיל לְלָמְדָם כְּסֵדֶר, וְכֵן יִנְהַג כָּל יְמֵי חַיָּיו", אוּן וֶוען עֶר אִיז נִישְׁט קַיין אָנֶס זָאל עֶר זֶען צוּ לֶערְנֶען אוֹיף אַ סֵדֶר, יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, בִּיז עֶר וֶועט עֶנְדִיגְן גַאנְץ שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אוּן נָאכְדֶעם זָאל עֶר אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל שֻׁלְחָן עָרוּךְ. אַזוֹי זָאל מֶען זִיךְ פִירְן אַ גַאנְץ לֶעבְּן.

**עֶס** אִיז כְּדַאי צוּ הָאבְּן צְוַויי שִׁעוּרִים אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל הָאבְּן צְוַויי שִׁעוּרִים אִין הֲלָכָה, אֵיין שִׁעוּר אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ הַקְּטַנִּים - דָאס אִיז "מְחַבֵּר אוּן רְמָ"א", אוּן נָאכְדֶעם נָאךְ אַ שִׁעוּר אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ הַגְּדוֹלִים - אַ שִׁעוּר אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט אַלֶע פּוֹסְקִים וָואס זֶענֶען גֶעדְרוּקְט אַרוּם דֶעם שֻׁלְחָן עָרוּךְ: טוּרֵי זָהָב, מָגֵן אַבְרָהָם וְכוּ'. מַאךְ זִיךְ צְוַויי שִׁעוּרִים, אֵיין שִׁעוּר מְחַבֵּר רְמָ"א; אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְן זִיךְ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִיט טַלִּית וּתְפִלִּין דְּרַבֵּנוּ תָּם אַבִּיסְל הֲלָכָה, דָאס פְלֶעגְט זַיין דֶער סִימָן פוּן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד - אַז עֶר הַאלְט אִין טַלִּית בַּייטְל אַ קְלֵיינֶעם 'שֻׁלְחָן עָרוּךְ'. דִי אַנְדֶערֶע שִׁעוּר זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען לוֹיטְן סֵדֶר

אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט אַלֶע נוֹשְׂאֵי כֵּלִים בִּיז הֲלָכָה לְמַעֲשֶׂה, און פַאר אַ יוֹם טוֹב זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען דִי הֲלָכוֹת פוּנֶעם יוֹם טוֹב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

## תתקח

### וָואס טוּט מֶען וָוען מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין אִין מִקְוֶה?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁעוּרִים און חִזּוּק וָואס אִיךְ הֶער שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט, יֶעצְט אִין דִי שְׁוֶוערֶע אָנְגֶעצוֹיגֶענֶע צַייט פוּן דִי קָארָאנֶע ווַיירוּס קוּמְט עֶס דָאס מֶערְסְטֶע צוּנִיץ, און מֶען זֶעט אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט מוּז יֶעצְט צוּקוּמֶען צוּ דִי עֵצוֹת. מֶען דַארְף זִיצְן אִינְדֶערְהֵיים און פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי וַוייבּ און קִינְדֶער, מֶען קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין מִיט חֲבֵרִים. יֶעצְט דַארְף דִי וַוייבּ נָאךְ פִיל מֶער גוּטֶע וֶוערְטֶער און חִזּוּק, און מִיט דִי עֵצוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א ווַייסְט מֶען ווִי אַזוֹי דָאס צוּ טוּן. דֶער סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד אִיז דָאךְ מַמָּשׁ אַ יְשׁוּעָה אִין דִי יֶעצְטִיגֶע צַייט וָוען מֶען זִיצְט אִינְדֶערְהֵיים.

אֲפִלּוּ וָוען אִיךְ קֶען נִישְׁט גֵיין דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, ווַייס אִיךְ אָבֶּער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר אַלֶעמָאל, און אִיךְ קֶען אַלֵיין אִיבֶּעראַל דַאוֶוענֶען און רֶעדְן צוּ אִים.

מֶען זֶעט אַז מֶענְטְשְׁן מַאכְן יֶעצְט חֲתֻנָּה אִינֶדערְהֵיים מִיט קוֹים אַ מִנְיָן אִידְן, אָן דִי אַלֶע אִיבְּרִיגֶע נַארִישְׁקֵייטְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט נָאךְ אַ זַאךְ, עֶס זֶענֶען דָא בְּרֶסְלֶב'עֶ פְּרוֹיעֶן וָואס שִׁיקְן דִי מֶענֶער קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אֲפִלּוּ זֵיי דַארְפְן דֶעמָאלְט הָאבְּן וְכוּ', אוּן יֶעצְט זֶעט מֶען אַז פִילֶע הוּנְדֶערְטֶער פְּרוֹיעֶן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אִין שְׁפִּיטָאל הָאבְּן - אָן דִי מֶענֶער, וַוייל מֶען לָאזְט נִישְׁט דִי מֶענֶער מִיטְקוּמֶען אִין שְׁפִּיטָאל.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְּרֶעגְן וָואס מֶען קֶען טוּן וֶוען מֶען דַארְף גֵיין אִין מִקְוֶה, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט; אִיז דָא עֶפֶּעס אַן עֵצָה אוֹיף דֶעם?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת צַו, ו' נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אַז** מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין אִין מִקְוֶה - קֶען מֶען יוֹצֵא זַיין מִיט ט' קַבִּין; לָאז רִינֶען דִי וַואסֶער פוּן שׁוֹיעֶר אוֹיף דִיר פַאר בְּעֶרךְ פִינְף מִינוּט, דָאס וֶועט זַיין בִּמְקוֹם מִקְוֶה. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס הֶעלְפְט נָאר פַאר אַ מַאן אוּן נָאר וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין מִקְוֶה.

**דֶער** עִקָּר דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט שִׂמְחָה; שִׂמְחָה אִיז אַ הֵיילוּנְג פַאר אַלֶע מַחֲלוֹת. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, "וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל

כּחוֹ", און אַוֶועק נֶעמֶען פון זִיךְ דִי עַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת. "וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם, כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", אַלֶע מַחֲלוֹת און קְרֶענְק וָואס קוּמֶען אוֹיפְן מֶענְטְשׁ קוּמְט נָאר צוּלִיבּ עַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה. און דֶער רֶבִּי זָאגְט וַוייטֶער: "וְגַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים הֶאֱרִיכוּ בָּזֶה, שֶׁכָּל הַחוֹלַאַת עַל יְדֵי מָרָה שְׁחוֹרָה וְעַצְבוּת, וְהַשִּׂמְחָה הוּא רְפוּאָה גְּדוֹלָה", אוֹיךְ דִי דָאקְטוֹיִרים זֶענֶען מוֹדֶה אַז אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען און קְרֶענְק קוּמֶען פון נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ, און שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרֶענְק; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ - נֶעמְט עֶר אַוֶועק פון זִיךְ אַלֶע צָרוֹת און יִסּוּרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים", און צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

## תתקט

### דַארְף מֶען זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אִין דִי יֶעצְטִיגֶע צַייטְן צוּ טְרֶעפְן אַ מִנְיָן און מִקְוֶה?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁעוּרִים וָואס גִיבְּט מִיר חִזּוּק בְּסֵדֶר. אִיךְ וואוֹין נִישְׁט אִין אַמֶערִיקֶע, אָבֶּער אוֹיךְ דָא קוּמְט אָן דִי גִּלְיוֹנוֹת און דִי עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, און מִיר הַאלְטְן מִיט דִי שִׁעוּרִים אוֹיפְן טֶעלֶעפָאן.

יֶעצְט אִיז דָא פַארְשְׁפַּארְט אַלֶע יְשִׁיבוֹת, חֲדָרִים, בָּתֵּי מִדְרָשִׁים אוּן מִקְוָאוֹת, צוּלִיבּ דִי קָארָאנֶע וֵויירוּס. עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן אַ מִנְיָן אוּן אַ מִקְוֶה, ווִיל אִיךְ ווִיסְן ווִיפִיל אִיךְ דַארְף זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען יָא צוּ זוּכְן אַ מִקְוֶה אוּן אַ מִנְיָן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת צַו, ו' נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְפְן מִיר ווִיסְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַז מִיר אִידִישֶׁע קִינְדֶער לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיר פַארְגֶעסְן נִישְׁט קַיין אֵיין רֶגַע פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מִיר וֵוייסְן אוּן גְלֵייבְּן אַז עֶר אוּן נָאר עֶר פִירְט דִי וֶועלְט, קַיין שׁוּם זַאךְ פַּאסִירְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין; אַלֶעס אַלֶעס אִיז עֶר אַלֵיין וָואס פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ פִּינְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, עֶר פִירְט דָאס מִיט גֶערֶעכְטִיגְקֵייט.

וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה וֶוערְט מֶען נִישְׁט פַארְלוֹירְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ; מֶען לֶעבְּט מִיט בִּטָחוֹן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר גֶעבְּט לֶעבְּן אוּן עֶר וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי מַחֲלָה פוּן קָארָאנֶע אוּן פוּן אַלֶע מַחֲלוֹת וָחֳלָאִים רָעִים.

**יֶעצְט** דַארְפְן מִיר מְקַיֵּם זַיין וָואס דֶער נָבִיא זָאגְט (יְשַעְיָה כו, כ): "לֵךְ עַמִּי בֹּא בַחֲדָרֶיךָ וּסְגֹר דְּלָתְךָ בַּעֲדֶךָ, חֲבִי כִמְעַט רֶגַע עַד יַעֲבָר זָעַם"; עֶס אִיז אַ צַייט וָואס מִיר דַארְפְן בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין צַייט פוּן זִיךְ דְרֵייעֶן אִין גַאס וְכוּ'. מִיר דַארְפְן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַלֶע אִידְן זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

**יֶעצְט** וֶוען אַלֶע מִקְוָאוֹת זֶענֶען פַארְשְׁלָאסְן קֶען מֶען נוּצְן ט' קַבִּין וַואסֶער אַנְשְׁטָאט מִקְוֶה, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ נָאר פַאר מֶענֶער אוּן נָאר ווִילַאנְג עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין מִקְוָאוֹת.

**אַז** מֶען הָאט נִישְׁט קַיין מִנְיָן דַאוֶוענְט מֶען אָן מִנְיָן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט אוּן וֵוייסְט ווִי שְׁטַארְק מֶען ווִיל דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן אוּן עֶר נֶעמְט עֶס אָן אַזוֹי ווִי מֶען דַאוֶוענְט מִיט מִנְיָן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל שׁוֹין רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז אוּן אוּנְז שִׁיקְן דֶעם גוֹאֵל צֶדֶק, מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ זָאל אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן פוּנֶעם בִּיטֶערְן גָּלוּת, עֶס זָאל מְקֻיָּם וֶוערְן (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אוּן עֶר זָאל אוּנְז אַהֵיים טְרָאגְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וואוּ מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים", אָמֵן.

**אַ** פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

# תתקי

## מַיינֶע עֶלְטֶערְן רֶעדְן קֶעגְן מַיין רֶבִּי, מֶעג אִיךְ זֵיי עֶנְטְפֶערְן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

זַייט אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א'ס דְּרָשׁוֹת, הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר נִזְהָר צוּ זַיין אִין כִּיבּוּד אָב וָאֵם, מְכַבֵּד זַיין מַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן נִישְׁט צוּרִיק עֶנְטְפֶערְן וֶוען זֵיי שְׁרֵייעֶן מִיךְ אָן.

אִיךְ הָאבּ אָבֶּער גֶעוָואלְט ווִיסְן וָואס דִי הֲלָכָה אִיז וֶוען מַיינֶע עֶלְטֶערְן שְׁרֵייעֶן אוֹיף מִיר אַז מַיין רֶבִּי אִיז נִישְׁט קַיין רֶבִּי, אוּן נָאךְ אַזֶעלְכֶע סָארְט נִישְׁט שֵׁיינֶע לְשׁוֹנוֹת אוֹיף דֶעם פְּלַאץ וואוּ אִיךְ דְרֵיי זִיךְ. מֶעג אִיךְ זֵיי שֵׁיינֶערְהֵייט זָאגְן אַז דָאס אִיז מַיין רֶבִּי אוּן אִיךְ טָאר נִישְׁט הֶערְן רֶעדְן קֶעגְן אִים, אָדֶער עֶפֶּעס עֶנְלִיכְס, אוֹיף אַן אֵיידֶעלֶע וֶועג, אָדֶער זָאל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ אָפְּשְׁוַוייגְן אַזוֹי ווִי אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע בִּזְיוֹנוֹת וָואס אִיךְ כַאפּ בְּסֵדֶר?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת צַו, ו' נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** וֵוייס נִישְׁט וֶוער דַיין רֶבִּי אִיז אוּן אִין וֶועלְכֶע פְּלַאץ דוּ דְרֵייסְט זִיךְ; אוֹיבּ אִיז דַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּן דוּ דְרֵייסְט זִיךְ אִין הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ זָאלְסְטוּ אַוַדַאי נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן וֶוען מֶען שְׁרֵייט אוּן מֶען שְׁפֶּעט פוּן אוּנְז. אַז דוּ

וֶועסְט נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן וֶוען מֶען פַארְשֶׁעמְט דִיר - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ דִי רִיכְטִיגֶע תְּשׁוּבָה. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ו): "וְעִקַּר הַתְּשׁוּבָה כְּשֶׁיִּשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ, יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק", אַז מֶען וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט און מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ - דָאס אִיז דֶער עִקָּר וִוי אַזוֹי מֶען טוּט תְּשׁוּבָה.

**אוּנְזֶער** זַאךְ אִיז אָפְּשְׁוַוייגְן וֶוען מֶען הָאט אַ בִּזָּיוֹן. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אַמָאל אִיז דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה גֶעגַאנְגֶען מִיט אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, אוֹיפְן וֶועג אִיז צוּגֶעקוּמֶען אַ מִתְנַגֵּד און גֶעוָוארְפְן אוֹיפְן טְשֶׁערִינֶער רָב אַ שְׁטִיק צוֹאָה, דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ שֵׁיינֶע זַיידֶענֶע בֶּעקִיטְשֶׁע און דִי בֶּעקִיטְשֶׁע אִיז פַארְשְׁמִירְט גֶעוָוארְן, עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט וואוּסְנְדִיג גֶעמַאכְט נָאר עֶר אִיז וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען, אָבֶּער דֶער אַנְדֶערֶער וָואס אִיז מִיטְגֶעגַאנְגֶען מִיט אִים הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם מִתְנַגֵּד און אָנְגֶעפַאנְגֶען שְׁרֵייעֶן: "שֵׁגֶץ!" וְכוּ' און דֶער מִתְנַגֵּד הָאט צוּרִיק גֶעשְׁרִיגְן וְכוּ'. הָאט דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב אִים אָנְגֶעכַאפְּט און גֶעזָאגְט: "שְׁוַויג, דָאס אִיז דָאךְ אוּנְזֶער זַאךְ", און עֶר הָאט צוּגֶעלֵייגְט: "אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ שְׁוַוייגְט אָפּ אוֹיף בִּזְיוֹנוֹת אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ גָאר שֵׁיינֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט".

**עֶנְטְפֶער** נִישְׁט קֵיינֶעם, בִּפְרַט דַיינֶע עֶלְטֶערְן; אַז דַיינֶע עֶלְטֶערְן רֶעדְן אוֹיפְן רֶבִּי'ן און אוֹיף בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חֲסִידִים - זָאלְסְטוּ זִיךְ הַאלְטְן שְׁטִיל און גֶעלַאסְן, מִיט דֶעם וֶועסְטוּ אָפְּשְׁטִילְן אַלֶע מַחֲלֹקֶת און קְרִיגֶערֵייעֶן. קֵיינֶער וֶועט

דִיר נִישְׁט קֶענֶען אָפְּשְׁוַואכְן, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מְרִיבָה, סִימָן לה): "מִי שֶׁהוּא עָצוּר בְּמִלִּין, לֹא יוּכַל אוֹתוֹ שׁוּם אָדָם", וֶוער עֶס עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט אוּן רֶעדְט נִישְׁט, קֶען אִים קֵיינֶער נִישְׁט בַּייקוּמֶען.

**אִין** זְכוּת וָואס דוּ גֶעבִּסְט אַכְטוּנְג אוֹיף דִי כָּבוֹד פוּן דַיינֶע עֶלְטֶערְן - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים, דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים", אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

**אַ** פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

# תתקיא

## אַ מֵיידְל וָואס אַרְבֶּעט קֶען נֶעמֶען דָאס גֶעלְט פַאר זִיךְ, אָדֶער גֶעבְּן פַאר דִי עֶלְטֶערְן?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל, אוּן כָאטְשׁ וָואס אִיךְ גֵיי נִישְׁט אִין דִי "בֵּית פֵּיגָא" סְקוּל, אִיז אָבֶּער מַיין גַאנְצֶער מֹחַ דָארְט, אִיךְ הֶער דִי שִׁעוּרִים אוּן דָאס אִיז מַיין וֶועגְוַוייזֶער אִין לֶעבְּן. סְפֶּעצִיעֶל ווִיל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי פָארְשְׁטֶעלוּנְג "דֶער בֶּערְגֶער אוּן דֶער אָרֶעמַאן", פוּן וָואס אִיךְ הָאבּ גָאר שְׁטַארְק הֲנָאָה גֶעהַאט.

איךְ בִּין אַ לֶערעֶרִין און איךְ פַארְדִין גֶעלְט, הָאב אִיךְ גֶעוָואלְט וויסְן וָואס איךְ דַארְף טוּן מִיט דִי גֶעלְט; זָאל אִיךְ עֶס אַוֶועקְלֵייגְן פַאר מִיר אוֹיף נָאךְ דִי חֲתֻנָּה, אָדֶער זָאל אִיךְ עֶס גֶעבְּן פַאר מַיין טַאטֶע? און דִי זֶעלְבֶּע שְׁאֵלָה הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ אוֹיף דִי טִיפְּס וָואס אִיךְ בַּאקוּם חֲנוּכָּה און פּוּרִים.

אוֹיךְ קוּמְט מִיר אוֹיס אַסַאךְ מָאל אַז אִיךְ וִויל זִיךְ עֶפֶּעס קוֹיפְן, וִוי לְמָשָׁל אַ קַאמֶערֶע אָדֶער עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, מֶעג אִיךְ דָאס קוֹיפְן פוּן מַיין אֵייגְן גֶעלְט?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת צַו, ו' נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**אִיךְ** פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אַייעֶר לֶעבְּן נֶעמְט אִיר פוּן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי אִיז אַייעֶר וֶועגְוַוייזֶער; וֶוער עֶס לֶעבְּט מִיטְן רֶבִּי'ן - לֶעבְּט אַ לֶעבְּן, מֶען לֶעבְּט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל מִיט אַ צַדִּיק הָאט מֶען אַ לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, מֶען שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי קְלָאר - וִוי מֶען זֶעט דָאס מִיט דִי אוֹיגְן, דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז גְרִינְגֶער מִיט אֱמוּנָה.

**בִּיז** אַייעֶר חֲתֻנָּה זָאלְט אִיר גֶעבְּן אַייעֶר גֶעלְט פַאר אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן; אִיר וואוֹינְט דָאךְ בַּיי זֵיי, אִיר לֶעבְּט דָאךְ אוֹיף זֵייעֶר חֶשְׁבּוֹן, זָאלְט אִיר זֵיי גֶעבְּן אַייעֶרֶע פַארְדִינְסְטְן און וָואס אִיר דַארְפְט זָאלְט אִיר זֵיי פְרֶעגְן און בֶּעטְן, וֶועלְן זֵיי אַייךְ גֶעבְּן.

**אַז** אַייעֶר גַאנְצֶע מֹחַ אִיז אִין בֵּית פֵּיגָא דַארְפְט אִיר זִיךְ פִירְן וִוי דִי תַלְמִידוֹת פוּן בֵּית פֵּיגָא; אִיר זָאלְט זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, אַזוֹי וֶועט אִיר עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דֶעם סֵפֶר תְּהִלִּים, וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת וָואס דֶער אַייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן מִיט אַייךְ. גֶעלוֹיבְּט דֶעם אַייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶע תַלְמִידוֹת פוּן בֵּית פֵּיגָא פְּרוּבִּירְן זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן עג; שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כג; וְעוֹד).

**בְּשַׁעַת** אִיר זָאגְט דִי קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים זָאלְט אִיר אַרַיינְפְלֶעכְטְן אַייעֶרֶע אַייגֶענֶע תְּפִלּוֹת צוּם אַייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ; וָואס אִיר דַארְפְט אוּן וָואס אִיר ווִילְט זָאלְט אִיר אִים בֶּעטְן אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע ווּאוּנְדֶער.

**אַ** פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

## תתקיב

**וִוי אַזוֹי שְׁטַארְקְט מֶען זִיךְ צוּ רֶעדְן צוּם אַייבֶּערְשְׁטְן?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְרוֹי וָואס אִיז זִיךְ מְחַיֶּ' אוּן מְחַזֵּק מִיט דִי דְרָשׁוֹת אוּן עֵצוֹת צוּ יֶעדֶע צַייט, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ וֵויס אוּן אִיךְ פַארְשְׁטֵיי דִי ווִיכְטִיגְקֵייט פוּן רֶעדְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אַייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ, אוּן אַלְס אַ מַאמֶע פוּן קִינְדֶער הָאב אִיךְ גֶענוּג

און נָאךְ וָואס צו בֶּעטְן, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאבּ אִיךְ אָבֶּער נִישְׁט קַיין גֶעפִּיל צו רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִויפִּיל אִיךְ הֶער וֶועגְן דֶעם און אִיךְ נֶעם זִיךְ אוּנְטֶער אַז אִיךְ גֵיי עֶס טוּן, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה רֶעד אִיךְ נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִיז דָא אַן עֵצָה אוֹיף דֶעם?

אוֹיךְ לַייד אִיךְ אַסַאךְ פוּן פוֹילְקֵייט, און אִיךְ זוּךְ אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי זִיךְ צו שְׁטַארְקְן אוֹיף דֶעם.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת צַו, ו' נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**אִיךְ** וֶועל אַייךְ קֹדֶם עֶנְטְפֶערְן אוֹיף אַייעֶר צְוֵוייטֶע פְּרַאגֶע.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קפט) מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן עַצְבוּת און עַצְלוּת, ווייל דֶער גַאנְצֶער כֹּחַ פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם אִיז עַצְבוּת און עַצְלוּת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה סה, כה): "וְנָחָשׁ עָפָר לַחְמוֹ", דֶעם שְׁלַאנְג'ס עֶסְן אִיז עֶרְד; דֶער שְׁלַאנְג אִיז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם, זַיין זַאךְ אִיז עֶרְד, וָואס פוּן עֶרְד קוּמְט דִי שְׁלֶעכְטֶע נַאטוּרְן פוּן פוֹילְקֵייט און צוּעֶלֵיינְגְקֵייט, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם זוּכְט אַרַיין צו בְּרֶענְגֶען אִין מֶענְטְשְׁן דִי נַאטוּרְן וָואס קוּמְט פוּן עֶרְד.

וֶוען מֶען הָאט דִי שְׁלֶעכְטֶע נַאטוּרְן פוּן דֶעפְּרֶעסְיֶע און פוֹילְקֵייט, דַארְף מֶען נֶעמֶען דִי עֵצָה וָואס רֶבִּי נָתָן

**זָאגְט** (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת תְּפִלִּין הֲלָכָה ה׳, אוֹת מ), דִי עֵצָה פוּן אֱמוּנָה; אֱמוּנָה קוּמְט אוֹיךְ פוּן עֶרְד, עֶס אִיז אָבֶּער פוּן הֵיילִיגֶע עֶרְד, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים לז, ג): ״שְׁכָן אֶרֶץ וּרְעֵה אֱמוּנָה״; אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה הוֹיבְּט מֶען אָן בַּאקוּמֶען חַיּוּת, מֶען ווִיל לֶעבְּן, מֶען ווִיל אוֹיפְטוּן, מֶען ווִיל וַואקְסְן, מֶען ווִיל מַצְלִיחַ זַיין; אֱמוּנָה הֵייבְּט דֶעם מוּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

**דֶערְפַאר** אַז אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר זֶענְט פוּיל, אִיר הָאט נִישְׁט קַיין מוּט, זָאלְט אִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אֱמוּנָה, אִיר זָאלְט רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה מִיט אַנְדֶערֶע אוּן אוֹיךְ מִיט זִיךְ אַלֵיינְס. אַזוֹי אוֹיךְ אִיז כְּדַאי אִיר זָאלְט הֶערְן נִגּוּנִים פוּן אֱמוּנָה, דוּרְכְדֶעם וֶועט בַּיי אַייךְ גֶעשְׁטַארְקְט וֶוערְן דֶער מוּט, אִיר וֶועט הָאבְּן חֵשֶׁק צוּ טוּן אַייעֶר אַרְבֶּעט מִיט אַ חֵשֶׁק אוּן זְרִיזוּת.

**דָאס** וֶועט שׁוֹין זַיין אַן עֵצָה פַאר אַייעֶר עֶרְשְׁטֶע פְּרַאגֶע, וָואס צוּ טוּן צוּ זַיין שְׁטַארְק אִין תְּפִלָּה; ווַייל אַז מֶען הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, מֶען גְלֵייבְּט אַז ׳דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר׳, דֶעמָאלְט רֶעדְט מֶען גְרִינְג צוּ אִים. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט נֶעבְּן אִים אוּן הֶערְט צוּ וָואס עֶר בֶּעט אִים, וָואלְט עֶר גֶעדַאוֶוענְט יֶעדֶעס וָוארְט מִיט כַּוָּנָה. דִי סִבָּה פַארְוָואס מֶען אִיז מְזַלְזֵל אִין תְּפִלָּה אִיז ווַייל מֶען הָאט נִישְׁט דִי אֱמוּנָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִינְט זִיךְ דָא. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן סב): ״וּבֶאֱמֶת, אִם הָיָה יוֹדֵעַ הָאָדָם יְדִיעָה בְּלֵב שָׁלֵם ׳שֶׁמְּלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, וְהַקָּדוֹשׁ

בָּרוּךְ הוּא עוֹמֵד בִּשְׁעַת הַתְּפִלָּה, וְשׁוֹמֵעַ הַתְּפִלָּה', וַדַּאי הָיָה מִתְפַּלֵּל בְּהִתְלַהֲבוּת גָּדוֹל, וְהָיָה מְדַקְדֵּק מְאֹד לְכַוֵּן אֶת דְּבָרָיו", וְוען אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט וֶוען גֶעווּאוּסְט בַּיי זִיךְ קְלָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט נֶעבְּן אִים בִּשְׁעַת עֶר דַאוֶוענְט אוּן עֶר הֶערְט צוּ יֶעדְעס וָוארְט וָואס עֶר בֶּעט אִים - וָואלְט עֶר גֶעדַאוֶוענְט אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין אוּן עֶר וָואלְט מְכַוֵּן גֶעוֶוען יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶע וָוארְט וִוי אַזוֹי עֶר זָאגְט עֶס אַרוֹיס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים", אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

## תתקיג

### ווי אַזוֹי גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן אַ שְׁלֶעכְטֶע גִיסְטֶע?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קֹדֶם מוּז אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁעוּרִים, וָואס הֶעלְפְן מִיר אַזוֹיפִיל אִין אַלֶע תְּחוּמִים אִין לֶעבְּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ בַּאצָאלְן בְּכֶפֶל כִּפְלַיִם.

אִיךְ בִּין אַ מֶענְטְשׁ וָואס טוּישְׁט כְּסֵדֶר דִי גִיסְטֶע, אַמָאל בִּין אִיךְ אִין אַ גוּטֶע גִיסְטֶע אוּן אַמָאל אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע, אוּן דָאס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר. אִיךְ ווִיל אַלְץ זַיין גוּטְמוּטִיג אוּן אוּיפְגֶעלֵייגְט, אָבֶּער וֶוען אִיךְ פַאל אַרַיין

אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע גִיסְטֶע, קֶען אִיךְ זִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט אַרוֹיסְזֶען דֶערְפוּן. וֶוען עֶס קוּמְט מִיר אוֹיס צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ, אָדֶער צוּ טוּן עֶפֶּעס אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע גוּטֶע זַאךְ, דַאן וֶוער אִיךְ פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, אָבֶער בִּיז דַאן דַארְף אִיךְ אוֹיךְ אַן עֵצָה.

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ הַאלְטְן אַלְץ בְּשִׂמְחָה אוּן אִין אַ גוּטֶע מוּט?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת צַו, ז' נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כד): "טֶבַע הָאָדָם לִמְשֹׁךְ עַצְמוֹ לְמָרָה שְׁחֹרָה וְעַצְבוּת", דֶער נַאטוּר פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ צוּ צִיעֶן צוּ זַיין אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע גוּסְטֶע, "מֵחֲמַת פִּגְעֵי וּמִקְרֵי הַזְּמַן וְכָל אָדָם מָלֵא יִסּוּרִים", וַוייל עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם שְׁוֶועריקַייטְן, יֶעדֶער אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט יִסּוּרִים, "עַל כֵּן צָרִיךְ לְהַכְרִיחַ אֶת עַצְמוֹ בְּכֹחַ גָּדוֹל לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, זַיין אִין אַ גוּטֶע גִיסְטֶע, "וּלְשַׂמֵּחַ אֶת עַצְמוֹ בְּכָל אֲשֶׁר יוּכַל, וַאֲפִלּוּ בְּמִלֵּי דִשְׁטוּתָא", מֶען דַארְף זִיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן מִיט וָואס מֶען קֶען נָאר, אֲפִלּוּ מִיט נַארִישֶׁע זַאכְן, אַבִּי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דָאס אִיז נִישְׁט דַיין פְּרִיוַואטֶע פְּרָאבְּלֶעם, אַז דוּ פַאלְסְט כְּסֵדֶר אַרַיין אִין אַ נִישְׁט גוּטֶע גִיסְטֶע, נָאר דָאס אִיז בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם אַזוֹי; דָאס אִיז דֶער נַאטוּר פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, זִיךְ צוּ צִיעֶן צוּ זַיין דֶערְבִּיטֶערְט אוּן בַּאזָארְגְט, אוּן מִיר אַלֶע דַארְפְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן זִיךְ צוּ פְרֵיילִיךְ מַאכְן מִיט וָואס אִימֶער, מִיט יֶעדֶע זַאךְ, אֲפִלּוּ מִיט נַארִישְׁקֵייטְן.

דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אִיז בֶּעטְן אוֹיף דֶעם יֶעדְן טָאג; בֶּעט דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, בֶּעט דִי תְּפִלָּה:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין קַיין שְׁלֶעכְטֶע גִיסְטֶע, אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן דָאס גוּטְס וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר, אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ בִּיסְט מִיט מִיר.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאב אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ וִוי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן; אֵיין מִינוּט בִּין אִיךְ פְרֵיילִיךְ אוּן דִי אַנְדֶערֶע מִינוּט פַאל אִיךְ אַרַיין אִין אַ דֶעפְּרֶעסְיֶע, אֵיין מִינוּט בִּין אִיךְ רוּאִיג אוּן דִי אַנְדֶערֶע מִינוּט בִּין אִיךְ אוּמְרוּאִיג; אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין פְרֵיילִיךְ, רוּאִיג אִין אַ גוּטֶע גִיסְטֶע, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוֹיפְן סַמֶ"ךְ מֶ"ם וָואס וִויל מִיךְ נָאר דֶערְשְׁרֶעקְן אוּן דֶערְבִּיטֶערְן, מִיר צוּנֶעמֶען מַיין רוּאִיגֶע לֶעבְּן.

הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דַיינֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, בִּזְכוּת רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר

יוֹחָאי, בִּזְכוּת רֶבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִי, בִּזְכוּת רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, בִּזְכוּת רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב, בִּזְכוּת רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, בִּזְכוּת רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה מִבְּרֶסְלֶב. "יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ ה' צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים", אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

## תתקיד

**נָאכְן חוֹזֶק מַאכְן פוּן בְּרֶסְלֶב אַזוֹי לַאנְג, הָאט עֶס יֶעצְט מִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט!**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אֶת חֲטָאַי אֲנִי מַזְכִּיר הַיּוֹם, אִיךְ בִּין אַלֶעמָאל אַוֶועקְגֶעשְׁטַאנֶען פוּן בְּרֶסְלֶב, אִיךְ פְלֶעג אַלְץ חוֹזֶק מַאכְן פוּן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס טֵיילְן אוֹיס דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ קוּנְטְרֵסִים, אָבֶּער יֶעצְט וֶוען אִיךְ זַייְן שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אִינְדֶערְהֵיים מִיט מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אִיךְ בִּין אַיינְגֶעהִילְט אִין שְׁרֶעק פוּן דִי קָארָאנֶע וַויירוּס, הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעבְּרָאכְן אוּן אָנְגֶערוּפְן דִי טֶעלֶעפָאן לַיין פוּן "קוֹל בְּרֶסְלֶב", אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּ' מִיט דִי שִׁעוּרִים אוּן חִזּוּק, עֶס הָאט מִיר מַמָּשׁ צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם קָאלִיר אוֹיפְן פָּנִים, אוּן אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גֶעבֶּעטְן מַיין וַוייבּ זִי זָאל נָאר רוּפְן "קוֹל בְּרֶסְלֶב", זִי זָאל נִישְׁט רוּפְן דִי נַייעֶס הַאטְלַיינְס וָואס דֶערְשְׁרֶעקְן אַזוֹי שְׁטַארְק אוּן לָאזְן נִישְׁט לֶעבְּן.

פַאר דְרֵיי יָאר צוּרִיק אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ מִיר אִינְדֶערְהֵיים אַ בְּרֶסְלֶב'עֶ קוּנְטְרֵס, אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן אִין לוֹיף פוּן דִי צַייט, אָבֶּער יֶעצְט הָאבּ אִיךְ עֶס אַפִּירְגֶעקְרַאצְט, אוּן אִיךְ זֶע אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס צוּגֶעגְרֵייט מַמָּשׁ פַאר מִיר, עֶס רֶעדְט צוּ מַיין הַארְץ, אִיךְ לֵיין דָארְט מַמָּשׁ וָואס אִיךְ דַארְף יֶעצְט הֶערְן, אוּן עֶס אִיז וִוי נֶערְוְון טַאבְּלֶעטְן פַאר מִיר אִין דִי יֶעצְטִיגֶע שְׁוֶוערֶע צַייט.

אִיךְ וִויל אַייךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אִיבֶּערְבֶּעטְן אַז אִיךְ הָאבּ אַזוֹי אַוֶועקְגֶעמַאכְט אוּן חוֹזֶק גֶעמַאכְט פוּן בְּרֶסְלֶב דִי אַלֶע יָארְן, וַוייל הַיינְט שְׁפִּיר אִיךְ אַז אִיךְ קֶען מַמָּשׁ נִישְׁט אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן אָן דֶעם.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ -יוֹם ב' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ו נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

## זֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעוואוּסְט וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז - וָואלְטְן אַלֶע גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אַלֶע וָואלְטְן גֶעלֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים; וָואס קֶען מֶען טוּן אַז דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ גֵייט מִיט בִּזְיוֹנוֹת, עֶס אִיז אַ גֶעשְׁפֶּעט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ז', מִזְּבוּב וְעַכָּבִישׁ) וִוי פַאר זַיין נְשָׁמָה אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, הָאט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם גֶעשְׁרִיגְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אוֹיבּ דִי נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט, פַארְוָואס הָאסְטוּ מִיךְ בַּאשַׁאפְן?" הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דִי

נְשָׁמָה מוּז אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, דוּ גֵיי אוּן זוּךְ דִיר אַן עֵצָה", אִיז עֶר אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אוּן אִיז דֶערְנָאךְ צוּרִיק גֶעקוּמֶען מִיט אַן אַלְטִיטְשְׁקֶן אַן אַיינְגֶעבוֹיגֶענֶעם, זֵיי הָאבְּן גֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט: "דִי נְשָׁמָה קֶען שׁוֹין אַרָאפְּגֵיין, מִיר הָאבְּן שׁוֹין אַן עֵצָה".

**מוֹהֲרָא"שׁ** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט (בְּסֵפֶר נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן, שָׁם): "וָואס פַאר אַן עֵצָה הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעטְרָאפְן? לַאכְן - מֶען לַאכְט פוּנֶעם רֶבִּי'ן, מֶען שְׁפֶּעט אָפּ פוּן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד", דָאס אִיז דִי עֵצָה; דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם מַאכְט זִיכֶער אַז מֶען זָאל נִישְׁט מְקוֹרָב וֶוערְן צוּם רֶבִּי'ן דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר מַאכְט אַ גֶעשְׁפֶּעט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. וֶוען עֶר זֶעט אַז דֶער רֶבִּי אִיז מְתַקֵּן אַלֶעמֶען, דֶער רֶבִּי הָאט אַ שְׁפְּרַאךְ צוּ אַלֶע גֶעפַאלֶענֶע, אַזוֹי וִוי דֶער מְצִיאוּת אִיז, וֶוען מֶען קוּמְט קַיין אוּמַאן צִינְדְט זִיךְ אָן אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַן אִינֶערְלִיכֶער פֵייעֶר, דֶער מֶענְטְשׁ הוֹיבְּט אָן בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וָואס טוּט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם? עֶר לַאכְט אָפּ פוּן דֶעם אוּן מַאכְט אַ גֶעשְׁפֶּעט, עֶר פַארְשְׁפְּרֵייט בִּילְדֶער פוּן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מֶענְטְשְׁן וְכוּ', אַזוֹי הַאלְט עֶר צוּרִיק מֶענְטְשְׁן פוּן קוּמֶען קַיין אוּמַאן.

**דִי** אַלֶע וָואס רֶעדְן אוּן שְׁפֶּעטְן פוּן בְּרֶסְלֶב - שְׁפֶּעטְן נִישְׁט פוּן בְּרֶסְלֶב; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפב): "מֶען קְרִיגְט נִישְׁט אוֹיף מִיר, מֶען הָאט זִיךְ נָאר אוֹיסְגֶעשְׁנִיצְט אַ מֶענְטְשׁ אוּן אוֹיף אִים קְרִיגְט מֶען, אִיךְ קְרִיג אוֹיךְ אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ וָואס טוּט אַזֶעלְכֶע זַאכְן

וָואס טוֹיגְן נִישְׁט קְרִיג אִיךְ אוֹיךְ"; מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן נִישְׁט וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז, מֶען מֵיינְט אַז דָאס אִיז אַ פְּלַאץ פוּן מְשׁוּגָעִים, אַ פְּלַאץ פוּן עַזּוּת פָּנִימְ'ער; בֶּאֱמֶת אִיז דָאס אַ פְּלַאץ פוּן וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ פְּלַאץ פוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ פְּלַאץ צוּ קֶענֶען לֶעבְן דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אַ לֶעבְּן פוּן גַּן עֵדֶן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתקטו

## וָואס קֶען מֶען טוּן וֶוען דִי קָארָאנֶע וֵויירוּס בּוּזְשׁעוֶועט?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער כְּסֵדֶר פוּן נָאךְ אוּן נָאךְ אִידְן וָואס גֵייעֶן לֵיידֶער אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט פוּן דִי קָארָאנֶע וֵויירוּס, עֶס הֶערְשְׁט מַמָּשׁ אַ גֶעפֶערְלִיכֶער פַּחַד; וָואס דַארְפְן מִיר טוּן אִין אַזַא צַייט? אִיז בִּכְלַל דָא עֶפֶּעס צוּ טוּן? אֶפְשָׁר דַארְף מֶען גּוֹזֵר תַּעֲנִית זַיין?

ווי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אִין אַזַא צַייט? אוּן ווי אַזוֹי אִיז מֶען מְחַזֵּק דִי ווַייבּ אוּן קִינְדֶער?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ו נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַייְן בְּרִיווּ.

**וָואס** פְרֶעגְסְטוּ צִי עֶס אִיז בִּכְלַל דָא עֶפֶּעס וָואס צוּ טוּן? אַוַדַאי אִיז דָא וָואס צוּ טוּן, מֶען דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן! יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ אוּן פַארְרֶעכְטְן וָואס מֶען דַארְף פַארְרֶעכְטְן. וַוייל וֶוען עֶס קוּמְט שְׁוֶועִרִיקֵייטְן אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז אַלֶעס נָאר אוּנְז אוֹיפְצוּוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, מִיר זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן אוּן חַס וְשָׁלוֹם זָאגְן אַז דִי צָרָה קוּמְט פוּן זִיךְ אַלֵיין; עֶס אִיז אַ טֶבַע, מִקְרֶה, מַזָל.

**וֶוער** עֶס זָאגְט אַז דִי קָארָאנֶע ווֵיירוּס קוּמְט פוּן זִיךְ אַלֵיין - דֶער אִיז אַן אַכְזָר, אַ רוֹצֵחַ; וַוייל אַז מֶען טוּט נִישְׁט תְּשׁוּבָה, מֶען קוּקְט דָאס אָן ווִי אַ זַאךְ וָואס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין - וֶועט מַאכְן אַז עֶס זָאל קוּמֶען נָאךְ צָרוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן.

**ווִי** מֶעג אַ אִיד פְרֶעגְן אַזַא שְׁאֵלָה, צִי עֶס אִיז דָא וָואס צוּ טוּן? אַוַדַאי אִיז דָא וָואס צוּ טוּן, מִיר דַארְפְן תְּשׁוּבָה טוּן. דִי תוֹרָה זָאגְט (רַמְבַּ"ם הִלְכוֹת תַּעֲנִיּוֹת, פֶּרֶק א) וֶוען עֶס קוּמְט אַ צָרָה דַארְף מֶען ווִיסְן אַז דָאס אִיז צוּלִיבּ אוּנְזֶערֶע מַעֲשִׂים וָואס מִיר דַארְפְן פַארְרֶעכְטְן, אַזוֹי ווִי דֶער נָבִיא זָאגְט (יִרְמְיָה ה, כה): "עֲוֹנוֹתֵיכֶם הִטּוּ אֵלֶּה וְחַטֹּאותֵיכֶם מָנְעוּ הַטּוֹב מִכֶּם", אַייעֶרֶע עֲבֵירוֹת הָאט דָאס אַלֶעס גֶעבְּרֶענְגְט אוּן אַוֶועקְגֶענוּמֶען אַלֶע גוּטְס, אוּן דֶער וָואס זָאגְט: "מִמִּנְהַג הָעוֹלָם אֵרַע לָנוּ,

וְצָרָה זוֹ נִקְרָה נִקְרֵית", דָאס אִיז דִי סֵדֶר פוּן דִי וֶועלְט, עֶס פַּאסִירְט אַזוֹי וְכוּ' - "הֲרֵי זוֹ דֶרֶךְ אַכְזָרִיּוּת, וְגוֹרֶמֶת לָהֶם לְהִדַּבֵּק בְּמַעֲשֵׂיהֶם הָרָעִים", אִיז אַן אַכְזָר, "וְתוֹסִיף הַצָּרָה צָרוֹת אֲחֵרוֹת", אוּן דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען חַס וְשָׁלוֹם נָאךְ צָרוֹת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (וַיִּקְרָא כו, כז-כח): "וַהֲלַכְתֶּם עִמִּי בְּקֶרִי, וְהָלַכְתִּי עִמָּכֶם בַּחֲמַת קֶרִי", אוֹיבּ אִיךְ וֶועל בְּרֶענְגֶען צָרוֹת - זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - אוּן אִיר וֶועט זָאגְן אַז דָאס אִיז גֶעקוּמֶען פוּן זִיךְ אַלֵיין - וֶועל אִיךְ בְּרֶענְגֶען נָאךְ צָרוֹת.

**דֶערִיבֶּער** אַז מִיר שְׁטֵייעֶן אִין אַזַא צֵייט דַארְף זִיךְ יֶעדֶער אֵיינֶער מִתְבּוֹנֵן זַיין וָואס עֶר דַארְף פַארְרֶעכְטְן. אוּן זִיךְ פָארְנֶעמֶען צוּ טוּן גוּטֶע מַעֲשִׂים, דוּרְכְדֶעם וֶועלְן מִיר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט נִסִּים; דִי מַחֲלָה פוּן קָארָאנֶע אוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע מַחֲלוֹת מִיט וָואס אִידִישֶׁע קִינְדֶער מוּטְשֶׁען זִיךְ וֶועט אַוֶועק גֶענוּמֶען וֶוערְן פוּן אוּנְז, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (שְׁמוֹת טו, כו): "כָּל הַמַּחֲלָה אֲשֶׁר שַׂמְתִּי בְמִצְרַיִם לֹא אָשִׂים עָלֶיךָ כִּי אֲנִי ה' רֹפְאֶךָ".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתקטז

**מֶעג מֶען הֶערְן נִגּוּנִים פוּן אֱמוּנָה אִין דִי סְפִירָה טֶעג אִין דִי יֶעצְטִיגֶע שְׁוֶועֶרֶע צַייטְן?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט ווִיל אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דֶעם וָואס אִיר זֶענְט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ מְחַזֵּק צוּ זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן וַוייטֶער אַסַאךְ כֹּחַ אָנְצוּגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ אִין דִי יֶעצְטִיגֶע שְׁוֶועֶרֶע קָארָאנֶע צַייטְן מֶעג מֶען הֶערְן דִי נִגּוּנִים פוּן אֱמוּנָה, צוּם בַּיישְׁפִּיל דִי אַלְבּוּמְס "טַאנְץ מִיט אֱמוּנָה" אוּן דִי אַנְדֶערֶע נִגּוּנִים פוּן אֱמוּנָה - אִין דִי טֶעג פוּן סְפִירָה?

דִי נִגּוּנִים זֶענֶען מִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּ' אוּן גֶעבְּן מִיר לֶעבְּן, אָן דִי נִגּוּנִים וֶוער אִיךְ מַמָּשׁ פַארְטְרוּקְנְט אוּן פַארְגְלִיוֶוערְט; מֶעג אִיךְ עֶס הֶערְן אִין דִי סְפִירָה טֶעג?

יְיִשַׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ו נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אִין דִי סְפִירָה טֶעג הַאלְטְן מִיר אֲבֵילוּת אוֹיף דִי פִיר אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט תַּלְמִידִים פוּן דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי עֲקִיבָא וָואס זֵיי זֶענֶען אוֹיסְגֶעשְׁטָארְבְּן אִין דִי טֶעג פוּן סְפִירָה.**

אַזוֹי ווי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְבָמוֹת סב:): "שְׁנֵים עָשָׂר אֶלֶף זוּגִים תַּלְמִידִים הָיוּ לוֹ לְרַבִּי עֲקִיבָא", פִיר און צְוָואנְצִיג טויזְנְט תַּלְמִידִים הָאט רֶבִּי עֲקִיבָא גֶעהַאט, "וְכֻלָּן מֵתוּ בְּפֶרֶק אֶחָד מִפְּנֵי שֶׁלֹּא נָהֲגוּ כָּבוֹד זֶה לָזֶה, וְהָיָה הָעוֹלָם שָׁמֵם", און אַלֶע פון זֵיי זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן אִין אֵיין צַייט, וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט מְכַבֵּד גֶעוֶועְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, און דִי וֶועלְט אִיז גֶעוֶועְן דֶעמָאלְט וִויסְט פון תּוֹרָה.

**אָבֶער** עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי פּוֹסְקִים (סֵפֶר אֵשֶׁר בַּנַּחַל; שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב) אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז בְּעַצְבוּת וּבְמָרָה שְׁחוֹרָה מֶעג הֶערְן שְׁטִילֶערְהֵייט פַאר זִיךְ מוּזִיק, זִיךְ אוֹיפְצוּלֶעבְּן; בִּפְרַט נִגּוּנִים וָואס זֶענֶען מְחַזֵּק אִין אֱמוּנָה, עֶס גֶעבְּט לֶעבְּן פַארְן מֶענְטְשׁ, וֶוען מֶען הֶערְט דָאס - קֶען מֶען הֶערְן פַאר זִיךְ מוּזִיק.

**בִּכְלַל** אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ הֶערְן מוּזִיק, לֶעבֶּעדִיגֶע נִגּוּנִים; אַזוֹי ווי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רעג): "טוֹב לְהָאָדָם לְהַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ, שֶׁיּוּכַל לְהַחֲיוֹת אֶת עַצְמוֹ עִם אֵיזֶה נִגּוּן, כִּי נִגּוּן הוּא דָּבָר גָּדוֹל וְגָבוֹהַּ מְאֹד מְאֹד, וְיֵשׁ לוֹ כֹּחַ גָּדוֹל לְעוֹרֵר וּלְהַמְשִׁיךְ אֶת לֵב הָאָדָם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", מִיט אַ נִגּוּן קֶען מֶען זִיךְ עֶפֶענֶען דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶערְפַאר אִיז גוּט צוּ זִינְגֶען נִגּוּנִים וָואס זֶענֶען מְעוֹרֵר דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער** עִקָּר דַארְפְן מִיר פַארְרֶעכְטְן אִין דִי טֶעג דֶער עִנְיָן פון בֵּין אָדָם לַחֲבֵרוֹ; אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אַכְטוּנְג

גֶעבְּן אוֹיף יֶענֶעמְ'ס גֶעפִילְן; אַזוֹי וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן אוּנְזֶער גָלוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתקיז

## וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי הֶערְלִיכֶע לֶעבְּן וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁעוּרִים וָואס הֶעלְפְן מִיר אַזוֹיפִיל אִין לֶעבְּן אִין אַלֶע הִינְזִיכְטְן; זַייט אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁעוּרִים, מִיט בְּעֶרֶךְ אַ הַאלְבּ יָאר צוּרִיק, הָאט זִיךְ מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן, אִיךְ הָאבּ פָּשׁוּט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶעבְּן.

סְפֶּעצִיעֶל דַארְף אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד. אַלְס בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה גְּדוֹלָה הָאבּ אִיךְ לֵיידֶער כִּמְעַט נִישְׁט גֶעעֶפְנְט קַיין גְּמָרָא, נָאךְ דִי חֲתֻנָּה הָאבּ אִיךְ פְּרוּבִּירְט צוּ מַאכְן אַ שִׁעוּר מִיט אַ חַבְרוּתָא יֶעדֶע נַאכְט, אָבֶּער עֶס אִיז אַלְץ גֶעוֶוען פַארְשִׁידֶענֶע סִבּוֹת אוּן שְׁטֶערוּנְגֶען אַז מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט לֶערְנֶען גֶעהֶערִיג, זַייט דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן זֶעקְס מַסֶכְתוֹת, אָבֶּער קַיין אֵיינְס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן.

בִּיז וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף מִיר אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן דִי דְרָשׁוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוּן אִיךְ הָאבּ

מַחְלִיט גֶעוֶוען צוּ פָאלְגְן, אוּן דֶעם שַׁבָּת גֵיי אִיךְ אִם יִרְצֶה ה' פְּרַאוֶוען אַ גְרוֹיסֶע סִיוּם אוֹיף מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת!

אִיךְ בִּין שׁוֹין פִיר אוּן צְוָואנְצִיג יָאר אַלְט, אוּן דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל אִין מַיין לֶעבְּן וָואס אִיךְ עֶנְדִיג אַ מַסֶּכְתָּא פוּן דֶעקְל צוּ דֶעקְל, אִין צוּגָאב צוּ דֶעם וָואס אִיךְ זָאג תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג אוּן אִיךְ בִּין מַעֲבִיר סֶדְרָה. לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ מֵפִיץ וָואס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אוֹיךְ סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים, אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּ'.

אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט גֶענוּג בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דִי שֵׁיינֶע זִיסֶע לֶעבְּן וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען פוּן אַייךְ.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ו נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דֶעם שֵׁיינֶעם בְּרִיוו וְכוּ'.

**וִויסְן** זָאלְסְטוּ אַז דֶער דֶרֶךְ הַלִּימוּד אִיז נִישְׁט מַיין דֶרֶךְ הַלִּימוּד, דָאס אִיז פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דֶער יְיַשֵׁר כֹּחַ קוּמְט זִיךְ פַארְן רֶבִּי'ן אוּן בַּאזוּנְדֶער פַאר מוֹהֲרָא"שׁ וָואס הָאט דָאס אַנְטְפְּלֶעקְט פַאר דִי וֶועלְט.

**וֶוער** עֶס הוֹיבְּט אָן צוּ לֶערְנֶען אוֹיף דֶעם וֶועג עֶפְנְט זִיךְ אוֹיף פַאר אִים אַ נֵייעֶ וֶועלְט; מֶען זֶעט אַז עֶס אִיז דָא פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען אוּן צוּ עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה. אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אִין אָנְהוֹיבּ וָואס

מֶען לֶערְנְט - לֶערְנְט מֶען וַוייטֶער אָן פַּארְשְׁטֵיין בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ פַּארְשְׁטֵיין, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", אֲפִלּוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, "וּמִמֵּילָא יָבִין", אוּן בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַּארְשְׁטֵיין, מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַּארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיינְס - אַז מֶען ווִיל גְלַייךְ פַּארְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַּארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, מֶען זָאל נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַּארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ, מַה בְּכָךְ", אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט בַּיים עֶרְשְׁטְן מָאל, וֶועט מֶען פַּארְשְׁטֵיין בַּיים צְווֵייטְן מָאל; אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַּארְשְׁטֵיין דֶעם צְווֵייטְן מָאל - אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת סג.) אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִלּוּ עֶר פַּארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל מֶען לֶערְנֶען צוּ פַּארְשְׁטֵיין, וַוייל אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ פַּארְשְׁטֵיין.

**עֶס** אִיז נִישְׁט שַׁיָּךְ צוּ פַּארְשְׁטֵיין דֶעם דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד, מֶען דַארְף עֶס אוֹיסְפְּרוּבִּירְן; אַז מֶען פְּרוּבִּירְט דָאס אוֹיס אִיז מַמָּשׁ מְחַיֶּ' נְפָשׁוֹת. מֶען הוֹיבְּט אָן לֶערְנֶען אוּן מֶען

שְׁטֶעלְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ פַּאר גָארְנִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט, וַוייל גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען מֶען לֶערְנְט ווִיל מֶען פַאְרשְׁטֵיין, אוּן אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט - וֶוערְט מֶען צֶעבְּרָאכְן אוּן מֶען הֶערְט אוֹיף לֶערְנֶען, דֶערִיבֶּער הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּנֶעם דֶרֶךְ הַלִּימוּד, מֶען זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין גְלַייךְ וֶוען מֶען לֶערְנְט, נָאר מֶען זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ אָן פַארְשְׁטֵיין, בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין.

וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיף דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען אַסַאךְ מֶער ווִי וֶוען מֶען לֶערְנְט שְׁטַייט אוּן מֶען קְלֶערְט אַרַיין אִין יֶעדֶע וָוארְט, וָואס דָאס שְׁטֶערְט נָאר דָאס לֶערְנֶען. זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעקְוֶועטְשְׁט, אַנְדֶערְש אִיז וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעלֶערְהֵייט - אַזוֹי ווִי אוֹיבְן דֶערְמַאנְט, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ, אוּן עֶר וֶועט לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה - גְּמָרָא מִיט אַלֶע פּוֹסְקִים, תַּנַ"ךְ, מִיט אַלֶע מֶדְרָשִׁים אוּן זֹהַר הַקָּדוֹשׁ, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט, אַז מִיר זָאלְן דוּרְךְ לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתקיח

## וָואס מֵיינְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט הֶערְן זִינְגֶען פוּן אַ רָשָׁע?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וָואס מֵיינְט דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ג) אַז מֶען זָאל נִישְׁט הֶערְן זִינְגֶען פוּן אַ מְנַגֵּן רָשָׁע?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ו נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דָאס** [אִיז] זֵייעֶר פָּשׁוּט צוּ פַארְשְׁטֵיין; וֶוען דֶער רָשָׁע זִינְגְט נִגּוּנִים זִינְגְט עֶר נִגּוּנִים פוּן נִיבּוּל פֶּה, יֶעדֶע נִגּוּן וָואס עֶר זִינְגְט אִיז אֵיין שְׁטִיק שְׁמוּץ, קוּמְט אוֹיס אַז וֶוען מֶען הֶערְט אַ רָשָׁע זִינְגֶען - אִיז דָאס שְׁוֶוער פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מֶען הוֹיבְּט אָן הָאבְּן שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, נָאכְדֶעם בַּאקוּמְט מֶען אַ שְׁלֶעכְטֶע דִבּוּר, מֶען זִינְגְט מִיט דִי שְׁמוּצִיגֶע נִגּוּנִים - בִּיז מֶען פַאלְט אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחְמָנָא לִצְלָן. דֶערְפַאר זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ג): "מִי שֶׁשּׁוֹמֵעַ נְגִינָה מִמְּנַגֵּן רָשָׁע, קָשֶׁה לוֹ לַעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא", וֶוער עֶס הֶערְט נִגּוּנִים פוּן אַ נִישְׁט עֶרְלִיכֶער זִינְגֶער - וֶועט אִים אָנְקוּמֶען

שֶׁוֶוער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וּכְשֶׁשּׁוֹמֵעַ מִמְנַגֵּן כָּשֵׁר וְהָגוּן, אֲזַי טוֹב לוֹ", אָבֶּער אוֹיבּ מֶען הֶערְט נִגּוּנִים פוּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד - וֶועט עֶס אִים צוּהֶעלְפְן צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, וַוייל דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד זִינְגְט זַיינֶע נִגּוּנִים פוּן אֱמוּנָה, פוּן הִתְחַזְּקוּת, פְּסוּקִים גֶעפְלָאכְטְן מִיט בִּטָּחוֹן.

**דֶערִיבֶּער** דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס פַאר אַ נִגּוּנִים מֶען הֶערְט, עֶס זָאל נִישְׁט שָׁאטְן פַארְן מֶענְטְשׁ.

**נִישְׁט** נָאר בַּיי נִגּוּנִים דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן, נָאר מֶען דַארְף אוֹיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן מִיט וֶועם מֶען רֶעדְט. וַוייל רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת אַפּוֹטְרוֹפּוֹס, הֲלָכָה ג) נִישְׁט נָאר אַ נִגּוּן פוּן אַ רָשָׁע שַׁאדְט פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, נָאר אֲפִלּוּ סְתַּם הֶערְן דֶעם קוֹל פוּן אַ רָשָׁע אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן מג): "הַדִּבּוּרִים שֶׁל רָשָׁע שֶׁהוּא בַּר דַּעַת מוֹלִידִים נִאוּף בְּהַשּׁוֹמֵעַ", עַיֵּן שָׁם, וֶוען מֶען רֶעדְט מִיט אַ רָשָׁע, אֵיינֶער וָואס גְלֵייבְּט נִישְׁט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - קֶען עֶר שֶׁעדִיגְן דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר קֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִינֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל אוֹיךְ פַארְלִירְן דִי אֱמוּנָה.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתקיט

## ווי אַזוֹי הַאלְט מֶען זִיךְ רוּאִיג נִישְׁט צוּ שְׁלָאגְן דִי קִינְדֶער?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶרְשְׁטְנְס וויל אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי פִילֶע עֵצוֹת און חִזּוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁעוּרִים, עֶס הָאט מַמָּשׁ גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן. אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ בָּרוּךְ ה' זוֹכֶה גֶעוֶוען דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם יָאר צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדֶע וָואךְ מִיט דִי עֵצָה פוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' גֶעעֶנְדִיגְט מִשְׁנָיוֹת, און יֶעצְט לֶערְן אִיךְ שַׁ"ס - אַלֶעס אִין אַייעֶר זְכוּת.

אִיךְ הֶער אַסַאךְ פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז מֶען זָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן דִי קִינְדֶער, אִיךְ פְּרוּבִּיר זֵייעֶר שְׁטַארְק דָאס אַיינְצוּהַאלְטְן, אָבֶּער עֶס קֶען זִיךְ אַמָאל מַאכְן נָאךְ אַ שְׁוֶועֶרֶע טָאג אַרְבֶּעט, און דִי קִינְדֶער וֵוייסְן פִּינְקְטְלִיךְ ווִי אַזוֹי מִיךְ אוֹיפְצוּרֶעגְן, בָּרוּךְ ה' אַז עֶס מַאכְט זִיךְ נִישְׁט אָפְט, אָבֶּער עֶס קֶען גֶעשֶׁען אַז אִיךְ זָאל זִיךְ פַארְלִירְן און שְׁלָאגְן. אִיז מַיין שְׁאֵלָה ווִי אַזוֹי צוּ הַאנְדְלֶען נָאכְדֶעם, ווִי אַזוֹי דָאס צוּ פַארְרֶעכְטְן; זָאל אִיךְ זֵיי אִיבֶּערְבֶּעטְן? זָאל אִיךְ זֵיי זָאגְן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן נִישְׁט רִיכְטִיג? ווִי אַזוֹי פַארְרֶעכְט מֶען דָאס?

נָאכְאַמָאל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט, און אִיךְ קֶען נִישְׁט אַזוֹי גוּט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, און פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן בַּאקוּם אִיךְ אַזוֹיפִיל חִזּוּק אִין לֶעבְּן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ו נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**שְׁלָאגְן** קִינְדֶער אִיז נִישְׁט קַיין שׁוּם שֵׂכֶל, עֶס אִיז נָאר אוֹיסְצוּבְלָאזְן דִי אָנְגֶעצוֹיגֶענֶע נֶערְוְון; דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ שְׁלָאגְן דַיינֶע קִינְדֶער אוּן זִיכֶער נִישְׁט שְׁלָאגְן פוּן אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְטְקֵייט, וַוייל אוֹיבּ מֶען שְׁלָאגְט דִי קִינְדֶער וֶוען מֶען אִיז אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט אוּן פַארְלוֹירְן - קֶען דָאס זַיין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, מֶען קֶען זֵיי מַאכְן בַּעֲלֵי מוּמִין פַאר אַ גַאנְץ לֶעבְּן. אַזוֹי וִוי עֶס הָאט פַּאסִירְט מִיטְן הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ יוּנְג קִינְד, עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אַ שְׁוֶוערֶע בַּאנְק אוּן דֶער מְלַמֵּד זַיינֶער אִיז גֶעוֶוען אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט אוּן אוּמְגֶעדוּלְדִיג, עֶר אִיז גֶעוָוארְן בְּכַעַס אוֹיפְן קְלֵיינֶעם חַיִימְ'ל אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן אוֹיפְן בַּאנְק וָואס אִיז גֶעלֶעגְן אוֹיף זַיין פוּס, עֶר הָאט גֶעשְׁפְּרִינְגֶען דֶערוֹיף אוּן גֶעשְׁרִיגְן: "פַארְוָואס הָאסְטוּ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט דֶעם בַּאנְק?!" שְׁפֶּעטֶער וֶוען חַיִימְ'ל אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען הָאט עֶר מוֹרָא גֶעהַאט צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר זַיין טַאטֶע וָואס הָאט פַּאסִירְט אִין חֵדֶר, אַזוֹי אִיז עֶר גֶעבְּלִיבְּן מִיט אַ פַארְוֵוייטָאגְטֶע פוּס כָּל יָמָיו.

**נִישְׁטָא** אַזַא זַאךְ צוּ שְׁלָאגְן דִי קִינְדֶער וֶוען מֶען אִיז פַארְלוֹירְן אָדֶער אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט; אַ מֶענְטְשׁ אָן שֵׂכֶל שְׁלָאגְט דִי קִינְדֶער וֶוען עֶר אִיז אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי

זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן צו): "מִי שֶׁאֵין לוֹ רַחֲמָנוּת עַל בָּנָיו, בְּיָדוּעַ שֶׁאֵין לוֹ חֵלֶק בְּשֵׂכֶל דִּקְדֻשָּׁה", וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט רַחֲמָנוּת אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ ווִי שְׁלָאגְן וֶוען מֶען אִיז מִיד וְכוּ'.

אִין פַאל מֶען דַארְף גֶעבְּן אַ פֶּעטְשְׁל פַארְן קִינְד, וֶוען עֶר פִירְט זִיךְ מִיט חֻצְפָּה אָדֶער וֶוען עֶר טוּט סַכָּנָה'דִיגֶע זַאכְן, דַארְף דָאס זַיין מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת, אָן קַיין פַארְלוּירְנְקֵייט אוּן אָן קַיין אִיבֶּערְגֶעשְׁטֶרֶענְגְטְקֵייט, ווַייל אַז מֶען שְׁלָאגְט פוּן פַארְלוּירְנְקֵייט אָדֶער פוּן כַּעַס - אִיז דָאס בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חִנּוּךְ; אֲפִלּוּ מֶען רֶעדְט זִיךְ אַיין בְּשָׁעַת מַעֲשֶׂה אַז דָאס אִיז חִנּוּךְ, דַארְף מֶען ווִיסְן אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין חִנּוּךְ, נָאר דִי כַּעַס אוּן דִי נֶערְוְון זָאגְן אוּן רֶעדְן אַיין דֶעם מֶענְטְשׁ: 'יֶעצְט דַארְף מֶען שְׁלָאגְן', 'יֶעצְט דַארְף מֶען פְּרַאסְקֶענֶען'.

עֶלְטֶערְן דַארְפְן אַסַאךְ ווַיינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער. מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ ווִי אַזוֹי הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזֶעלְכֶע גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יֶעדֶע נַאכְט בְּשַׁעַת אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט תִּקּוּן חֲצוֹת הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעפִילְט אַ כּוֹס מִיט טְרֶערְן אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַאר גוּטֶע קִינְדֶער"; דָאס אִיז דֶער וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ עֶרְלִיכֶע דּוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתקכ

## ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז מַיינֶע טֶעכְטֶער זָאלְן דַאוְונֶען?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְּרוֹי וָואס אִיז זִיךְ מְחַיֶ' מִיט דִי שִׁעוּרִים, עֶס גֶעבְּט מִיר פִיל חִזּוּק אִין לֶעבְּן.

מַיינֶע טֶעכְטֶער זֶענֶען בָּרוּךְ ה' זֵייעֶר וואוּיל, זֵיי פָאלְגְן, זֵיי הֶעלְפְן מִיט דִי שְׁטוּב אַרְבֶּעט מִיט אַ גֶעוואלְדִיגֶע גֶעטְרֵיישַׁאפְט, אוּן אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערְפַאר. עֶס אִיז אָבֶּער דָא אֵיין זַאךְ וָואס בַּאדֶערְט מִיךְ זֵייעֶר, אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אִין אַ הֵיימִישֶׁע שְׁטוּב, אוּן בַּיי אוּנְז הָאבְּן דִי מֵיידְלֶעךְ אַלֶעמָאל גֶעדַאוֶוענְט פְּרֵייטָאג צוּ נַאכְטְס אוּן שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי, דֶער גַאנְצֶער שַׁבָּת הָאט זִיךְ גֶעדְרֵייט אוֹיפְן דַאוְונֶען, מִיט אַ גֶעשְׁמַאק אוּן אַ חַיּוּת, ווִי אוֹיךְ הָאבְּן מִיר יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי גֶעזָאגְט בְּרָכוֹת. פַאר מַיינֶע טֶעכְטֶער פַאלְט אָבֶּער בִּכְלָל נִישְׁט אַיין צוּ דַאוְונֶען, אֲפִלּוּ אִין דֶער וָואכְן, זֵיי ווֵייסְן אַז פְרוֹיעֶן זֶענֶען פָּטוּר פוּן דַאוְונֶען אוּן שׁוֹין.

אִיךְ ווֵייס נִישְׁט אוֹיבּ עֶס פֶעלְט זֵיי יִרְאַת שָׁמַיִם, אָדֶער ווֵייסְן זֵיי פָּשׁוּט נִישְׁט ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, אָדֶער אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ דֶער וָואס ווֵייסְט נִישְׁט רִיכְטִיג, אֶפְשָׁר דַארְפְן זֵיי טַאקֶע גָארְנִישְׁט דַאוְונֶען.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר זָאגְן ווִי אַזוֹי אִיךְ דַארְף בַּאהַאנְדְלֶען דִי זַאךְ.

אַ גְרוֹיסְן יִיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ו נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**אַמָאל** אִיז גֶעוֶוען אַ אִידֶענֶע וָואס אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רָב מִיט אַן עֶנְלִיכֶע בַּקָשָׁה וָואס אִיר הָאט, זִי הָאט זִיךְ בַּאקְלָאגְט אַז זִי וֵוייסְט נִישְׁט פַארְוָואס בַּיי אִיר אִיז אַנְדֶערְשׁ וִוי בַּיי אִיר מַאמֶע, בַּיי אִיר מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָׁלוֹם פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג וַואקְסְן אִין גָארְטְן הִינְטֶערְן שְׁטוּבּ טָאמַאטֶעס, אִיגֶערְקֶעס, פָּאפְּרִיקֶע וְכוּ', עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גֶעשְׁמַאק; וֶוען מֶען אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אִינֶדערְפְרִי פְלֶעגְט מֶען גֵיין אַרוֹיסְנֶעמֶען פְרִישֶׁע גְרִינְס, מֶען פְלֶעגְט זִיךְ מַמָשׁ דֶערְקְווִיקְן, בַּיי מִיר - וֵויינְט דִי פְרוֹי - וַואקְסְט נִישְׁט קַיין שׁוּם גְרִינְס; זִי הָאט גֶעוֵויינְט אוּן גֶעבֶּעטְן אַן עֵצָה. הָאט דֶער רָב אִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל: "אַייעֶר מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָׁלוֹם פְלֶעגְט פְלַאנְצְן, זִי הָאט גֶעאַקֶערְט, גֶעזֵייט אוּן בַּאוַואסֶערְט, אִיז נָאכְדֶעם אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פֵיינֶע גְרִינְס, אַז אִיר וִוילְט הָאבְּן פֵיינֶע גְרִינְס זָאלְט אִיר זִיךְ בַּאפְלַייסְן מִיטְן פְלַאנְצְן וְכוּ' - וֶועט בַּיי אַייךְ אוֹיךְ וַואקְסְן".

**דָאס** זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ אַייךְ, קִינֶדער וַואקְסְן נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין, מֶען דַארְף אַסַאךְ הָארֶעוֶוען צוּ זֶען שֵׁיינֶע פֵּרוֹת. אַזוֹי וִוי וֶוען מֶען פְלַאנְצְט אִיז דָא וֵוייכֶע עֶרְד אוּן הַארְטֶע עֶרְד, אַזוֹי אִיז מִיט קִינֶדער. יֶעדֶעס קִינְד אִיז אַ בַּאזוּנְדֶערֶע וֶועלְט פַאר זִיךְ, בַּיי אֵיינֶעם זֶעט מֶען שְׁנֶעלֶער דִי פֵּרוֹת אוּן בַּיי אַ צְוֵוייטְן

נֶעמְט דָאס אַבִּיסְל לֶענגֶער, אָבֶּער דָאס אִיז זִיכֶער, אַז מֶען אַקֶערְט אוּן מֶען פְלַאנְצְט - זֶעט מֶען שֵׁיינֶע פֵּרוֹת.

קִינְדֶער דַאוֶּוענֶען נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין, מֶען דַארְף זֵיי זָאגְן אֵיין מָאל אוּן אַ צְוֵוייטֶע מָאל אוּן אַ דְרִיטֶע מָאל, טוֹיזְנְט מָאל אִיז וֵוייניג גֶעזָאגְט - בִּיז זֵיי הוֹיבְּן אָן דַאוֶּוענֶען פוּן זִיךְ אַלֵיין. אַייעֶר מַאמֶע הָאט אִין אַייךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַ גוּטֶע חִנוּךְ, זִי הָאט אַייךְ מְחַנֵךְ גֶעוֶוען צוּ דַאוֶּוענֶען, דָאס דַארְפְט אִיר נָאכְמַאכְן; אִיר דַארְפְט רֶעדְן מִיט דִי קִינְדֶער, זֵיי זָאגְן: "יֶעצְט דַארְף מֶען דַאוֶּוענֶען"; דִי קִינְדֶער וֶועלְן מִן הַסְתָּם נִישְׁט הֶערְן ווִי אִיר רֶעדְט צוּ זֵיי, זֵיי וֶועלְן זַיין פַארְנוּמֶען מִיט זֵייעֶרֶע זַאכְן; אֵיינֶער מִיט לֵיינֶען, אַ צְוֵוייטֶער מִיט שְׁפִּילְן, אַזוֹי ווִי דִי גֶעזוּנְטֶע נַאטוּר בַּיי קִינְדֶער אִיז, אַז זֵיי הֶערְן נִישְׁט; זָאלְט אִיר דָאס נָאכְאַמָאל זָאגְן, מִיט אַבִּיסְל אַ הֶעכֶערֶע קוֹל, בִּיז זֵיי וֶועלְן זֶען אַז מֶען דַארְף פָאלְגְן אוּן זֵיי וֶועלְן דַאוֶּוענֶען.

עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין שְׁאֵלָה צִי מֵיידְלֶעךְ דַארְפְן דַאוֶּוענֶען, אַוַדַאי דַארְפְן מֵיידְלֶעךְ דַאוֶּוענֶען, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת כ:): "וְחַיָּבִין בִּתְפִלָּה", פְּרוֹיעֶן זֶענֶען מְחֻיָּב צוּ דַאוֶּוענֶען; אוּן אַז זֵיי ווִילְן נִישְׁט דַאוֶּוענֶען דַארְפְט אִיר נִישְׁט וֶוערְן פַארְלוֹירְן, נָאר זֵיי זָאגְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל בִּיז זֵיי וֶועלְן דַאוֶּוענֶען אוּן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

וֶוען אִיר צִינְדְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי הֶענְט אוֹיפְן פָּנִים, אִיר זָאלְט נִישְׁט שׁוֹינֶען קַיין טְרֶערְן; בֶּעטְס:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ דַאנְק דִיךְ פַאר מַיין לֶעבְּן, פַאר מַיין מַאן, פַאר מַיינֶע קִינְדֶער אוּן פַאר אַלֶעם וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער צַדִיקִים, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן דִיךְ דִינֶען, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אוּן זִיךְ פִירְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם; טַאטֶע זִיסֶער לֵייג אַרַיין אַ זִיסֶע טַעַם אִין מַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן לִיבּ הָאבְּן צוּ דַאוֶונֶען, זֵיי זָאלְן לִיבּ הָאבְּן דֶעם סִדוּר, זֵיי זָאלְן שְׁפִּירְן ווִי דֶער סִדוּר אִיז זֵייעֶר לֶעבְּן, וָואס זֵיי דַארְפְן אִין לֶעבְּן זָאלְן זֵיי נָאר בֶּעטְן פוּן דִיר.

נֶעם אָן מַיין גֶעבֶּעט בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן אַוֶועק גֶעגֶעבְּן זֵייעֶר לֶעבְּן פַאר דַיין כָּבוֹד וֶועגְן, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ ה' צוּרִי וְגֹאֲלִי".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתקכא

### מֶעג מֶען גֶעבְּן פַאר קִינְדֶער צוּ לֵיינֶען מַאגַאזִינֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' עֶטְלִיכֶע אִינְגְלֶעךְ אִין שְׁטוּבּ אוּן וֶוען עֶס קוּמְט דִי לַאנְגֶע שַׁבָּתִים - אַמָאל אִיז עֶס פְרֵייטָאג צוּ נַאכְטְס אוּן אַמָאל שַׁבָּת

נָאכְמִיטָאג - זוכְן זֵיי מִיט וָואס זִיךְ אויסְצוּלוּפְטֶערְן. עֶס קוּמֶען אַרוּיס יֶעדֶע וָואךְ מַאגַאזִינֶען, אויסְגַאבֶּעס פוּן עֶרְלִיכֶע שְׁרַייבֶּער - סְפֶּעצִיעֶל פַאר קִינְדֶער, אִיז מַיין שְׁאֵלָה אויבּ עֶס אִיז גֶעזוּנְט און אויסְגֶעהַאלְטְן צוּ גֶעבְן פַאר דִי קִינְדֶער דִי אַלֶע סָארְט לֵיין מַאטְרַיַאל?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ו נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** אִיז בֶּעסֶער נִישְׁט אַרַיין צוּ נֶעמֶען אִין שְׁטוּבּ קַיין שׁוּם מַאגַאזִין; נִישְׁט קַיין נַפְקָא מִינָּהּ וָואס פַאר אַ סָארְט.

**עֶס** אִיז דָא גֶענוּג וָואס צוּ טוּן מִיט דִי קִינְדֶער; אֲפִילוּ אִין דִי לַאנְגֶע שַׁבָּתִים און לַאנְגֶע פְרַייטָאג נָאכְמִיטָאגְס אִיז דָא וָואס מֶען קֶען טוּן מִיט זֵיי. צוּם בַּיישְׁפִּיל אַז דִי עֶלְטֶערְן לֵייגְן זִיךְ שְׁלָאפְן אִיז גוּט אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ אויךְ אָרָאפְּלֵייגְן, אַז דִי עֶלְטֶערְן שְׁמוּעֶסְן - קֶענֶען דִי קִינְדֶער מִיט שְׁמוּעֶסְן, אַז מֶען גֵייט שְׁפַּאצִירְן - נֶעמְט מֶען זֵיי מִיט אויפְן שְׁפַּאצִיר וְכוּ'; מֶען דֶערְצֵיילְט זֵיי שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת און מֶען פַארְבְּרֶענְגְט שֵׁיין צוּזַאמֶען וְכוּ'.

**הַיינְט** זֶענֶען דָא אַזוֹיפִיל מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ פוּן צַדִּיקִים פַאר קִינְדֶער אִין אַלֶע יָארְגֶענְג; דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ צוּ גֶעבְן פַאר קִינְדֶער צוּ לֵיינֶען, עֶנְדֶערְשׁ און בֶּעסֶער ווִי זֵיי אָנְשְׁטָאפְּן מִיט דִי זַאכְן.

וזאוֹיל אִיז דֶעם וָואס נֶעמְט זַיין גַאנְצֶע שֵׂכֶל נָאר פוּן דִי תּוֹרָה אוּן פוּן צַדִיקִים; עֶר לֵיינְט נִישְׁט קַיין שׁוּם צייטוּנְג אוּן מַאגַאזִין, דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן נַחַת בַּיי דִי קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ.

# תתקכב

### וִוי אַזוֹי לֶערְנְט מֶען אוֹיס קִינְדֶער זִיךְ צוּ פִירְן אֵיידְל?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁעוּרִים, סְפֶּעצִיעֶל פַאר דִי שִׁעוּרִים פַאר פְרוֹיעֶן וָואס הָאבְּן מִיר גֶעהָאלְפְן אַ גֶעוַואלְד, עֶס הָאט גֶעהָאלְפְן אוֹיפְבּוֹיעֶן מַיין שְׁטוּב, אוּן אִיךְ הָאבּ אַ הֶערְלִיכֶע שָׁלוֹם בַּיִת מִיט מַיין מַאן לְכָבוֹד דִי שִׁעוּרִים.

מִיר הָאבְּן בָּרוּךְ ה' לִיבְטִיגֶע קִינְדֶער מִיט אַסַאךְ עֶנֶערְגְיֶע, יֶעצְט וֶוען מֶען זִיצְט אִינְדֶערְהֵיים מִיט דִי קִינְדֶער הָאבְּן מִיר גֶעקוֹיפְט אַסַאךְ עֶרְלֵיי שְׁפִּילְצֵייג אוּן אַרְטְס אוּן קְרֶעפְטְס, אוּן מִיר שְׁפִּילְן אַסַאךְ מִיט דִי קִינְדֶער.

אִיךְ הָאבּ אָבֶּער אַ פְּרָאבְּלֶעם אַז אִיךְ זֶע אַז דִי קִינְדֶער פִירְן זִיךְ נִישְׁט אֵיידְל, אוּן רִירְן אָן אוֹיף נִישְׁט אֵיידֶעלֶע פְלֶעצֶער, אוּן וִויפִיל מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶערֶעדְט צוּ זֵיי וֶועגְן דֶעם זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג - הָאט עֶס נִישְׁט גֶעהָאלְפְן.

דִי שְׁאֵלָה אִיז וָואס מִיר דַארְפְן טוּן וַוייטֶער, מֶער זָאגְן? שְׁרֵייעֶן? אָדֶער נָאךְ מֶער פוּן דֶעם? בִּפְרַט יֶעצְט וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען אַ גַאנְצְן טָאג אִינְדֶערְהֵיים, מוּזְן מִיר וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ט נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**מֶען** דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען קִינְדֶער פוּן וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ גָאר יוּנְג אַז מֶען טָאר נִישְׁט לֵייגְן דִי הֶענְט אוֹיפְן אוֹת בְּרִית קֹדֶשׁ; פוּן וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ גָאר קְלֵיין דַארְף מֶען זֵיי זָאגְן אָן אַ שִׁיעוּר מָאל: "דָא טָאר מֶען נִישְׁט לֵייגְן דִי הֶענְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט אָנְרִירְן", אוּן אוֹיבּ מֶען זֶעט אַז זֵיי פִירְן זִיךְ נִישְׁט אֵיידְל וְכוּ' - גֶעבְּט מֶען אַ פֶּעטְשְׁל אוֹיף דִי הֶענְט אוּן מֶען זָאגְט נָאכְאַמָאל מִיט אַ שְׁטְרֶענְגֶע טָאן: "דָא טָאר מֶען נִישְׁט לֵייגְן דִי הֶענְט!" בִּיז זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן אַז דָאס אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע זַאךְ, וֶועלְן זֵיי זִיךְ הִיטְן אוּן אוֹיפְוַואקְסְן הֵיילִיג.

**נֶעמְט** אַרַיין דֶעם כְּלָל, ווִי יוּנְגֶער מֶען הוֹיבְּט אָן מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער - אַלְץ גְרִינְגֶער וֶועט זַיין דִי אַרְבֶּעט מִיט זֵיי שְׁפֶּעטֶער, אָבֶּער אַז מֶען אִיז נִישְׁט מְחַנֵּךְ דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג, מֶען טְרַאכְט אַז זֵיי זֶענֶען נָאךְ קְלֵיינְטְשִׁיג וְכוּ' - דֶעמָאלְט אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער שְׁפֶּעטֶער, בִּפְרַט אִין קְדֻשָּׁה; אַז מֶען זָאגְט נִישְׁט אָן דִי קִינְדֶער יוּנְגֶערְהֵייט פוּן וָואס מֶען דַארְף זִיךְ הִיטְן - אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער שְׁפֶּעטֶער.

**דֶער** עִקָּר זָאלְט אִיר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַייעֶרֶע דוֹרוֹת, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ אוּן

הֵיילִיג, זֵיי זָאלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט פּוֹגֵם זַיין אִין קַיין שׁוּם מִדָּה אוּן זֵיי זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן אִין קְדֻשָּׁה, ווייל תְּפִלָּה אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס אִיז אַ זִיכֶערֶע עֵצָה, אַלֶע עֵצוֹת וָואס מֶען גֶעבְּט פַארְן מֶענְטְשׁ אִיז אַ סָפֵק צִי עֶס וֶועט נִישְׁט עֶרְגֶער מַאכְן אוּן אַ סְפֵק סְפֵיקָא צִי עֶס וֶועט הֶעלְפְן; פַאר אֵיינֶעם הֶעלְפְּט עֶס יָא אוּן פַאר אַ צְוֵוייטְן הֶעלְפְּט עֶס נִישְׁט, עֶס מַאכְט אִים נָאר עֶרְגֶער, אָבֶער תְּפִלָּה - דָאס אִיז אַן עֵצָה פַאר יֶעדְן, דָאס אִיז אַ זִיכֶערֶע עֵצָה. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לב.): "כָּל הַמַּאֲרִיךְ בִּתְפִלָּתוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן טְרֶעט נִישְׁט אָפּ פוּן דֶעם, עֶר בֶּעט אוּן בֶּעט אוּן מוּטְשֶׁעט - "אֵין תְּפִלָּתוֹ חוֹזֶרֶת רֵיקָם", וֶועט עֶר נִישְׁט אַוֶועק גֵיין מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט, עֶר וֶועט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן; בִּפְרַט אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע וָואס בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאג אוּן נַאכְט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, גֶעבּ מִיר הֵיילִיגֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לִיכְטִיג מַאכְן דִי וֶועלְט, הֶעלְף מִיר אַז מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט פּוֹגֵם זַיין בַּבְּרִית, זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן רֵיין", זִי בֶּעט אוֹיף אִיר שְׁפְּרַאךְ טָאג אוּן נַאכְט פַאר אִירֶע קִינְדֶער - וֶועט זִי זוֹכֶה זַיין צוּ לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, בָּנִים צַדִּיקִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתקכג

### אִיךְ בִּין נִישְׁט צוּפְרִידְן אִינְדֶערְהֵיים
### אוּן אִין יְשִׁיבָה, וָואס טוּ אִיךְ?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶרְשְׁטְנְס וִויל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי שִׁעוּרִים וָואס גֶעבְּט מִיר מַמָּשׁ לֶעבְּן.

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן זֶעכְצְן יָאר אַלְט, דִי שָׁלוֹם בַּיִת בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן אִיז נִישְׁט אַזוֹי גוּט, עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר וֵוויי גֶעטוּן צוּ זֶען וִוי מַיינֶע עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ אַרוּם, דֶערְפַאר בִּין אִיךְ אַוֶועקְגֶעפָארְן לֶערְנֶען אִין אַ יְשִׁיבָה אִין אַ צְוֵוייטֶע שְׁטָאט, הָאפְנְדִיג אַז דָארְט וֶועט מִיר זַיין רוּאִיגֶער אוּן גֶעשְׁמַאקֶער.

לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶס אָבֶּער נִישְׁט מַמָּשׁ אַזוֹי, דִי יְשִׁיבָה וואוּ אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אִיז זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַזוֹי הֲנָאָה דָארְט צוּ זַיין. סַיי דִי סְדָרִים זֶענֶען זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג, מֶען דַארְף זִיצְן אוֹיף אֵיין פְּלַאץ כִּמְעַט דִי גַאנְצֶע סֵדֶר, אוּן סַיי אִין דָארְמֶעטָארִי אִיז זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג, אוֹיבּ טוּ אִיךְ אֵיין קְלֵיינֶע זַאךְ וֶועט מִיר דֶער מַשְׁגִּיחַ מוּטְשֶׁען פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע פָּאר טֶעג אַזוֹי וִוי אִיךְ וָואלְט גֶעטוּן דִי גְרֶעסְטֶע עֲבֵירָה.

אוּיסֶער דֶעם הָאבּ אִיךְ שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אִין קְדֻשָּׁה, אִיךְ דַארְף זִיךְ רַייסְן יֶעדֶעס מָאל אִיךְ גֵיי אִין גַאס, אוּן אִיךְ בִּין שׁוֹין פִיל מָאל נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחְמָנָא לִיצְלָן, אוּן דָאס אִיז שׁוֹין יֶעצְט וֶוען אִיךְ בִּין נָאךְ יוּנְג, וָואס וֶועט שׁוֹין זַיין וֶוען אִיךְ וֶועל וֶוערְן עֶלְטֶער?

אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק אַרַיינְגֵיין אִין אַייעֶר יְשִׁיבָה, זָאל אִיךְ דָאס טוּן? אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מְחַזֵּק זַיין אוּן גֶעבְּן עֵצוֹת וִוי אַזוֹי צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אַ גְרוֹיסְן יִיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' לְסֵדֶר טָהֳרָה, כ"ט נִיסָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַּיין בְּרִיוו.

**וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז אֲפִלּוּ דוּ פַאלְסְט אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן - אִיז דָא אַ וֶועג פַאר דִיר צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אוּנְזֶער דוֹר און אוּנְז גֶעשִׁיקְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נְשָׁמָה וָואס עֶר פָּארֶעט זִיךְ מִיט אוּנְז, מִיט דִי אַלֶע וָואס לִיגְן נֶעבֶּעךְ אִין עֲבֵירוֹת און קֶענֶען זִיךְ פוּן דֶעם נִישְׁט אַרוֹיסְזֶען; דֶער רֶבִּי קוּמְט און וַוייזְט אוּנְז דִי רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי שְׁטַארְק עֶר הָאט אוּנְז לִיבּ, וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל קוּמֶען צוּ אִים, זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען און תְּשׁוּבָה טוּן.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, פָּאלְג דֶעם רֶבִּי'ן און נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן; גֵיי זוּךְ אוֹיף אַ וִוינְקֶעלֶע וואו קֵיינֶער זֶעט דִיךְ נִישְׁט און קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס דוּ טוּסְט דָארְט און הוֹיבּ זִיךְ אָן עֶפֶּענֶען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג אִים דַיין שְׁוֶוערֶע לֶעבְן, דֶערְצֵייל אִים פַארְוָואס דוּ בִּיסְט אַוֶועק גֶעפָארְן פוּן שְׁטוּבּ, אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּקוּקְן וִוי דַיין טַאטֶע און מַאמֶע קְרִיגְן זִיךְ, זָאג אִים: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער עֶבְּט וִויל אִיךְ זַיין גוּט, אִיךְ וִויל נִישְׁט טוּן דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה, אִיךְ וִויל נִישְׁט פּוֹגֵם זַיין

בִּבְרִית, אָבֶער אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן; אִין שְׁטוּב אִיז מִיר גֶעוֶוען בִּיטֶער, יֶעצְט אִין יְשִׁיבָה אִיז מִיר נִמְאָס, דִי מַשְׁגִיחִים מוּטְשֶׁען, וְעַל כּוּלָם מַיין גְרֶעסְטֶע מוּטְשֶׁע - אִיז דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס מוּטְשֶׁעט מִיר, עֶר לָאזְט מִיךְ נִישְׁט אָפּ, עֶר פְּלַאקֶערְט אִין מִיר; עֶס בְּרֶענְט אִין מִיר אַ פַייעֶר פוּן עֲבֵירוֹת. אֵייבֶּערְשְׁטֶער זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף מַיינֶע זִינְד, זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף מַיינֶע עֲבֵירוֹת, גְלֵייבּ מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ ווִיל זַיין גוּט, אִיךְ גֵיי זַיין גוּט, אָבֶער אִיךְ ווֵייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, יֶעדֶעס מָאל מַאךְ אִיךְ אָפּ: 'פוּן יֶעצְט בִּין אִיךְ ווָאוֹיל; פוּן יֶעצְט אִיז גֶעעֶנְדִיגְט מִיט אַלֶע שְׁלֶעכְטְס' אוּן וַוייטֶער טְרֶעף אִיךְ זִיךְ פּוֹגֵם זַיין".

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווֵיינְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאגְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, חָטָאתִי, אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט", אוּן עֶר הָאט חֲרָטָה אוֹיף זַיינֶע מַעֲשִׂים - נֶעמְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְלַייךְ צוּרִיק. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עַיֵּן בְּמִדְבָּר רַבָּה כ, טו): "בִּלְעָם הָיָה רָשָׁע עָרוּם, וְיוֹדֵעַ שֶׁכָּל מִי שֶׁחוֹטֵא וְאוֹמֵר חָטָאתִי, אֵין רְשׁוּת לַמַּלְאָךְ לִגַּע בּוֹ", וֶוען בִּלְעָם הָאט גֶעזֶען ווִי דֶער מַלְאָךְ שְׁטֵייט פַּאר אִים מִיט אַ שְׁוֶוערְד אוּן ווִיל אִים הַרְגֶ'עֶנֶען - הָאט עֶר גְלַייךְ גֶעזָאגְט: "חָטָאתִי, אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט", ווַייל עֶר הָאט גֶעווּאוּסְט דֶעם סוֹד אַז וֶוער עֶס אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה אוּן זָאגְט: "חָטָאתִי" - קֶען אִים קֵיינֶער נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, אֲפִלּוּ אַ מַלְאָךְ קֶען אִים נִישְׁט אָנְרִירְן, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר גְלַייךְ אַרוֹיסְגֶעזָאגְט דֶעם וָוארְט "חָטָאתִי", אַז דֶער מַלְאָךְ זָאל אִים נִישְׁט קֶענֶען שְׁלֶעכְטְס טוּן.

**שְׁטַארְק** זִיךְ מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ וֶוען מֶען טַעְנָה'ט זִיךְ אוֹיס כִּבְיָכוֹל מִיט אִים, מֶען בֶּעט אִים עֶר זָאל מוֹחֵל זַיין. בִּפְרַט בָּחוּרִים וָואס זֵיי זֶענֶען אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי, זֵיי ווילְן חֲתֻנָּה הָאבְּן, קֵיינֶער גְלֵייבְּט זֵיי נִישְׁט; קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס אַ בָּחוּר גֵייט אַרִיבֶּער, נָאר דִי אֱמֶת'עֶ צַדִיקִים - זֵיי טַעְנָה'ן פַאר דִי בָּחוּרִים פַארְן בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה, אַזוֹי ווי מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "אִיךְ וֶועל טַעְנָה'ן אוֹיבְן אִין הִימְל פַארְן בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה אַז בָּחוּרִים זֶענֶען נִישְׁט שׁוּלְדִיג, בָּחוּרִים זֶענֶען וואוּיל, דָאס וָואס זֵיי פַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, זֵיי זֶענֶען פּוֹגֵם אִין פְּגַם הַבְּרִית, זֵיי פַאלְן אַרָאפּ אִין עֲשָׂרָה כִּתְרִין דְמִסְאֲבוּתָא - דָאס אִיז וַוייל זֵיי דַארְפְן חֲתֻנָּה הָאבְּן, מֶען קֶען זֵיי נִישְׁט גֶעבְּן קַיין עֹנֶשׁ".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## תתקכד

### אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם חֲתֻנָּה גֶעהַאט, אָבֶּער אִיךְ פַאל נָאכְאַלְץ אַרָאפּ

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ חֲתֻנָּה גֶעהַאט אַפָּאר יָאר צוּרִיק, פַאר בְּעֶרֶךְ אַ הַאלְבּ יָאר צוּרִיק בִּין אִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי חִזּוּק יוֹמִי אוּן דִי דְרָשׁוֹת, אוּן פוּן

דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ מַיין לֶעבְּן גֶעטוֹישְׁט אִין אַלֶע הִינְזִיכְטְן, בִּפְרַט אִין אֱמוּנָה אוּן אִין שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אִיךְ הָאבּ אָבֶּער אֵיין זַאךְ אוֹיף וָואס אִיךְ דַארְף נָאךְ אַסַאךְ חִזּוּק, לֵיידֶער לִיג אִיךְ נָאךְ אִין בְּלָאטֶע, אִיךְ פַאל אַסַאךְ אִין קְדֻשָּׁה, לֵיידֶער פַאל אִיךְ נָאכְאַנְאנְד דוּרְךְ אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחְמָנָא לִיצְלָן, אוּן וויפִיל אִיךְ פְּרוּבִיר זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן גֵייט עֶס מִיר נִישְׁט. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פַארְגָאסְן טַייכְן טְרֶערְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ בִּין אָבֶּער נָאכְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן.

אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט דֶערְצֵיילְט פַאר קֵיינֶעם, אִיךְ שְׁרַייבּ עֶס אָבֶּער פַאר אַייךְ וַוייל אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיר וֶועט מִיר קֶענֶען גֶעבְּן אַ וֶועג אַרוֹיס דֶערְפוּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף.

אִיךְ וַוארְט זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ הֶערְן פוּן אַייךְ הַדְרָכָה וָואס צוּ טוּן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ב' אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אַז** דוּ הָאסְט אַ וַוייבּ, דוּ הָאסְט חֲתֻנָּה גֶעהַאט אוּן נָאכְאַנְאנְד פַאלְסְטוּ אַרָאפּ אִין הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, קֶען זַיין אַז מֶען הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַ פַארְדְרֵייטֶע תּוֹרָה; לֵיידֶער לֵיידֶער זֶענֶען פַארְהַאן מַדְרִיכִים וָואס זֶענֶען מַדְרִיךְ חֲתָנִים צוּ לֶעבְּן מִיט פְּרִישׁוּת, מֶען פַארְדְרֵייט זֵיי דָאס לֶעבְּן

און דָאס איז גוֹרֵם אַז אִינְגֶעלַייט זָאלְן פַאלְן אִין עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן.

**דֶערְפַאר** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, שְׁפֵּיי אוֹיס אַלֶע פַאלְשֶׁע לִימוּדִים וָואס מֶען הָאט דִיר גֶעלֶערְנְט. אוּנְזֶער וֶועג וַוייזֶער אִיז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; נֶעם דֶעם שֻׁלְחָן עָרוּךְ פַאר דַיין וֶועג וַוייזֶער, אַזוֹי וִוי מוֹהַרְ"אַ"ש פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג דֶערְצֵיילְן אַז מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם חַזָן אִישׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ צִי הַיינְט אִיז דָא דִי אוּרִים וְתוּמִים, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "מַיין אוּרִים וְתוּמִים אִיז דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ; וֶוען אִיךְ דַארְף ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן קוּק אִיךְ אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ".

**אַנְטְלוֹיף** פוּן דִי מְנֻוָלִים וָואס שְׁטֶעלְן זִיךְ אַהֶער ווִי פְרוּמֶע מֶענְטְשְׁן און זֵיי נַארְן אַריין אוּמְשׁוּלְדִיגֶע אִינְגֶעלַייט און וַוייבְּלֶעךְ מִיט זֵייעֶרֶע פַאלְשֶׁע הַדְרָכוֹת, וֶועסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט פַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית.

**עֶס** אִיז נִישְׁט שַׁיָךְ צוּ שְׁרַייבְּן אִין אַ בְּרִיוו ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיט אַ וַוייבּ עַל פִּי תּוֹרָה, מִפְּנֵי הַצְנִיעוּת; נֶעם דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא מִיטְן שֻׁלְחָן עָרוּךְ - וֶועסְטוּ זֶען ווִי אַזוֹי מֶען קֶען לֶעבְּן אַ רֵיינֶע לֶעבְּן אָן אַרָאפְּפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת.

**הָרַב** הַקָדוֹשׁ רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן מִטוּלְטְשִׁין זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר "בֵּאוּר הַלִּקוּטִים") וֶוען מֶען פְלֶעגְט אִים בֶּעטְן הַדְרָכוֹת בִּדְבָרִים שֶׁבֵּינוֹ לְבֵינָהּ וְכוּ', פְלֶעגְט עֶר זָאגְן אֵיין זַאךְ: "קִינְדֶערְלֶעךְ, הִיט אַייךְ פוּן כְּרִיתוּת", גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט נִכְשָׁל צוּ וֶוערְן אִין כְּרִיתוּת; וֶוען מֶען

מֶעג, מֶעג מֶען אַלֶעס וְכוּ'; און מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתקכה

**אִיז תִּקוּן חֲצוֹת גֶעמַאכְט אוֹיף פַאר פָּשׁוּטֶ'ע אִידְן?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אִין לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק א, סִימָן קמט) אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תִּקוּן חֲצוֹת, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן ווִי אַזוֹי דָאס אַרְבֶּעט, וֶוען און וָואס זָאגְט מֶען? און צִי אִיז עֶס נִישְׁט גֶעמַאכְט נָאר פַאר גֶעהוֹיבֶּענֶע אִידְן עוֹבְדֵי ה'? ווַייל אִיךְ קֶען נִישְׁט קַיין מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁטֵייעֶן אוֹיף חֲצוֹת.

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען אוֹיסְקְלָארְן אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן אוֹיפְשְׁטֵיין און זָאגְן תִּקוּן חֲצוֹת.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ב' אִיָיר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**מֶענְטְשְׁן** הַאלְטְן זִיךְ צוּרִיק פוּן זָאגְן "תִּקוּן חֲצוֹת" ווַייל מֶען מֵיינְט אַז דָאס אִיז נָאר גֶעמַאכְט פַאר גְרוֹיסֶע

צַדִּיקִים; דִי מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ לֵייגְן אַרָאפּ תִּקּוּן חֲצוֹת כְּאִלּוּ דָאס אִיז אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאךְ, מֶען צִינְדְט אָן אַ לִיכְט אוּן מֶען זִיצְט אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט אַ זַאק וְכוּ׳; מֶען לֵייגְט דָאס אַרָאפּ אַזוֹי דְרַאמַאטִישׁ אוּן מֶען מֵיינְט אַז דָאס אִיז נָאר פַאר צַדִּיקִים וָואס זֶענֶען זֵייעֶר גְרוֹיס וְכוּ׳. אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, תִּקּוּן חֲצוֹת דַארְף יֶעדֶער אֵיינֶער זָאגְן, דָאס אִיז אַן הֲלָכָה אִינֶעם עֶרְשְׁטְן סִימָן אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן א, סְעִיף ב) אוּן אַזוֹי טוּעֶן אַלֶע בְּרֶסְלֶב׳עֶר חֲסִידִים, מֶען זָאגְט יֶעדֶע נַאכְט תִּקּוּן חֲצוֹת.

אַז מֶען קֶען זִיךְ אַיינְפִירְן צוּ גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי - אִיז אַוַדַאי דָאס דִי וֶועג, אָבֶּער דֶער מְצִיאוּת וַוייזְט אַז הַיינְטִיגֶע צַייטְן הָאט זִיךְ דִי וֶועלְט צוּגֶעוואוֹינְט אַז מֶען גֵייט שְׁלָאפְן שְׁפֶּעט; דֶערִיבֶּער הָאט אוּנְז מוֹהֲרַא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה אַז מִיר זָאלְן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זָאגְן תִּקּוּן חֲצוֹת פַאר מִיר גֵייעֶן שְׁלָאפְן, עֶס קוּמְט סַיי ווִי אוֹיס רוֹב מָאל צוּ גֵיין שְׁלָאפְן נָאךְ חֲצוֹת.

תִּקּוּן רָחֵל אִיז צְוֵויי קַאפִּיטְלֶעךְ (תְּהִלִּים קַאפִּיטְל קלז): עַל נַהֲרוֹת בָּבֶל אוּן (קַאפִּיטְל עט): מִזְמוֹר לְאָסָף. דֶערְנָאךְ זָאגְט מֶען (אֵיכָה ה): זְכוֹר ה׳ מֶה הָיָה לָנוּ, נָאכְדֶעם זָאגְט מֶען תִּקּוּן לֵאָה (קַאפִּיטְל כד): לְדָוִד מִזְמוֹר, (קַאפִּיטְל מב): כְּאַיָּל תַּעֲרֹג, (קַאפִּיטְל מג): שָׁפְטֵנִי, (קַאפִּיטְל כ): יַעַנְךָ ה׳, (קַאפִּיטְל סז): לַמְנַצֵּחַ בִּנְגִינוֹת, (קַאפִּיטְל קיא): אוֹדֶה ה׳, (קַאפִּיטְל נא): בְּבוֹא אֵלָיו נָתָן הַנָּבִיא, (קַאפִּיטְל קכו): שִׁיר הַמַּעֲלוֹת; שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב אוּן וֶוען מֶען זָאגְט נִישְׁט

קַיין תַּחֲנוּן, זָאגְט מֶען נִישְׁט תִּקּוּן רָחֵל, נָאר דִי זֶעקְס קַאפִּיטְלֶעךְ פוּן תִּקּוּן לֵאָה.

וֶוען מֶען זָאגְט תִּקּוּן חֲצוֹת דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע גָּלוּת; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסח): וֶוען דוּ זָאגְסְט תִּקּוּן חֲצוֹת זָאלְסְטוּ זִיךְ אִינְזִין הָאבְּן; "אֵיכָה נֶחֱרַב הָאוּלָם", רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בִּין אִינְגַאנְצְן חָרוּב וְנֶחֱרַב, "עַד אָן יִצְעַק בַּשְּׁבִי", וִוי לַאנְג נָאךְ וֶועל זַיין אִין גֶעפֶּענְגֶענִישׁ בַּיים יֵצֶר הָרָע וְכוּ'?! מֶען ווֵיינְט: "עַל אֵלֶּה אֲנִי בוֹכִיָּה", אִיךְ וֵויין רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, "עֵינִי עֵינִי יֹרְדָה מַּיִם", אוֹיף מַיינֶע אוֹיגְן וָואס אִיךְ הִיט נִישְׁט; אִיךְ קוּק עֲבֵירוֹת, וָואס דָאס אִיז גּוֹרֵם: "כִּי רָחַק מִמֶּנִּי מְנַחֵם מֵשִׁיב נַפְשִׁי", אַז אִיךְ זָאל זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּנֶעם צַדִּיק וָואס עֶר אִיז "מֵשִׁיב נַפְשִׁי", אוּן אִיךְ פַאל אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית. "הָיוּ בָנַי שׁוֹמֵמִים", אִיךְ זִינְדִיג בְּהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, "כִּי גָבַר אוֹיֵב", וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיף מִיר; אַלֶעם צוּלִיבּ "עֵינִי עֵינִי", אַז מַיינֶע אוֹיגְן זֶענֶען נִישְׁט רֵיין.

ווּאוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן בְּזֶה הָעוֹלָם, עֶר כַאפְּט אַרַיין צוּ זָאגְן בַּיינַאכְט תִּקּוּן חֲצוֹת אוּן אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתקכו

### ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַשְׁפִּיעַ זַיין פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין עֶנְדְלִיךְ דִי זְכִיָ' אוּן גֶעלֶעגֶנְהֵייט צוּ שְׁרַייבְּן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אוֹיסְגֶעהֶערְט זֵייעֶר אַסַאךְ שִׁעוּרִים אוּן זִיךְ בָּרוּךְ ה' אָנְגֶעזַאפְּט מִיט פְּשׁוּט'עֶ אֱמוּנָה.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אַזוֹי, אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד, אִיךְ שְׁפִּיר אָבֶּער אַז אִיךְ הָאבּ אַ וַוארֶעמְקֵייט אִין מִיר צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן אִיךְ הָאבּ שְׁטַארְק חֵשֶׁק דָאס אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן פַאר נָאךְ אִידְן, מַשְׁפִּיעַ צוּ זַיין פוּן מַיין וַוארֶעמְקֵייט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זָאל עֶס זַיין פָארְלֶערְנֶען אַ שִׁעוּר אִין גְּמָרָא אָדֶער מִשְׁנַיוֹת, צוּ מַאכְן אַ פַארְבְּרֶענְג, אוּן דָאס גְלַייכְן.

אַסַאךְ מָאל שְׁפִּיר אִיךְ מַמָּשׁ ווי אִיךְ גֵיי אוֹיס צוּ קֶענֶען מַשְׁפִּיעַ זַיין פַאר אַנְדֶערֶע, אִיךְ זֶע אָבֶּער נִישְׁט קַיין וֶועג ווי אַזוֹי אִיךְ קֶען אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם, אֶפְשָׁר הָאט אִיר פַאר מִיר אַן עֵצָה?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ב' אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אַז** דוּ ווילְסְט בֶּאֱמֶת הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע - זָאלְסְטוּ גֵיין הֲפָצָה, פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן; נֶעם סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים

פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים - אוּן גֵיי דֶערְמִיט אִין הַייזֶער, אִין שׁוּלְן אוּן אִין כּוֹלְלִים; דָאס אִיז אַ תִּקּוּן פַּאר אַלֶע הָארְבֶּע עֲבֵירוֹת וָואס מֶען דַארְף מְתַקֵּן זַיין.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִאוּף, סִימָן מא): "תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס דַארְף מְתַקֵּן זַיין דִי עֲבֵירוֹת פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן - זָאל צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה; עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען טוּן צוּ פַארְרֶעכְטְן וָואס עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען - וִוי עֶר זָאל עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה.

דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי דוּ גֵייסְט מַמָּשׁ אוֹיס צוּ מַשְׁפִּיעַ זַיין פַאר אַנְדֶערֶע; זָאלְסְטוּ גֵיין הֲפָצָה, דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן אַ גֶעפִיל וִוי דוּ רַאטֶעוֶועסְט מֶענְטְשְׁן, דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דִי גְאֻלָּה שְׁלֵמָה וָואס וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת דִי וָואס פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, וָואס אַנְטְפְּלֶעקְט פַאר יֶעדְן דִי רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר הָאט צוּ יֶעדְן אִיד; אֲפִילוּ וִוי וַוייט מֶען אִיז אַוֶועק גֶעפַאלְן קֶען מֶען נָאכְאַלְץ צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער זֹהַר זָאגְט (תְּרוּמָה קכח:): "תָּא חֲזִי", קוּם אוּן זֶע, "כָּל מַאן דְּאָחִיד בִּידָא דְחַיָּבָא וְאִשְׁתַּדֵּל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִישָׁא", אַ מֶענְטְשׁ

וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא", דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; "גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא, וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ, וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַוֶועק טֻמְאָה פוּן דִי וֶועלְט אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דִי וֶועלְט, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גּוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת. "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "כָּל מָארֵי דִּינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי", קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן - נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ", עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתקכז

## אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶע אִיד, אָבֶער אִיךְ פַאל כְּסֵדֶר

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי חִזּוּק מִיט וָואס אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶּ' טָאג טֶעגְלִיךְ.

אִיךְ פַאל אַסַאךְ אִין קְדֻשָּׁה, אִיךְ בִּין אַסַאךְ פּוֹגֵם בַּבְּרִית רַחֲמָנָא לִיצְלָן, דִי אוֹיגְן הִיט אִיךְ זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט אוּן אִיךְ לוֹיף נָאךְ עֲבֵירוֹת דִי גַאנְצֶע צַייט, אִיךְ הַאלְט עֶס שׁוֹין מֶער נִישְׁט אוֹיס, אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער, אִיךְ ווִיל שׁוֹין זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַלֶעס פְּרוּבִּירְט, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ עֲלִיּוֹת, אָבֶער נָאךְ פִיל מֶער יְרִידוֹת, וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר?

אִיךְ בִּין מַעֲבִיר סֶדְרָה, אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ זָאגְן מִשְׁנָיוֹת ווִיפִיל אִיךְ קֶען אוּן אַ בְּלַאט גְּמָרָא יֶעדְן טָאג. אִיךְ זֶע אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ אַז רוֹב מָאל וֶוען אִיךְ בִּין אַרָאפְּגֶעפַאלְן הָאבּ אִיךְ פּוּנְקְט יֶענֶעם טָאג עֶפֶּעס אוֹיסְגֶעלָאזְט, אָדֶער מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין אָדֶער עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ.

אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרָשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ב' אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה, עֶר קוּמְט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף עֶר ווִיסְן אַז דִי קְלִפּוֹת אוּן מַשְׁחִיתִים וָואס עֶר**

הָאט בַּאשַׁאפְן פוּן עֲבֵירוֹת וֶועלְן אִים נָאכְלוֹיפְן אוּן אִים פְּרוּבִּירְן צוּרִיק צוּ כַאפְּן; זֵיי לוֹיפְן נָאךְ דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן וַוארְפְן אִים אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אָבֶער אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק, עֶר גֵייט וַוייטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן אִים מְקָרֵב זַיין צוּ דִי קְדֻשָּׁה, עֶר וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִים מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת, דוּרְכְדֶעם הַרְגְ'עֶט עֶר אוֹיס אַלֶע קְלִפּוֹת אוּן מַשְׁחִיתִים.

**טֵייעֶרֶער** בְּרוּדֶער נֶעם דִי חִזּוּק פוּן רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן מח): "צְרִיכִין לִהְיוֹת עַקְשָׁן גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת ה'", וֶוער עֶס וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דַארְף וִויסְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַז מֶען אִיז אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן, עֶס זָאל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן דֶעם מֶענְטְשׁ צִי עֶר פַאלְט אַרָאפּ צִי נִישְׁט, וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּוַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אִים חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, דֶער מֶענְטְשׁ זָאל טְרַאכְטְן כְּאִלּוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים נִישְׁט, עֶר וִויל דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אָפְּלָאזְן זַיין ווילְן; אָבֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַן עַקְשָׁן אוּן עֶר לָאזְט נִישְׁט נָאךְ, אֲפִלּוּ עֶר הַאלְט אִין אֵיין פַאלְן, עֶר אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית רַחְמָנָא לִצְלָן דָאךְ גֵייט עֶר שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין סוֹף כָּל סוֹף צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זַיי שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ, גֶעבּ נִישְׁט נָאךְ, גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף; אַזוֹי גֵייט עֶס מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, וֶוען

מֶען וויל זַיין גוּט הוֹיבְּט מֶען אָן פַאלְן, וֶוען מֶען הוֹיבְּט אָן תְּשׁוּבָה טוּן הוֹיבְּט מֶען אָן הָאבְּן בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "כִּי כֵן דֶּרֶךְ הַבַּעַל דָּבָר וְהַסִּטְרָא אָחֳרָא, כְּשֶׁרוֹאֶה שֶׁהָאָדָם סָמוּךְ סָמוּךְ מַמָּשׁ לְשַׁעֲרֵי הַקְּדֻשָּׁה, וְכִמְעַט שֶׁיִּכְנֹס, אֲזַי הוּא מִתְפַּשֵּׁט עָלָיו בְּהִתְגַּבְּרוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד רַחְמָנָא לִצְלָן", דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא וֶוען זֵיי זֶעעֶן ווִי דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט שׁוֹין אָט אָט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, זֵיי זֶעעֶן ווִי דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט שׁוֹין כִּמְעַט אַרַיין אִין דִי טִיר פוּן קְדֻשָּׁה, דֶעמָאלְט פַארְלֵייגְן זֵיי זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיפְן מֶענְטְשׁ מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שְׁטַארְקֵייט רַחְמָנָא לִצְלָן, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט נִישְׁט אַז דָאס אִיז נָאר אִים אַוֶועק צוּ שְׁלֶעפְּן אוּן אִים צוּ צֶעבְּרֶעכְן - גֶעבְּט עֶר אוֹיף אוּן לָאזְט אַלֶעס אָפּ.

**דָאס** אִיז דַיין שֵׁיינְקֵייט אוּן דָאס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ; צוּ זֶען ווִי אַ אִיד וָואס עֶס קָאכְט אִין אִים שְׁמוּץ אוּן נַארִישְׁקֵייטְן, מִיט דֶעם אַלֶעם דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ אוּן עֶר קוּמְט נָאכְאַמָאל צוּרִיק, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וֵויינְט זִיךְ אוֹיס: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת וְכוּ' וְכוּ'"; דָאס קֶען אֲפִלּוּ אַ מַלְאָךְ נִישְׁט בַּאווַייזְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתקכח

## מַיין מֹחַ איז פַארְבְּרֶענְט, ווי אַזוֹי קֶען איךְ ווערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁעוּרִים וָואס זֶענֶען מִיר זֵייעֶר מְחַזֵּק, און איךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר אויךְ קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין און גֶעבְּן אַ וֶועג אַרוֹיס פוּן מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע גֶעוואוֹינְהֵייטְן.

שׁוֹין פוּן אַלְס גָאר קְלֵיין קִינְד פְּלֶעג אִיךְ זִיךְ שְׁפִּילְן זֵייעֶר נִישְׁט אֵיידְל מִיט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, קֵיינֶער הָאט מִיר נִישְׁט גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם, אִיךְ קוּם פוּן אַ לִיטְווִישֶׁע פַאמִילְיֶע, בַּיי אוּנְז רֶעדְט מֶען נִישְׁט פוּן דִי זַאכְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז אִיךְ טוּ עֲבֵירוֹת, און אַזוֹי הָאבּ אִיךְ זִיךְ לֵיידֶער צוּגֶעוואוֹינְט צוּ טוּן עֲבֵירוֹת.

דָאס הָאט מִיךְ בַּאגְלֵייט ווייטֶער אִין חֵדֶר און אִין יְשִׁיבָה, און מִיט דִי שְׁכֵנִים און שְׁכֵנוֹת, מַיין גַאנְצֶע קָאפּ אִיז נָאר גֶעפָּארְן אוֹיף עֲבֵירוֹת, און דֶערְנָאךְ הָאבּ אִיךְ זִיךְ אויךְ גֶעשַׁאפְט אַ סְמַארְטְפָאוֹן צוּ זֶען עֲבֵירוֹת, בִּיז אִיךְ בִּין שׁוֹין יֶעצְט אַזוֹי שְׁטַארְק אַרָאפְּגֶעפַאלְן אַז אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע זַאךְ, מַיין קָאפּ טְרַאכְט נָאר פוּן אֵיין זַאךְ, פוּן עֲבֵירוֹת, וֶוען אִיךְ קוּק אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ לוֹיפְט מַיין קָאפּ גְלַייךְ אוֹיף עֶקְלְדִיגֶע זַאכְן.

אִיךְ דַארְף שׁוֹין אַרַיינְגֵיין יֶעצְט אִין יְשִׁיבָה גְּדוֹלָה, און אִיךְ בִּין מַמָּשׁ פַארְלוֹירְן, אִיךְ מוּז טְרֶעפְן אַ וֶועג אַרוֹיס פוּן מַיינֶע שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים און גֶעדַאנְקֶען, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט הָאבְן אַן עֵצָה פַאר מִיר.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ג' אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דָאס** וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער מִיט דִיר אַלֵיין אִיז אֵיין צָרָה, אָבֶּער דָאס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ טוּסְט מִיט דַיינֶע שְׁכֵנִים, דוּ נֶעמְסְט קְלֵיינֶע קִינְדֶער אוּן דוּ שְׁפִּילְסְט זִיךְ מִיט זֵיי, דוּ זוּכְסְט וִוי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט זֵיי אָנְכַאפְּן אוּן קוּקְן וואוּ מֶען טָאר נִישְׁט; דַארְפְסְטוּ וִויסְן אַז עֶס וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען לַאנְג אוּן מֶען וֶועט דִיךְ אַיינְשְׁפַּארְן אִין תְּפִיסָה אָדֶער אִין אַ מְשׁוּגָעִים הויז פַאר דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, וַוייל וֶוער עֶס שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט קִינְדֶער, עֶר אִיז זֵיי מְטַמֵא רַחְמָנָא לִצְלָן, אַזַא אֵיינֶעם דַארְף מֶען אַיינְשְׁפַּארְן אִין תְּפִיסָה פַארְן לֶעבְּן.

**שְׁטֵיי** וַוייט פוּן קִינְדֶער אוֹיבּ דוּ וֵוייסְט וָואס אִיז גוּט פַאר דִיר; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין קִינְדֶער שְׁפִּיל, דָאס אִיז אַ שְׁפִּיל מִיט פֵייעֶר, מֶען בַּאצָאלְט זֵייעֶר אַ טֵייעֶרֶע פְּרַייז. אָפְּגֶערֶעדְט פוּן דִי בִּזְיוֹנוֹת וָואס דוּ וֶועסְט הָאבְּן, וואוּ דוּ וֶועסְט גֵיין אוּן וואוּ דוּ וֶועסְט שְׁטֵיין וֶועלְן דִי קִינְדֶער דִיךְ בַּאזִינְגֶען מִיט קַאצְן מוּזִיק, מֶען וֶועט שְׁרֵייעֶן אִין אַלֶע גַאסְן, מֶען וֶועט טַייטְלֶען מִיט דִי פִינְגֶער אוֹיף דִיר: "דָא גֵייט דֶער מְנֻוָּל!" אוּן דוּ וֶועסְט וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט מִיט שְׁטַארְקֶע בִּזְיוֹנוֹת; פְרֶעג אִיךְ דִיר: "וָואס פֶעלְט דִיר דָאס אוֹיס?"

**יֶעצְט** בְּנוֹגֵעַ דִיר אַלֵיין; אַז דוּ בִּיסְט נֶעבֶּעךְ אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַזַא פַּאסְטְקֶע, פוּן אַלְס קִינְד הָאסְטוּ זִיךְ

צוּגֶעוואוֹינְט צוּ טוּן עֲבֵירוֹת מִיט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, מִיט שְׁכֵנִים וּשְׁכֵנוֹת, קֵיינֶער הָאט דִיר נִישְׁט גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס הַרְגְ'עט דֶעם מֶענְטְש, בִּיסְט אַזוֹי שְׁטַארְק אַרָאפְּגֶעפַאלְן אַז דוּ קֶענְסְט מֶער נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע זַאךְ, דַיין קָאפּ טְרַאכְט נָאר פוּן אֵיין זַאךְ, פוּן עֲבֵירוֹת, וֶוען דוּ קוּקְסְט אוֹיף אַ מֶענְטְש לוֹיפְט דַיין קָאפּ גְלַייךְ אוֹיף עֶקְלְדִיגֶע זַאכְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, דוּ שְׁרֵייסְט אוּן בֶּעטְסְט אַז דוּ ווילְסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיין מַצָּב, דוּ ווִילְסְט זַיין עֶרְלִיךְ.

**וְזִיכְן** זָאלְסְטוּ אַז פוּן יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם אִיז דָא אַ וֶועג אַרוֹיס, נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ 'מֶען הָאט פַארְשְׁלָאסְן דִי וֶועגְן אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דִי צָרָה', דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז נָאר אַז דֶער מֶענְטְש ווֵייסְט נִישְׁט דֶער וֶועג אַרוֹיס צוּ גֵיין, עֶר זֶעט נִישְׁט דִי טִיר אַרוֹיס; אוֹיף דֶעם הָאבְּן מִיר בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט אוּנְז גֶעשִׁיקְט דֶעם רֶבִּינְ'ס נְשָׁמָה עֶר זָאל אוּנְז בַּאלַייכְטְן אוּנְזֶער לֶעבְּן, עֶר זָאל אוּנְז וַוייזְן דִי רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אוּנְז וַוייזְן דֶעם וֶועג אַרוֹיס פוּן דִי פְּרָאבְּלֶעמֶען.

**דֶער** רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג ווִי אַזוֹי מִיר זָאלְן זִיךְ פִירְן, דֶער וֶועג אִיז 'הִתְבּוֹדְדוּת'; אַ מֶענְטְש זָאל גֵיין יֶעדְן טָאג אִין אַ פְּרִיוַואטֶע פְּלַאץ אוּן דָארְט זָאל עֶר שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ, עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, שְׁלֶעכְטֶע דִבּוּרִים אוּן שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט אִים טוּן. אִין אָנְהוֹיבּ וֶוען מֶען הוֹיבְּט אָן מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת אִיז דָאס אַ

שְׁוֶועֶרֶע זַאךְ, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט ווִי מֶען רֶעדְט צוּ אֵיינֶעם, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס וָואס מֶען בֶּעט אִים, בִּפְרַט וֶוען מֶען זִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, מֶען אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, דֶעמָאלְט פַארְלִירְט מֶען דִי אֱמוּנָה, וַוייל בְּרִית מִיט אֱמוּנָה גֵייט גֶעקְנִיפְּט אוּן גֶעבִּינְדְן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן לא), אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים פּט, כט): "וּבְרִיתִי נֶאֱמֶנֶת לוֹ"; מֶען הוֹיבְּט אָן טְרַאכְטְן: 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף מִיךְ נִישְׁט', 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר', בִּיז דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט אַזוֹי צֶעקְלַאפְּט אַז עֶר גֵייט נָאכְאַמָאל צוּרִיק צוּ זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, "כְּכֶלֶב שָׁב עַל קֵאוֹ" (מִשְׁלֵי כו, יא), אַזוֹי ווִי אַ הוּנְט גֵייט צוּרִיק צוּ זַיין שְׁמוּץ; מֶען פַאלְט אוּן מֶען פַאלְט בִּיז מֶען פַאלְט אַרַיין אִין נָאךְ טִיפֶערֶע בְּלָאטֶעס, בִּיז מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק פַארְלוֹירְן אַז מֶען הוֹיבְּט אָן טְרַאכְטְן מַחֲשָׁבוֹת פוּן עֶנְדִיגְן דָאס לֶעבְּן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זַיין שְׁטַארְק אִין אָנְהוֹיבּ נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן דִי וֶועג פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אֲפִלּוּ מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט ווִי מֶען רֶעדְט צוּ אֵיינֶעם, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט ווִי אֵיינֶער הֶערְט אוֹיס, דָאךְ גֵייט מֶען וַוייטֶער אוֹיף דֶעם וֶועג, מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן; מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - נִישְׁט אֵיין מָאל, נִישְׁט צְוֵויי מָאל, נָאר אָן אַ שִׁעוּר מָאל, מֶען בֶּעט אִים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ קֶען נִישְׁט אַזוֹי לֶעבְּן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שְׁלִיטָה אוֹיף מִיר, אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ ווִי אַ פַארְלוֹירֶענֶער, אִיךְ זִינְדִיג אִין פְּגַם הַבְּרִית אוּן אִיךְ

הַאלְט אִין אֵיין פַאלְן. יֶעדֶער מֵיינְט אַז אִיךְ בִּין אַ נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ, אִיךְ בִּין אַ וואוילֶער בָּחוּר, אָבֶער אִיךְ בִּין אַזוֹי טִיף אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער".

**בֶּאֱמֶת** אַז מֶען טְרַאכְט אַרַיין בִּיסְטוּ נִישְׁט שׁוּלְדִיג, וַוייל קֵיינֶער הָאט דִיר נִישְׁט גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז אַן עֲבֵירָה; דוּ בִּיסְט אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אַלֶע דַיינֶע יָארְן אָן וִויסְן בִּכְלַל אַז דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס הַרְגְ'עט דֶעם מֶענְטְשׁ פַארְן לֶעבְן.

בַּיי דִי מְקוֹמוֹת וָואס הַאלְטְן זִיךְ נִישְׁט מִיט צַדִיקִים - דָארְט אִיז אָפְּגֶעמַאכְט אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן קְדֻשָּׁה, אֲפִלּוּ בַּיי דִי חֲסִידִי'שֶׁע יְשִׁיבוֹת זֶענֶען דָא פְּלֶעצֶער וָואס הָאבְּן אַ שִׁיטָה נִישְׁט צוּ רֶעדְן וְכוּ', בִּפְרַט בַּיי דִי מְקוֹמוֹת וָואס גֵייעֶן נִישְׁט אוֹיפְן דֶּרֶךְ פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים תַּלְמִידֵי בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ - דָארְט רֶעדְט מֶען נִישְׁט; דוּ הָאסְט אַ גוּטֶע טַעֲנָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט אַלְס יוּנְג קִינְד צוּ דִי מַעֲשִׂים, פוּן וואוּ וָואלְט אִיךְ גֶעדַארְפְט וִויסְן וָואס דָאס אִיז?! פוּן וואוּ וָואלְט אִיךְ גֶעדַארְפְט וִויסְן אִין וָואס פַאר אַ פְּלָאנְטֶער אִיךְ לֵייג זִיךְ אַרַיין?!" דוּ הָאסְט וָואס צוּ טַעְנָה'ן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אַז** דוּ וֶועסְט גֵיין אוֹיף דֶעם וֶועג, דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאג נָאךְ טָאג וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען לַאנְג בִּיז דוּ וֶועסְט אָנְהוֹיבְּן קֶענֶען טְרַאכְטְן, דוּ וֶועסְט אָנְהוֹיבְּן קֶענֶען גֵיין צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן, דוּ וֶועסְט זִיךְ קֶענֶען אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן דַיינֶע נִישְׁט גוּטֶע וֶועגְן.

# תתקכט

### קֶען מֶען פָּשׁוּט זָאגְן דִי װֶערְטֶער פוּן תּוֹרָה?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִזּוּק אוּן שִׁעוּרִים וָואס זֶענֶען מִיר אַלֶעמָאל מְחַזֵּק, סְפֶּעצִיעֶל יֶעצְט וֶוען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט גֵייט דוּרְךְ אַזַא שְׁוֶוערֶע צַייט.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט צְוֵויי אִידְן זִיךְ טַעֲנָה'ן אִיבֶּערְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אֵיינֶער הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס מֵיינְט פָּשׁוּט צוּ זָאגְן בְּלוֹיז דִי וֶוערְטֶער, אוּן דֶער צְוֵוייטֶער הָאט גֶעהַאלְטְן אַז מֶען דַארְף יָא פְּרוּבִּירְן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט, נָאר אוֹיבּ מֶען קוּמְט אָן צוּ אַ שְׁוֶוערֶע שְׁטִיקְל וָואס מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, זָאל מֶען נִישְׁט בְּלַייבְּן שְׁטֵיין דָארְט, נָאר זִיךְ רוּקְן וַוייטֶער.

וִויל אִיךְ וִויסְן וָואס דֶער אֱמֶת אִיז וֶועגְן דֶעם, אוּן אוֹיךְ צִי דֶער דֶרֶךְ הַלִּימוּד אִיז טַאקֶע גֶעמַאכְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אָדֶער נָאר פַאר אֵיינֶער וָואס קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען אוֹיף אַן אַנְדֶערְן אוֹפָן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קֹדֶשׁ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ז' אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.

**וָואס** דַארְפְסְטוּ זִיךְ טַעֲנָה'ן מִיט אַנְדֶערֶע? וָואס דַארְף דִיר אָנְגֵיין וָואס אַנְדֶערֶע זָאגְן? אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ טוּט

וָואס אִיז גוּט פַאר אִים, עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט אִים נִישְׁט וָואס דֶער זָאגְט אוּן וָואס יֶענֶער זָאגְט; פְרֶעג אִיךְ דִיר, פַארְוָואס דַארְפְסְטוּ זִיךְ מְבַלְבֵּל זַיין פוּן אַנְדֶערֶע? נָאךְ אַבִּיסְל וֶועלְן מִיר דַארְפְן אִיבֶּערְלָאזְן דִי וֶועלְט, דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זֶען דִי וָוארְהֵייט אוּן גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶעם רֶבִּינְ'ס דֶרֶךְ הַלִּימוּד

(הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו).

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָואָה (צַוָּאַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת יג): "וּכְשֶׁתַּגִּיעוּ לְעוֹלָם הָאֱמֶת אָז תִּיוָכְחוּ צִדְקַת 'סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד' שֶׁל רַבֵּינוּ זַ"ל", וֶוען אִיר וֶועט אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועט אִיר זִיךְ אִיבֶּערְצֵייגְן דִי וָוארְהֵייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס 'סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד'; "וְעַל כֵּן מַה וְלָמָּה לָכֶם לְהִתְוַכֵּחַ", דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט טַעְנָה'ן מִיט קֵיינֶעם, "טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב הַשֵּׁם", פְּרוּבִּירְט אַלֵיינְס אוֹיס דֶעם דֶּרֶךְ הַלִּימוּד וֶועט אִיר זֶען וִוי זִיס אוּן גֶעשְׁמַאק דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז, "הַרְגִּילוּ עַצְמְכֶם לָזֶה וְאָז תִּרְאוּ וְתַרְגִּשׁוּ כָּל מִינֵי טְעָמִים בְּחַיֵּיכֶם", גֶעוואוֹינְט אַייךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען לוֹיט דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, דֶעמָאלְט וֶועט אִיר זֶען אוּן שְׁפִּירְן אַלֶע טְעָמִים אוֹיף דִי וֶועלְט, "כִּי הַתּוֹרָה הִיא חִיּוּתֵנוּ בָּעוֹלָם הַזֶּה וּבָעוֹלָם הַבָּא, חִיּוּת גַּשְׁמִי וְחִיּוּת רוּחָנִי", וַוייל דִי תּוֹרָה אִיז אוּנְזֶער לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, דִי תּוֹרָה גֶעבְּט אוּנְז לֶעבְּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן סַיי בְּרוּחָנִיּוּת, "אַשְׁרֵי מִי שֶׁאֵינוֹ מַטְעֶה עַצְמוֹ בָּזֶה הָעוֹלָם כְּלָל, וְיוֹדֵעַ אֲשֶׁר עִקָּר הַלִּימוּד הוּא רַק לַעֲשׂוֹת רְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ וְלוֹמֵד עַל מְנָת לְקַיֵּם מִצְווֹתָיו יִתְבָּרַךְ וְלַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ לוֹ יִתְבָּרַךְ", וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ

וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוּן וֵוייסְט אַז דֶער עִקָּר לִימּוּד הַתּוֹרָה אִיז צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עַיֵּין שָׁם.

**וֶוען** אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט תּוֹרָה, אֲפִלּוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט - אִיז דָאס זֵייעֶר טֵייעֶר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (קְדוֹשִׁים פה:): "וּמַאן דְּתִיאוּבְתֵיהּ לְמִלְעֵי בְּאוֹרַיְיתָא", וֶוער עֶס וִויל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "וְלָא אַשְׁכַּח מַאן דְּיוֹלִיף לֵיהּ", אוּן עֶר הָאט נִישְׁט וֶוער עֶס זָאל אִים אוֹיסְלֶערְנֶען אוּן גֶעבְן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶר לֶערְנְט, "וְהוּא בִּרְחִימוּתָא דְּאוֹרַיְיתָא, לָעֵי בָּהּ, וּמְגַמְגֵּם בָּהּ בְּגִמְגּוּמָא דְלָא יָדַע", אָבֶער וויבַּאלְד עֶר הָאט לִיבּ צוּ לֶערְנֶען, לֶערְנְט עֶר אָן פַארְשְׁטֵיין, "כָּל מִלָּה וּמִלָּה סַלְּקָא", זָאל עֶר וִויסְן אַז יֶעדֶעס וָוארְט תּוֹרָה וָואס עֶר לֶערְנְט אָן פַארְשְׁטֵיין גֵייט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל, "וְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא חָדֵי בְּהַהִיא מִלָּה", אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְרֵייט זִיךְ מִיט דֶעם. "וְקַבִּיל לָהּ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט דִי וֶוערְטֶער, "וְנָטַע לָהּ סַחֲרָנֵיהּ דְּהַהוּא נַחֲלָא", אוּן עֶר פְלַאנְצְט אַיין דִי וֶוערְטֶער אוֹיבְן אִין הִימְל אַרוּם אַ טַייךְ, "וְאִתְעָבִידוּ מֵאִלֵּין מִלִּין אִילָנִין רַבְרְבִין", אוּן עֶס וֶוערְט פוּן דִי וֶוערְטֶער גְרוֹיסֶע בֵּיימֶער, "וְאִקְרוּן עַרְבֵי נַחַל", וָואס מֶען רוּפְט זֵיי אָן 'עֲרָבוֹת', אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ה, יט): "בְּאַהֲבָתָהּ תִּשְׁגֶּה תָמִיד", פוּן לִיבְשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה - לֶערְנְט עֶר שְׁטֶענְדִיג, אֲפִלּוּ מִיט גְרַייזְן.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, יֶעדְן טָאג וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אָן תּוֹרָה - אִיז מֶען אַ גְרוֹיסֶער רַחְמָנוּת; דָאס לֶעבְן גֵייט פַארְבֵּיי אַזוֹי וִוי אַ שָׁאטְן, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (דִּבְרֵי

הַיָּמִים-א כט, טו): "כַּצֵּל יָמֵינוּ עַל הָאָרֶץ וְאֵין מִקְוֶה", זָאגְן אוֹיף דֶעם חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (מִדְרָשׁ בְּרֵאשִׁית רַבָּה צו, ב): "הַלְוַאי כְּצִלּוֹ שֶׁל כּוֹתֶל, אוֹ כְּצִלּוֹ שֶׁל אִילָן, אֶלָּא כְּצִלּוֹ שֶׁל עוֹף בְּשָׁעָה שֶׁהוּא עָף", הַלְוַאי זָאלְן אוּנְזֶערֶע טֶעג זַיין אַזוֹי וִוי דִי שָׁאטְן פוּן אַ וַואנְט וָואס נֶעמְט אַבִּיסְל צַייט וִוי לַאנְג עֶס גֵייט אַרִיבֶּער, אָדֶער וִוי דִי שָׁאטְן פוּן אַ בּוֹים, אָבֶּער אַז מֶען קוּקְט גוּט זֶעט מֶען אַז דָאס לֶעבְּן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז נִיטְאַמָאל וִוי אַזַא שָׁאטְן, נָאר עֶס פְלִיט אַדוּרְךְ אַזוֹי וִוי דִי שָׁאטְן פוּן אַ פֵייגְל וָואס פְלִיט.

**וואוּיל** אִיז דֶעם וָואס פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנד): "עַל שְׁנֵי כִּתּוֹת אֲנָשִׁים יֵשׁ לִי רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עֲלֵיהֶם", אוֹיף צְוֵויי גְרוּפֶּעס מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, "עַל אֵלּוּ אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב אֵלַי וְאֵינָם מִתְקָרְבִים", אוֹיף דִי וָואס הָאבְּן גֶעקֶענְט מְקוֹרָב וֶוערְן צוּ מִיר אוּן וֶוערְן נִישְׁט מְקוֹרָב, "וְעַל אֵלּוּ הַמְקֹרָבִים אֵלַי וְאֵינָם מְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי", אוּן אוֹיף דִי וָואס זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ מִיר אוּן פָאלְגְן מִיךְ נִישְׁט; "כִּי אֲנִי יוֹדֵעַ, שֶׁיִּהְיֶה עֵת, בְּעֵת שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם מֻנָּח עַל הָאָרֶץ עִם רַגְלָיו אֶל הַדֶּלֶת, אָז יִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ הֵיטֵב, וְיִתְחָרֵט מְאֹד מְאֹד עַל שֶׁלֹּא זָכָה לְהִתְקָרֵב אֵלַי, אוֹ שֶׁלֹּא קִיֵּם אֶת דְּבָרַי. כִּי אָז יֵדְעוּ שֶׁאִם הָיוּ מְקֹרָבִים אֵלַי וּמְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי, לֹא הָיָה שׁוּם דַּרְגָּא בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא הָיִיתִי מְבִיאָם לְאוֹתָהּ הַמַּדְרֵגָה, אֲבָל לֹא יוֹעִיל אָז", וַוייל עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט

וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט לִיגְן מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר, דָאס מֵיינְט וֶוען מֶען וֶועט שְׁטַארְבְּן - (וָואס דֶעמָאלְט לֵייגְט מֶען אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט דִי פִּיס אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם טִיר), אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ דֶעמָאלְט אָנְקוּקְן וִוי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס, אוּן עֶר וֶועט חֲרָטָה הָאבְּן, טְרַאכְטְנְדִיג: ׳פַּארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי׳ן? וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי׳ן וָואלְט אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט׳, אָבֶער עֶס וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתקל

**וִוי אַזוֹי שְׁטַארְק אִיךְ זִיךְ אִיבֶּער מַיינֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת?**

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

אִיךְ הֶער אַסַאךְ דִי שִׁעוּרִים אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶּ׳ דֶערְמִיט, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעעֶנְדִיגְט אֵיינְמָאל מִשְׁנַיּוֹת, אוּן אִיךְ הַאלְט יֶעצְט אִינְמִיטְן שַׁ״ס, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אוּן יֶעצְט צוּ מַיין שְׁאֵלָה, אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר, אוּן דֶער יֵצֶר הָרָע פְלַאקֶערְט אִין מִיר אוֹיף אַ גֶעוַואלְדִיגְן פַארְנֶעם, אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיף אִים. אִיךְ וֵויים נִישְׁט פַארְוָואס עֶר הָאט זִיךְ פַארְלֵייגְט אַזוֹי שְׁטַארְק פִּינְקְט אוֹיף מִיר, מִיךְ מַכְשִׁיל צוּ זַיין מִיט פְּגַם הַבְּרִית רַחְמָנָא לִיצְלָן,

אֵיינְמָאל בִּין אִיךְ זִיךְ מִתְגַּבֵּר אוֹיף אִים, אוּן דִי צְוֵוייטֶע מָאל אִיז עֶר זִיךְ מִתְגַּבֵּר אוֹיף מִיר; פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ אַזֶעלְכֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת? אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיךְ קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין.

אוֹיךְ בִּין אִיךְ מֵפִיץ דֶעם גִּלְיוֹן הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ אִין מַיין גֶעגְנְט, אִיךְ דְרוּק עֶס בַּיי אַ גּוֹי'אִישְׁן דְרוּקֶער, אָבֶּער מֶענְטְשְׁן זָאגְן מִיר אַז מֶען טָאר נִישְׁט אַהִינְגֵיין וַוייל דָארְט אִיז דָא אָפֶענֶע אִינְטֶערְנֶעט, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶען קַיין שְׁלֶעכְטְס דָארְט, אִיז דָאס אַ פְּרָאבְּלֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קֹדֶשׁ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ז' אִיָּיר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דוּ** קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִוי חָשׁוּב דוּ בִּיסְט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דֶעם וָואס דוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְסְט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת פַאר אַנְדֶערֶע, מִיט דֶעם נֶעמְסְטוּ אַרָאפּ פוּן דִיר אַלֶע דִינִים אוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִאוּף, סִימָן מא): "תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס וִויל מְתַקֵּן זַיין וָואס עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין פְּגַם הַבְּרִית - זָאל עוֹסֵק זַיין אִין דִי מִצְוָה פוּן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה; עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען טוּן צוּ פַארְרֶעכְטְן וָואס עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען - וִוי צוּ עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה.

הֶער נִישְׁט אוֹיס דִי וָואס ווילְן דִיךְ אָפְּרֶעדְן פוּן הַפָּצָה, דִי זֶעלְבֶּע רֶעדְן אָפּ מֶענְטְשְׁן פוּן פָאֲרְן קֵיין אוּמַאן; מִיט דִי זֶעלְבֶּע טַעֲנָה, אַז אִין אוּמַאן אִיז דָא אִינְטֶערְנֶעט וְכוּ', כְּאִלּוּ בִּיז אוּמַאן אִיז נִישְׁטָא קֵיין אִינְטֶערְנֶעט אוּן קֵיין עֲבֵירוֹת. אַדְרַבָּה, זֵיי מַמְשִׁיךְ מִיטְן פַארְשְׁפְּרֵייטְן אִין דֵיין גֶעגְנְט, אוּן שְׁטַארְק זִיךְ נָאךְ מֶער צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן אִין נָאךְ גֶעגְנְטֶער אוּן אִין נָאךְ שְׁטֶעט; דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ דִי הַבְטָחָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶע זֹהַר זָאגְט (תְּרוּמָה, קכח:) "תָּא חֲזִי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בְּיָדָא דְּחַיָּיבָא וְאִשְׁתָּדַּל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא", קוּם אוּן זֶע: אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא", דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קֵיין שׁוּם אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; "גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא, וְגָרִים דְּאִסְתְּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ, וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַוֶועק טֻמְאָה פוּן דִי וֶועלְט אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דִי וֶועלְט, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גּוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת. "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "כָּל מָארֵי דִּינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי", קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן - נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן

דִּימְחֵי בִּידֵיהּ", עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתקלא

### דַארְף מֶען אַלֶעס דֶערְצֵיילְן פַאר דִי וַוייבּ?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי חָשׁוּבֶ'עֶ שִׁעוּרִים אוּן עֵצוֹת, בִּפְרַט אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת, וָואס הֶעלְפְט מִיר גָאר אַסַאךְ.

אִיךְ הָאבּ שְׁטַארְק גֶעוָואלְט הָאבְּן אַן עֵצָה פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר אַ ווֹאוֹילֶע וַוייבּ, אִיךְ בִּין זֵייעֶר אָפְן מִיט אִיר בָּרוּךְ הַשֵּׁם, מִיר שְׁמוּעֶסְן אַלֶעס אַדוּרְךְ צוּזַאמֶען, אוּן מִיר לֶעבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם בְּשָׁלוֹם. דִי מַעֲשֶׂה אִיז אָבֶער אַז עֶס אִיז דָא גֶעווִיסֶע זַאכְן אִין מַיין בִּיזְנֶעס וָואס אִיךְ וָואלְט זֵייעֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט עֶס זָאל אָנְקוּמֶען צוּ פְרֶעמְדֶע אוֹיעֶרְן, אוּן ווִיפִיל אִיךְ זָאל נָאר בֶּעטְן מַיין וַוייבּ זִי זָאל דָאס נִישְׁט אִיבֶּערְזָאגְן פַאר קֵיינֶעם, וֶועט זִיךְ עֶס אָבֶער אַרוֹיסְגְלִיטְשְׁן פוּן אִיר, זִי טוּט עֶס נִישְׁט פַאר שְׁלֶעכְטִיקַייט חָלִילָה, נָאר פָּשׁוּט עֶס גֵייט אַרוֹיס פוּן אִיר אוּמְווִילְנְדִיג. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דֶעם שֵׂכֶל זִיךְ נִישְׁט צוּ קְרִיגְן וֶועגְן דֶעם, אִיךְ הָאבּ אִיר מוֹחֵל גֶעוֶוען, אִיךְ ווִיל נָאר ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ הַאנְדְלֶען פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער. אִיר נִישְׁט צוּ דֶערְצֵיילְן אִיז אוֹיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אֵיינְמָאל אִיר גֶעזָאגְט אַבִּיסְל אַנְדֶערְשׁ פוּנֶעם אֱמֶת, אוּן שְׁפֶּעטֶער הָאט זִי זִיךְ זֵייעֶר בַּאלֵיידִיגְט פוּן דֶעם.

בִּיטֶע גֶעבְּט מִיר אַ גוּטֶע עֵצָה ווִי אַזוֹי צוּ הַאנְדְלֶען אִין דֶעם מַצָּב.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבָּת קֹדֶשׁ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ח' אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה יז.): "אִישׁ וְאִשָּׁה, זָכוּ, שְׁכִינָה בֵּינֵיהֶן", וֶוען מֶען לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה אַז דִי שְׁכִינָה רוּט אִין שְׁטוּבּ, עֶס אִיז דָא הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה, אוּן חַס וְשָׁלוֹם אַז מֶען קְרִיגְט זִיךְ - טְרַייבְּט מֶען אַרוֹיס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַנְשְׁטָאט דִי שְׁכִינָה - קוּמֶען דִי נִישְׁט גוּטֶע, דֶער שָׂטָן קוּמְט אִין שְׁטוּבּ ה' יִשְׁמְרֵינוּ. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מְרִיבָה, סִימָן סו): "בִּמְקוֹם מְרִיבָה שָׁם הַשָּׂטָן", דָארְט וואוּ מֶען קְרִיגְט זִיךְ דָארְט אִיז דֶער שָׂטָן; דִי שְׁכִינָה רוּט נָאר דָארְט וואוּ עֶס אִיז דָא שָׁלוֹם, וַוייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען אִיז שָׁלוֹם (שַׁבָּת י:).

**דַארְפְסְט** נִישְׁט אַלֶעס דֶערְצֵיילְן אִין שְׁטוּבּ; ווִילַאנְג דוּ בְּרֶענְגְסְט פַּרְנָסָה וֶועט דַיין וַוייבּ זַיין גְלִיקְלִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, דַיין וַוייבּ וֶועט נִישְׁט זַיין בֵּייז אוֹיף דִיר אַז זִי וֶועט נִישְׁט וִויסְן אַלֶע אֵיינְצֶעלְהֵייטְן פוּנֶעם גֶעשֶׁעפְט.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתקלב

## ווי אַזוֹי הִיט מֶען דִי קִינְדֶער פוּן קַשְׁיוֹת אוֹיף אֱמוּנָה פוּן אַ קָרוֹב?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קֹדֶם וויל אִיךְ זָאגְן אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁעוּרִים אוּן חִזּוּק, עֶס גֶעבְּט מִיר לֶעבְּן אִין אַלֶע תְּחוּמִים, אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען אוּמְגֵיין מִיט מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען אַזוֹיפִיל תּוֹרָה אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד.

אִיךְ הָאבּ אַ שְׁוָואגֶער וָואס אִיז נִישְׁט קַיין שׁוֹמֵר תּוֹרָה וּמִצְוֹת, עֶר הָאט זִיךְ דֶערְקְלֶערְט אַלְס אַן אֶפִּיקוֹרֵס. עֶר קוּמְט אַסַאךְ צוּ מַיין שְׁוֶוער אִינְדֶערְהֵיים אוּן עֶס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק וֶוען עֶר דְרֵייט זִיךְ דָארְט, בִּפְרַט וֶוען מַיינֶע קִינְדֶער פְרֶעגְן קַשְׁיוֹת.

יֶעצְט גֵייט אוֹיסְקוּמֶען אַ מִשְׁפָּחָה שִׂמְחָה וואוּ מִיר גֵייעֶן זַיין דָארְט צוּזַאמֶען, וְויל אִיךְ וויסְן צִי מֶען קֶען אִים מְצָרֵף זַיין צוּ מִנְיָן, צוּם דַאוֶונֶען אָדֶער בֶּענְטְשְׁן, אוּן בִּכְלַל ווִי אַזוֹי מֶען דַארְף צוּ הַאנְדְלֶען אִין אַזַא פַאל.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת אֱמוֹר, י' אִיָּיר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**רֶעד צוּ דַיינֶע קִינְדֶער אַסַאךְ דִבּוּרֵי אֱמוּנָה, דָאס אִיז וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן.**

מֶען קֶען נִישְׁט נָאכְגֵיין קִינְדֶער פִּיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה; וָואס וֵוייסְטוּ וָואס דַיין קִינְד'ס חֲבֵרִים רֶעדְן? וָואס וֵוייסְטוּ וָואס עֶר הֶערְט אִין גַאס? וָואס וֵוייסְטוּ מִיט וֶועם עֶר חַבֶר'ט זִיךְ? לֵיידֶער לֵיידֶער זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעפַאלֶענֶע מֶענְטְשְׁן וָואס קֶענֶען פַארְדְרֵייעֶן קְלֵיינֶע קֶעפֶּעלֶעךְ מִיט כְּלוֹמַר'ישֶׁע קַשְׁיוֹת, וָואס נָאר מִיט אַ קְלֵיינֶע קָאפּ אִיז דָאס אַ קַשְׁיָא. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לב) מֶען פְרֶעגְט פוּן אַ קִינְד אַ שְׁאֵלָה, אַז בַּיי אֵיינֶעם אִין שְׁטוּב הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשָׁאסְן אַ פֶענְסְטֶער הָאט עֶר גֶענוּמֶען אַ פֶענְסְטֶער פוּנֶעם אַנְדֶערְן צִימֶער אוּן גֶעלֵייגְט אִין דֶעם צִימֶער, פְרֶעגְט מֶען דָאס קִינְד: "פַארְוָואס הָאט מֶען אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי פֶענְסְטֶער פוּן דֶעם אַנְדֶערְן צִימֶער אוּן גֶעלֵייגְט אִין דֶעם צִימֶער, אַמֶער, דִי פֵייגְל קֶען דָאךְ יֶעצְט אַרוֹיסְפְלִיעֶן פוּן יֶענֶעם צִימֶער, וָואס הָאט מֶען אוֹיפְגֶעטוּן?!" וֶוען מֶען פְרֶעגְט אִים דִי קַשְׁיָא לֵייגְט מֶען אַרַיין דֶעם תֵּירוּץ אִין דִי קַשְׁיָא, בְּלַייבְּט דָאס קִינְד צֶעמִישְׁט מִיט דִי קַשְׁיָא; אֵיי דִי קַשְׁיָא אִיז נִישְׁט גֶעשְׁטוּיגְן אוּן נִישְׁט גֶעפְלוֹיגְן, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין פֵייגֶלֶעךְ, עֶר הָאט גֶעלֵייגְט דֶעם פֶענְסְטֶער עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַאלְט וְכַדוֹמֶה, אָבֶער דֶער קְלֵיינֶער מֹחַ בְּלַייבְּט פַארְטוּמְלְט אוּן וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן.

**אַז** מֶען וִויל אוֹיפְשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת אִיז דָא אֵיין עֵצָה: "רֶעדְן אַסַאךְ פוּן אֱמוּנָה"; וִוי מֶער מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה אַלְץ שְׁטֶערְקֶער וֶוערְט אוֹיפְגֶעבּוֹיט דִי אֱמוּנָה, מֶען שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַזַא שְׁטַארְקֵייט, מַמָּשׁ מֶען זֶעט דֶעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן סב) אוֹיף דֶעם וָואס שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (מִשְׁפָּטִים צה.) "עוּלִימְתָּא שַׁפִּירְתָּא דְּלֵית לָהּ עֵינִין, גּוּפָא טְמִירְתָּא וְאִתְגְּלֵי, נָפְקַת בְּצַפְרָא וּמִתְכַּסְיָא בִּימָמָא, מִתְקַשְּׁטַת בְּקִשּׁוּטִין דְּלָא הֲווֹ", זָאגְט דֶער רֶבִּי אַזוֹי: 'עוּלִימְתָּא שַׁפִּירְתָּא' דָאס אִיז אֱמוּנָה, אָבֶּער 'דְּלֵית לָהּ עֵינִין' עֶס הָאט נִישְׁט קַיין אוֹיגְן; דָאס הֵייסְט מֶען טָאר נִישְׁט פְּרֶעגְן קַיין קַשְׁיוֹת, נָאר מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. 'גּוּפָא טְמִירְתָּא' זִי אִיז בַּאהַאלְטְן, וֶוען דוּ וֶועסְט בֶּעטְן אֵיינֶער וָואס הָאט אֱמוּנָה עֶר זָאל דִיר מַסְבִּיר זַיין אַ טַעַם אוּן אַ סְבָרָה אִין דִי אֱמוּנָה - וֶועט עֶר נִישְׁט הָאבְּן וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן, וַוייל אַז מֶען פְּרֶעגְט אַ מַאֲמִין בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, זַיי מַסְבִּיר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז, קֶען עֶר דִיר נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, אָבֶּער 'וְאִתְגְּלֵי' בַּיי אִים אִיז עֶס אַזוֹי קְלָאר, אַזוֹי וִוי עֶר זֶעט דָאס מִיט דִי אוֹיגְן. 'נָפְקַת בְּצַפְרָא' יֶעדְן צוּפְרִי וֶוערְט צוּרִיק בַּאנֵייט דִי אֱמוּנָה, 'וּמִתְכַּסְיָא בִּימָמָא' אוּן דוּרְכְן טָאג וֶוערְט עֶס פַארְדֶעקְט, וַוייל מֶען וֶוערְט אַרַיינְגֶעשְׁלֶעפְּט אִין דִי אַרְבֶּעט אוּן מֶען לוֹיפְט נָאךְ גֶעלְט, צוּבִּיסְלִיךְ פַארְגֶעסְט מֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**בְּנוֹגֵעַ** אִים מְצָרֵף זַיין צוּ מִנְיָן וְכוּ'; עַל פִּי רוֹב זֶענֶען דִי אַלֶע נִישְׁט קַיין אֶפִּיקוֹרְסִים, זַיי זֶענֶען צֶעבְּרָאכֶענֶע דֶעפְּרֶעסְטֶע מֶענְטְשְׁן, עֶס פַּאסְט זֵיי נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז זֵיי זֶענֶען צֶעבְּרָאכְן אוּן זֵיי דַארְפְן אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט, דֶערִיבֶּער זָאגְן זֵיי אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גְלוֹיבִּיגֶע, מֵיינֶענְדִיג אַז אַזוֹי וֶועלְן

זֵיי בַּאקוּמֶען זֵייעֶר אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט (אַטֶענְשָׁאן), אָבֶּער טִיף אִין הַארְץ גְלֵייבְּן זֵיי אוֹיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִּירְט דִי וֶועלְט אוּן עֶר טוּט אַלֶעס.

**וואוֹיל** אִיז פַאר דִי עֶלְטֶערְן וָואס לֵייגְן אַרַיין אַסַאךְ אֱמוּנָה מִיט שִׂמְחָה אִין זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, דוּרְכְדֶעם וֶועלְן זֵיי זֶען אַסַאךְ נַחַת.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתקלג

**מוּז אִיךְ אָפְּלָאזְן מַיין חֲסִידוּת, כְּדֵי צוּ וֶוערְן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי חִזּוּק דְרָשׁוֹת אוּן דִי בְּרִיוו וָואס זֶענֶען מִיר מַמָּשׁ מְחַיֶּה.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אַזוֹי וִוי אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אִין אַ גֶעוִויסֶע חֲסִידוּת, ווייל אִיךְ וִויסְן אוֹיבּ אִיךְ מוּז אָפְּלָאזְן מַיין קְהִלָּה אוּן מַיין חֲסִידוּת, כְּדֵי צוּ וֶוערְן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר?

אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט אֵיינֶעם אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר אִיבֶּער דֶעם, אוּן יֶענֶער הָאט מִיר אָנְגֶעוִויזְן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיף אַבְרָהָם אָבִינוּ אַז עֶר הָאט אָפְּגֶעלָאזְט אַלֶעס אוּן נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף קֵיינֶעם, אוּן יֶעדֶער איד דַארְף זִיךְ אַזוֹי פִירְן. מִיר זֶעט דָאס אָבֶּער אוֹיס אַבִּיסְל אִיבֶּערְגֶעטְרִיבְּן, פַארְוָואס

זָאל אִיךְ דַארְפְן אָפְּלָאזְן אַן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע קְהִלָּה, בְּלוֹיז צוּ קֶענֶען נֶעמֶען אוֹיךְ דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן? אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר דָאס קְלָאר שְׁטֶעלְן.

אוֹיךְ וִויל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁעוּרִים וָואס הֶעלְפְן מִיר אַזוֹיפִיל אִין לֶעבְן, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶועןְ צוּ עֶנְדִיגְן דְרֵיי מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, שׁוֹין אִיבֶּער אַ הַאלְבּ יָאר וָואס אִיךְ בִּין מַעֲבִיר סֵדְרָה יֶעדֶע וָואךְ, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט רוֹב שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוּן רוֹב מֶדְרָשׁ רַבָּה אוּן גַאנְץ נַ"ךְ, אוּן אִיךְ הָאף עֶס וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען לַאנְג בִּיז אִיךְ וֶועל מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע סִיּוּם אוֹיף בַּבְלִי אוּן יְרוּשַׁלְמִי, אוֹיסֶער נָאךְ פִּילֶע שִׁעוּרִים וָואס אִיךְ לֶערְן בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אוּן אוֹיסֶער דִי נָאךְ פִּילֶע עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס בַּאגְלֵייטְן מִיר מַמָּשׁ אוֹיף טְרִיט אוּן שְׁרִיט, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט גֶענוּג בַּאדַאנְקֶען.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י' אִיָּיר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** וֵויס נִישְׁט וֶוער דֶער בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד אִיז אוּן צִי עֶר הָאט בִּכְלַל שַׁיְיכוּת מִיטְ'ן רֶבִּי'ן; לוֹיט וִוי דוּ לֵייגְסְט מִיר אַרָאפּ זַיין עֶנְטְפֶער וְכוּ', וֵוייסְט עֶר נִישְׁט וָואס דֶער רֶבִּי וִויל פוּן אוּנְז.

**דֶער** רֶבִּי וִויל נִישְׁט אַוֶועקְנֶעמֶען מֶענְטְשְׁן פוּן זֵייעֶר מְסוֹרָה, פוּן זֵייעֶר וֶועג וִוי אַזוֹי זֵיי לֶעבְן; דֶער רֶבִּי וִויל אֵיין

זַאךְ, אוּנְז בְּרֶענְגֶען צוּ אַזַא מַדְרֵגָה אַז מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אַנְדֶערֶע תַּכְלִית אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט קַיין חִילוּק וֶוער מֶען אִיז אוּן פוּן וואוּ מֶען שְׁטַאמְט - זָאל מֶען אָפְּלֶעבְּן דָאס לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה אוּן מִיט שִׂמְחָה. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוּנְטֶערְוֶועגְנְס אוֹיפְן וֶועג קַיין נָאוְורִיטְשׁ (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רנ): "יֵשׁ לְאֵל יָדִי לְהַחֲזִיר כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ לְמוּטָב", אִיךְ בִּין בְּכֹּחַ צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְלֹא מִבָּעֲיָא יִשְׂרָאֵל קְדוֹשִׁים", נִישְׁט נָאר דִי אִידְן קֶען אִיךְ צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אֶלָּא כָּל הָאֻמּוֹת הָעוֹלָם כֻּלָּם אֲנִי יָכוֹל לְהַחֲזִירָם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְהָיִיתִי יָכוֹל לְהוֹלִיכָם סָמוּךְ לְדַת יִשְׂרָאֵל", נָאר אֲפִלּוּ דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם קֶען אִיךְ אוֹיךְ צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר, בְּלַייב וַוייטֶער מְקֻשָּׁר מִיט דַיין פְּלַאץ וואוּ דוּ בִּיסְט אוֹיפְגֶעוַואקְסְן, גֵיי נִישְׁט אַוֶועק פוּן דַיין חֲסִידוּת. נֶעם דִי חִזּוּק פוּן רֶבִּי'ן אוֹיף אַ פְּרִיוַואטֶע וֶועג; לֶערְן דַיינֶע שִׁעוּרִים אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) אוּן זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים יֶעדֶע זַאךְ, שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ מִיט אִים אוּן בְּרֶענְג אַרַיין דִי שְׁכִינָה אִין שְׁטוּבּ, דָאס הֵייסְט זָאלְסְט זֶען עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה יז.): "אִישׁ וְאִשָּׁה, זָכוּ, שְׁכִינָה בֵּינֵיהֶן", וֶוען מֶען לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם דֶעמָאלְט אִיז

מֶען זוֹכֶה אַז דִי שְׁכִינָה רוּט אִין שְׁטוּב, וַוייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען אִיז 'שָׁלוֹם' (שַׁבָּת י:), אוּן אַז מֶען אִיז בְּשָׁלוֹם אִיז דָא הַשְׁרָאַת הַשְׁכִינָה.

זַיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן אַנְדֶערֶע, דוּ זָאלְסְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין וֶועג. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, הַשְׁמָטָה, תְּחִלַּת חֵלֶק שֵׁנִי) אוֹיפְן פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל לג, כד): "אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם", אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִיבַּאלְד עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער אַלֵיין, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף קֵיינֶעם אִין דִי וֶועלְט; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט נָאר אוֹיף זִיךְ - דֶעמָאלְט אִיז עֶר אַ גְלִיקְלִיכֶער מֶענְטְשׁ, אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ. צוּ וָואס פֶעלְט דִיר אוֹיס מַאכְן אַ מַחְלֹקֶת וְכוּ'? צוּ וָואס פֶעלְט אוֹיס זִיךְ צוּ גֵיין רֵייצְן מִיט אַנְדֶערֶע, דֶערְצֵיילְן אַלֶעמֶען: "אִיךְ בִּין אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר"? וָואס פֶעלְט דִיר אוֹיס אַז אַלֶע זָאלְן אָנְהוֹיבְּן קְרִיגְן אוֹיף דִיר? מֶען וֶועט דִיר אוֹיסְשְׁלִיסְן פוּן דִי מִשְׁפָּחָה, מֶען וֶועט זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן דִיר ווִי מֶען דֶערְוַוייטֶערְט זִיךְ פוּן אַ קְרַאנְקְן; דֶערְפַאר אִיז בֶּעסֶער פַאר דִיר צוּ זַיין מְקֻשָּׁר צוּם רֶבִּי'ן שְׁטִילֶערְהֵייט, לֶערְן אוּן דַאוֶונֶען אוּן זַיי פְרֵיילִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתקלד

**ווי אַזוֹי קֶען אַ אִינְגֶערְמַאן זִיךְ שְׁטַארְקְן אִיבֶּער זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת?**

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער אַסַאךְ מָאל בַּיי דִי שִׁעוּרִים ווי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט: "אַ בָּחוּר אִיז אַ רַחְמָנוּת וַוייל עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט חֲתֻנָּה גֶעהַאט, אָבֶּער אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט דָאךְ שׁוֹין אַ וַוייבּ, פַּארְוָואס זָאל עֶר גֵיין זוּכְן נַארִישְׁקֵייטְן אוּן שְׁמוּץ...?!"

דָאס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ הֶערְן, וַוייל אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם חֲתֻנָּה גֶעהַאט מִיט אַ גוּטֶע וַוייבּ, אוּן מִיר הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן קֶען אִיךְ נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ טְרַאכְטְן פוּן שְׁמוּץ, אִיךְ מוּז טְרַאכְטְן פוּן פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן, פוּן מַיין וַוייבְּ'ס שְׁוֶועסְטֶערְס, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער מוּטְשֶׁע אִיךְ זִיךְ אַסַאךְ מִיט נִסְיוֹנוֹת, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן, אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִי מַחֲשָׁבָה.

אִיז דָא אוֹיךְ פַאר מִיר אַן עֵצָה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י' אִיָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וָוען מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי מַחֲשָׁבָה אוּן דִי אוֹיגְן, מֶען קוּקְט עֲבֵירוֹת אוּן מֶען פַאלְט אִין פְּגַם הַבְּרִית - בְּלַייבְּט מֶען צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דֶעם אֲפִלּוּ נָאךְ דִי חֲתֻנָּה ה' יִשְׁמְרֵינוּ. חֲכָמֵינוּ**

זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִדּוּשִׁין כט:): "בֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה וְלֹא נָשָׂא אִשָּׁה ... כָּל יָמָיו בְּהִרְהוּר עֲבֵירָה", דֶער וָואס טְרַאכְט פוּן עֲבֵירוֹת וָועט אִים זַיין שְׁוֶוער אֲפִילּוּ נָאךְ דִי חֲתֻנָּה צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ; דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת - אִיז נָאר דוּרְךְ תּוֹרָה וּתְפִלָּה, אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט צוּבִּיסְלִיךְ אוֹיסְגֶעֵריינִיגְט דֶער מֹחַ בִּיז מֶען קְרִיכְט אִינְגַאנְצְן אַרוֹיס פוּן דֶעם.

**דֶערִיבֶּער** אַז דוּ בִּיסְט אַזוֹי צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ עֲבֵירוֹת, אַז אֲפִילּוּ דוּ הָאסְט שׁוֹין חֲתֻנָּה גֶעהַאט קֶענְסְטוּ נִישְׁט לֶעבְּן מִיט דַיין וַוייבּ אָן טְרַאכְטְן פוּן אַ צְוֵוייטְן וְכוּ', דַיין קָאפּ אִיז נִישְׁט מִיט אִיר, דוּ טְרַאכְסְט טָאג אוּן נַאכְט פוּן אִירֶע שְׁוֶועסְטֶערְס אוּן פוּן פְרֶעמְדֶע הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, דוּ ווִילְסְט צוּרִיק לוֹיפְן צוּ דִי עֶקְלְדִיגֶע מָאוִוים וָואס דוּ הָאסְט צַאמְגֶעזֶען - זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן אַ שִׁעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת; זָאג אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת וֶועסְטוּ צוּבִּיסְלִיךְ בַּאקוּמֶען אַ רֵיינֶע מֹחַ, דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵייליִךְ אוּן צוּפְרִידְן מִיט דַיין וַוייבּ.

**וָוען** דוּ לֶערְנְסְט מִשְׁנָיוֹת זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט, וַוייל פוּן קוּקְן אַזוֹיפִיל מָאוִוים אוּן אַרָאפְּפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית - פַארְלִירְט מֶען דֶעם כֹּחַ פוּן זִיךְ קֶענֶען קָאנְצֶענְטְרִירְן, דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית פַארְ'תַּמְ'ט דֶעם קָאפּ, מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען. אוּן אֲפִילּוּ אַ גוּטֶע קָאפּ וָואס פַארְשְׁטֵייט יָא לֶערְנֶען - פְּלִיט אִים אַוֶועק זַיין קָאפּ אוּן עֶר קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען; דוּ זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן מִשְׁנָיוֹת, דָאס וֶועט דִיךְ רֵיינִיגְן פוּן אַלֶע שְׁמוּץ.

**נָאךְ** אַן עֵצָה אִיז דָא, דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן; דִי עֵצָה פוּן "הִתְבּוֹדְדוּת", דִי עֵצָה וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט. רֶעד זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶעס, וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְקְרָאכְן, אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְדְרֵייט, אִיךְ טְרַאכְט נָאר פוּן עֲבֵירוֹת; אִיךְ ווִיל אַלְץ צוּרִיק לוֹיפְן כְּכֶלֶב שָׁב עַל קֵאוֹ - ווִי אַ הוּנְט וָואס גֵייט צוּרִיק צוּ זַיין בְּרֶעכַאכְץ; זַיי מִיר מוֹחֵל אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין ווָאוִיל, אִיךְ גֵיי שׁוֹין הִיטְן מַיין מַחֲשָׁבָה אוּן מַיינֶע אוֹיגְן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ קֶען נִישְׁט אַלֵיין, אִיךְ דַארְף דוּ זָאלְסְט מִיר הֶעלְפְן. אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, אִיךְ ווִיל הָאבְן אַ רֵיינֶע מֹחַ, אִיךְ ווִיל זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט מַיין ווַייבּ, אִיךְ ווִיל נִישְׁט זַיין פַארְנוּמֶען צוּ טְרַאכְטְן פוּן אַנְדֶערֶע, וֶוען וֶועל אִיךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ צַדִיק?"

**אַזוֹי** זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, דוּ וֶועסְט אָפְּלָאזְן דִי גְרוֹילִיגֶע עֶקְלְהַאפְטִיגֶע מָאוִוים, דוּ וֶועסְט דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַ ווַייבּ מִיט קִינְדֶער, דוּ וֶועסְט נִישְׁט דִמְיוֹנ'עֶן פוּן אַנְדֶערֶע.

**אַז** דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק מִיט דִי צְווֵיי עֵצוֹת - "תּוֹרָה וּתְפִלָּה" - וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

# תתקלה

## אִיךְ הָאבּ צְוֵויי עֶלְטֶערֶע בְּרִידֶער, וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין אַ חָתָן וֶוערְן?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן נַיינְצְן יָאר, אִיךְ הָאבּ נָאךְ צְוֵויי עֶלְטֶערֶע בְּרִידֶער וָואס הָאבְּן נָאכְנִישְׁט חֲתֻנָּה גֶעהַאט, אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן. אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק שׁוֹין חֲתֻנָּה הָאבְּן, אוּן אִיךְ קֶען אֲפִלּוּ נִישְׁט רֶעדְן צוּ מַיין טַאטֶע וֶועגְן דֶעם, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"א אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וָואס** וֶועסְטוּ הָאבְּן אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן מִיט דַיין טַאטֶע? וָואס קֶען דִיר דַיין טַאטֶע הֶעלְפְן? עֶר אִיז דָאךְ מֶער צֶעבְרָאכְן פוּן דִיר, עֶר שְׁטֵייט אוּן וַוארְט עֶס זָאל שׁוֹין זַיין שְׂמָחוֹת אִין שְׁטוּבּ.

דַיין שִׁדּוּךְ לִיגְט נִישְׁט אִין דַיין טַאטֶע'ס הֶענְט אוּן דִי שִׁדּוּכִים פוּן דַיינֶע בְּרִידֶער הָאט אוֹיךְ נִישְׁט צוּטוּן מִיט דַיין טַאטֶע אוּן מִיט קֵיינֶעם, עֶס לִיגְט נָאר אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה

סח, ג): "מָצִינוּ בַּתּוֹרָה בַּנְּבִיאִים וּבַכְּתוּבִים שֶׁאֵין זִוּוּגוֹ שֶׁל אִישׁ אֶלָּא מִן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", מִיר גֶעפִינֶען אִין דִי תּוֹרָה אוּן נְבִיאִים אוּן אִין כְּתוּבִים אַז אַ שִׁדּוּךְ הָאט נָאר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כד, נ) לָבָן אוּן בְּתוּאֵל הָאבְּן גֶעזָאגְט פַאר אֱלִיעֶזֶר עֶבֶד אַבְרָהָם: "מִיר קֶענֶען נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן רִבְקָה פוּן חֲתֻנָּה הָאבְּן מִיט יִצְחָק, וַוייל 'מֵה' יָצָא הַדָּבָר'"; אִין נְבִיאִים שְׁטֵייט (שׁוֹפְטִים יד, ד): "וְאָבִיו וְאִמּוֹ לֹא יָדְעוּ, כִּי מֵה' הִיא", דִי עֶלְטֶערְן פוּן שִׁמְשׁוֹן הַגִּבּוֹר הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז זַיין שִׁדּוּךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוּן אִין כְּתוּבִים שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי יט, יד): "בַּיִת וָהוֹן נַחֲלַת אָבוֹת, וּמֵה' אִשָּׁה מַשְׂכָּלֶת", אַ הויז אוּן אַ פַארְמֶעגְן קֶען מֶען בַּאקוּמֶען בִּירוּשָׁה פוּן דִי עֶלְטֶערְן, אָבֶּער אַ שִׁדּוּךְ קֶען מֶען נִישְׁט בַּאקוּמֶען בִּירוּשָׁה פוּן עֶלְטֶערְן, דָאס קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין.

**דָא** הָאסְטוּ אַ תְּפִלָּה וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַאר בָּחוּרִים צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג; זָאג עֶס יֶעדְן טָאג וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דַיין זִוּוּג בְּקָרוֹב:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁדּוּךְ, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין חֲתֻנָּה צוּ הָאבְּן שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג אוּן נִישְׁט דַארְפְן וַוארְטְן מֶער אַזוֹי לַאנְג.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וֵויים אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אַז אִיךְ

בִּין נִישְׁט אֵייבִּיג גֶעוֶועֶן אַזוֹי וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ. אִיךְ בֶּעט דִיר אָבֶּער, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם אוּן צוּלִיבּ דֶעם צוּרִיק הַאלְטְן מַיין שִׁדוּךְ. זֵיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גוּט גֶעטוּן, אוּן הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין שְׁנֶעל חֲתֻנָּה הָאבְּן, אוּן דָאס וֶועט מִיר הֶעלְפְן אוּן רַאטֶעוֶועט אַז אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת אוּן אִיךְ זָאל שׁוֹין זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ.

וָואס זָאל אִיךְ טוּן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם? פוּן מַיין זַייט בִּין אִיךְ גְרֵייט חֲתֻנָּה צוּ הָאבְּן הַיינְט נַאכְט! וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן מַיין שִׁדוּךְ? אִיךְ וַוארְט אוּן אִיךְ וַוארְט אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אַז אִיךְ וִויל שׁוֹין חֲתֻנָּה הָאבְּן, אוּן דֶערְוַוייל אִיז עֶס נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען.

דִי חֲזַ"ל זָאגְן אוּנְז אַז וֶוען אֵיינֶער הָאט חֲתֻנָּה נָאךְ דִי צְוָואנְצִיג יָאר, וֶועט עֶר שׁוֹין זַיין גַאנְץ לֶעבְּן טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת, אוּן דוּ זָאגְסְט אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ אַז זַיינֶע בֵּיינֶער זָאלְן צוּגֵיין. פַארְוָואס זָאל מִיר קוּמֶען אַזַא הַארְבֶּער עֹנֶשׁ אַז אִיךְ זָאל מַיין גַאנְץ לֶעבְּן טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת, אוּן אַז מַיינֶע בֵּיינֶער זָאלְן צוּגֵיין? וָואס בִּין אִיךְ דֶען שׁוּלְדִיג? פַארְוָואס קוּמְט עֶס מִיר? אִיז מִיר נִישְׁט גֶענוּג דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּיין אוּן וֵוייטָאג וָואס אִיךְ הָאבּ פוּן דֶעם אַלֵיין אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט חֲתֻנָּה גֶעהַאט?

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת אוּן גֶעדוּלְד, אוּן אוֹיסְוַוארְטְן מִיט

רוּאִיגְקֵייט בִּיז אִיךְ וֶועל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין חֲתֻנָּה צוּ הָאבְּן. הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִּיר. הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז דוּ טוּסְט אַלֶעם נָאר צוּם גוּטְן, אוּן יֶעדֶע זַאךְ הָאט אַ פִּינְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, אוּן מִיט דֶעם זָאל אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט זַיין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן פוּן מַיינֶע שְׁוֶועריקַייטְן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נָאר דוּ קֶענְסְט מִיר פַארְשְׁטֵיין! נָאר דוּ וֵוייסְט מַיינֶע גֶעפִילְן! ווִי אַזוֹי אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט אוּן דֶערְנִידֶערְט פוּן מִיר אַלֵיין! אַז אַלֶע מַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן שׁוֹין חֲתֻנָּה גֶעהַאט אוּן נָאר אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיין! הֶעלְף מִיר אַז דִי בִּזְיוֹנוֹת זָאלְן זַיין פַאר כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת אַז מִיט דֶעם זָאל אִיךְ אָפְּקוּמֶען אַלֶע מַיינֶע עֲבֵירוֹת, אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט דַארְפְן לַיידְן אַזוֹיפִיל אוּן אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין חֲתֻנָּה צוּ הָאבְּן בְּקָרוֹב.

אִיךְ וֵויים אוּן אִיךְ גְלֵייבּ, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אַז דוּ וֶועסְט מִיר זִיכֶער נִישְׁט פַארְלָאזְן. סוֹף כָּל סוֹף וֶועל אִיךְ זוֹכֶה זַיין חֲתֻנָּה צוּ הָאבְּן. אוּן דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז וֶוען אִיךְ וֶועל שׁוֹין חֲתֻנָּה הָאבְּן זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע שְׁלוֹם בַּיִת, אִיךְ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט קְרִיגְן אִינֶערְהֵיים, עֶס זָאל שְׁטֶענְדִיג הֶערְשְׁן בַּיי אוּנְז אַהֲבָה וְאַחֲוָה וְשָׁלוֹם וְרֵעוּת, מִיר זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אוּן הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם, אוּן אִיךְ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט דַארְפְן גֶט'ן חַס וְשָׁלוֹם.

הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין אַ וַתְּרָן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג מְוַותֵּר זַיין אוּן נִישְׁט זִיךְ קְרִיגְן נָאר שְׁטֶענְדִיג אַרוֹיסְהֶעלְפְן. מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע הוֹיז, עֶס זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן דִי שִׂמְחָה אִין דִי לוּפְט בַּיי אוּנְז אִינֶעוֶוענְדִיג. אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע אוּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אִיךְ זָאל זֵיי אוֹיפְצִיעֶן אוֹיפְן עֶרְלִיכְן אִידִישְׁן וֶועג אוּן זֶען אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן זֵיי. מַיין שְׁטוּב זָאל זַיין אָפְן פַאר אַנְדֶערֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַרַיינְצוּנֶעמֶען אוֹרְחִים אוּן צוּ טוּן אַסַאךְ צְדָקָה אוּן חֶסֶד.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נֶעם אָן מַיין תְּפִלָּה, אוּן הֶעלְף מִיר שׁוֹין, אִין זְכוּת פוּן אַלֶע צַדִיקִים וּבִפְרַט אִין דִי זְכוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, [אוּן אִין זְכוּת פוּן רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מְנַחֵם זְאֵב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט גֶעמַאכְט דִי תְּפִלָּה], אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתקלו

**דִי פַּרְנָסָה וֶוערְט מִיר שְׁוֶוער, זָאל אִיךְ אָנְהוֹיבְּן אַ זַייטִיגֶע פַאךְ?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ מוּז אָנְהוֹיבְּן עֶרְשְׁט מִיט אַ דַאנְק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּקוּמֶען צוּ דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס הָאט מִיר מַמָּשׁ גֶעטוֹישְׁט דָאס לֶעבְּן צוּם גוּטְן, נִישְׁט נָאר פַאר מִיר נָאר

אויךְ פַאר מַיין וַוייבּ און קִינְדֶער, עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אוֹיסְצוּרֶעכֶענֶען יֶעדֶע פְּרַט, אָבֶער דֶער אִיבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט ווִיפִיל אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעטוּישְׁט אַ דַאנְק דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט אוּנְז.

אִיךְ ווָאוין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ הָאבּ חֲתֻנָּה גֶעהַאט שׁוֹין אִיבֶּער פִינְף יָאר צוּרִיק, און אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם דְרֵיי קִינְדֶערְלֶעךְ קַיין עַיִן הָרָע. דֶערְוַוייל לֶערְן אִיךְ אִין כּוֹלֵל אַ גַאנְצְן טָאג און מַיין וַוייבּ אַרְבֶּעט, מִיר זֶענֶען זִיךְ גַאנְץ גוּט אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַזוֹי בִּיז יֶעצְט.

לֶעצְטְנְס וֶוערְט אָבֶער שְׁוֶוערֶער דֶער מַצָּב הַפַּרְנָסָה בַּיי אוּנְז, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעמוּזְט אָנְהוֹיבְּן דְרֵייעֶן מִיט טוֹיזְנְטֶער שְׁקָלִים חוֹבוֹת, דָאס אִיז זֵייעֶר נִישְׁט גוּט און אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן.

פוּן אֵיין זַייט קְלֶער אִיךְ אַז אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ אָנְהוֹיבְּן טוּן אַ זַייטִיגֶע פַּרְנָסָה בַּיינַאכְט, אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ זִיךְ לֶערְנֶען סוֹפְרוּת און אָנְהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן בַּיינַאכְט, נָאכְן לֶערְנֶען אִין כּוֹלֵל אַ גַאנְצְן טָאג. פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זֶע אִיךְ אָבֶער אַז דִי אִינְגֶעלַייט וָואס הוֹיבְּן אָן מִיט אַ קְלֵיינֶע זַייטִיגֶע פַאךְ גֵייט עֶס נָאכְדֶעם אַרִיבֶּער צוּ אַרְבֶּעטְן אַ גַאנְצְן טָאג, און דָאס ווִיל אִיךְ זֵייעֶר נִישְׁט. אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ צוּ לֶערְנֶען, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי בָּרוּךְ הַשֵּׁם גוּט לֶערְנֶען, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעלֶערְנְט און זִיךְ פַארְהֶערְט הִלְכוֹת טָהֳרָה וּמִקְוָאוֹת, און יֶעצְט לֶערְן אִיךְ הִלְכוֹת בְּרָכוֹת און הִלְכוֹת תַּעֲרוּבוֹת, אִיךְ ווִיל וֶוערְן אַ מוֹרֶה הוֹרָאָה, און אִיךְ ווִיל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דָאס לֶערְנֶען. אָבֶער אִיךְ וֵוייס דָאךְ אוֹיךְ וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט כְּסֵדֶר אִיבֶּער דִי הַארְבְּקֵייט פוּן אַרַיינְפַאלְן אִין חוֹבוֹת.

אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען גֶעבְּן דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

נָאכְאַמָאל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, אִיךְ הָאבּ יֶעצְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעעֶנְדִיגְט דִי נֵיינְטֶע מָאל מִשְׁנָיוֹת, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ יֶעצְט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ פְרִישֶׁע שִׁעוּר אִין נַ"ךְ, אוֹיסֶער דִי טֶעגְלִיכֶע שִׁעוּרִים אִין בַּבְלִי, יְרוּשַׁלְמִי און תּוֹסֶפְתָּא, און אִין רֶבִּינְ'ס און מוֹהֲרַ"אשׁ'ס סְפָרִים.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת אֱמוֹר, י"ג אִיָּיר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**חוֹבוֹת** אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, עֶס הַרְגְ'עֶט דֶעם מֶענְטְשׁ בְּגַשְׁמִיוּת וּבְרוּחָנִיּוּת; עֶס נֶעמְט אַוֶועק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן מו): "מִי שֶׁרוֹצֶה לָשׁוּב, יִזָּהֵר מִלִּהְיוֹת בַּעַל חוֹב". וֶוער עֶס וִויל תְּשׁוּבָה טוּן זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן הָאבְּן חוֹבוֹת.

**אַז** דוּ ווִילְסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיינֶע חוֹבוֹת זָאלְסְטוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט אוּן אַזוֹי וֶועסְטוּ צוּבִּיסְלִיךְ קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי חוֹבוֹת. אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט (יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן רנג) אַז וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט קֶען גֵיין קְלֵייבְּן צְדָקָה פַאר זִיךְ; דֶערִיבֶּער אַז דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין חוֹבוֹת - זָאלְסְטוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט אוּן צוּבִּיסְלִיךְ בַּאצָאלְן דַיינֶע חוֹבוֹת. עֶס הֶערְט זִיךְ אֶפְשָׁר אִינְטֶערֶעסַאנְט, וִוי אִיז שַׁיָּיךְ צוּ בַּאצָאלְן שְׁוֶוערֶע טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער חוֹבוֹת דוּרְךְ צוּזַאמְנֶעמֶען אוּן צוּזַאמְקְרַאצְן פְּרוּטוֹת וָואס מֶען גֶעבְּט פַאר צְדָקָה... אָבֶּער דוּ וֶועסְט זֶען אַז עֶס וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען לַאנְג בִּיז דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע חוֹבוֹת אוּן דוּ וֶועסְט קֶענֶען שְׁפַּייזְן דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

**אִיךְ** ווֵייס אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט אָנְנֶעמֶען וָואס שְׁטֵייט אִין דֶעם בְּרִיוו, דוּ וֶועסְט נִישְׁט וֶועלְן גֵיין נָאךְ גֶעלְט; ווַייל דוּ

שֶׁעמְסְט זִיךְ צוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט, עֶס פַּאסְט דִיר נִישְׁט צוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט וְכוּ׳ וְכוּ׳, אָבֶּער ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז עֶס אִיז נִישְׁט קַיין בּוּשָׁה צוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט, אַ בּוּשָׁה אִיז אַז מֶען בָּארְגְט אוּן מֶען בַּאצָאלְט נִישְׁט, אַ בּוּשָׁה אִיז אַז מֶען צָאלְט נִישְׁט קַיין רֶענְט; דֶער וָואס בָּארְגְט אוּן בַּאצָאלְט נִישְׁט וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אַ רָשָׁע, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים לז, כא): ״לֹוֶה רָשָׁע וְלֹא יְשַׁלֵּם״.

**דָאס** הָאבְּן מִיר מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא״שׁ; מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶערֶעדְט פוּן דֶעם אָן אַ שִׁעוּר אַז מֶען טָאר נִישְׁט בָּארְגְן קַיין גֶעלְט, אוּן אַז מֶען בָּארְגְט גֶעלְט - דַארְף מֶען בַּאצָאלְן, אוּן אַז מֶען הָאט נִישְׁט צוּ בַּאצָאלְן - דַארְף מֶען פַארְקוֹיפְן דִי גַאנְצֶע פַארְמֶעגְן צוּ קֶענֶען בַּאצָאלְן, מֶען דַארְף טוּן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט אַבִּי נִישְׁט צוּ זַיין אַ גַּנָּב.

**מוֹהֲרָא״שׁ** זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען אַ נָאֶה דוֹרֵשׁ וְנָאֶה מְקַיֵּם, וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט - דָאס הָאט עֶר גֶעטוּן; מוֹהֲרָא״שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט ווִי אַזוֹי עֶר הָאט גֶעדְרוּקְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ. נָאךְ זַיין חֲתֻנָּה אִיז עֶר אַרַיינְגֶעשְׁפְּרִינְגֶען אִין חוֹבוֹת פוּן שְׁוֶוערֶע טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער, אִיבֶּער אַכְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער בַּיָּמִים הָהֵם, וָואס אִיז לוֹיט דִי הַיינְטִיגֶע וֶוערְד אַ חֶשְׁבּוֹן פוּן קָרוֹב צוּ אַ מִילְיָאן דָאלֶער! עֶר הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִין דִי צֵייט וֶוען אִין שְׁטוּבּ הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּ עֶסְן; עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין פִישׁ אוּן פְלֵיישׁ פַאר סְעוּדוֹת שַׁבָּת, מוֹהֲרָא״שׁ מִיט דִי

רֶעבֶּעצִין הָאבְּן גֶעגֶעסְן שַׁבָּת - חַלָּה מִיט סַארְדִין. "אִיךְ הָאבּ אַלֶעס בַּאצָאלְט בִּיז דִי לֶעצְטֶע פְּרוּטָה" - הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעזָאגְט. ווִי אַזוֹי? צוּבִּיסְלִיךְ, דוּרְךְ גֵיין נָאךְ גֶעלְט. עֶר פְּלֶעגְט גֵיין הֶפָּצָה אַפָּאר שָׁעָה אוּן גְלַייךְ גֵיין צוּם דְרוּקֶער אוּן צוּם בִּינְדֶער אוּן בַּאצָאלְט יֶעדְן טָאג צוּבִּיסְלִיךְ, "אֵיין טָאג אַ פּוּפְצִיגֶער, אֵיין טָאג אַ צְוָואנְצִיגֶער - בִּיז אִיךְ הָאבּ אַלֶעס בַּאצָאלְט", הָאט מוֹהֲרָא"ש אוֹיסְגֶעפִירְט.

**מוֹהֲרָא"ש** הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען: "וֶוער עֶס וֶועט גֵיין הֶפָּצָה - וֶועט שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן גֶעלְט אִין טַאשׁ"; בִּפְרַט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס דָארְט זֶענֶען דָא מִילְיָאנֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס וֵוייסְן נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי עֵרֶב רַב - דִי רְשָׁעִים - הָאבְּן זֵיי אוֹיסְגֶע'שְׁמַד'ט אוּן פְּרוּבִּירְט אָפְּצוּרֵייסְן פוּן דִי אֱמוּנָה, אוּן וֶוען מֶען אִיז זֵיי מְזַכֶּה מִיט דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים זֶענֶען זֵיי זִיךְ מוֹרָא'דִיג מְחַיֶה; זֵיי גֶעבְּן זֵייעֶר שֵׁיין צְדָקָה, בִּפְרַט אַחֵינוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל - דִי סְפָרַדִי'שֶׁע אִידְן - נֶעמֶען זֵייעֶר שֵׁיין דִי קוּנְטְרֵסִים. זָאלְסְטוּ גֵיין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים וֶועסְטוּ קֶענֶען בַּאצָאלְן אַלֶע חוֹבוֹת אוּן דוּ וֶועסְט הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע; דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַן אֵייגֶענֶע הוֹיז אוּן אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתקלז

## וֶוען עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין חֵדֶר, לֶערְן אִיךְ אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת אוּן גְּמָרָא

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶל פוּן עֶלְף יָאר, פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן עֶטְלִיכֶע מָאל פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט זָאגְן פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז אִיךְ הָאבּ יֶעצְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן גְּמָרָא מַסֶּכֶת שַׁבָּת, אוּן אוֹיךְ דִי דְרִיטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, יְיַשֵּׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

אִיךְ ווִיל זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי שִׁעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, מַיינֶע עֶלְטֶערְן הֶערְן זִיךְ צוּ צוּ דִי שִׁעוּרִים, אוּן אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן אַבִּיסֶל, אוּן דוּרְךְ דִי דְּרָשׁוֹת אִיז מִיר גֶעוָוארְן גְרִינְגֶער צוּ לֶערְנֶען.

אִין מַיינֶע פְרֵייעֶ צַייטְן הָאבּ אִיךְ לִיבּ צוּ מָאלְן בִּילְדֶער פוּן צַדִּיקִים, בַּייגֶעלֵייגְט אִיז אַ בִּילְד פוּן מוֹהֲרָ"שׁ וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעמָאלְן.

יֶעצְט וֶוען עֶס אִיז נִישְׁטָא חֵדֶר צוּלִיבּ דִי קָארָאנֶע וֵויירוּס הָאבּ אִיךְ גָאר אַסַאךְ צַייט צוּ לֶערְנֶען, אוּן אִיךְ בִּין פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ קֶען אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"ב אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ נוּצְט אוֹיס דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן מִיטְן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, נָאר דָאס בְּלַייבְּט אִיבֶּער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִדּוּשִׁין פב.): "כְּשֶׁאָדָם בָּא לִידֵי חֹלִי אוֹ לִידֵי זִקְנָה אוֹ לִידֵי יִסּוּרִין וְאֵינוֹ יָכוֹל לַעֲסוֹק בִּמְלַאכְתּוֹ, הֲרֵי הוּא מֵת בְּרָעָב", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט נִישְׁט גֶעזוּנְט אָדֶער עֶר וֶוערְט עֶלְטֶער, אָדֶער חַס וְשָׁלוֹם מֶען הָאט יִסּוּרִים - קֶען מֶען מֶער נִישְׁט אַרְבֶּעטְן אוּן מֶען קֶען נִישְׁט טוּן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן אַלֶע יָארְן וֶוען מֶען אִיז גֶעוֶוען יוּנְג, "אֲבָל הַתּוֹרָה אֵינָהּ כֵּן, אֶלָּא מְשַׁמַּרְתּוֹ מִכָּל רַע בְּנַעֲרוּתוֹ", אַנְדֶערְשׁ אִיז אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן, דֶער וֶועט מִיט נֶעמֶען מִיט זִיךְ דִי תּוֹרָה, "וְנוֹתֶנֶת לוֹ אַחֲרִית וְתִקְוָה בְּזִקְנוּתוֹ", דָאס וֶועט אִים הִיטְן אוּן גֶעבְּן כֹּחַ אַלֶע זַיינֶע טֶעג.

גֵיי אָן וַוייטֶער מִיט דַיין הַתְמָדַת הַתּוֹרָה; דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן צוּ זֶען דַיין הַתְמָדַת הַתּוֹרָה אוּן דוּ וֶועסְט מִיט דֶעם מְקַיֵּם זַיין דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם. וַוייל דֶער גְרֶעסְטֶער כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז וֶוען עֶלְטֶערְן זֶעעֶן ווִי דִי קִינְדֶער פִירְן זִיךְ אוֹיף עֶרְלִיךְ, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו.) אוֹיפְן פָּסוּק (דְבָרִים ו, ה): "וְאָהַבְתָּ

אֵת ה' אֱלֹקֶיךָ", זָאלְסְט זֶען עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען אַ קִדּוּשׁ הַשֵּׁם דוּרְךְ דִיר אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל בַּאלִיבְּט וֶוערְן דוּרְךְ דִיר, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִּירְט זִיךְ וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וָואס זָאגְן מֶענְטְשְׁן? "אַשְׁרֵי אָבִיו שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", ווארויל זֶענֶען זַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; "אַשְׁרֵי רַבּוֹ שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", ווארויל אִיז פַאר זַיין רֶבִּי וָואס הָאט אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; "אוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת שֶׁלֹּא לָמְדוּ תּוֹרָה", וַויי אִיז פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט קַיין תּוֹרָה. וֶוען אֵיינֶער פִּירְט זִיךְ אוֹיף עֶרְלִיךְ זָאגְן דִי מֶענְטְשְׁן: "קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, וויבַּאלְד עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה פִּירְט עֶר זִיךְ אוֹיף אַזוֹי עֶרְלִיךְ". אוֹיף אִים זָאגְט דֶער פָּסוּק (יְשַׁעְיָה מט, ג): "וַיֹּאמֶר לִי עַבְדִּי אָתָּה, יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּארִימְט זִיךְ מִיט אַזַא אֵיינֶעם.

דוּ מָאלְסְט זֵייעֶר שֵׁיין; אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ זֶען דֶעם בִּילְד וָואס דוּ הָאסְט גֶעמָאלְן פוּן מוֹהֲרַא"שׁ. יֶעדֶעס מָאל דוּ מָאלְסְט אַ בִּילְד פוּן אַ צַדִּיק זָאלְסְטוּ מִיר שִׁיקְן אַ בִּילְד דֶערְפוּן, אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן דֶערְצוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתקלח

## זָאל מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׁיינֶע לֶעבְּן וָואס אִיר הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן, וּבִפְרַט פַארְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד.

אִיךְ וואוֹין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵד פַאר אַכְט יֶערִיגֶע קִינְדֶער. אִיךְ זֶע אַסַאךְ מָאל קִינְדֶער וָואס מוּטְשֶׁען זִיךְ זֵייעֶר צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, וְויל אִיךְ וויסְן אוֹיב אִיךְ מֶעג זֵיי אוֹיךְ זָאגְן אִיבֶּערְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, אַז זֵיי קֶענֶען זָאגְן אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, אָדֶער דַארְפְן יוּנְגֶע קִינְדֶער זִיךְ יָא מוּטְשֶׁען מֶער אוּן פְּרוּבִּירְן צוּ פַארְשְׁטֵיין?

אוּן אוֹיב מֶעג מֶען זֵיי יָא זָאגְן, זָאל אִיךְ עֶס זָאגְן נָאר שְׁטִילֶערְהֵייט פַאר דִי גֶעצֵיילְטֶע קִינְדֶער וָואס מוּטְשֶׁען זִיךְ, אָדֶער זָאל אִיךְ עֶס זָאגְן בָּרַבִּים פַאר דִי גַאנְצֶע כִּתָּה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחֻקוֹתַי, ט"ז אִיָּיר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דֶער דֶּרֶךְ הַלִּימוּד** (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) **אִיז זֵייעֶר גוּט פַאר קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיסְנוּצְן מִיט דֶעם דִי פְרֵייעֶ**

צַייט, דָאס קֶען אָבֶער נִישְׁט גֵיין אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן לֶערְנֶען מִיט זֵיי אִין חֵדֶר; מִיט קִינְדֶער פוּן אַכְט יָאר אַלְט דַארְף מֶען לֶערְנֶען חוּמָשׁ אוּן מִשְׁנַיוֹת, זֵיי זָאלְן זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען לֶערְנְט.

**מִיט** דִי קִינְדֶער וָואס מוּטְשֶׁען זִיךְ צוּ פַארְשְׁטֵיין - דַארְף מֶען לֶערְנֶען שְׁטַייטְלִיךְ, נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַז זֵיי הוֹיבְּן אָן צוּ פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי מֶען לֶערְנְט.

**אִיךְ** שִׁיק דִיר אַ בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן צֶען יָאר צוּרִיק (דֶער בְּרִיוו אִיז גֶעדְרוּקְט אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל-אִידִישׁ חֵלֶק ג, מִכְתָּב רסג); אַ מוֹרָא'דִיגֶער בְּרִיוו וִוי אַזוֹי מֶען לֵייגְט אַרָאפּ דֶעם פוּנְדַאמֶענְט פַאר אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן וָואס מֶען דַארְף לֶערְנֶען מִיט קִינְדֶער אִין יֶעדֶע כִּתָּה; דֶער בְּרִיוו וֶועט דִיר זַיין אַ גְרוֹיסֶער חִזּוּק.

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' לְסֵדֶר מַסְעֵי, כ"ג תַּמּוּז שְׁנַת תשע"א לִפְרָט קָטָן

שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אַזוֹי** וִוי דוּ הָאסְט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן דָאס דוּ הָאסְט זֵייעֶר לִיבּ וֶוען אִיךְ זָאג דִיר אָפְּן וָואס צוּ פַארֶענְטְפֶערְן אוּן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן וְכוּ' וְכוּ', הָאבּ אִיךְ זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען אִיךְ וֶועל

דִיר שְׁרַייבְּן אַפָּאר נְקוּדוֹת כְּדֵי עֶס זָאל זַיין אַ תּוֹעֶלֶת פַאר דִיר, אוּן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס עֶר פִּירְט אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה.

**וְויסְן** דַארְפְסְטוּ וְויסְן דָאס דֶער הֵיילִיגְסְטֶער זַאךְ בַּיי דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיז תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, וָואס נָאר אִין זֵייעֶר זְכוּת שְׁטֵייט דֶער וֶועלְט, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (כַּלָּה רַבָּתִי, פֶּרֶק ב׳) תָּאנָא בְּכָל יוֹם מַלְאָךְ יוֹצֵא מִלִּפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְחַבֵּל אֶת הָעוֹלָם וּלְהָפְכוֹ לִכְמוֹת שֶׁהָיָה, אֶלָּא כֵּיוָן שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִסְתַּכֵּל בְּתִינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן וּבְתַלְמִידֵי חֲכָמִים שֶׁיּוֹשְׁבִים בְּבָתֵּי מִדְרָשׁוֹת, מִיַּד נֶהְפַּךְ כַּעְסוֹ לְרַחֲמִים.

**זֶעט** מֶען פוּן דֶעם דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן קִינְדֶערְלֶעךְ וָואס זֵיי לֶערְנֶען תּוֹרָה אִין חֵדֶר, ווִי חָשׁוּב דָאס אִיז. אַז מֶען מַאכְט אוֹיף אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה דַארְף מֶען וְויסְן אַז מֶען לֶערְנְט יֶעצְט נִישְׁט מִיט קִינְדֶערְלֶעךְ, נָאר מִיט הֵיילִיגֶע נְשָׁמוֹת, אוּן דִי שְׁכִינָה אִיז דָארְטְן.

**אִיבֶּערְדֶעם** דַארְף מֶען נֶעמֶען מְלַמְּדִים נָאר יִרְאֵי הַשֵּׁם וָואס זֵיי גֶעבְּן זִיךְ אָפּ מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן זֵיי לֶערְנֶען מִיט זֵיי אַלֶ"ף בֵּי"ת, אוּן מֶען לֶערְנְט זֵיי אוֹיס ווִי צוּ דַאוֶונֶען אִין סִידוּר, אוּן מֶען לֶערְנְט מִיט זֵיי חוּמָשׁ, אוּן מֶען לֶערְנְט מִיט זֵיי מִשְׁנָיוֹת, אוּן מֶען לֶערְנְט מִיט זֵיי גְּמָרָא וְכוּ׳, דָאס הֵייסְט דִי יוּנְגֶע קְלַאסְן מוּזְן זַיין אָפְּגֶעטֵיילְט אֵיינְס פוּן דֶעם אַנְדֶערְן, כִּיתָּה א׳ אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע כִּיתָּה, מֶען לֶערְנְט אוֹיס דִי קִינְדֶער אַלֶ"ף בֵּי"ת, אוּן ווִי צוּ צַאמְשְׁטֶעלְן וֶוערְטֶער בִּיז זֵיי זָאלְן קֶענֶען דַאוֶונֶען אִין אַ סִידוּר, אוּן זָאגְן דִי

בְּרָכוֹת, דִי קְלַאס אִיז גָאר ווִיכְטִיג, מֶען קֶען נִישְׁט נֶעמֶען אַ מְלַמֵד וָואס שְׁפִּילְט זִיךְ אָפּ מִיט דִי קִינְדֶער אוּן בַּיים סוֹף קֶענֶען זֵיי אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין עִבְרִי וְכוּ' אוּן זֵיי בְּלַייבְּן בַּעֲלֵי מוּמִין אוֹיפְ'ן גַאנְץ לֶעבְּן, ווִי דוּ אַלֵיין הָאסְט שׁוֹין גֶעזֶען דֶערְוַואקְסֶענֶע בָּחוּרִים וָואס זֵיי קֶענֶען נֶעבֶּעךְ נִישְׁט קַיין עִבְרִי וְכוּ'.

**אִיבֶּערְדֶעם** כִּיתָּה א' מוּז זַיין נָאר אֵיין קְלַאס נִישְׁט מִישְׁן גְרֶעסֶערֶע קִינְדֶער צוּם בֵּיישְׁפִּיל אַרַיינְלֵייגְן קִינְדֶער פוּן כִּתָּה ב' אָדֶער ג' וְכוּ', דָאס וֶועט נִישְׁט אַרְבֶּעטְן, אוּן דִי קִינְדֶער וֶועלְן בְּלַייבְּן בַּעֲלֵי מוּמִין אוֹיפְ'ן גַאנְץ לֶעבְּן, אִיבֶּערְדֶעם כִּיתָּה א' מוּז זַיין אַ עֶקְסְטֶערֶע קְלַאס, אֲפִילוּ עֶס זָאל נִישְׁט זַיין דָארְטְן נָאר צְווֵיי אָדֶער דְרֵיי קִינְדֶערְלֶעךְ.

**אַזוֹי** אוֹיךְ כִּיתָּה ב' דַארְף זַיין אַן עֶקְסְטֶערְן מְלַמֵד וָואס וֶועט אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער חוּמָשׁ [בַּיי אוּנְז חֲסִידִים לֶערְנְט מֶען נָאר דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ, נִישְׁט כְּסִדְרָן], דִי קְלַאס כִּיתָּה ב' דַארְף אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען אֵיין פָּסוּק אוּן בִּיזְ'ן סוֹף יָאר דַארְפְן דִי קִינְדֶערְלֶעךְ שׁוֹין קֶענֶען צְווִישְׁן אַכְצְן אוּן צְוָואנְצִיג פְּסוּקִים, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ גֶעדוּלְד, אוּן דֶעם עֶרְשְׁטְן פָּסוּק דַארְף מֶען חַזְרְ'ן אָן אַ שִׁעוּר מָאל, זָאגְן דֶעם פָּסוּק מִיט טַייטְשׁ, אוּן דֶער עִקָר אִיז אַז דִי קִינְדֶערְלֶעךְ זָאלְן שְׁרֵייעֶן מִיט אַ בְּרֶען דֶעם פָּסוּק, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ דֶער מְלַמֵד דַארְף זֵיי דֶערְצֵיילְן דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי וָואךְ דָאס דִי קִינְדֶער זָאלְן ווִיסְן וָואס עֶס רֶעדְט זִיךְ דִי פַּרְשָׁה.

**כִּיתָּה** ג׳ דַארְף שׁוֹין לֶערְנֶען מֶער פְּסוּקִים יֶעדֶע וָואךְ, וָוארוּם זֵיי זֶענֶען שׁוֹין צוּגֶעוואוֹינְט פוּן כִּיתָּה ב׳, אָבֶער זֵיי דַארְפְן אָנְהֵייבְן צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת אוֹיבֶעט, מֶען הֵייבְּט אָן אֵיין מִשְׁנֶה, אוּן מֶען חַזֶר׳ט עֶס אִיבֶּער אָן אַ שִׁיעוּר מָאל בִּיז זֵיי קֶענֶען עֶס אוֹיסְנֶווייְנִיג, אוּן נָאכְדֶעם נֶעמְט מֶען נָאךְ אַ מִשְׁנֶה אוּן נָאךְ אַ מִשְׁנֶה, אַלְץ שְׁטַייטֶעלֶעךְ, מֶען דַארְף נִישְׁט יָאגְן, קְלֵיינֶע קִינְדֶער מוּזְן קֶענֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין וָואס זֵיי לֶערְנֶען.

[**עֶס** אִיז דָא וָואס זֵיי לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת מִיט דִי קְלַאס בָּבָא מְצִיעָא וְכוּ׳ אָבֶער אִיךְ הַאלְט אַז עֶס אִיז כְּדַאי צוּ לֶערְנֶען אַ מַסֶכְתָּא וָואס עֶס וֶועט זַיין נָאנְט צוּ זֵייעֶר קֶעפֶּעלֶעךְ צוּ פַארְשְׁטֵיין, אוּן אוֹיסְמָאלְן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל מַסֶּכֶת סוּכָּה, סְ׳אִיז הַיינְט דָא צוּ קְרִיגְן מִשְׁנַיוֹת מַסֶּכֶת סוּכָּה מִיט בִּילְדֶער אוֹיף יֶעדֶע מִשְׁנֶה, אַזוֹי קֶען יֶעדֶער קִינְד פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן עֶס וֶועט זַיין פַאר אִים אוֹיסְגֶעמָאלֶען וִוי אַזוֹי אַ סוּכָּה זֶעט אוֹיס, אוּן וָואס אִיז כָּשֵׁר, אוּן וָואס אִיז פָּסוּל וְכוּ׳ וְכוּ׳].

**אוּן** כִּיתָּה ד׳ דַארְפְן שׁוֹין אָנְהֵייבְן צוּ לֶערְנֶען גְּמָרָא, מֶען הֵייבְּט אָן צוּ לֶערְנֶען פֶּרֶק הַמֵּנִיחַ לַאנְגְזַאם אַפָּאר שׁוּרוֹת, אוּן מֶען אִיז דָאס גוּט מַסְבִּיר, אוּן מֶען חַזֶר׳ט עֶס אִיבֶּער אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, בִּיז דִי קִינְדֶער קֶענֶען דָאס אוֹיסְנֶווייְנִיג.

**דִי** פִּיר כִּתּוֹת, כִּיתָּה א׳, כִּיתָּה ב׳, כִּיתָּה ג׳, כִּיתָּה ד׳, דַארְפְן הָאבְן עֶקְסְטֶערֶע מְלַמְדִים, נִישְׁט מִישְׁן קַיין קְלַאסְן, אוֹיב מֶען וִויל הָאבְן הַצְלָחָה מִיט דִי קִינְדֶער, אֲפִלּוּ אִין יֶעדֶע

קְלַאס וֶועט נִישְׁט זַיין מֶער וִוי צְוֵויי דְרֵיי קִינְדֶערְלֶעךְ דַארְף מֶען אוֹיכֶעט הַאלְטְן מְלַמְדִים, דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע תַלְמוּד תוֹרָה'ס הָאבְּן אַזוֹי אָנְגֶעהוֹיבְּן, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ צָאלְן עֶקְסְטֶערֶע מְלַמְדִים, וַוייל סְ'אִיז גֶעוֶוען וִוינְצִיג קִינְדֶער אִין יֶעדֶע קְלַאס, אָבֶער פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען עַקְשָׁנִים, זֶענֶען דִי קִינְדֶער גֶעשְׁטִיגְן אוּן גֶעקֶענְט לֶערְנֶען.

(פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז יֶעדֶע קְלַאס מוּז אוֹיכֶעט לֶערְנֶען חוּמָשׁ פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, כִּיתָּה ב' הֵייבְּט שׁוֹין אָן צוּ לֶערְנֶען דִי אוֹתִיוֹת פוּן רַשִׁ"י אוּן אַפָּאר וֶוערְטֶער בִּיז אַ פָּסוּק רַשִׁ"י, כִּיתָּה ג' הֵייבְּט שׁוֹין אָן צוּ לֶערְנֶען מֶער פְּסוּקִים רַשִׁ"י, כִּיתָּה ד' לֶערְנְט שׁוֹין נָאכְמֶער פְּסוּקִים רַשִׁ"י [פַארְשְׁטֵייט זִיךְ נָאר דִי רַשִׁ"י'ס וָואס עֶס רֶעדְן נִישְׁט פוּן דִקְדוּק, כְּדֵי דִי קִינְדֶער זָאלְן פַארְשְׁטֵיין דִי רַשִׁ"י פוּן דִי פְּסוּקִים]).

דִי פִיר כִּתּוֹת אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע אִין לֶעבְּן פוּן אַ אִינְגְל, אוֹיבּ מֶען וִויל אַז דָאס קִינְד זָאל אוֹיפְוַואקְסְן אַ יוֹדֵעַ סֵפֶר מוּז מֶען לֵייגְן אַ דָגוּשׁ אוֹיף דִי עֶרְשְׁטֶע פִיר מְלַמְדִים, אַוַדַאי אוּן אַוַדַאי קָאסְט דָאס גֶעלְט, אָבֶער מֶען דַארְף אִינְזִינֶען הָאבְּן דִי תוֹעֶלֶת פוּן דִי קִינְדֶער, נִישְׁט פוּן גֶעלְט, אָדֶער וָואס אַנְדֶערֶע זָאגְן וְכוּ' וְכוּ'.

אִיךְ הָאבּ אַזוֹי אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אַ תַלְמוּד תוֹרָה אִין יַבְנְאֵל, אוּן גֶעהַאט אוֹיסְנַאם הַצְלָחָה, אוּן פַארְגֶעס נִישְׁט דָאס אִיז קִינְדֶער פוּן סְפַרְדִ'ישְׁן אָפְּשְׁטַאם, אוֹיךְ קִינְדֶער פוּן בַּעֲלֵי

תְּשׁוּבָה וְכוּ' וָואס לֵיידֶער זַיי זֶענֶען נִישְׁט אַ בֵּיישְׁפִּיל פוּן דִי זֵיידֶעס מִיט דִי בַּאבֶּעס וְכוּ', וָואס זַיי זֶענֶען לֵיידֶער דֶערְוַוייל אִינְגַאנְצְן פְרֵיי, מְחַלְּלֵי שַׁבָּתוֹת, אוֹכְלֵי טְרֵיפוֹת לֹא עָלֵינוּ וְכוּ', פוּנֶדֶעסְטְוֶועגְן הָאבּ אִיךְ אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט אִין דִי פִּיר קְלַאסְן גוּטֶע עֶרְלִיכֶע מְלַמְּדִים, וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זִיךְ אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט זַיין קְלַאס, אַזוֹי הָאבְּן דִי קִינְדֶער גֶעהַאט הַצְלָחָה.

**אַוַדַאי** אוּן אַוַדַאי אִיז דָא דִי אַלְטֶע קַשְׁיָא "כֶּסֶף מְנָלָן"? אָבֶּער אוֹיבּ מֶען וויל הָאבְּן הַצְלָחָה מִיט אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה, מוּז מֶען אַזוֹי אָנְהֵייבְּן, אַנְדֶערְשׁ וֶועט עֶס נִישְׁט גֵיין.

**כִּיתָּה** ה' פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ לֶערְנֶען שׁוֹין מֶער חוּמָשׁ רַשִׁ"י אוּן מִשְׁנַיוֹת אוּן גְּמָרָא, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זַיי צוּגֶעוואוֹינֶען זַיי זָאלְן אָנְהֵייבְּן וֶוען זַיי הָאבְּן אַ פְרֵייעֶ צַייט זָאגְן מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן, נִישְׁט פְרִיעֶר בְּשׁוּם פָּנִים וָאוֹפָן, אוּן אוֹיכֶעט נָאר מִשְׁנַיוֹת זָאלְן זַיי זָאגְן אִין דִי פְרֵייעֶ צַייט אָבֶּער נִישְׁט גְּמָרָא זָאגְן.

**כִּיתָּה** ו' לֶערְנְט מֶען שׁוֹין מֶער חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י מִיט מִשְׁנַיוֹת מִיט גְּמָרָא, אוּן דֶעמָאלְט קֶענֶען זַיי אָנְהוֹיבְּן צוּ זָאגְן שַׁ"ס נָאר אִין דִי פְרֵייעֶ צַייט, אוֹיבּ מֶען שְׁטֶעלְט אוֹיף אַ חֵדֶר אוֹיף אַזַא אוֹפָן, הָאבְּן דִי קִינְדֶער אַ אוֹיסְנַאם'דִיגֶע הַצְלָחָה, אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעזֶען בַּיי מִיר אִין יַבְנְאֵל, דִי זֶעקְס כִּתּוֹת זֶענֶען יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישׁ קִינְד, אוּן אוֹיבּ מֶען וויל אַז זַיי זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אוּן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶערְלֶעךְ, דַארְף מֶען נָאר אַזוֹי זִיךְ פִירְן.

**פַארְשְׁטֵייט** זִיךְ אַז מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואסְפַאַרַא מְלַמְּדִים מֶען נֶעמְט, בְּשׁוּם פָּנִים וָאוֹפָן טָאר מֶען נִישְׁט נֶעמֶען קַיין בָּחוּרִים פַאר מְלַמְּדִים, וְוִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (קִדּוּשִׁין פ"ב.) לֹא יְלַמֵּד אָדָם רַוָוק סוֹפְרִים [עַיֵּן רַשִׁ"י, לֹא יְלַמֵּד רַוָוק סוֹפְרִים: רַוָוק פָּנוּי בְּלֹא אִשָּׁה. סוֹפְרִים: מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת, כְּלוֹמַר לֹא יַרְגִיל רַוָוק עַצְמוֹ לִהְיוֹת מִן הַסּוֹפְרִים וְכוּ'], אוּן אַזוֹי וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אֶבֶן הָעֶזֶר, סִימָן כ"ב, סְעִיף כ') מִי שֶׁאֵין לוֹ אִשָּׁה לֹא יְלַמּוֹד תִּינוֹקוֹת, מִפְּנֵי שֶׁאִמּוֹת הַבָּנִים בָּאוֹת לְבֵית הַסֵּפֶר לִבְנֵיהֶם, וְנִמְצָא מִתְגָּרֶה בְּנָשִׁים וְכוּ', עַיֵּן שָׁם.

**בִּכְלַל** טָארְן זִיךְ נִישְׁט בָּחוּרִים זִיךְ דְרֵייעֶן בְּשׁוּם פָּנִים וָאוֹפָן צְווִישְׁן דִי קִינְדֶערְלֶעךְ, [סְ'אִיז צְוֵויי עֶקְסְטֶערֶע וֶועלְטְן, בִּפְרַט גְרוֹיסֶע בָּחוּרִים וָואס זֵיי הָאבְּן לֵיידֶער דוּרְכְגֶעפַאלְן וְכוּ' אוּן זֵיי כַאפְּן זִיךְ צוּרִיק אוּן זֵיי זֶענֶען עוֹסֵק אִין גִירְסָא מִשְׁנָיוֹת גְּמָרָא וְכוּ' וְכוּ', דָאס הָאט נִישְׁט צוּ טוּן מִיט קִינְדֶערְלֶעךְ וָואס זֵיי הֵייבְּן יֶעצְט אָן זֵייעֶר לֶעבְּן].

**עֶס** אִיז שְׁטְרֶענְג פַארְבָּאטְן דָאס בָּחוּרִים זָאלְן זִיךְ דְרֵייעֶן צְווִישְׁן קִינְדֶערְלֶעךְ, וּמִכָּל שֶׁכֵּן נִישְׁט שְׁפִּילְן זִיךְ מִיט זֵיי, וּבִפְרַט הַיינְטִיגֶע צַייטְן וָואס עֶס אִיז אַ הֶפְקֵר וֶועלְט דַארְף מֶען הִיטְן דִי קִינְדֶערְלֶעךְ זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן מִיט בָּחוּרִים וְכוּ', אֲפִלּוּ אַ בִּמְקוֹם [סָאבְּסִיטוּט בְּלַעַ"ז] טָאר נִישְׁט זַיין אַ בָּחוּר.

**וֶוען** דִי קִינְדֶערְלֶעךְ עֶסְן טָאר אוֹיךְ נִישְׁט זַיין דָארְטְן קַיין בָּחוּרִים, נָאר אַ מְלַמֵּד זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זֵיי, אוּן

בֶּענְטְשְׁן מִיט זֵיי, [אוֹיבֶּעט יֶעדֶע קְלַאס לוֹיט אִיר שְׁטֵייגֶער, דִי עֶרְשְׁטֶע קְלַאס קֶען נִישְׁט בֶּענְטְשְׁן נָאר דִי עֶרְשְׁטֶע בְּרָכָה, אוּן אַזוֹי דִי צְווֵייטֶע קְלַאס, בִּיז דִי דְרִיטֶע קְלַאס קֶען שׁוֹין בֶּענְטְשְׁן דָאס גַאנְצֶע בֶּענְטְשְׁן].

וֶוען מֶען בְּרֶענְגְט דִי קִינְדֶער צוּם חֶדֶר, אוּן וֶוען מֶען נֶעמְט זֵיי אַהֵיים פוּן חֶדֶר מִיט אַ בָּאס, טָאר אוֹיךְ נִישְׁט אַ בָּחוּר זִיצְן אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער, וָוארוּם דִי מַאמֶעס ווארְטְן אַפֵּ אוּן דָאס גֵייט אַרַיין אוֹיבֶּעט אִין כְּלַל פוּן "לֹא יִלְמַד אָדָם רַוָוק סוֹפְרִים".

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעזָאגְט זֵייעֶר אַסַאךְ מְלַמְדִים אוּן מְנַהֲלִים מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואסֶערֶע נִגוּנִים מֶען לָאזְט שְׁפִּילְן פַאר דִי קִינְדֶערְלֶעךְ, נָאר הֵיימִישֶׁע נִגוּנִים, פוּן חֲסִידִישֶׁע בַּעַל מְנַגְנִים, נִישְׁט נִגוּנִים פוּן הוּלְטַייעֶן וָואס מַאכְן נָאךְ גוֹיִם, אָדֶער זֵיי זִינְגֶען גוֹי'שֶׁע נִגוּנִים, דָאס אִיז דִי אַרְגְסְטֶע זַאךְ וָואס עֶס קֶען זַיין, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (חֲגִיגָה ט"ו:) אַחֵר מַאי, זֶמֶר יְוָונִי לֹא פָּסַק מִפּוּמֵיה; ווִי אַזוֹי אִיז אֱלִישָׁע וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אַחֵר וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען קוֹדֶם אַזוֹי גְרוֹיס, עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי פִיר וָואס זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין פַּרְדֵ"ס, דָאס הֵייסְט אִין דִי עוֹלָמוֹת הָעֶלְיוֹנִים, גֶעוֶוען דָבוּק אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, ווִי אַזוֹי אִיז עֶר אַוֶועקְגֶעפַאלְן, וַוייל "זֶמֶר יְוָונִי לֹא פָּסַק מִפּוּמֵיה" עֶר הָאט גֶעזִינְגֶען גְרִיכִישֶׁע אַפִּיקוֹרְסִישֶׁע נִגוּנִים, אוּן ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ג') אַז נִגוּנִים פוּן רְשָׁעִים טוּט אוֹיסְרֵייסְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שׁוֹרֶשׁ, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין אַ עֶרְלִיכֶער אִיד מִיט דֶעם.

**אִיבֶּערְדֶעם** טָאר מֶען בִּכְלַל נִישְׁט זִינְגֶען דִי גֶעמֵיינֶע שְׁמוּצִיגֶע נִגּוּנִים פוּן דִי עֶקְלְהַאפְטִיגֶע זִינְגֶערְס, שָׂנָה וּפֵירַשְׁ'נִיקֶעס, הֵן מִיט בָּחוּרִים, אוּן מִכָּל שֶׁכֵּן נִישְׁט מִיט קִינְדֶערְלֶעךְ דִי הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה'לֶעךְ, אַוַדַאי דַארְף מֶען אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַסַאךְ דִי כֹּחַ הַנְגִינָה, אוּן אַזוֹי אוֹיכֶעט אִין בָּחוּרִים אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי כֹּחַ הַנְגִינָה וְרִיקוּדִים, אָבֶּער אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט טְרֵיפָה'נֶע גוֹי'שֶׁע נִגּוּנִים, עֶס אִיז אוֹיף דֶעם נִישְׁטָא קַיין שׁוּם הֶיתֵּר.

**אוֹיב** אַחֵר וָואס אִיז גֶעוֶוען אֱלִישָׁע אֵיינֶע פוּן דִי פִּיר וָואס זֶענֶען אַרַיין לִפְנַי וְלִפְנִים וְכוּ' הָאט אִים גֶעשַׁאדְט דָאס זִינְגֶען גְרִיכִישֶׁע נִגּוּנִים, עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה אִין אוּנְזֶער דוֹר דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דֶעם, וָוארוּם נְגִינָה אִיז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער זַאךְ, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רע"ג) אַז מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זִינְגֶען אַ נִגּוּן, אוּן דָאס הֵייבְּט אוֹיף דִי נְשָׁמָה זֵייעֶר זֵייעֶר הוֹיךְ, אָבֶּער זֶעלְבְּסְט פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ נָאר נִגּוּנִים פוּן הֵיימִישֶׁע מְנַגְּנִים.

**אוֹיב** דוּ וֶועסְט אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה אוֹיף דֶעם וֶועג וָואס דָא שְׁטֵייט, וֶועסְטוּ הָאבְּן גָאר אוֹיסֶערְגֶעוֶוענְלִיכֶע הַצְלָחָה, אוֹיב וֶועסְטוּ מִיר נִישְׁט פָּאלְגְן, וֶועסְטוּ זֶען אַז דֶער תַּלְמוּד תּוֹרָה וֶועט נִישְׁט הָאבְּן קַיין קִיּוּם.

**אִיךְ** וֶועל מְחַיֵּיב זַיין דִי אַלֶע וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעמוּזְט פַארְמַאכְן תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס אָדֶער יְשִׁיבוֹת וְכוּ' וְכוּ', אִיךְ הָאבּ זִיךְ

אַרײַנְגֶעצוֹיגְן אִין אַ שְׁטֶעטְל וָואס הֵייסְט יַבְנְאֵל, חִיצוֹנִיוּת אִיז דָאס דִי שֶׁענְסְטֶע פְּלַאץ אִין גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אָבֶער בִּפְנִימִיוּת אִיז דָארְטְן דָאס אַרְגְסְטֶע פְּלַאץ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וָוארוּם דָארְטְן הָאט מֶען מַעֲבִיר גֶעוֶוען עַל הַדָּת צְוֵויי הֵיילִיגֶע עֵדוֹת, דִי תֵּימָנֶ'ער אִידְן, אוּן דִי תּוּנִיסֶ'ער אִידְן, דָארְטְן הָאט מֶען זֵיי אָפְּגֶעשְׁנִיטְן דִי פֵּאוֹת, דָארְטְן אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אוֹשְׁוִויץ וְכוּ' וְכוּ', אוּן דַיְיקָא דָארְטְן הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ קְהִילָה קְדוֹשָׁה וָואס צֵיילְט זִיךְ שׁוֹין מֶער פוּן דְרֵיי הוּנְדֶערְט מִשְׁפָּחוֹת, אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה, אַ מֵיידְל שׁוּלֶע, אַ יְשִׁיבָה קְטַנָּה, אַ יְשִׁיבָה גְּדוֹלָה, אַ כּוֹלֵל, אוּן אַ כּוֹלֵל לְהוֹרָאָה, אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן אִין מֵיידְל שׁוּלֶע אוּן אִין קִינְדֶערְגַארְטְן הָאבְּן מִיר שׁוֹין הֶעכֶער זִיבְּן הוּנְדֶערְט קִינְדֶער.

דִי רִשְׁעוּת אוּן דִי אַכְזָרִיוּת וָואס מִיר שְׁטֵייעֶן דָארְטְן אוֹיס פוּן רְשָׁעִים אֲרוּרִים, אִיז נִישְׁט צוּ בַּאשְׁרַייבְּן, עֶס קְרֶענְקְט זֵיי ווִי זֵיי זֶעעֶן לֶעבְּטִיגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ מִיט לַאנְגֶע פֵּאוֹת, אִינְגֶעלַייט מִיט שְׁטְרַיימְל אוּן בֶּעקֶעטְשֶׁע מִיט וַוייסֶע זָאקְן שַׁבָּת, אוּן פְרוֹיעֶן אָפְּגֶעשָׁארְן וְכוּ', אוּן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע צְנִיעוּת, דָאס בְּרֶענְט זֵיי גֶעפֶערְלִיךְ, אוּן זֵיי הֶערְן נִישְׁט אוֹיף שׁוֹין פִינְף אוּן צְוָואנְצִיג יָאר צוּ טוּן דִי אַרְגְסְטֶע רִשְׁעוּת וָואס מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, אָבֶער מִיט עַקְשָׁנוּת וְכוּ', אוּן מִיט רְצוֹנוֹת וְכוּ', הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעלֶערְנְט קֶען מֶען אַלֶעס דוּרְךְ בְּרֶעכְן, [דַאכְט זִיךְ מִיר אַז דוּ הָאסְט דָאס גֶעזֶען מִיט דַיין אֵייגֶענֶע אוֹיגְן, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין חָלוֹם אוּן פַאנְטַאזִיעֶ].

דִי רְשָׁעִים אֲרוּרִים הָאבְּן אוּנְז נִישְׁט גֶעלָאזְט בּוֹיעֶן אַ בֵּית מֶדְרָשׁ אִיבֶּער צְוָואנְצִיג יָאר, גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין מַסֶרְ'ן, דִי תַלְמוּד תוֹרָה אוּן דִי מֵיידְל שׁוּלֶע אִיז אִין צוּבְּרָאכֶענֶע קַארַאוַואנֶען [בַּארַאקְן] אַזוֹי וִוי אִין אוֹשְׁוִויץ, ווִינְטֶער רֶעגְנְט אַרַיין, זוּמֶער וֶוערְט מֶען פַארְבְּרֶענְט פוּן דִי הִיץ, נָאךְ גְרוֹיסֶע אוּן שְׁוֶוערֶע מִשְׁפָּטִים הָאבְּן מִיר בַּאקוּמֶען לַאנְד לֶעבְּן בֵּית עָלְמִין, ווִי מִיר הָאבְּן אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט דִי קַארַאוַואנֶען [בַּארַאקְן] עֶס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט גְלֵייבְּן בִּיז מֶען זֶעט עֶס נִישְׁט מִיט דִי אוֹיגְן, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן מִיט שְׁטַארְקֶע רְצוֹנוֹת אוּן כִּיסוּפִין דוּרְכְצוּבְּרֶעכְן דִי קְלִיפָּה פוּן דִי טָמֵא'נֶע אֶפִּיקוֹרְסִים, דָאס הָאט זִיךְ אַלֶעס גֶעלוֹינְט.

**אַזוֹיפִיל** בִּין אִיךְ גֶעוָואר גֶעוָוארְן מִיט מַיין קוּמֶען אִין יַבְנְאֵל, דָאס וֶוער הָאט אַ יַד אִין מַעֲבִיר זַיין עַל הַדַת אַחֵינוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מֵעֵדוֹת הַמִזְרָח דִי סְפַרְדִישֶׁע אִידְן, נָאר דִי פַארְדָארְבֶּענֶע רַע-בָּנִים, וָואס זֶענֶען קַלִים וְרֵיקִים וּפוֹחֲזִים, עַמֵי אֲרָצִים גְמוּרִים, אוּן זֵיי הָאבְּן אַ יַד אִין אַלֶע גְזֵירוֹת, אוּן לֹא בְּחִינָם דֶער טָמֵא מְטוּמָא דָוִד גְרִין פוּן פְּלוֹנְסְק שֵׁם רְשָׁעִים יִרְקָב אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין לֶעבְּן אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ פַּארַאט פוּן רַבָּנִים, וָוארוּם עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז סְפַרְדִישֶׁע אִידְן קֶען מֶען נִישְׁט מַעֲבִיר זַיין עַל הַדַת, נָאר דוּרְךְ רַבָּנִים, וָוארוּם זֵיי הָאט מֶען אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען טָאר נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף "כְּבוֹד הָרַב", אוּן וָואס עֶר זָאגְט אִיז הֵיילִיג, אוּן לֵיידֶער טְרַאכְטְן זֵיי נִישְׁט אַרַיין וֶוער אִיז יָא אַן עֶרְלִיכֶער רַב, אוּן וֶוער אִיז נִישְׁט אַן עֶרְלִיכֶער רַב, וָואס מִיר הָאבְּן

אוֹיסְצוּשְׁטֵיין פוּן דֶעם שְׁטְרָאף [שֶׁקוֹרִין רָב] פוּן שְׁטֶעטְל אִיז נִישְׁט צוּ בַּאשְׁרַייבְּן.

**אִיז** לֹא בְּחִינָם וָואס דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַארֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בַּעַל "דִּבְרֵי יוֹאֵל" בְּרֶענְגְט אִין זַיינֶע סְפָרִים דָאס וָואס דַארְפְן דִי אֶפִּיקוֹרְסִים רַבָּנִים? אַז סְ'גֵייט זֵיי אַזוֹי אִין לֶעבְּן זֵיי זָאלְן הָאבְּן רַבָּנִים? נָאר זֵיי הָאבְּן גֶעוואוּסְט אַז אָן רַע-בָּנִים וֶועט מֶען נִישְׁט קֶענֶען דִי סְפַּרְדִישֶׁע אִידְן מַעֲבִיר זַיין עַל הַדַת, [עֶס אִיז דָא אַסַאךְ מַאֲרִיךְ צוּ זַיין אִין דֶעם, אָבֶּער דָא אִיז נִישְׁט דֶער פְּלַאץ פוּן דֶעם].

**עַל** כָּל פָּנִים אֲפִלּוּ אִין אַזַא מִין פְּלַאץ וואוּ מֶען הָאט מַעֲבִיר גֶעוֶוען עַל הַדַת הָאבּ אִיךְ גֶעקֶענְט דָאס בַּאוַוייזְן וְכוּ', וֶועל אִיךְ מְחַיֵיב זַיין דִי אַלֶע וָואס קֶענֶען נִישְׁט הַאלְטְן אָפְן אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה אָדֶער אַ מֵיידְל שׁוּלֶע. וֶועסְטוּ מֵיינֶען דָאס מִיר הָאבְּן אַ אוֹצָר פוּן גֶעלְט? מוּז אִיךְ דִיר זָאגְן, מִיר זֶענֶען אַלֶע אָרִימֶעלַייט וָואס מֶען קֶען קוֹים דוּרְךְ שְׁטוּפְּן דֶעם וָואךְ וְכוּ' וְכוּ', אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאבְּן מִיר בַּאזוּנְדֶערֶע מְלַמְדִים אוֹיף יֶעדֶע כִּיתָה, אוּן מִיט אַ שְׁטַארְקְן רָצוֹן אוּן מִיט אַסַאךְ תְּפִלָּה הֶעלְפְט אוּנְז דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים מִיט וואוּנְדֶערְלִיכֶע נִסִים צוּ בַּאצָאלְן דִי מְלַמְדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס, דָאס אִיז לְמַעְלָה מִדֶרֶךְ הַטֶבַע, מֶען קֶען דָאס נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין.

**קֵיינֶער** אִין דֶער וֶועלְט וֶועט דָאס נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֵיין נָדִיב, קַיין אֵיין גְבִיר וְכוּ', אוּן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאבְּן מִיר אַ קִיוּם, נָאר מַחְמַת דֶעם שְׁטַארְקְן רָצוֹן אוּן דֶער מֵיינֶען עֶס אֱמֶת לְשֵׁם שָׁמַיִם.

אִיךְ הָאבּ מַאֲרִיךְ גֶעוֶוען דֶעם בְּרִיוו, וַוייל דוּ הָאסְט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אִיךְ הָאבּ לִיבּ וֶוען מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט מִיר וָואס אִיךְ דַארְף פַארֶערבְטֶען, אוּן ווי אַזוֹי זִיךְ צוּפִירֶען וְכוּ' וְכוּ', הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶענוּמֶען דִי מִיה אוּן אַבִּיסְל מַאֲרִיךְ גֶעוֶוען, וָואס גְלֵייבּ מִיר אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרַייבְּן וָואס אִיךְ דַארְף שְׁרַייבְּן, וָוארוּם אִיךְ זֶע וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין אַנְדֶערֶע תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס, וְכוּ', וְכוּ', אִיז נִישְׁט קַיין ווְאוּנְדֶער וָואס זֵיי דַארְפְן נָאכְדֶעם פַארְשְׁלִיסְן וְכוּ', אוּן זֵיי פַאלְן צַאם וְכוּ'.

דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (פֶּרֶק ב' מֵהִלְכוֹת תַּלְמוּד תּוֹרָה, הֲלָכָה ג') מְלַמֵּד הַתִּינוֹקוֹת שֶׁהוּא מֵנִיחַ הַתִּינוֹקוֹת וְיוֹצֵא אוֹ שֶׁהוּא עוֹשֶׂה מְלָאכָה אַחֶרֶת עִמָּהֶן אוֹ שֶׁהוּא מִתְרַשֵּׁל בְּלִמּוּדָן הֲרֵי זֶה בִּכְלַל אָרוּר עוֹשֶׂה מְלֶאכֶת ה' רְמִיָּה לְפִיכָךְ אֵין רָאוּי לְהוֹשִׁיב מְלַמֵּד אֶלָּא בַּעַל יִרְאָה מָהִיר לִקְרוֹת וּלְדַקְדֵּק: דָאס אִיז אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת פוּן אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה, וָוארוּם עֶס אִיז נִישְׁט קַיין קִינְדֶער שְׁפִּיל, אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה פַאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין, מֶען אִיז מְחַנֵּךְ הֵיילִיגֶע נְשָׁמוֹת וָואס זֵיי זֶענֶען דִי צוּקוּנְפְט פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, דָאס טָאר מֶען נִישְׁט נֶעמֶען אַבִּי וֶועמֶען פַאר אַ מְלַמֵּד, אָדֶער אַ עוֹזֵר מְלַמֵּד, וְכוּ', ווִי סְ'שְׁטֵייט אוֹיךְ אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן רמ"ה, סְעִיף י"ז) וְאֵין לִמְלַמֵּד לִנְעוֹר בַּלַּיְלָה יוֹתֵר מִדַּאי שֶׁלֹּא יִהְיֶה עָצֵל בַּיּוֹם לִלְמוֹד וְכֵן לֹא יִתְעַנֶּה אוֹ לַעֲצוֹר בְּמַאֲכָל וּמִשְׁתֶּה אוֹ לֶאֱכוֹל וְלִשְׁתּוֹת יוֹתֵר מִדַּאי כִּי כָּל אֵלּוּ הַדְּבָרִים גּוֹרְמִים שֶׁלֹּא יוּכַל לְלַמֵּד הֵיטֵב וְכָל הַמְשַׁנֶּה יָדוֹ עַל הַתַּחְתּוֹנָה וּמְסַלְּקִין לֵיהּ.

אִיךְ הָאבּ אוֹיבֶעט גֶעהַאט אַסַאךְ מְלַמְּדִים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעמוּזְט אַװעק שִׁיקְן אָן רַחֲמָנוּת, זֵיי הָאבְּן גֶעלָאזְט דִי קִינְדֶער אוֹיף הֶפְקֵר אַרוּמְבָּארְדֶעװֶען וְכוּ׳, זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן אַנְדֶערֶע אַרְבֶּעט אִינְמִיטְן לֶערְנֶען וְכוּ׳, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעמוּזְט אַװעקְשִׁיקְן אָן רַחֲמָנוּת, וָוארוּם קִינְדֶערְלֶעךְ זֶענֶען הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה׳לֶעךְ, דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים׳ס פַּארְמֶעגְן, אוּן נָאר צוּלִיבּ זֵיי הָאט עֶר אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה אוֹיפְ׳ן בַּארְג סִינַי, ווִי דִי חֲזַ״ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא, וַיִּגַּשׁ) בְּשָׁעָה שֶׁבִּקֵּשׁ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לִיתֵּן אֶת הַתּוֹרָה לְיִשְׂרָאֵל אָמַר לָהֶן תְּקַבְּלוּ תּוֹרָתִי, אָמְרוּ לוֹ הֵן, אָמַר לָהֶן תְּנוּ לִי עָרֵב שֶׁתְּקַיְּמוּ אוֹתָהּ אָמְרוּ לוֹ אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב יִהְיוּ עֲרֵבִים, אָמַר לָהֶן אֲבוֹתֵיכֶם הֵן בְּעַצְמָם צְרִיכִים עֲרֵבִים, אַבְרָהָם אָמַר (בְּרֵאשִׁית ט״ו, ח׳) "בַּמָּה אֵדַע", יִצְחָק אָהַב אֶת שׂוֹנְאִי דִכְתִיב (מַלְאָכִי א׳, ג׳) "וְאֶת עֵשָׂו שָׂנֵאתִי" יַעֲקֹב אָמַר (יְשַׁעְיָה מ׳, כ״ז) "נִסְתְּרָה דַרְכִּי", אָמְרוּ לוֹ בָּנֵינוּ יִהְיוּ עֲרֵבִים שֶׁלָּנוּ, מִיַּד קִבְּלָן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא וְנָתַן אֶת הַתּוֹרָה לְיִשְׂרָאֵל, שֶׁנֶּאֱמַר (תְּהִלִּים ח׳, ג׳) "מִפִּי עוֹלְלִים וְיוֹנְקִים יִסַּדְתָּ עוֹז".

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער גַאנְצֶער תּוֹרָה הָאט דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים נִישְׁט גֶעוָואלְט גֶעבְּן פַאר אוּנְז, נָאר אִין זְכוּת פוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, אוּן דִי חֲזַ״ל זָאגְן (שַׁבָּת קי״ט:) אֵין הָעוֹלָם מִתְקַיֵּים אֶלָּא בִּשְׁבִיל הֶבֶל פִּיהֶם שֶׁל תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן; אִיבֶּערְדֶעם, אוֹיבּ וֶועסְטוּ מִיר פָּאלְגְן, וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה, אַזוֹי ווִי דוּ הָאסְט גֶעהַאט הַצְלָחָה מִיט דִי יְשִׁיבָה.

גֶעדֶענְק גוּט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת דֶּרֶךְ, חֵלֶק ב׳, סִימָן א׳) עַל יְדֵי ווידוּי דְבָרִים גוֹרְמִים שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַזְמִין מְלַמְּדֵי תִינוֹקוֹת שֶׁלוֹמְדִים בֶּאֱמוּנָה; אִיבֶּערְדֶעם גֶעוואוּין זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס אוֹיס אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע הַצְלָחָה.

אִיךְ הָאבּ מַאֲרִיךְ גֶעוֶוען אַבִּיסְל, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרַייבְּן וָואס עֶס לִיגְט מִיר אִין פֶּעדֶער, וָוארוּם הַאלְטְן אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה אִיז פוּן דִי הֶעכְסְטֶע זַאכְן בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּן בִּפְרַט הַיינְט וָואס דֶער דוֹר אִיז אַזוֹי הֶפְקֵר וְכוּ׳, אוּן מֶען קֶען זֶען אַלֶע שְׁמוּץ וְכוּ׳, אוּן עֶקְלְהַאפְטִיגֶע זַאכְן וְכוּ׳, אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ צוּ הַאלְטְן אַ עֶרְנְסְטֶע תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן אַ מֵיידְל שׁוּלֶע.

קוּם אִין יַבְנְאֵל, וֶועסְטוּ זֶען וָואס מֶען קֶען בַּאוַוייזְן נָאר מִיט רְצוֹנוֹת וְכִיסוּפִים אוּן מִיט אַסַאךְ תְּפִלּוֹת.

זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעבְּטִיגְן טָאג אוּן פְרֵיילִיכְן תָּמִיד.

# תתקלט

## וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין מַאמֶע לָאזְט מִיר נִישְׁט הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים וָואס אִיר גֶעבְּט כְּסֵדֶר, דָאס גֶעבְּט מִיר מַמָשׁ לֶעבְּן אוּן וַוייזְט מִיר אַ וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל פוּן אַכְצְן יָאר, אִיךְ גֵיי אִין דִי צְוֶועלְפְטֶע קְלַאס, אוּן בַּיי אוּנְזֶער סְקוּל אִיז אָנְגֶענוּמֶען אַז אִין דִי צְוֶועלְפְטֶע קְלַאס הָאט מֶען שׁוֹין אַן אֵייגֶענֶעם טֶעלֶעפָאן, אָבֶּער מַיין מַאמֶע וִויל זֵייעֶר נִישְׁט אַז אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן.

דִי סִבָּה דֶערְצוּ אִיז וַוייל מַיין עֶלְטֶערֶע שְׁוֶועסְטֶער הָאט זִיךְ גֶעקוֹיפְט אַ סְמַארְטְפָאוֹן גְלַייךְ נָאךְ אִיר חֲתֻנָּה אוּן זִי הָאט מוֹרָא אַז אִיךְ וֶועל עֶס אוֹיךְ טוּן. אִיךְ הָאבּ אִיר פְּרוּבִּירְט מַסְבִּיר צוּ זַיין אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט אַזוֹי וִוי מַיין שְׁוֶועסְטֶער, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין סְמַארְטְפָאוֹן נָאר אַ פָּשׁוּט'עֶ טֶעלֶעפָאן, זִי זָאגְט אָבֶּער אַז אַזוֹי הוֹיבְּט יֶעדֶער אָן.

פוּן אֵיין זַייט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ אִיר, וַוייל אִיךְ הָאבּ עֶטְלִיכֶע גֶעשְׁוִוִיסְטֶער וָואס פִירְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן זִי וִויל נִישְׁט אִיךְ זָאל גֵיין אִין זֵייעֶרֶע וֶועגְן, אוּן זִי טַעֲנָה'ט אַז עֶס אִיז מִיר נִישְׁט וִויכְטִיג צוּ הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן, פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט שְׁפִּיר אִיךְ אָבֶּער אַז עֶס אִיז מִיר יָא וִויכְטִיג, נָאכְדֶערְצוּ אַז אִיךְ בִּין דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע מֵיידְל פוּן מַיין קְלַאס וָואס הָאט נִישְׁט קַיין טֶעלֶעפָאן; הָאט אִיר אֶפְשָׁר אַן עֵצָה פַאר מִיר?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחֻקּוֹתַי, ט"ז אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**אַייעֶר** מַאמֶע אִיז גֶערֶעכְט, אִיר דַארְפְט נִישְׁט קַיין טֶעלֶעפָאן, אִיר וֶועט גָארְנִישְׁט פַארְדִינֶען מִיטְן טֶעלֶעפָאן; וֶוען אִיר הָאט אִיבְּרִיגֶע צַייט זָאלְט אִיר הֶעלְפְן אַייעֶר מַאמֶע מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט, אוּן אַז עֶס אִיז אַייךְ נָאכְאַלְץ גֶעבְּלִיבְּן צַייט - זָאלְט אִיר זָאגְן תְּהִלִּים; בֶּעטְס זִיךְ אוֹיס בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁדּוּךְ, אַן עֶרְלִיכֶער חָתָן אוּן צוּזַאמֶען אוֹיפְשְׁטֶעלְן שֵׁיינֶע דוֹרוֹת. יֶעצְט אִיז דִי צַייט צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין אוֹיף דֶעם, וֶוען מֶען אִיז נָאךְ אַ מֵיידְל דַארְף מֶען שׁוֹין טְרַאכְטְן פוּן תַּכְלִית, מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

**חַבֶר'טֶעם** אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס זֶעטִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, חַבֶר'טֶעם מַאכְט נִישְׁט בֶּאֱמֶת פְרֵיילִיךְ דֶעם מֶענְטְשׁ; גֶעבְּט עֶפֶּעס פַאר אַייעֶר נְשָׁמָה, קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים טְרִינְקְט אָן דִי נְשָׁמָה, עֶס מַאכְט פְרֵיילִיךְ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כג): "וואוּיל אִיז דֶעם וָואס טְרִינְקְט יֶעדְן טָאג אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים"; אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען אִין דִי גְּמָרָא, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פְרֶעגְן (בְּרָכוֹת ז:): פַארְוָואס וֶוערְט רוּת אָנְגֶערוּפְן מִיטְן נָאמֶען רוּת? "שֶׁזָּכְתָה וְיָצָא מִמֶּנָּה דָּוִד שֶׁרִיוָּהוּ לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּשִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת", 'רוּת' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן טְרִינְקֶען, פוּן אִיר אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דָּוִד

הַמֶּלֶךְ וָואס הָאט אָנְגֶעטְרִינְקֶען דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן כִּבְיָכוֹל מִיטְן סֵפֶר תְּהִלִּים, מִיט שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת; דֶערִיבֶּער וֶוען מֶען זָאגְט תְּהִלִּים אִיז דָאס אַזוֵי ווִי אַ טְרִינְק פַּאר דִי נְשָׁמָה.

**אַייעֶר** מַאמֶע וַוארְט צוּ זֶען אַבִּיסְל נַחַת, הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אִיר; אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי צַעַר וָואס עֶלְטֶערְן הָאבְּן וֶוען דִי קִינְדֶער פִּירְן זִיךְ נִישְׁט מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא צַעַר ווִי דִי צַעַר אַז אַייעֶרֶע שְׁוֶועסְטֶערְס מַאכְן נִישְׁט קַיין נַחַת פַּאר אַייעֶר מַאמֶע, בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר, פָאלְגְט אַייעֶר מַאמֶע; אַז זִי ווִיל נִישְׁט אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן - זָאלְט אִיר דָאס נִישְׁט הָאבְּן, דוּרְכְדֶעם וֶועט אִיר אָנְפִילְן דִי לֶעבֶער פוּן אִיר הַארְץ אוּן אִין דֶעם זְכוּת וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גוּט לֶעבְּן.

**חַבֶרְ'טֶעס** אִיז אַ דִמְיוֹן; דִי אַלֶע וָואס לֶעבְּן פַּאר חַבֶרְ'טֶעס, זֵיי פָאלְגְן נִישְׁט דִי עֶלְטֶערְן צוּלִיב חַבֶרְ'טֶעס - דִי זֶענֶען אַ גְרוֹיסֶע רַחְמָנוּת. עֶס קוּמְט אַ צַייט וָואס מֶען הוֹיבְּט אָן פַארְשְׁטֵיין וָואס אַ מַאמֶע אִיז אוּן מֶען הוֹיבְּט אָן הָאבְּן שׁוּלְד גֶעפִילְן אוֹיף דִי אַלֶע יָארְן וָואס מֶען הָאט פַארְבְּרֶענְגְט מִיט חַבֶרְ'טֶעס אוּן זֵיי נָאכְגֶעגַאנְגֶען אַנְשְׁטָאט דִי מַאמֶע.

**אַז** אִיר וֶועט אָנְנֶעמֶען דֶעם בְּרִיוו וֶועט אַייךְ גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

# תתקמ

### וָואס הָאט מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעהַאלְטְן וֶועגְן שֵׁייטְלֶעך?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וָואס הָאט מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעהַאלְטְן וֶועגְן שֵׁייטְלֶעך?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחֻקּוֹתַי, ט"ז אִיָּר, שְׁנַת תשׁ"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל אִין סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל אִיבֶּער דָאס הַארְבְּקֵייט פוּן בְּלַייבְּן מִיט דִי אֵייגֶענֶע הָאר נָאךְ דִי חֲתֻנָּה; עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען טְרָאגְן אַ שֵׁייטְל וִוי אֵיידֶער טְרָאגְן אַ טִיכְל אוּן גֵיין מִיט דִי אֵייגֶענֶע הָאר. עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן אַז עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען טְרָאגְן אַ טִיכְל אוּן גֵיין מִיט דִי אֵייגֶענֶע הָאר וִוי צוּ טְרָאגְן אַ שֵׁייטְל, אָבֶּער אַלֶע צַדִּיקִים פוּנֶעם פְרִיעֶרְדִיגְן דוֹר הָאבְּן גֶעזָאגְט: "עֶנְדֶערְשׁ טְרָאגְן אַ שֵׁייטְל אוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן, וִוי אֵיידֶער צוּ טְרָאגְן צֶען טִיכְלֶעךְ אוּן גֵיין מִיט דִי אֵייגֶענֶע הָאר".**

לֵיידֶער הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט צְווִישְׁן הֵיימִישֶׁע מִשְׁפָּחוֹת אַז מֶען גֵייט מִיט דִי אֵייגֶענֶע הָאר, הֵיימִישֶׁע ווַייבְּלֶעךְ לָאזְן זִיךְ ווַאקְסְן דִי הָאר; דָאס קוּמְט ווַייל מֶען ווֵייסְט נִישְׁט וָואס פַּאר אַ צָרוֹת דָאס בְּרֶענְגְט אוֹיף דִי גַאנְצֶע שְׁטוּב. דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (נָשֹׂא קכה:): "תּוּנְבָא לֵיתֵי", אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען, "עַל הַהוּא בַּר נָשׁ", אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, "דְשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ", וָואס לָאזְט זַיין ווַייבּ, "דְתִתְחֲזֵי מִשַּׂעֲרָא דְרֵישָׁהּ לְבַר", אַז אִיר הָאר פוּן קָאפּ זָאל זִיךְ אַרוֹיסְזֶען; "וְדָא הוּא חַד מֵאִינּוּן צְנִיעוּתָא דְבֵיתָא", אוּן דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען דִי הָאר פוּן דִי פְרוֹי; "וְאִתְּתָא דַאֲפִּיקַת מִשַּׂעֲרָא דְרֵישָׁהּ לְבַר", אוּן אַ פְרוֹי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, "לְאִתְתַּקְּנָא בֵיהּ", זִיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן, "גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא", אִיז זִי גוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַיין אָרֶעמְקֵייט אִין שְׁטוּב, "וְגָרִים לִבְנָהָא דְלָא יִתְחַשְּׁבוּן בְּדָרָא", אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז אִירֶע קִינְדֶער ווֶעלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אוּן זֵיי ווֶעלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּב, "וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְשַׁרְיָא בְּבֵיתָא", אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע זָאלְן זַיין בַּיי אִיר אִין שְׁטוּב, "מַאן גָּרִים דָא", ווֶער אִיז דָאס אַלֶעס גוֹרֵם? "הַהוּא שַׂעֲרָא דְאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר", דִי פְרוֹי וָואס אִיר הָאר זֶעט זִיךְ אַרוֹיס; אוּן פַאַרְקֶערְט אִיז נָאךְ מֶער, אַ פְרוֹי וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג אַז אִיר הָאר זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְזֶען - ווֶעט הָאבְּן אַלֶע בְּרָכוֹת, אוּן זִי ווֶעט הָאבְּן נַחַת פוּן אִירֶע קִינְדֶער.

**בְּנוֹגֵעַ** דִי לֶענְג פוּנֶעם שֵׁייטְל וְכוּ'; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין מִיט אַ שֵׁייטְל

לֶענְגֶער ווי די אַקְסְלֶען. בַּיי אַלֶע שִׁעוּרִים וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶערֶעדְט פוּן דֶעם פְלֶעגְט עֶר קְלַאפְּן מִיט זַיינֶע הֶענְט אוֹיפְן אַקְסְל, נִישְׁט לֶענְגֶער פוּנֶעם אַקְסְל.

**וזאוֹיל** אִיז דִי פְרוֹי וָואס גֵייט צְנִיעוּת'דִיג אוּן פִּירְט זִיךְ אֵיידְל, וֶועט זִי זוֹכֶה זַיין צוּ דִי בְּרָכָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן ט): "צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", אַ פְרוֹי וָואס פִּירְט זִיךְ אֵיידְל אוּן צְנִיעוּת'דִיג - וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתקמא

**וֶועל אִיךְ נָאךְ אַמָאל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן זֶעכְצֶן יָאר, בְּעֶרֶךְ אַ יָאר צוּרִיק בִּין אִיךְ גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן פוּנֶעם טֶעלֶעפָאן לַיין "קוֹל בְּרֶסְלֶב" אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁעוּרִים, אִיךְ הָאבּ זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיט הִתְבּוֹדְדוּת אוּן דֶרֶךְ הַלִּימוּד, פָּשׁוּט וַוייל דָאס הָאט גֶערֶעדְט צוּ מִיר, אִיךְ הָאבּ אָבֶער נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אַזוֹיפִיל פוּן נִסְיוֹנוֹת אוּן שְׁמִירַת עֵינַיִם, אִיךְ הָאבּ אַלְץ גֶעטְרַאכְט אַז דִי וָואס הִיטְן זִיךְ סְפֶּעצִיעֶל דִי אוֹיגְן אוֹיף דִי גַאס דַארְפְן פָּשׁוּט אַבִּיסְל אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט.

אַזוֹי אִיז עֶס אָנְגֶעגַאנְגֶען פַאר אַ שְׁטִיק צַייט, בִּיז אִיךְ הָאבּ אֵיינְמָאל בַּאקוּמֶען צוּטְרִיט צוּ אַן אָפֶענֶעם טֶעלֶעפָאן, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן קוּקְן

זַאכְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, און פון דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן גֵיין בַּארְג אַרָאפּ, מַיינֶע אוֹיגְן זֶענֶען גֶעוָוארְן אָפְּן און אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעוָואלְט זֶען נָאךְ און נָאךְ שְׁלֶעכְטְס, וואו און ווִי אַזוֹי אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעקֶענְט, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דְרֵייעֶן אִין דִי פַּארְקְס זוּכְן עֲבֵירוֹת, און לֵיידֶער הָאבּ אִיךְ זִיךְ אָנְגֶעטְרָאפְן מִיט גוֹיִם וָואס הָאבְּן גֶעוָואלְט טוּן עֲבֵירוֹת, און אַזוֹי פַאל אִיךְ לֵיידֶער מֶער און מֶער.

אִיךְ הָאבּ כְּסֵדֶר עֲלִיּוֹת און יְרִידוֹת און אִיךְ וֵויים נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין אַן עֶרְלִיכֶער איד און אַ נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ, אִיךְ ווִיל נִישְׁט אוֹיפְוַואכְן אַ מְנֻוָּל וָואס לוֹיפְט נָאךְ שְׁמוּץ אַ גַאנְצְן טָאג, אִיךְ בֶּעט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן אַז אִיךְ דַארְף אַן עֵצָה, אִיךְ הָאבּ שוֹין בַּאקוּמֶען אַסַאךְ עֵצוֹת פון מֶענְטְשְׁן, ווִי לְמָשָׁל צוּ לֶערְנֶען פֶּערְצִיג טֶעג חֲסִידוּת, און נָאךְ עֵצוֹת, דֶערְוַוייל הָאט מִיר אָבֶער גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן, אִיךְ דַארְף אַן עֵצָה מִיט אַ פַארְזִיכֶערוּנְג אַז אִיךְ וֶועל שְׁנֶעל גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחֻקּוֹתַי, י"ז אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**מִן הַסְתָם וֵוייסְטוּ נִישְׁט וָואס פַּאסִירְט וֶוען מֶען זִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה, וַוייל וֶוען דוּ וָואלְסְט גֶעוואוּסְט נָאר אַ פְּרָאצֶענְט וָואס מֶען לַיידְט זִיךְ צַאם פון פּוֹגֵם זַיין בַּבְּרִית - וָואלְסְטוּ נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען אִין פַּארְק זוּכְן גוֹיִם צוּ טוּן עֲבֵירוֹת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.**

**וִויסְן** זָאלְסְטוּ אַז ווִי מֶער מֶען אִיז פּוֹגֵם בַּבְּרִית וֶוערְט מֶען אָפְּגֶעשְׁוַואכְט און פַארְעֶלְטֶערְט, מֶען פַארְלִירְט דִי כּוֹחוֹת, אַזוֹי אוֹיךְ דִי אוֹיגְן וֶוערְן אָפְּגֶעשְׁוַואכְט און עֶס הוֹיבְּט אָן גֵיין אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ פוּן מוֹיל; דִי הָאר פוֹנֶעם קָאפּ פַאלְט אַרוֹיס, "וְהַרְבֵּה כְּאֵבִים חוּץ מֵאֵלּוּ בָּאִים עָלָיו", און עֶס בְּרֶענְגְט אַסַאךְ וֶוייטָאג אוֹיפְן מֶענְטְשׁ (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן רמ, סְעִיף יד).

**דִי** עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית הַרְגֶ'עט דֶעם מֶענְטְשׁ. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נִדָּה יג.): "כָּל הַמּוֹצִיא שִׁכְבַת זֶרַע לְבַטָּלָה חַיָּב מִיתָה", וֶוער עֶס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶר אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, אִיז חַיָּב מִיתָה. נָאךְ זָאגְן זֵיי (שָׁם): "כְּאִילוּ שׁוֹפֵךְ דָּמִים", דָאס אִיז אַזוֹי ווִי אֵיינֶער אִיז עוֹבֵר אוֹיף רְצִיחָה און שְׁפִיכַת דָּמִים, אַזוֹי אוֹיךְ: "כְּאִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים", עֶס אִיז אַזוֹי ווִי עֶר דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה רַחְמָנָא לִצְלָן.

**וֶוען** מֶען אִיז פּוֹגֵם בַּבְּרִית פַארְלִירְט מֶען אַלֶעס; מֶען פַארְלִירְט דֶעם שִׁדּוּךְ וָואס אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן, און אֲפִלּוּ מֶען הָאט שׁוֹין אַ שִׁדּוּךְ - פַארְלִירְט מֶען דִי שָׁלוֹם בַּיִת (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן פז); פַארְוָואס זָאלְסְטוּ פַארְלִירְן דַיין שִׁדּוּךְ? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ פַארְלִירְן דַיין לֶעבְּן?

**טְרַאכְט** נִישְׁט אַז דוּ קֶענְסְט זִיךְ אוֹיסְבַּאהַאלְטְן פוּן מֶענְטְשְׁן אִין אַ פַּארְק וְכוּ'; דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל זֵייעֶר חוֹזֶק גֶעמַאכְט פוּן דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה, אַז וֶוער עֶס הִיט זִיךְ נִישְׁט וֶוערְט נָאכְדֶעם זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת

הָרַ"ן, סִימָן דש): "אָדֶער אַ נִסָּיוֹן אָדֶער אַ בִּזָּיוֹן", אָדֶער הָאט דֶער מֶענְטְשׁ נִסְיוֹנוֹת אוּן עֶר בְּלַייבְּט מִיט דִי נִסְיוֹנוֹת, אָדֶער אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם עֶר פַּאלְט אַרָאפּ - וֶוערְט נָאכְדֶעם גְרוֹיסֶע בִּזְיוֹנוֹת.

**אִיךְ** הָאבּ גֶעלֵיינְט דַיין פְּרַאגֶע אַפָּאר מָאל אוּן עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט אַרַיין אִין קָאפּ, ווִי קוּמְט דָאס אַז אַ אִיד וָואס אִיז הֵיילִיג אוּן לוֹיטֶער - זָאל הָאבְּן צוּטוּן מִיט אַ גּוֹי טָמֵא וּמְטַמֵּא?! מֶען זֶעט קְלָאר וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ג.): "אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵרָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנַס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת", אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט נִישְׁט נָאר נָאכְדֶעם וָואס עֶס גֵייט אַרַיין אִין אִים אַ רוּחַ שְׁטוּת; עֶס הָאט דָאךְ נִישְׁט קַיין שׁוּם שֵׂכֶל וָואס דוּ טוּסְט, עֶס אִיז אַרַיין אִין דִיר אַ רוּחַ שְׁטוּת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דִי עֵצָה פַאר דִיר אִיז דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן א): "עִקַּר הַכְנָעָתוֹ שֶׁל יֵצֶר הָרָע, הוּא עַל יְדֵי הַתּוֹרָה", דֶער עִקָּר עֵצָה ווִי אַזוֹי מֶען קֶען פָּטוּר וֶוערְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע אִיז דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה, "וְהַתּוֹרָה הִיא בְּחִינַת וָי"ו", דִי תּוֹרָה אִיז אַזוֹי ווִי דִי אוֹיסְזֶען פוּנֶעם אוֹת ו', ווַייל דִי לוּחוֹת אִיז גֶעוֶוען בְּרֵייט זֶעקְס טְפָחִים אוּן לַאנְג זֶעקְס טְפָחִים, "וְהַוָי"ו הוּא צוּרַת מַקֵּל", דֶער אוֹת ו' זֶעט אוֹיס ווִי אַ שְׁטֶעקְן, "כִּי הַתּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה מַכְנִיעַ אֶת הַיֵּצֶר הָרָע שֶׁרוֹצֶה לַעֲשׂוֹת אֶת הָאָדָם מְשׁוּגָע מַמָּשׁ חַס וְשָׁלוֹם", דִי תּוֹרָה אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ שְׁטֶעקְן, פּוּנְקְט ווִי אַ מְשׁוּגֶענֶער פַארְשְׁטֵייט נָאר וֶוען מֶען שְׁלָאגְט אִים מִיט אַ שְׁטֶעקְן, אַזוֹי אוֹיךְ דֶער מֶענְטְשׁ וָואס זִינְדִיגְט, וָואס עֶר אִיז אוֹיךְ אַ מְשׁוּגֶענֶער - פַארְשְׁטֵייט

אויך נָאר וֶוען מֶען שְׁלָאגְט אִים מִיט דִי תּוֹרָה, נָאר דִי תּוֹרָה וֶועט אִים מַאכְן אוֹיפְהֶערְן זִינְדִיגְן.

**אַ** מְשׁוּגָעְנֶער פַּארְשְׁטֵייט נִישְׁט וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ אִים, אַ מְשׁוּגָעְנֶער פַּארְשְׁטֵייט נָאר אֵיין שְׁפְּרַאךְ: וֶוען עֶר זֶעט דֶעם שְׁטֶעקְן - דֶעמָאלְט פָאלְגְט עֶר. דָאס זֶעלְבֶּע אִיז מִיט דִיר, אַז דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט דִיר אַזוֹי אַרַיינְגֶעכַאפְּט אִין זַיין נֶעץ דַארְפְסְטוּ נֶעמֶען דֶעם שְׁטֶעקְן אוּן זִיךְ שְׁלָאגְן מִיט דֶעם. נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת אוּן הוֹיבּ אָן לֶערְנֶען אֵיין פֶּרֶק נָאכְן צְוֵוייטְן; אִין אָנְהוֹיבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ לֶערְנְסְט, וַוייל פוּן אַזוֹיפִיל מָאל זִינְדִיגְן אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן - פַארְלִירְט מֶען דֶעם מֹחַ, זָאלְסְט זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אָן פַארְשְׁטֵיין, דָאס וֶועט דִיךְ רַאטֶעוֶוען אוּן אָפְּוַואשְׁן פוּן דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירוֹת. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִלּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחְמָנָא לִצְלָן", אֲפִלּוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדֻשָּׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם. וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ", וֶועט עֶר סוֹף כָּל

סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, ווייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

וָוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דֶעם שְׁמוּעֶס, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "צִי תּוֹרָה קֶען אוֹיךְ הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, רַחְמָנָא לִצְלָן?" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים אוּן גֶעזָאגְט: "דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז? תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס"; אֲפִלּוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס וַוייקְט זִיךְ אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, רַחְמָנָא לִצְלָן, וֶועט דִי תּוֹרָה אִים אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן זַיין בְּלָאטֶע אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

# תתקמב

## מַזָּל טוֹב צוּם גֶעבוּרְט פוּנֶעם עֶרְשְׁטְן אֵיינִיקְל

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וואוֹין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ בִּין אָבֶער אַ תַּלְמִיד פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אִיךְ לֶעבּ אוֹיף דִי שִׁעוּרִים וָואס וַוייזְן מִיר אַ וֶועג אִין לֶעבְּן אוֹיף טְרִיט אוּן שְׁרִיט.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט אָנְווּאוּנְטְשְׁן אַ בִּרְכַּת מַזָּל טוֹב צוּם גֶעבוּרְט פוּן אַייעֶר אֵיינִיקְל[כא], דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זֶען אַסַאךְ

כא. דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"א אִיָּיר, שְׁנַת תש"פ אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן דֶער עֶרְשְׁטֶער אֵיינִיקְל בַּיים רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, הַיֶּלֶד נַחְמָן נָתָן בֶּן לִבְנוֹ בְּכוֹרוֹ הָרַב שְׁלֹמֹה שְׁלִיטָ"א. דֶער בְּרִית אִיז פָארְגֶעקוּמֶען דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחֻקּוֹתַי, י"ח אִיָּיר, לַ"ג בָּעוֹמֶר.

אִידִישׁ נַחַת פוּן דֶעם אֵיינִיקְל, אוּן פוּן אַלֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, אִין זְכוּת וָואס אִיר טוּט אַזוֹיפִיל פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַייךְ בַּאצָאלְן מִיט אַלֶעם גוּטְן בַּיי אַייעֶרֶע קִינְדֶער.

וואוּנְטְשְׁט אַ תַּלְמִיד וָואס אִיז זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט יֶעדֶע שִׁעוּר בַּאזוּנְדֶער.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת בְּהַר בְּחֻקּוֹתַי, י"ז אִיָּיר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** נֶעם אָן אַלֶע בְּרָכוֹת, וְהַמְּבָרֵךְ יִתְבָּרַךְ; דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ.

**אַז** דוּ פַּארְרוּפְסְט זִיךְ אַ תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי'ן ווִיל אִיךְ דִיר מְחַזֵּק זַיין דוּ זָאלְסְט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה. רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקמג), דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אוּנְז מְבַזֶּה זַיין פַארְוָואס מִיר זֶענֶען נִישְׁט עוֹסֵק אִין 'הֲפָצָה'; "וּפַעַם אַחַת בְּלֵיל מוֹצָאֵי שַׁבָּת עָמַדְנוּ לְפָנָיו עִם כַּמָּה אֲנָשִׁים מֵהַחֲשׁוּבִים שֶׁלּוֹ, וְהוֹכִיחַ אוֹתָנוּ מְאֹד כַּמָּה שָׁעוֹת עַל עִנְיָן זֶה", אֵיינְמָאל מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז גֶעגֶעבְּן מוּסָר אַפָּאר שָׁעָה הֵיתָּכֵן מִיר זֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג עוֹסֵק אִין הֲפָצָה, "וּפַעַם אַחַת קָרָא אוֹתָנוּ 'עֵצִים יְבֵשִׁים'", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אוּנְז: 'אִיר זֶענְט טְרִיקֶענֶע בֵּיימֶער', "עַל שֶׁאֵין אָנוּ מוֹלִידִים נְפָשׁוֹת שֶׁיִּתְקָרְבוּ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל יָדֵינוּ", וַוייל אִיר בְּרֶענְגְט נִישְׁט נָאךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיר קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֲפָצָה;

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְרוּשַׁלְמִי כְּתוּבּוֹת יב, ג), רֵישׁ לָקִישׁ הָאט גֶעפַאסְט דְרַיי הוּנְדֶערְט תַּעֲנִיתִים עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען זֶען רֶבִּי חִיָיא, נָאךְ אַלֶע תַּעֲנִיתִים הָאט עֶר נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען אִים צוּ זֶען אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט חֲלִישׁוּת הַדַעַת דֶערְפוּן, עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס בִּין אִיךְ נִישְׁט זוֹכֶה צוּ זֶען רֶבִּי חִיָיא, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גֶעלֶערְנְט פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, הָאט דֶען רֶבִּי חִיָיא גֶעלֶערְנְט מֶער פוּן מִיר?!" הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט מֶער פוּן רֶבִּי חִיָיא, אָבֶער עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט תּוֹרָה אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער מֶער ווִי דִיר, אוּן נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר רֶבִּי חִיָיא אִיז גֶעגַאנְגֶען גָלוּת לַיידְן כְּדֵי צוּ לֶערְנֶען, עֶר אִיז אַרוּיף קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל". הָאט רֵישׁ לָקִישׁ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶבִּי חִיָיא אִיז גֶעוֶוען וַוייל עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין גָלוּת צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בִּין אוֹיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין גָלוּת כְּדֵי צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה", הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ בִּיסְט גֶעגַאנְגֶען אִין גָלוּת צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה פַאר דִיר, אָבֶער רֶבִּי חִיָיא אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין גָלוּת פַאר אַ צְוֵויטְן, עֶר אִיז אַרוּם גֶעגַאנְגֶען אוֹיסְלֶערְנֶען תּוֹרָה פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער"; דָאס טוּעֶן דִי מְפִיצִים, זֵיי גֵייעֶן אִין גָלוּת טָאג אוּן נַאכְט אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען תּוֹרָה אוּן אֱמוּנָה אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

מִיר דַארְפְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן; אַזוֹי ווִי רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער: "פַארְוָואס

קוּמְסְטוּ צוּ אַ רֶבִּי, אַז דוּ פָאלְגְסְט אִים נִישְׁט?!" דִי מַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפִּילְט וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז אַמָאל גֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אִין בַּאגְלֵייטוּנְג פוּן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אוֹיפְן וֶועג צוּם צִיּוּן הָאט זִיךְ צֶערִיסְן דִי רֶעקְל פוּן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "גֵיי פַארְרֶעכְט דִיר דַיין רֶעקְל, ווייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קכז): מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי בְּגָדִים, אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט זַיין צֶערִיסְן", אָבֶּער רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט זֶען ווִי רֶבִּי נָתָן גֵייט צוּם צִיּוּן, אִיז עֶר וַוייטֶער מִיטְגֶעגַאנְגֶען מִיט רֶבִּי נָתָן, דֶעמָאלְט הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: "פַארְוָואס קוּמְסְטוּ צוּ אַ רֶבִּי, אַז דוּ פָאלְגְסְט נִישְׁט דֶעם רֶבִּי'ן?!"

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתקמג

**ווִי אַזוֹי קֶען מֶען גֶעבְּן פַאר מֶענְטְשְׁן**
**דִי גוּטֶע עֵצוֹת אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְּרוּוִי פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶּה מִיט אַיירֶע גֶעוַואלְדִיגֶע דִבּוּרִים אוּן דְרָשׁוֹת, דָאס גֶעבְּט מִיר פִיל חִזּוּק אוּן עֵצוֹת אִין לֶעבְּן.

נֶעכְטְן הָאט אַרײנְגֶעקְלַאפְּט בַּײ אוּנְז אַ מֵפִיץ, עֶר הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דֶעם קוּנְטְרֵס "הַיֹּפִי שֶׁבַּטּוֹב", מַײן מַאן הָאט אִים פַּארְשְׁטֵײט זִיךְ זֵײעֶר שֵׁײן אוֹיפְגֶענוּמֶען, אִים גֶעגֶעבְּן צוּ טְרִינְקֶען אוּן אִים גֶעגֶעבְּן אַ שֵׁײנֶע נְדָבָה.

אִיךְ װֶועל זִיךְ פְרֵײעֶן אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א װֶועט גֶעבְּן נָאךְ שִׁעוּרִים פַּאר פְרוֹיעֶן, װִי אַזוֹי צוּ מְכַבֵּד זַײן דֶעם מַאן אוּן אַזוֹי וַוײטֶער, װָאס פֶּעלְט סְפֶּעצִיעֶל װִיכְטִיג אוֹיס אִין דִי יֶעצְטִיגֶע צַײטְן װֶוען מֶען גֶעפִינְט זִיךְ אַ גַאנְצְן טָאג אִינְדֶערְהֵײם.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּמִדְבָּר, כ"ג אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַײעֶר בְּרִיװ.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵײט פוּן דִי װָאס זֶענֶען עוֹסֵק אִין הֲפָצָה, זֵײ פַּארְשְׁפְּרֵײטְן פַאר אַנְדֶערֶע דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים װָאס עֶנְטְהַאלְטְן עֵצוֹת פוּן הֵײלִיגְן רֶבִּי'ן, אַז אַנְדֶערֶע זָאלְן אוֹיךְ קֶענֶען לֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים, זֵײ פַארְגִינֶען פַאר אַנְדֶערֶע צוּ הָאבְּן װָאס זֵײ הָאבְּן; 'אַז אִיךְ בִּין זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק מְחַיֶּ' מִיט דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרַנַ"ת זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פַארְגִין אִיךְ דָאס פַאר אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן װָאס װֵײסְן נִישְׁט פוּן רֶבִּי'ן, אַז זֵײ זָאלְן אוֹיךְ לֶעבְּן דִי זִיסֶע לֶעבְּן װָאס אִיךְ לֶעבּ'.

**אַז** אִיר הָאט בַּאקוּמֶען עֵצוֹת אוּן הַדְרָכָה צוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת, אִיר זֶענְט זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דִי שִׁעוּרִים - אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט דָאס צוּ הַאלְטְן פַּאר אַ סוֹד אַז נָאר אִיר זָאלְט וִויסְן פוּן דֶעם, אִיר דַארְפְט טְרַאכְטְן וֶועגְן וִוי אַזוֹי אַייעֶרֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער אוּן פְרַיינְט זָאלְן אוֹיךְ קֶענֶען הֶערְן דִי שִׁעוּרִים אוּן לֶערְנֶען דִי סְפָרִים כְּדֵי צוּ הָאבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים.

**וואוּיל** אִיז דֶעם וָואס טְרַאכְט טָאג אוּן נַאכְט: 'וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מְחַיֶּ' זַיין נָאךְ אַ אִיד?' 'וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען נָאךְ אֵיינֶעם דָאס זִיסְקֵייט פוּן לֶעבְן?' 'וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז נָאךְ מֶענְטְשְׁן זָאלְן וִויסְן אַז מֶען קֶען תְשׁוּבָה טוּן אוּן לֶעבְן מִיט דִי תוֹרָה'; דֶער וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אִין דִי מְחִיצָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן כד): "הַמַּחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה, זוֹכֶה וְיוֹשֵׁב בִּישִׁיבָה שֶׁל מַעְלָה, וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְבַטֵּל הַגְּזֵרָה בִּשְׁבִילוֹ", דֶער וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זוֹכֶה צוּ זִיצְן אוֹיבְן אִין הִימְל אִין דִי יְשִׁיבָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִין זַיין זְכוּת אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מְבַטֵּל אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתקמד

## וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז מַיין טָאכְטֶער זָאל זַיין צוּפְרִידְן מִיט אַ פָּשׁוּט'עֶ חֲתֻנָּה?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ מַאךְ אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם חֲתֻנָּה מַיין טָאכְטֶער גְלַייךְ נָאךְ שָׁבוּעוֹת, אוּן וִוי עֶס קוּקְט יֶעצְט אוֹיס דֶער מַצָּב מִיט קָארָאנָע, וֶועט דִי חֲתֻנָּה מוּזְן זַיין בַּיי מִיר אִינְדֶערְהֵיים מִיט אַ קְלֵיינֶעם מִנְיָן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם דֶערְמִיט, אָבֶער מַיין טָאכְטֶער אִיז זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, זִי הָאט גֶע'חָלוֹמְ'ט פוּן אַ שֵׁיינֶע רֵיזִיגֶע חֲתֻנָּה מִיט אַלֶע צוּגֶעהֶערְן, אוּן זִי קֶען זִיךְ יֶעצְט נִישְׁט בַּארוּאִיגְן, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אִיר מְחַזֵּק זַיין?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ג אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**זַיי אִיר מְחַזֵּק זִי זָאל דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זִי אִיז גֶעזוּנְט אוּן אִיר חָתָן אִיז גֶעזוּנְט. זַיי אִיר מְחַזֵּק זִי זָאל דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף וָואס זִי הָאט יָא; אַנְשְׁטָאט וֵויינֶען אוּן קְרֶעכְצְן אוֹיף וָואס זִי הָאט נִישְׁט, זָאל זִי טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה, דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף וָואס זִי הָאט יָא.**

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצָה, אַ וֶועג פוּן טְרַאכְטְן אִין אַ צַייט וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועריקַייטְן; מֶען זָאל זוּכְן דָאס גוּטְס, מֶען זָאל קוּקְן אוֹיף דִי נִסִּים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצה), דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעזוּכְט עֶפֶּעס גוּטְס אוֹיף וָואס עֶר קֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִלּוּ וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף אִים שְׁלֶעכְטְס - הָאט עֶר גֶעזוּכְט אִין דִי שְׁלֶעכְטְס עֶפֶּעס גוּטְס. אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַז דָוִד הַמֶּלֶךְ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים ד, ב): "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי" - רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַאנְק דִיר אוֹיף דֶעם וָואס אִין דִי צָרָה הָאסְטוּ מִיר בְּרֵייט גֶעמַאכְט".

וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיט דִי וֶועג פוּן זוּכְן דָאס גוּטְס אִין לֶעבְּן, וֶוערְט גְרִינְגֶער דָאס לֶעבְּן; מֶען אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ אוּן גְלִיקְלִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתקמה

## ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דְרֵייעֶן אִין בְּרֶסְלֶב, אָן וֶוערְן אַרַיינְגֶעשְׁלֶעפְּט אִין מַחְלֹקֶת?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוואקְסְן אִין אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר מִשְׁפָּחָה אִין יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקֹּדֶשׁ, אָבֶּער אִיךְ בִּין אַסאךְ אַדוּרְכְגֶעגַאנְגֶען בִּיז אִיךְ אַלֵיין הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען מְקוֹרָב צוּ וֶוערְן צוּ בְּרֶסְלֶב, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט לַייְדְן דִי מַחְלֹקֶת וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין בְּרֶסְלֶב, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט דְרֵייעֶן דָארְט, בִּיז וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְּן אַייעֶרע שִׁעוּרִים אוּן עֶס הָאט מִיר גֶעוויזְן אַ נֵייעֶם וֶועג, מִיט וָואס אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק בָּרוּךְ הַשֵּׁם.

אִיךְ וויל זִיךְ אָבֶּער יָא דְרֵייעֶן צְווישְׁן בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים, ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן נִישְׁט צוּ וֶוערְן אַרַיינְגֶעשְׁלֶעפְּט אִין מַחְלֹקֶת?

אוֹיךְ וויל אִיךְ וויסְן וֶועגְן דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, ווי ווייט גֵייט - דָאס וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט - אַז מֶען דַארְף נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט? אוּן בִּכְלַל, וָואס אִיז וויכְטִיגֶער צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, הֲלָכָה, גְּמָרָא, אָדֶער דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ד אִיָּיר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אַנְטְלוֹיף פוּן מַחְלֹקֶת אַזוֹי ווי מֶען אַנְטְלוֹיפְט פוּן פַייעֶר, ווייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן** (בַּמִּדְבָּר רַבָּה יח, ד),

בֵּית דִּין שֶׁל מַטָּה גֶעבְּן נִישְׁט קַיין עֹנֶשׁ פַאר אַ קָטָן אוּנְטֶער דִי דְרַייצְן יָאר און בֵּית דִּין שֶׁל מַעְלָה שְׁטְרָאפְן נָאר פוּן דִי צְוָואנְצִיג און הֶעכֶער, אָבֶער מַחְלֹקֶת אִיז אַזוֹי הַארְבּ אַז אֲפִלּוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער וֶוערְן אַוֶועק גֶענוּמֶען פוּן דִי וֶועלְט אַלְס אַ שְׁטְרָאף פַאר מַחְלֹקֶת, אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען בַּיי דִי מַחְלֹקֶת פוּן קֹרַח אַז אֲפִלּוּ דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער פוּן אֵיין טָאג אַלְט - זֶענֶען אוּמְגֶעקוּמֶען.

זַיי נִישְׁט פַארְנוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע, נָאר קוּק אוֹיף זִיךְ; אַז דוּ הָאסְט גֶעפִינֶען אַ פְּלַאץ אִין בְּרֶסְלֶב וואו דוּ שֶׁעפְּסְט חַיוּת, דוּ בַּאקוּמְסְט לֶעבְּן - זָאלְסְטוּ נֶעמֶען פוּן דֶעם פְּלַאץ דַיין חַיוּת און דַיין חִזּוּק, און אַז אַנְדֶערֶע שְׁפִּירְן זֵייעֶר חַיוּת אִין אַן אַנְדֶערֶע חֲבוּרָה - זָאל דִיר דָאס נִישְׁט שְׁטֶערְן, יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל נֶעמֶען זַיין חִזּוּק פוּן זַיין פְּלַאץ, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שיט): "אֲנִי אֶעֱשֶׂה מִכֶּם כִּתּוֹת כִּתּוֹת", אִיךְ וֶועל מַאכְן פוּן עֶנְךְ כִּתּוֹת כִּתּוֹת; אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט טַאקֶע צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, טֵייעֶרֶע כִּתּוֹת.

קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם און עֶס זָאל דִיר נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן קֵיינֶעם; עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין צַייט צוּ זַיין פַארְנוּמֶען מִיט דֶעם און יֶענֶעם, דָאס לֶעבְּן גֵייט אַרִיבֶּער אַזוֹי שְׁנֶעל, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה צו, ב), דִי יָארְן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַזוֹי שְׁנֶעל וִוי אַ שָׁאטְן גֵייט פַארְבַּיי, נִישְׁט וִוי אַ שָׁאטְן פוּן אַ וַואנְט, נִישְׁט וִוי דֶער שָׁאטְן פוּן אַ בּוֹים, נָאר וִוי אַ שָׁאטְן פוּן אַ פֵייגְל וָואס פְלִיט; אִיז אַ שָׁאד מֶען זָאל זַיין פַארְנוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע.

דְרֵיי זִיךְ צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס רֶעדְן דִבּוּרֵי אֱמוּנָה, עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן אוּן חִזּוּק פוּן רֶבִּי'ן, וַוייל אִין דֶעם פְּלַאץ וואוּ מֶען רעדְט פוּן רֶבִּי'ן - דָארְט גֶעפִינְט זִיךְ דֶער רֶבִּי, דָארְט וואוּ מֶען אִיז מְחַזֵּק אֵיינֶעם דֶעם צְוֵוייטְן - דָארְט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וְוידֶער דָארְט וואוּ מֶען גְרָאבְּט אוּנְטֶער אַנְדֶערֶע, מֶען פַּסְלְ'ט דֶעם אוּן יֶענֶעם וְכוּ' וְכוּ' - דָארְט אִיז דֶער שָׂטָן; אֲפִלּוּ זֵיי זֶעעֶן אוֹיס וִוי עוֹבְדֵי הַשֵּׁם, מֶען בַּאטִיטְלְט זֵיי מִיט הוֹיכֶע עוֹבְדֵי'שֶׁע טִיטְלֶען: 'חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב הָאֲמִתִּיִּים', 'נְקִיֵּי הַדַּעַת שֶׁבִּירוּשָׁלַיִם', וְכַדוֹמֶה - אִיז אַלֶעס אֵיין גְרוֹיסֶער בְּלָאף.

פוּן דִי וָואס רֶעדְן אַ הוֹיכֶע שְׁפְּרַאךְ וְכוּ' - זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן, לָאז זִיךְ נִישְׁט אָפְּנַארְן בְּזֶה הָעוֹלָם; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעבֶּעטְן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מִמֶּנִּי", דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר, "שֶׁלֹּא יַטְעֶה אֶתְכֶם הָעוֹלָם, כִּי הָעוֹלָם מַטְעֶה מְאֹד", דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ, לָאזְט אַייךְ נִישְׁט נַארְן; מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ נִישְׁט צוּ לָאזְן אָפְּנַארְן, בִּפְרַט פוּן דִי וָואס רֶעדְן אַ הוֹיכֶע שְׁפְּרַאךְ, פוּן דִי וָואס רֶעדְן פוּן מְתַקֵּן זַיין נְשָׁמוֹת; דִי אַלֶע וָואס רֶעדְן הוֹיךְ זֶענֶען בְּדֶרֶךְ כְּלַל בַּעֲלֵי דִמְיוֹנוֹת אוּן פַאנְטַאזִירֶערְס, אַ רַחְמָנוּת אוֹיף דִי אַלֶע וָואס שְׁלֶעפְּן זִיךְ נָאךְ זֵיי.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט, אַ פַאנְטַאזִירֶער אִין בְּרֶסְלֶב הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים בֶּעטְן אַ תִּקּוּן; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיגְן: "וִוי שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט אַ טָאטֶער, אַ פַארֶעךְ צוּ זָאגְן אוֹיף אַזַא גְרוֹיסֶער גָדוֹל בְּיִשְׂרָאֵל, אַ צַדִּיק אֱמֶת,

וָואס הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶש גֶעוֶועְן אוֹיף תּוֹרָה - אַז עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים פַאר אַ תִּקוּן?!" דָאס וַוייזְט אַז דֶער פַאנְטַאזִירֶער אִיז נִישְׁט מִיט אַלֶעמֶען אוּן עֶס אִיז אַ רַחְמָנוּת אוֹיף דִי וָואס גֵייעֶן אִים נָאךְ.

**דֶער** זֶעלְבֶּער פַאנְטַאזִירֶער הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף מוֹהֲרַ"א"ש בִּשְׁעַת וֶוען דִי לְוָיָה פוּן מוֹהֲרָא"ש הָאט זִיךְ אַזוֹי פַארְצוֹיגְן, אַז עֶר אִיז עוֹסֵק צוּ מְתַקֵן זַיין מוֹהֲרָא"ש; נֶעבֶּעךְ פַאר אִים אוּן אַ רַחְמָנוּת אוֹיף זַיינֶע נָאכְשְׁלֶעפֶּער. אֲפִלוּ אַן אָפְּגֶערִיסֶענֶער נַאר, אַ טִפֵּש - וָואלְט אוֹיךְ אַזוֹינְס נִישְׁט גֶעזָאגְט; זֶעט אוֹיס אַז עֶר הָאט אַסַאךְ טִפְּשִׁים וָואס לוֹיפְן אִים נָאךְ, קֶען עֶר דָאס זָאגְן.

**דֶערִיבֶּער** בֶּעט אִיךְ דִיר, גֶעבּ אַכְטוּנְג פוּן דִי בַּעֲלֵי דִמְיוֹנוֹת אוּן פַאנְטַאזִירֶער אוּן קוּק שְׁטֶענְדִיג אוֹיף דַיינֶע רְוָחִים; אַז דוּ דְרֵייסְט זִיךְ אִין אַ פְּלַאץ וָואס מֶען זָאגְט אוֹיפְן מַנְהִיג אַז עֶר פְּלִיט אִין הִימְל אוּן עֶר הָאט רוּחַ הַקֹּדֶשׁ, דָאס אַלֵיין אִיז נָאכְנִישְׁט גֶענוּג פַאר דִיר, אוֹיבּ דֶער וָואס פְלִיט אִין הִימְל קֶען דִיר נִישְׁט מְזַכֶּה זַיין דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען - אִיז דָאס אַלֶעס בְּלָאף; אַז עֶס גֵייט פַארְבֵּיי אַ שְׁטִיק צַייט אוּן דוּ הָאסְט נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶועְן מְסַיֵּם צוּ זַיין אֲפִלוּ אֵיין מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, הֵייסְט דָאס אָפְּגֶענַארְט, אוּן דָאס הֵייסְט אַ פַארְפִירֶער.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ו): "הַיֵּצֶר הָרָע דּוֹמֶה כְּמוֹ מִי שֶׁהוֹלֵךְ וְרָץ בֵּין בְּנֵי אָדָם, וְיָדוֹ סְגוּרָה וְאֵין אָדָם יוֹדֵעַ

מַה בְּתוֹכָהּ", דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס לוֹיפְט צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן מִיט אַ פַארְמַאכְטֶע הַאנְט, עֶר פָּאפְּט אוֹיס אַלֶעמֶען אוּן פְרֶעגְט זֵיי: "וָואס הָאבּ אִיךְ אִין מַיין הַאנְט?" אוּן פַאר יֶעדֶעם דַאכְט זִיךְ אַז עֶר הָאט אִין זַיין הַאנְט דָאס וָואס עֶר ווִיל, דֶערִיבֶּער לוֹיפְן אִים אַלֶע נָאךְ, ווַייל מֶען מֵיינְט אַז מֶען וֶועט בַּאקוּמֶען דִי זַאךְ וָואס מֶען ווִיל, "וְאַחַר כָּךְ הוּא פּוֹתֵחַ אֶת יָדוֹ וְאֵין בָּהּ כְּלוּם", בַּיים עֶנְדֶע עֶפְנְט עֶר זַיין הַאנְט אוּן מֶען זֶעט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא דָארְט, "כְּמוֹ כֵן מַמָּשׁ הַיֵּצֶר הָרָע", אַזוֹי אוֹיךְ - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אִיז מִיטְן יֵצֶר הָרָע, "שֶׁהוּא מְרַמֶּה כָּל הָעוֹלָם, וְהַכֹּל רָצִים אַחֲרָיו וּמְרַמֶּה לְכָל אֶחָד וְאֶחָד", עֶר רֶעדְט אַיין אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל אִים נָאכְלוֹיפְן ווַייל אַזוֹי וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען אַלֶע זַיינֶע תַּאֲווֹת, אָבֶּער בַּיים סוֹף וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט עֶפְנְט עֶר זַיין הַאנְט אוּן מֶען דֶערְזֶעט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעפַּאטְשְׁט, מֶען אִיז אִים נָאכְגֶעלָאפְן אַ גַאנְץ לֶעבְּן אוּמְזִיסְט.

**מוֹהֲרָא"שׁ** זָאגְט אַז דֶער שִׂיחָה פוּן רֶבִּי'ן גֵייט אַרוֹיף בִּכְלָלִיּוּת אוֹיף אַלֶע תַּאֲווֹת אוּן בִּפְרָטִיּוּת גֵייט דָאס אַרוֹיף אוֹיף דָאס וָואס אַ מֶענְטְשׁ לוֹיפְט נָאךְ אַ מַנְהִיג, אַ רֶבִּי וְכוּ'; דֶער רֶבִּי לוֹיפְט אַרוּם מִיט אַ פַארְמַאכְטֶע הַאנְט אוּן אַלֶע חֲסִידִים לוֹיפְן אִים נָאךְ, אַלֶע מֵיינֶען אַז עֶר הָאט עֶפֶּעס פַאר אִים בִּיז עֶס קוּמְט דֶעם לֶעצְטְן טָאג פוּן לֶעבְּן, דַאן עֶפְנְט דֶער מַנְהִיג זַיינֶע הֶענְט אוּן מֶען זֶעט לֵיידִיגֶע הֶענְט הַשֵּׁם יְרַחֵם; דֶערְפַאר וֶוען מֶען גֵייט צוּ אַ חַבּוּרָה, צוּ אַ מַנְהִיג, צוּ אַ גוּטֶער אִיד וְכוּ', דַארְף מֶען אַלְץ קוּקְן צִי מֶען בַּאקוּמְט

עֶפֶּעס אִין דִי הַאנְט, אויבּ גֵייט מֶען אַוֶועק פוּן דָארְט מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט אִיז אַ סִימָן אַז מֶען נַארְט זִיךְ. אֲפִלּוּ דֶער גוּטֶער אִיד אִיז אַ צַדִּיק, אַ בַּאהַאלְטֶענֶער צַדִּיק, אַ ל"ו צַדִּיק, אַ צַדִּיק וָואס פְלִיט אִין הִימְל, עֶר זֶעט זַאכְן וְכוּ'; אויבּ קֶען עֶר מִיר נִישְׁט מְזַכֶּה זַיין מִיט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדֶע וָואךְ, מִיט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְּמָרָא וְכוּ' - אִיז אַלֶעס בְּלָאף; אויבּ אִיךְ הוֹיבּ נִישְׁט אָן רֶעדְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ בַּאקוּם נִישְׁט פוּן דֶעם פְלַאץ שֵׂכֶל וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אָדֶער מְכַבֵּד זַיין מַיינֶע עֶלְטֶערְן וְכוּ' - אִיז אַלֶעס נַארִישְׁקֵייטְן.

לֵיידֶער פַארְנַארְט מֶען הַיינְט מֶענְטְשְׁן מִיט לְשׁוֹנוֹת פוּן קַבָּלָה, מֶענְטְשְׁן לוֹיפְן נָאךְ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז בְּלִינְד, קְרוּם אוּן שְׁטוּם, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה יב, מִבַּעַל תְּפִלָּה): "אַ טֵייל הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז דֶער עִקָּר תַּכְלִית אִיז כָּבוֹד וְכוּ' הָאבְּן זֵיי גֶעזוּכְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס לוֹיפְט זֵייעֶר נָאךְ זַיין כָּבוֹד, בִּיז זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען וִוי מֶען טְרָאגְט אַן אַלְטְן בֶּעטְלֶער אַ צִיגַיינֶער, אוּן עֶס זֶענֶען אִים נָאכְגֶעגַאנְגֶען פִינֶעף הוּנְדֶערְט צִיגַיינֶערְס, אוּן דֶער בֶּעטְלֶער אִיז גֶעוֶוען בְּלִינְד, קְרוּם אוּן שְׁטוּם", עַיֵּן שָׁם; נֶעבֶּעךְ, מֶען נֶעמְט אַ רֶבִּי, אַ מַנְהִיג וָואס אִיז בְּלִינְד, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן עֶר אִיז שְׁטוּם - עֶר רֶעדְט פוּן אַלֶעס נָאר נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ צְוֵוייטֶער פַאנְטַאזִירֶער אִין בְּרֶסְלֶב זָאגְט אַז מוֹהֲרַ"אשׁ אִיז אִים גֶעקוּמֶען אִין חָלוֹם אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין מְנוּחָה

אויבְּן אִין הִימְל וְכוּ' וְכוּ'; דָאס אִיז בְּנוֹסָף צוּ זַיינֶע דִמְיוֹנוֹת וָואס עֶר פַארְפִירְט צֶענְדְלִיגֶער מֶענְטְשְׁן יָאר נָאךְ יָאר נִישְׁט צוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וַוייל עֶס הָאט זִיךְ אִים גֶע'חָלוֹמְ'ט אַז דֶער רֶבִּי אִיז מֶער נִישְׁט אִין אוּמַאן; אַ רַחְמָנוּת אוֹיף דִי בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס שְׁלֶעפְּן זִיךְ נָאךְ נָאךְ אַזֶעלְכֶע דִמְיוֹנוֹת, בְּשָׁעַת מִיר וֵוייסְן אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל", זַיין בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעס, "וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְּקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה", אוּן עֶס אִיז מִיר אַ וואוּנְדֶער אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר אוּן זֵיי זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ מִיר, פַארְוָואס זָאלְן זֵיי נִישְׁט מוֹדִיעַ זַיין פַאר אַלֶעמֶען אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה? "אִישׁ לֹא יֵעָדֵר", קֵיינֶער טָאר נִישְׁט פֶעלְן, "כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", וַוייל מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה", נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תה): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה, שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה"; אִיךְ הָאב בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אִיךְ וֵוייס וָואס אִיז 'רֹאשׁ הַשָּׁנָה', "לֹא מִבַּעְיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי", נִישְׁט נָאר עֶנְק זֶענֶען אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "אֶלָּא אֲפִלּוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ, תָּלוּי בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי", נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז גֶעוָואנְדְן אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תו): "שֶׁיְּכוֹלִין אָז אֲנָשִׁים

לְקַבֵּל תִּקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה לֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם תִּקּוּן בְּשׁוּם אֹפֶן, אַף עַל פִּי כֵן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יְכוֹלִין אֲפִלּוּ הֵם לְקַבֵּל תִּקּוּן. אַף עַל פִּי שֶׁבְּכָל הַשָּׁנָה אֲפִלּוּ הוּא בְּעַצְמוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֹא הָיָה יָכוֹל לְתַקְּנָם אֲבָל בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה גַּם הֵם יְכוֹלִים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים. כִּי אָמַר שֶׁהוּא עוֹשֶׂה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה עִנְיָנִים וְתִקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה גַּם הוּא אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת", רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, אֲפִלּוּ מֶענְטְשְׁן וֶועם עֶר קֶען נִישְׁט מְתַקֵּן זַיין אַ גַאנְץ יָאר.

זַוי קֶען מֶען זָאגְן נִישְׁט קוּמֶען אוֹיף אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען?! דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאְרן בְּרֶסְלֶב'עֶר רָב רֶבִּי אַהֲרֹן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן בֶּעפָאר דֶעם לֶעצְטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַאר דֶער רֶבִּי אִיז אַוֶועק - שְׁנַת תקע"א, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאְרן רֶבִּי'ן אַז עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, ווייל עֶר קֶען נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן זַיין קְהִילָה, הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט (עַיֵּן חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תו): "ווי אַזוֹי זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, קַיין גְרֶעסֶערְס דֶערְפוּן אִיז נִישְׁט פַארְהַאנֶען, אַיי אַנְדֶערֶע גוּטֶע אִידְן זָאגְן נִישְׁט אַזוֹי? אִיז נָאךְ אַ קַשְׁיָא".

זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ שִׁעוּרִים בְּכָל הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ עַל פִּי סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן רֶבִּי'ן (הַמְבֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), לֶערְן מִשְׁנָיוֹת אוּן אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁעוּר אִין הֲלָכָה אוּן אַ שִׁעוּר אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים.

מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָּואָה (צַוָּואַת מוֹהֲרָא"ש, אות יג): "וּכְשֶׁתַּגִּיעוּ לְעוֹלָם הָאֱמֶת אָז תִּיוָכְחוּ צִדְקַת 'סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד' שֶׁל רַבֵּינוּ זַ"ל", וֶוען אִיר וֶועט אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועט אִיר זִיךְ אִיבֶּערְצַייגְן דִי וָוארְהֵייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד; "וְעַל כֵּן מַה וְלָמָּה לָכֶם לְהִתְוַכֵּחַ?! טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב הַשֵּׁם, הַרְגִּילוּ עַצְמְכֶם לָזֶה וְאָז תִּרְאוּ וְתַרְגִּישׁוּ כָּל מִינֵי טַעֲמִים בְּחַיֵּיכֶם", דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט טַעְנָה'ן מִיט קֵיינֶעם, נָאר גֶעוואוינְט אַייךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען לוֹיט דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד, דֶעמָאלְט וֶועט אִיר זֶען אוּן שְׁפִּירְן אַלֶע טַעֲמִים אוֹיף דִי וֶועלְט, "כִּי הַתּוֹרָה הִיא חִיּוּתֵנוּ בָּעוֹלָם הַזֶּה וּבָעוֹלָם הַבָּא, חִיּוּת גַּשְׁמִי וְחִיּוּת רוּחָנִי", וַוייל דִי תּוֹרָה אִיז אוּנְזֶער לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, דִי תּוֹרָה גֶעבְּט אוּנְז לֶעבְּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן סַיי בְּרוּחָנִיּוּת, "אַשְׁרֵי מִי שֶׁאֵינוֹ מַטְעֶה עַצְמוֹ בָּזֶה הָעוֹלָם כְּלָל, וְיוֹדֵעַ אֲשֶׁר עִקַּר הַלִּימּוּד הוּא רַק לַעֲשׂוֹת רְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ וְלוֹמֵד עַל מְנָת לְקַיֵּים מִצְווֹתָיו יִתְבָּרַךְ וְלַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ לוֹ יִתְבָּרַךְ", וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוּן וֵוייסְט אַז דֶער עִקָּר לִימּוּד הַתּוֹרָה אִיז צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עַיֵּין שָׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתקמו

**וואו שְׁטֵייט דִי הַארְבְּקֵייט פוּן דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית?**

## שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט בַּיי דִי שִׁעוּרִים אִיבֶּער דִי הַארְבְּקֵייט פוּן פּוֹגֵם זַיין בַּבְּרִית, ווייל אִיךְ ווִיסְן וואו שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה דֶער אִסּוּר פוּן הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה? וואו שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אַז דָאס אִיז דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירָה אִין דִי תּוֹרָה?

עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ צוּ הִיטְן, אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר אָנְצֵייגְן מְקוֹרוֹת אִיבֶּער דֶעם.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ד אִיָּיר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** מְחַבֵּר פַּסְקְ'נְט (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אֶבֶן הָעֶזֶר סִימָן כג, סְעִיף א): "אָסוּר לְהוֹצִיא שִׁכְבַת זֶרַע לְבַטָּלָה", מֶען טָאר נִישְׁט זִינְדִיגְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, "וְעָוֹן זֶה חָמוּר מִכָּל עֲבֵרוֹת שֶׁבַּתּוֹרָה", דִי עֲבֵירָה אִיז הַארְבֶּער פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת אִין דִי תּוֹרָה, אוּן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נִדָּה יג.): "כָּל הַמּוֹצִיא שִׁכְבַת זֶרַע לְבַטָּלָה חַיָּב מִיתָה", דֶער וָואס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶר אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלַן - אִיז חַיָּב מִיתָה. נָאךְ

זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שָׁם) "כְּאִילוּ שׁוֹפֵךְ דָמִים", וֶוער עֶס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶר אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה, אִיז אַזוֹי ווִי אֵיינֶער אִיז עוֹבֵר אוֹיף רְצִיחָה אוּן שְׁפִיכוּת דָמִים. אַזוֹי אוֹיךְ: "כְּאִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים", דָאס אִיז אַזוֹי ווִי עֶר דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה רַחְמָנָא לִצְלָן; דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער חֵטְא פוּן עֵר וְאוֹנָן, זֵיי הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶע'הַרְגְ'עט, אַזוֹי ווִי דִי תּוֹרָה זָאגְט (בְּרֵאשִׁית מו, יב): "וַיָּמָת עֵר וְאוֹנָן בְּאֶרֶץ כְּנַעַן", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶע'הַרְגְ'עט עֵר וְאוֹנָן וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה.

**גֶעבּ** זִיךְ אַכְטוּנְג וַוייל דֶער סוֹף פוּן דִי עֲבֵירָה אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, מֶען וֶוערְט אִינְגַאנְצְן מְשׁוּגָע. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן לו) אַז רוֹב מְשֻׁגָּעִים זֶענֶען מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן פוּן דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית; אַלֶע צָרוֹת וָואס מֶען לַיידְט קוּמְט פוּן חַטְאוֹת נְעוּרִים, פוּן מוֹצִיא זַיין זֶרַע לְבַטָּלָה, מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס.

**מַאךְ** זִיךְ אַ שִׁעוּר אִין גְּמָרָא; גְּמָרָא רַאטֶעוֶועט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן פְּגַם הַבְּרִית, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן רִיד): "תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ לִילִית, עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", תַּלְמוּד בַּאטְרֶעפְט דִי זֶעלְבֶּע ווִי דִי נָאמֶען פוּן דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתקמז

## פַארְוָואס רֶעדְט אִיר קֶעגְן דִי עֶרְלִיכֶע בָּתֵּי חִנּוּךְ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס אִיז שׁוֹין פִילֶע יָארְן וָואס אִיךְ פִיר אַ בֵּית חִנּוּךְ לְבָנוֹת וָואס פִירְט זִיךְ בָּרוּךְ ה' עַל דֶּרֶךְ יִשְׂרָאֵל סָבָא, פוּן וואו עֶס זֶענֶען שׁוֹין אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען טוֹיזְנְטֶער עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע מַאמֶעס, וָואס הָאבְּן וַוייטֶער אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר זֵייעֶרֶע דוֹרוֹת דִי חִנּוּךְ וָואס זֵיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען אִין אוּנְזֶער שׁוּלֶע.

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעהֶערְט פוּן אַייךְ, עֶס אִיז מִיר אָבֶּער קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּ הֶערְן אַייעֶרֶע שִׁעוּרִים. פָארִיגֶע וָואךְ הָאט מִיר אֵיינֶער גֶעגֶעבְּן צוּ הֶערְן אַ שְׁטִיקְל פוּן אַ שִׁעוּר ווי אִיר הַאקְט זֵייעֶר קֶעגְן דִי חִנּוּךְ וָואס מֶען גֶעבְּט פַאר דִי מֵיידְלֶעךְ, אִיר זָאגְט אַז דִי מֵיידְלֶעךְ ווילְן נִישְׁט יֶעצְט חֲתֻנָּה הָאבְּן אִין דִי קָארָאנֶע צַייטְן וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט מַאכְן קַיין גֶעהֶערִיגֶע טֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת[כב], אוּן אִיר זָאגְט אַז דָאס אִיז אַ רֶעזוּלְטַאט פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע חִנּוּךְ וָואס מֶען גֶעבְּט זֵיי אִין דִי בָּתֵּי חִנּוּךְ.

עֶס אִיז מִיר גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע אִיבֶּערְרַאשׁוּנְג צוּ הֶערְן ווי אִיר רֶעדְט קֶעגְן בָּתֵּי חִנּוּךְ וָואס מֶען הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן עֶס פִירְט זִיךְ בְּדֶרֶךְ יִשְׂרָאֵל סָבָא, מֶען לֶערְנְט מֵיידְלֶעךְ צוּ גֵיין בִּצְנִיעוּת, מֶען לֶערְנְט מֵיידְלֶעךְ זֵיי זָאלְן אַוֶועקְשְׁטֵיין פוּן דִי פְרֶעמְדֶע גַאס אוּן פוּן דִי פַאלְשֶׁע מָאדֶערְנֶע הַשְׁקָפוֹת, ווי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן דֶערוֹיף אַז דָאס אִיז נִישְׁט אַ גוּטֶע חִנּוּךְ?

אִיךְ וָואלְט אַייךְ נִישְׁט גֶעשְׁרִיבְּן, הֱיוֹת יֶעדֶער הָאט זִיךְ זַיין וֶועג ווי אַזוֹי עֶר פִירְט זִיךְ, אוּן בְּדֶרֶךְ כְּלַל מִישְׁט מֶען זִיךְ נִישְׁט אִינֶעם צְוֵוייטְנְ'ס דֶּרֶךְ, אָבֶּער הֱיוֹת אִיךְ ווייס אַז עֶס זֶענֶען פַארְהַאן תַּלְמִידוֹת אוּן לֶערֶערִינְס בַּיי אוּנְז אִין מוֹסָד וָואס הֶערְן אוֹיס אַייעֶרֶע שִׁעוּרִים אוּן דָאס קֶען מַאכְן

כב. פְרִיעֶר אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב תתקמד.

אַז עֶס זָאל הָאבְּן אַ שְׁלֶעכְטֶע ווירְקוּנְג אויף דִי וֶועג ווִי אַזוֹי זֵיי קוּקְן אָן דִי מוֹסְדוֹת הַחִנּוּךְ וואו מֶען עֶרְצִיט זֵיי, דֶערְפַאר ווִיל אִיךְ דָאס פַארְשְׁטֵיין.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ, אַ מְנַהֵל פוּן אַ בֵּית חִנּוּךְ לְבָנוֹת.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ד אִיָּיר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**יֶעצְט** אִין דִי צַייט וָואס דִי רֶעגִירוּנְג לָאזְט נִישְׁט מַאכְן גְרוֹיסֶע חֲתֻנּוֹת וַוייל מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט צוּזַאמְקוּמֶען אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן אִין אֵיין פְּלַאץ, שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיס אַז דִי אַלֶע וָואס מַאכְן חֲתֻנָּה אִין דִי יֶעצְטִיגֶע טֶעג קֶענֶען דָאס נִישְׁט מַאכְן אִין גְרוֹיסֶע זַאלְן, נָאר זֵיי דַארְפְן דָאס מַאכְן אויף אַ בַּאשֵׁיידֶענֶעם וֶועג, אַזוֹי ווִי מֶען הָאט חֲתֻנָּה גֶעהַאט בְּמֶשֶׁךְ אַלֶע דוֹרוֹת.

**דָאס** הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַ גְרוֹיסֶע פְּרָאבְּלֶעם בַּיי זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁפָּחוֹת, אַז דִי מֵיידְלֶעךְ זָאגְן אַז זֵיי ווִילְן נִישְׁט אַ כַּלָּה וֶוערְן, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מְוַתֵּר אויף דִי גְרוֹיסֶע לְחַיִּים, אויף דִי רַייכֶע תְּנָאִים אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אויף דִי חֲתֻנָּה נַאכְט, דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. נָאךְ אַ פְּרָאבְּלֶעם אִיז דָא מִיט דִי וָואס זֶענֶען שׁוֹין כַּלּוֹת אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט פְּלֶענֶער פַאר שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע רַייכֶע חֲתוּנוֹת, אַז זֵיי זִיצְן יֶעצְט אוּן וַויינֶען אַז זֵיי ווִילְן נִישְׁט גֵיין צוּ דִי חֲתֻנָּה, זֵיי זֶענֶען

נִישְׁט מְוּתָּר אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע שֵׁיינֶע רַייכֶע חֲתֻנָּה, זֵיי ווִילְן דָאס עֶנְדֶערְשׁ אָפְּשְׁטוּפְּן, אַבִי דִי חֲתֻנָּה זָאל זַיין אִין אַ זַאל מִיט אַלֶע צוּגֶעהֶערְן.

יֶעצְט ווֶערְט נִתְגַלֶּה פַאר אַלֶעמֶען ווִי לֵיידִיג אוּן לֶער מֵיידְלֶעךְ ווַאקְסְן אוֹיף דוּרְכְאוֹיס זֵייעֶרֶע יָארְן אִין סְקוּל, יֶעצְט ווֶערְט אַנְטְפְּלֶעקְט אַז זֵיי ווַאקְסְן אוֹיף נִישְׁט הָאבְּנְדִיג קַיין אַנוּנְג ווָאס דָאס לֶעבְּן אִיז; אַז מֵיידְלֶעךְ זָאגְן אַז זֵיי ווִילְן נִישְׁט חֲתֻנָּה הָאבְּן - ווַייזְט דָאס אַז זֵיי ווֵייסְן נִישְׁט ווָאס דָאס לֶעבְּן אִיז, ווַייל דִי גַאנְצֶע פְרֵיילִיכְקֵייט פוּן חֲתֻנָּה הָאבְּן אִיז נִישְׁט דִי חֲתֻנָּה אַלֵיינְס, נָאר דִי חַבֶר'טֶעס, דִי זַאל, דִי מוּזִיק, דִי בְּלוּמֶען אוּן דִי טֵייעֶרֶע כַּלָּה קְלֵייד וְכוּ' וְכוּ', דָאס אִיז נִישְׁט אַ חִנּוּךְ פוּן דֶרֶךְ יִשְׂרָאֵל סָבָא, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין חִנּוּךְ פוּן אַוֶועקְשְׁטֵיין פוּן דִי פְרֶעמְדֶע גַאס אוּן פוּן דִי פַאלְשֶׁע מָאדֶערְנֶע הַשְׁקָפוֹת.

ווֶען עֶס ווָאלְט גֶעווֶען ווָאר ווָאס דוּ שְׁרַייבְּסְט, אַז דִי מֵיידְלֶעךְ בַּאקוּמֶען אַ חִנּוּךְ פוּן דֶרֶךְ יִשְׂרָאֵל סָבָא ווָאלְטְן דִי מֵיידְלֶעךְ גֶעזָאגְט פַאר דִי עֶלְטֶערְן: מִיר ווִילְן גָארְנִישְׁט, מִיר דַארְפְן גָארְנִישְׁט, מִיר ווִילְן נָאר טוּן ווָאס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט, נִישְׁט אוֹיסְגֶעבְּן טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער פַאר נַארִישֶׁע כָּבוֹד; מֶענְטְשְׁן ווֶערְן קְרַאנְק פוּן חֲתֻנָּה מַאכְן דִי קִינְדֶער, פַאר נִישְׁטִיגֶע פָּאר שָׁעָה שְׁוֶוענְדְט מֶען אַוֶועק צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער, פַאר נִישְׁטִיגֶע פָּאר שָׁעָה ווֶערְט מֶען אַ בַּעַל חוֹב; פוּן ווֶען מֶען מַאכְט דֶעם שִׁדּוּךְ בִּיזְן לְחַיִּים, תְּנָאִים - אִיז מֶען שׁוֹין אַ בַּעַל חוֹב פוּן צֶען טוֹיזְנְט דָאלֶער אוֹיבּ נִישְׁט

מֶער, יֶעדְן טָאג וָואס מֶען הָאט אַ חָתָן כַּלָּה אִין שְׁטוּבּ קָאסְט עֶס אָפּ פַארְן מֶענְטְש טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער; פַארְוֶועם? פַארְוָואס? פַאר דִי מֵיידְל וָואס וֵוייסְט נִישְׁט וָואס דָאס לֶעבְּן אִיז? דִי מֵיידְלֶעךְ וָואלְטְן וֶוען גֶעדַארְפְט בַּאקוּמֶען אַ חִנוּךְ פוּן דֶרֶךְ יִשְׂרָאֵל סָבָא, מֶען וָואלְט זֵיי גֶעדַארְפְט לֶערְנֶען זֵיי זָאלְן אַוֶועקְשְׁטֵיין פוּן דִי פְרֶעמְדֶע גַאס אוּן פוּן דִי פַאלְשֶׁע מָאדֶערְנֶע הַשְׁקָפוֹת; מֶען זָאל חוֹזֵק מַאכְן פוּן גֵיין אֶנְגֶעטוּן טֵייעֶר, דִי מֵיידְלֶעךְ זָאלְן זִיךְ שֶׁעמֶען צוּ קוֹיפְן אַ כַּלָּה קְלֵייד פוּן טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער פַאר דִי פָּאר שָׁעָה פוּן דִי חֲתֻנָּה; מֶען וָואלְט גֶעדַארְפְט אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי אַ חוֹזֵק, אָפְּשְׁפֶּעטְן פוּן 'לֶעבְּן פַאר אַ צְוֵוייטְן'. דָאס אִיז דֶרֶךְ יִשְׂרָאֵל סָבָא, דָאס מֵיינְט אַוֶועקְשְׁטֵיין פוּן דִי פְרֶעמְדֶע גַאס אוּן פוּן דִי פַאלְשֶׁע מָאדֶערְנֶע הַשְׁקָפוֹת.

**וָואס** טְרַאכְסְטוּ, וֶוער אִיז שׁוּלְדִיג אִין דִי טֵייעֶרֶע שְׂמְחוֹת?

וֶוער אִיז שׁוּלְדִיג אַז עֶלְטֶערְן וֶוערְן צֶעבְּלוּטִיגְט וֶוען עֶס קוּמְט צוּ מַאכְן שְׂמְחוֹת? אַנְשְׁטָאט זִיךְ פְרֵייעֶן בִּשְׁעַת אַ שִׂמְחָה, אַנְשְׁטָאט הֲנָאָה צוּ הָאבְן יֶעדֶע רֶגַע פוּן דִי שִׂמְחָה - דַארְף מֶען זוּכְן וואוּ אוּן פוּן וֶועם צוּ בָּארְגְן גֶעלְט, מֶען וֶוערְט אַלְט אוּן שְׁוַואךְ בִּיז עֶס טְרֶעט צוּ צוּם גֶעזוּנְט; וֶוער אִיז שׁוּלְדִיג אִין דֶעם? נָאר דִי סְקוּלְס! מֶען לֶערְנְט נִישְׁט מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס דָאס לֶעבְּן אִיז, מֶען לֶערְנְט מִיט זֵיי טִיפֶע לִימוּדִים וָואס זֵיי דַארְפְן בִּכְלַל נִישְׁט וִויסְן אוּן נִישְׁט קֶענֶען, מֶען מַאכְט זֵיי מְשׁוּגָע מִיט זַאכְן וָואס וֶועט זֵיי גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן אִין לֶעבְּן; דָאס אִיז אַ חִנוּךְ וָואס דוּ רוּפְסְט

## דֶרֶךְ יִשְׂרָאֵל סָבָא? דָאס מֵיינְט אַוֶועקְשְׁטֵיין פוּן דִי פְרֶעמְדֶע גַאס און פוּן דִי פַאלְשֶׁע מָאדֶערְנֶע הַשְׁקָפוֹת?

**אִיךְ** פְרֶעג דִיר, וֶוער אִיז שׁוּלְדִיג אַז אִינְגֶעלַייט קֶענֶען נִישְׁט לֶעבְן? טֵייעֶרֶע כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, זֵיי ווִילְן לֶערְנֶען נָאךְ דִי חֲתֻנָּה, זֵיי ווִילְן לֶעבְן אַ פָּשׁוּט'עֶ לֶעבְן - וֶוערְן בַּעֲלֵי חוֹבוֹת ווייל זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער קוֹיפְן טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער פַאר זִיךְ און פַאר דִי קִינְדֶער, אַלְץ פַאר יֶענֶעם, אַלְץ פַאר דִי חַבֶר'טֶעם פוּן סְקוּל; דָאס אִיז דֶרֶךְ יִשְׂרָאֵל סָבָא? דָאס מֵיינְט אַוֶועקְשְׁטֵיין פוּן דִי פְרֶעמְדֶע גַאס און פוּן דִי פַאלְשֶׁע מָאדֶערְנֶע הַשְׁקָפוֹת?

**טֵייעֶרֶע** אִינְגֶעלַייט וָואס אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער צוּ קֶענֶען בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה וֶוערְן פַארְקְלֶעמְט, זֵיי פַאלְן אַרַיין אִין גְרוֹיסֶע חוֹבוֹת וֶוען זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער הַאלְטְן אִין אֵיין קוֹיפְן טֵייעֶרֶע חֲפֵצִים, טֵייעֶרֶע קִינְדֶער וֶועגֶעלֶעךְ (קֶערִידְזְשׁ) וְכַדוֹמֶה. דָאס גַאנְצֶע לֶעבְן אִיז פַאר חַבֶר'טֶעם; וֶוער אִיז שׁוּלְדִיג אִין דֶעם אוֹיבּ נִישְׁט דִי חִנוּךְ? וָואס בַּאקוּמְט אַ מֵיידְל אַלֶע אִירֶע יָארְן אִין סְקוּל? וָואס נֶעמְט זִי מִיט אוֹיף נָאךְ אִיר חֲתֻנָּה פוּן אַלֶע יָארְן סְקוּל? דָאס אִיז אַ חִנוּךְ וָואס דוּ רוּפְסְט דֶרֶךְ יִשְׂרָאֵל סָבָא? דָאס מֵיינְט אַוֶועקְשְׁטֵיין פוּן דִי פְרֶעמְדֶע גַאס און פוּן דִי פַאלְשֶׁע מָאדֶערְנֶע הַשְׁקָפוֹת?

**אַז** מֶען רֶעדְט שׁוֹין פוּן סְקוּלְס דַארְף מֶען אוֹיךְ רֶעדְן אִיבֶּער וֶוער עֶס אִיז שׁוּלְדִיג אַז יֶעדֶע צְווייטֶע מֵיידְל און ווייבּל דַארְפְן גֵיין צוּ טֶערָאפִּיסְטְן זִיךְ הֵיילְן, אוֹיבּ נִישְׁט דִי סְקוּלְס

וָואס לֵייגְן אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע לַחַץ אוֹיף דִי קִינְדֶער; מֶען פַארְלַאנְגְט פוּן דִי מֵיידְלֶעךְ זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען אוּן זִיךְ פַּארְהֶערְן סֵיי עֶנְגְלִישׁ אוּן סֵיי אִידִישׁ, דִי קִינְדֶער קֶענֶען נִישְׁט נֶעמֶען דִי דְרוּק, אוּן אוֹיב זֵיי קֶענֶען נִישְׁט דִי בְּחִינוֹת וֶוערְן זֵיי פַּארְשֶׁעמְט; דָאס אִיז דֶערֶךְ יִשְׂרָאֵל סָבָא? אוֹיב אַ מֵיידְל הָאט אַ שַׁארְפֶע פַּארְשְׁטַאנְד אִיז זִי אַ מְצֻיֶּנֶת אוּן אוֹיב אַ מֵיידְל פַּארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט - וֶוערְט זִי פוּן דִי שְׁוַואכֶע אוּן זִי דַארְף שׁוֹין הָאבְּן הִילְף - דָאס מֵיינְט אַוֶועקְשְׁטֵיין פוּן דִי פְרֶעמְדֶע גַאס אוּן פוּן דִי פַאלְשֶׁע מָאדֶערְנֶע הַשְׁקָפוֹת?

**אַנְשְׁטָאט** אוֹיסְלֶערְנֶען מֵיידְלֶעךְ זָאלְן הֶעלְפְן אִין שְׁטוּב, זֵיי זָאלְן זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען ווִי אַזוֹי מֶען פִירְט אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב, זֵיי לָאזְן הֶעלְפְן דִי מַאמֶע, דִי בַּאבֶּע - שִׁיקְט מֶען זֵיי אַהֵיים מִיט הֵיים אַרְבֶּעט בִּיז אִין דִי שְׁפֶּעטֶע שָׁעוֹת, דָאס אִיז אַ חִנּוּךְ פוּן דֶערֶךְ יִשְׂרָאֵל סָבָא? דָאס מֵיינְט אַוֶועקְשְׁטֵיין פוּן דִי פְרֶעמְדֶע גַאס אוּן פוּן דִי פַאלְשֶׁע מָאדֶערְנֶע הַשְׁקָפוֹת? דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי מַטָּרָה פוּן אוּנְזֶערֶע צַדִּיקִים וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי סְקוּלְס?

**זֶוער** וֵוייסְט אוֹיב דִי גַאנְצֶע פָּרָשָׁה פוּן פַארְמַאכְן דִי מֵיידְל סְקוּלְ'ס אִיז נִישְׁט פוּן דִי טְרֶערְן פוּן אִידִישֶׁע מַאמֶעס וָואס וֵויינֶען אוֹיף דֶעם וָואס מֶען פַּייניְגְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אִין סְקוּל; מֵיידְלֶעךְ וָואס דַארְפְן גָארְנִישְׁט ווִיסְן פַארְן לֶעבְן, מַאכְט מֶען זֵיי צֶעדְרֵייט מִיט לֶערְנֶען טִיפֶע חָכְמוֹת וָואס קֵיינֶער דַארְף עֶס נִישְׁט הָאבְּן. זֵיי דַארְפְן אֵיין זַאךְ ווִיסְן, אַז

זַיי זֶענֶען װערד, זַיי זֶענֶען חָשׁוּב און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זַיי לִיבּ - זַיי זָאלְן קֶענֶען אוֹיפְצִיעֶן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, נֶעמְט מֶען דָאס אוֹיךְ אַװעק פוּן זַיי.

חִנּוּךְ פוּן דֶרֶךְ יִשְׂרָאֵל סָבָא אִיז אוֹיסְלֶערְנֶען קִינְדֶער נִישְׁט אוֹיסְצוּגֶעבְּן גֶעלְט, נִישְׁט גֵיין אָנְגֶעטוּן מִיט קְלֵיידֶער װָאס דָאס גַאנְצֶע חֵן דֶערְפוּן אִיז אַז עֶס טְרָאגְט אַ טֵייעֶרֶע נָאמֶען פוּן אַ קָאמְפַּאנִי; דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז דִי טִיטְשֶׁער אַלֵיינְס הַאלְט נִישְׁט בַּיי דֶעם, קֶען זִי דָאס נִישְׁט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען צְװִישְׁן אִירֶע תַּלְמִידוֹת. הַלְוַאי זָאל זַיין אַזוֹי װִי דוּ שְׁרַייבְּסְט, אַז דוּ לֶערְנְסְט אוֹיס מֶען זָאל אַװעקְשְׁטֵיין פוּן דִי פְּרֶעמְדֶע גַאס און פוּן דִי פַאלְשֶׁע מָאדֶערְנֶע הַשְׁקָפוֹת.

## תתקמח

### װִי אַזוֹי זָאל אִיךְ גֶעבְּן דִי צְדָקָה פַאר מַיין טַאטֶע?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין װֶערְטֶער צוּ בַּאדַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַארְן מִיר מַמָּשׁ גֶעבְּן לֶעבְּן, אַזוֹי װִי אַ טוּיטֶער מֶענְטְשׁ װֶעט קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען גֶענוּג בַּאדַאנְקֶען פַאר דֶעם װָאס הָאט אִים מְחַיֶּ' מֵתִים גֶעװֶען. אִיךְ בִּין שׁוֹין טַאקֶע אִין דִי צְװָאנְצִיגֶער יָארְן, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּאֱמֶת צוּ לֶעבְּן עֶרְשְׁט לֶעצְטְנְס װֶען אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן אַייעֶרֶע שִׁעוּרִים.

מַיין טַאטֶע אִיז אַ אִיד װָאס זִיצְט און לֶערְנְט אַ גַאנְצְן טָאג, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט אִין לֶעבְּן אוֹיסֶער תּוֹרָה. אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַיינְגֶעפִּירְט אַז אִיךְ גֶעבּ

יֶעדְן חֹדֶשׁ מַיין מַעֲשֵׂר און חֹמֶשׁ פַּאר מַיין טַאטֶע, אִיךְ לֵייג עֶס אַרַיין גְלַייךְ אִין זַיין בַּאנְק אַקַאוּנְט (חֶשְׁבּוֹן). אֵיינֶער הָאט מִיר אָבֶּער לֶעצְטְנְס מְעוֹרֵר גֶעוֶוען אַז דָאס אִיז נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, וַוייל מַיין טַאטֶע קֶען זִיךְ שֶׁעמֶען אַז זַיין זוּן גֶעבְּט אִים גֶעלְט יֶעדְן חֹדֶשׁ, נָאר אִיךְ זָאל עֶנְדֶערְשׁ גֶעבְּן דָאס גֶעלְט פַּאר אַ צְדָקָה קַאסֶע, און דוּרְךְ זֵיי זָאל עֶס אָנְקוּמֶען צוּ מַיין טַאטֶע, עֶס זָאל נִישְׁט גֵיין דִירֶעקְט פוּן מִיר צוּ אִים.

אִיךְ טְרַאכְט אָבֶּער אַז אוֹיבּ וֶועט עֶר זֶען ווִי אִיךְ הֶער אוֹיף אִים צוּ גֶעבְּן דָאס גֶעלְט יֶעדְן חֹדֶשׁ ווִי צוּגֶעוואוֹינְט, וֶועט עֶס אִים מֶער וֵויי טוּן ווִי וֶוען עֶר בַּאקוּמְט דָאס גֶעלְט דִירֶעקְט פוּן מִיר; וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ה אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי פְרַאגֶע אִיז, וָואס דַארְפְסְטוּ דֶערְצֵיילְן פַּאר אַנְדֶערֶע וָואס דוּ טוּסְט? ווִי קוּמְט דָאס אַז אַ צְוֵוייטֶער זָאל בִּכְלַל ווִיסְן אַז דוּ גֶעבְּסְט דַיין צְדָקָה פַּאר דַיין טַאטֶע - מִיט אַלֶע אֵיינְצֶעלְהֵייטְן אַז דוּ גֶעבְּסְט עֶס אִין זַיין בַּאנְק וְכוּ' וְכוּ'? אַז דוּ גֶעבְּסְט צְדָקָה פַּאר דַיין טַאטֶע דַארְפְסְטוּ דָאס נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם מִיטְטֵיילְן; דָאס אִיז צְווִישְׁן דִיר אִינֶעם בַּאשֶׁעפֶער, קֵיינֶער דַארְף נִישְׁט ווִיסְן דַיינֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת.

בִּכְלָל אִיז גוּט צוּ ווִיסְן וָואס מוֹהֲרַ"אשׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן פַּאר אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ גֶעשֶׁעפְט,

אַז זֵיי זָאלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט דֶערְצֵיילְן פַאר קֵיינֶעם וויפִיל מֶען פַארְדִינְט אוּן וויפִיל גֶעלְט מֶען הָאט אַוֶועקְגֶעלֵייגְט וְכוּ׳ וְכוּ׳. וֶוען אַנְדֶערֶע הַאלְטְן מִיט דִי חֶשְׁבּוֹנוֹת קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס פוּן דֶעם קַיין גוּטְס, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ח:): ״אֵין הַבְּרָכָה מְצוּיָה אֶלָּא בְּדָבָר הַסָּמוּי מִן הָעַיִן״, דִי בְּרָכוֹת קוּמֶען נָאר וֶוען קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וויפִיל מֶען פַארְדִינְט.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דִי צְדָקָה דַוְקָא אוֹיף דֶעם וֶועג וִוי דוּ פְלֶעגְסְט גֶעבְּן בִּיז אַהֶער; אִין דֶעם זְכוּת פוּן צְדָקָה זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַז דוּ זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט דַארְפְן אָנְקוּמֶען צוּ קֵיינֶעם נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת יְשׁוּעָה, סִימָן יג): ״עַל יְדֵי צְדָקָה תִּזְכֶּה, שֶׁלֹּא תִצְטָרֵךְ לִישׁוּעַת אָדָם״, וֶוער עֶס גֶעבְּט צְדָקָה וֶוערְט גֶעבֶּענְטְשְׁט אַז עֶר וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט דַארְפְן אָנְקוּמֶען צוּ מֶענְטְשְׁן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתקמט

### מֶעג מֶען הַאלְטְן בַּעֲלֵי חַיִּים אִין שְׁטוּבּ?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

יְיִשַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע אַייעֶרֶע שִׁעוּרִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן ווייטֶער כֹּחַ אָנְצוּגֵיין.

אִיךְ ווִיל וויסְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאלְטְן אִיבֶּער הָאבְּן בַּאשֶׁעפֶּענִישְׁן אִינְדֶערְהֵיים; נִישְׁט צוּ הָאדֶעוֶוען, נָאר צוּ שְׁפִּילְן אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען דֶערְמִיט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

---

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ה אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי זֶעלְבֶּע שְׁאֵלָה פְרֶעגְט מֶען אָן מוֹהֲרָא"שׁ אִין שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב (חֵלֶק ו', מִכְתָּב תרנא) אוֹיבּ מֶען מֶעג הָאדֶעוֶוען בַּעֲלֵי חַיִּים אִין שְׁטוּבּ, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ עֶנְטְפֶערְט: "צְרִיכִים מְאֹד לִשְׁמוֹר לֹא לְגַדֵּל שׁוּם בַּעֲלֵי חַיִּים בְּתוֹךְ הַבַּיִת", מֶען דַארְף זִיךְ זַייעֶר הִיטְן פוּן הָאדֶעוֶוען בַּעֲלֵי חַיִּים אִין שְׁטוּבּ, "כִּי זֶה גּוֹרֵם לְהַרְבֵּה צָרוֹת בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחָנִיּוּת", ווַייל דָאס בְּרֶענְגְט אַסַאךְ צָרוֹת סַיי בְּרוּחָנִיּוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת, "וּבִפְרָט מִי שֶׁלֹּא נִזְהָר לְהַאֲכִילָם בִּזְמַן וְכוּ', וְהוּא לֹא שָׂם לֵב עַל זֶה אֲפִלּוּ וְכוּ', עַל זֶה מְקַבְּלִים עוֹנֶשׁ מְאֹד מְאֹד גָּדוֹל", וֶוער רֶעדְט נָאךְ אוֹיבּ מֶען פַארְגֶעסְט זֵיי צוּ גֶעבְּן עֶסְן אִין צַייט, מֶען כַאפְּט זִיךְ נִישְׁט, אוֹיף דֶעם בַּאקוּמְט מֶען זַייעֶר אַ גְרוֹיסֶער שְׁטְרָאף, דֶערִיבֶּער - זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ: "וְלָכֵן לָמָּה צְרִיכִים לְהִכָּנֵס בְּסַכָּנָה הַזוֹ", וָואס פֶעלְט אוֹיס זִיךְ אַרַיין צוּ לֵייגְן אִין אַזַא סַכָּנָה?

מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט אִינֶעם בְּרִיוו אַ מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט אִין דִי צַייטְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן אֲרִיזַ"ל, אַ פָּארְפָאלְק

זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם אֲרִיזַ"ל בֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל זֵיי גֶעזָאגְט: "דָאס וָואס אִיר הָאט נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, דָאס קוּמְט אַלְץ שְׁטְרָאף וַוייל אִיר הָאדֶעוֶועט הִינֶער אוּן אֵיינְמָאל הָאט אִיר גֶענוּמֶען דִי לֵייטֶער וָואס דִי הִינֶער נוּצְן אַרַיין צוּ גֵיין אִין זֵייעֶר שְׁטֵייג, אִיר הָאט דָאס אַוֶועקְגֶענוּמֶען פַאר אַייעֶרֶע גֶעבְּרוֹיכְן אוּן אִיר הָאט פַארְגֶעסְן דָאס צוּרִיק צוּ לֵייגְן, דֶערִיבֶּער זֶענְט אִיר גֶעשְׁטְרָאפְט אַז אִיר הָאט נִישְׁט קַיין קִינְדֶער".

**מוֹהֲרָא"ש** שְׁרַייבְּט וַוייטֶער, דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן נִישְׁט צוּ הָאדֶעוֶוען קַיין שׁוּם בַּעַל חַי, וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן הָאבְּן אַ הוּנְט אִין שְׁטוּבּ, אוֹיף דֶעם זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שַׁבָּת סג.): "כָּל הַמְגַדֵּל כֶּלֶב רַע בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ מוֹנֵעַ חֶסֶד מִתּוֹךְ בֵּיתוֹ", וֶוער עֶס הַאלְט אַ הוּנְט אִין שְׁטוּבּ הַאלְט צוּרִיק חֶסֶד פוּן זַיין שְׁטוּבּ.

**דֶערִיבֶּער** אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ הָאדֶעוֶוען קַיין שׁוּם בַּעַל חַי אִין שְׁטוּבּ.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתקנ

## ווי אַזוֹי בַּאהֶערְשְׁט מֶען זִיךְ נִישְׁט צוּ וֶוערְן אִין כַּעַס?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר וָואס אִיז זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דִי שִׁעוּרִים, אוּן אִיךְ שִׁיק עֶס אוֹיךְ פַּאר מַיינֶע חֲבֵרִים וָואס זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ' דֶערְמִיט, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אָנְגֶעהוֹיבְּן פִיל מֶער צוּ לֶערְנֶען דוּרְךְ דִי שִׁעוּרִים.

אִיךְ דַארְף אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִיבֶּער דִי נִסָּיוֹן פוּן כַּעַס. וֶוען אִיךְ בִּין אִין יְשִׁיבָה קוּמְט מִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיס זִיךְ אוֹיפְצוּרֶעגְן אוֹיף אֵיינֶעם, אָבֶּער וֶוען אִיךְ קוּם אַהֵיים וֶוער אִיךְ זֵייעֶר נֶערְוֶועז פוּן מַיינֶע בְּרִידֶער אוּן שְׁוֶועסְטֶער וָואס דְרֵייעֶן אִיבֶּער דִי הוֹיז, בִּפְרַט יֶעצְט אִין דִי קָארָאנֶע צֵייטְן וֶוען יֶעדֶער אִיז אִינְדֶערְהֵיים, קֶען אִיךְ מַמָּשׁ אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי כֵּלִים פוּן מַיינֶע גֶעשְׁווִיסְטֶער, אִיךְ גֵיי אַרַיין אִין אַ גֶעפֶערְלִיכֶע כַּעַס אוּן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אֲפִלּוּ צֶערִיסְן זַאכְן פוּן גְרוֹיס כַּעַס.

אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק זִיךְ קֶענֶען בַּאהֶערְשְׁן, אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַן עֵצָה פַאר מִיר?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ה אִיָּיר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**פְּרוּבִּיר דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת יֶעדְן טָאג צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן**

עֶר זָאל דִיךְ רַאטְעוֶועֶן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה פוּן כַּעַס. וֶוען מֶען וֶוערְט בְּכַּעַס אִיז אַ סִימָן אַז דִי אֱמוּנָה אִיז נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וַוייל דֶער וָואס הָאט אֱמוּנָה, עֶר לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה אוּן וֵוייסְט אַז עֶס קֶען גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז דָאךְ נִישְׁט שַׁיָּךְ זִיךְ צוּ רֶעגְן וֶוען זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶר וִויל. דֶערִיבֶּער זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (עֵירוּבִין סה:): "אָמַר רַבִּי אִילְעָאִי בִּשְׁלֹשָׁה דְבָרִים אָדָם נִיכָּר, בְּכוֹסוֹ בְּכִיסוֹ וּבְכַעֲסוֹ", מֶען קֶען דֶערְקֶענֶען אַ מֶענְטְשׁ אוֹיבּ עֶר אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד בַּיי דְרֵיי פֶּעלֶער, אֵיינֶע פוּן דִי פֶּעלֶער אִיז "בְּכַעֲסוֹ", אַזוֹי וִוי רַשִׁ"י זָאגְט (שָׁם): "שֶׁאֵינוֹ קַפְּדָן יוֹתֵר מִדַּאי", דֶער וָואס אִיז נִישְׁט מַקְפִּיד וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶר וִויל; דָאס אִיז אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס.

**פָּאלְג** דֶעם רֶבִּי'ן, הוֹיבּ אָן לֶעבְּן מִיט הִתְבּוֹדְדוּת; אַז מֶען נֶעמְט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וואוּ מֶען גֵייט אוּן וואוּ מֶען שְׁטֵייט, דֶעמָאלְט גֶעדֶענְקְט מֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט; מֶען רֶעגְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען וִויל, מֶען וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. אוּן אַוַדַּאי אוּן אַוַדַּאי הָאט מֶען אַ רֵיינֶעם דִבּוּר; מֶען שֶׁעלְט נִישְׁט וֶוען עֶפֶּעס אוּמְאַנְגֶענֶעם פַּאסִירְט.

**אַ** מֶענְטְשׁ וָואס שֶׁעלְט קְלָלוֹת אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, עֶר לֶעבְּט נִישְׁט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת קְלָלָה חֵלֶק ב׳, סִימָן א׳): ״אָדָם הָרָגִיל בִּקְלָלוֹת, הוּא מֵעוֹלָם הַתּוֹהוּ״, אֵיינֶער וָואס אִיז צוּגֶעווֹאוֹינְט צוּ שֶׁעלְטְן - דֶער אִיז אִין עוֹלָם הַתֹּהוּ, עֶר לֶעבְּט אָן אֱמוּנָה, בַּיי אִים אִיז אַלֶעס תֹהוּ וָבֹהוּ. אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַּארְקֶערְט: ״הָרָגִיל בִּבְרָכָה, הוּא מֵעוֹלָם הַתִּקּוּן״, וֶוער עֶס בֶּענְטְשְׁט יֶעדְן אֵיינֶעם - דֶער אִיז אִין עוֹלָם הַתִּקּוּן; בַּיי אִים אִיז אַלֶעס פַּארְרָאכְטְן, עֶר וֵוייסְט אַז קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שֶׁעדִיגְן אוּן קֵיינֶער קֶען אִים גָארְנִישְׁט צוּנֶעמֶען, דֶערְפַאר קֶען עֶר בֶּענְטְשְׁן יֶעדְן אֵיינֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתקנא

## זָאל אִיךְ צוּרִיק גֵיין וואוֹינֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִזּוּק אִין אֱמוּנָה, הִתְבּוֹדְדוּת, דֶרֶךְ הַלִּימּוּד, אוּן נָאךְ, דָאס הָאט מִיר מַמָּשׁ גֶעגֶעבְּן אַ נַייעֶם לֶעבְּן.

אִיךְ קוּם פוּן אַ קְלֵיינֶע קְהִלָּה אִין אֵייְרָאפֶּע, אוּן אִיךְ הָאב חֲתֻנָּה גֶעהַאט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פַאר דְרַייצְן יָאר צוּרִיק. פַאר דִי עֶרְשְׁטֶע זִיבְּן יָאר הָאבְּן מִיר גֶעווֹאוֹינְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אָבֶּער אִיךְ הָאב זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּגֶעווֹאוֹינֶען צוּ דִי אָרְטִיגֶע לֶעבְּן, וַוייל אִיךְ קוּם פוּן אַ רוּאִיגֶע שְׁטִילֶע פְּלַאץ אוּן דָארְט אִיז מִיר גֶעוֶוען זֵייעֶר אָנְגֶעצוֹיגְן, אוֹיךְ הָאב אִיךְ

זיך נישט מסדר געוועזן מיט א געהעריגע שול און רב, מיין ווייב האט דארט אביסל געארבעט אבער מיר האבן זיך זייער געמוטשעט מיט פרנסה, און דערפאר האב איך אלץ געוואלט צוריק גיין קיין אייראפע.

למעשה זענען מיר טאקע צוריק געקומען קיין אייראפע, צו מיין היימשטאט, און מיר וואוינען שוין דא די לעצטע זעקס יאר, איך האב געעפנט א ביזנעס, מיר האבן ברוך השם ליכטיגע קינדערלעך, און עס איז געווען זייער גוט ביז יעצט.

מיין ווייב האט זיך אבער נישט געקענט צוגעוואוינען צו די היזיגע לעבן, און זי וויל זייער שטארק צוריקגיין קיין ארץ ישראל. בפרט לעצטנס ווען מיין פרנסה האט אנגעהויבן הינקען, די ביזנעס גייט נישט אזוי גוט אין די לעצטע חדשים, ביז יעצט ווען דעם חודש האב איך שוין נישט געהאט קיין געלט צו צאלן מיין דירה און שכר לימוד.

מיין ווייב זאגט אז דאס איז א סימן פון הימל אז עס איז צייט צוריק צו גיין קיין ארץ ישראל, מיין יונגסטע קינד ווערט שוין פיר יאר און זי זאגט אז דארט וועט זי שוין קענען אנהויבן געהעריג ארבעטן און אפשר וועל איך קענען פון דארט ווייטער פירן די היזיגע ביזנעס, כאטש וואס עס איז נישט אזוי גרינג. אויך זאגט זי אז דארט איז דאס לעבן ביליגער, מיר האבן דארט אן אייגענע דירה און מיר דארפן נישט צאלן קיין דירה געלט, און שכר לימוד איז אויך ביליגער דארט.

איך האב אבער זייער ליב דא צו זיין, איך מיין אויך אז די חנוך פאר די קינדער איז דא בעסער, און איך ווייס באמת נישט וואס צו טון, וואס עס וועט זיין בעסער פאר אונז. איך האב געמאכט אסאך התבודדות אויף דעם, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל וויסן וואס צו טון, און עס איז מיר אויסגעקומען אז איך זאל שרייבן דעם בריוו פארן ראש ישיבה שליט"א, און וואס דער ראש ישיבה וועט זאגן וועל איך טון.

א גרויסן יישר כח

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ה אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אַז** דַיין וַוייבּ וִויל שְׁטַארְק צוּרִיק גֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן זִי אִיז גְרֵייט דִיר צוּ הֶעלְפְן וְכוּ' - דַארְפְט אִיר זָארְגְן פַאר אַ גוּטֶע מוֹסָד, אַן עֶרְלִיכֶע מוֹסָד, אַ פְּלַאץ פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן קֶענֶען אוֹיסְוַואקְסְן גֶעזוּנְט אוּן עֶרְלִיךְ, אוּן אוֹיבּ אַייעֶרֶע קִינְדֶער וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען אִין אַן עֶרְלִיכֶע מוֹסָד זָאלְט אִיר צוּרִיק גֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן אִיר וֶועט הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה.

**בְּנוֹגֵעַ** פַּרְנָסָה וְכוּ'; ווִיסְן זָאלְסְטוּ, וֶוען מֶען אִיז מְסֻפָּק וואוּ מֶען זָאל וואוֹינֶען וְכוּ' - אִיז פַּרְנָסָה נִישְׁט דִי זַאךְ אוֹיף וָואס מֶען דַארְף קוּקְן, דֶער עִקָּר וָואס אַ אִיד דַארְף קוּקְן אִיז אוֹיף אֵיין זַאךְ: "אוֹיף דִי חִנּוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת"; וֶוען מֶען זוּכְט אַ פְּלַאץ וואוּ צוּ וואוֹינֶען - אִיז חִנּוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ; פַּרְנָסָה גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וואוּ אִימֶער מֶען וואוֹינְט אוּן וואוּ אִימֶער מֶען גֶעפִינְט זִיךְ, עֶס אִיז נַארִישׁ צוּ טְרַאכְטְן אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הַאנְט וָואס גֶעבְּט פַּרְנָסָה קוּמְט אָן נָאר קַיין אֵייְרָאפֶּע; עֶס אִיז דָא גֶענוּג אוּן נָאךְ פַּרְנָסָה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן עֶס זֶענֶען דָא גֶענוּג מֶענְטְשְׁן וָואס מוּטְשֶׁען זִיךְ אוֹיף פַּרְנָסָה אִין אֵייְרָאפֶּע, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁפֵּייזְט יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶר גֶעבְּט פַּרְנָסָה

פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם; אַ אִיד דַארְף קוּקְן אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער, דִי קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן אַ פְּלַאץ וואוּ זֵיי וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זִיךְ נָאכְפְּרֶעגְן אוֹיף אַ גוּטֶע מוֹסָד, אַן עֶרְלִיכֶע מוֹסָד, אוּן אַז זֵיי נֶעמֶען אַרַיין אַייעֶרֶע קִינְדֶער - אִיז גוּט פַאר עֶנְק צוּרִיק צוּ גֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, בִּפְרָט אַז אִיר הָאט דָאךְ אַ דִירָה דָארְט אוּן אַז דַיין וַוייבּ וֶועט זַיין פְרֵיילִיךְ פוּן דֶעם, זִי וֶועט הֲנָאָה הָאבְּן צוּ זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל - וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## תתקנב

### ווִי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה מִיט אַ פַאר'חָלוֹמְ'ט קִינְד?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁעוּרִים אוּן חִזּוּק, וּבִפְרָט פַאר דִי חִזּוּק אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, יֶעדֶעס מָאל וָואס אִיךְ הֶער עֶס - שְׁטַארְקְט עֶס מִיר פוּן פְרִישׁ צוּרִיק צוּ לוֹיפְן צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ לִיכְטִיגֶער זוּן, עֶר אִיז אָבֶּער זֵייעֶר אַ פַאר'חָלוֹמְ'טֶער, עֶר קֶען זִיצְן שָׁעוֹת אוּן זַיין פַארְנוּמֶען בְּלוֹיז מִיט זַיינֶע חֲלוֹמוֹת אוּן פַאנְטַאזִיעֶס. דֶער מְלַמֵּד הָאט נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען מִיט אִים, ווייל עֶר שְׁטֶערְט נִישְׁט אִין קְלַאס, עֶר זִיצְט רוּאִיג אוֹיף זַיין פְּלַאץ, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּ קֶענֶען דָאס לֶערְנֶען, הָאט עֶר נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט אִין חֵדֶר.

איךְ פְּרוּבִיר אַבִּיסְל צוּ לֶערְנֶען מִיט אִים אִינְדֶערְהֵיים, אָבֶּער עֶס אִיז מַמָּשׁ ווִי קְרִיכְן אוֹיף דִי גְרָאדֶע ווֶענְט, נָאר ווֶען אִיךְ שְׁרֵייּ אִים אָן אָדֶער אִיךְ גֶעב אִים אַ פֶּעטְשְׁל, דֶעמָאלְט ווֶעקְט עֶר זִיךְ אוֹיף אוּן הוֹיבְּט אָן אַבִּיסְל אוֹיסְהֶערְן, אָבֶּער עֶס נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג בִּיז ווֶען עֶר ווֶערְט ווִידֶער פַּאר'חָלוֹמְ'ט, בִּיז אִיךְ גֵיי מַמָּשׁ אַרוֹיס פוּן דִי כֵּלִים, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע אוֹיסְוֶועג, ווַייל אִיךְ ווִיל נִישְׁט עֶר זָאל אוֹיסְוַואקְסְן אַ לֵיידִיגֶער שְׁטְרִיק.

אִיךְ ווֵייס אַז עֶר אִיז נִישְׁט שׁוּלְדִיג, ווַייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אַזוֹי בַּאשַׁאפְן, אָבֶּער אִיךְ קֶען אִים נִישְׁט לָאזְן אַזוֹי לוֹיפְן, אוּן דָאס ווָאס אִיךְ רֶעג זִיךְ אוֹיף אִים קוּמְט דָאךְ נָאר מִיט אַ גוּטֶע כַּוָּנָה, אִים צוּ שְׁטֶעלְן אִין פְּלַאץ.

ווִי אַזוֹי זָאל אִיךְ זִיךְ אוּמְגֵיין מִיט אִים?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ה אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיין זוּן אִים נִישְׁט צוּ פַארְשֶׁעמֶען אוּן אִים נִישְׁט צוּ צֶעקְלַאפְּן; אַז דוּ ווֶעסְט אִים אוֹיפְהֵייבְּן ווֶעסְטוּ עֶרְגֶעץ אָנְקוּמֶען מִיט אִים, אָבֶּער אוֹיבּ דוּ ווֶעסְט אִים פַארְשֶׁעמֶען, דוּ ווֶעסְט אִים בַּאטִיטְלֶען מִיט אַ צוּנָאמֶען 'חוֹלֵם', אָדֶער 'פַּאר'חָלוֹמ'טֶער' וְכַדוֹמֶה, אָדֶער דוּ ווֶעסְט אִים שְׁלָאגְן ה' יִשְׁמְרֵינוּ - ווֶעסְטוּ אִים חָרוּב מַאכְן אִינְגַאנְצְן.

**שְׁלֹמֹה** הַמֶּלֶךְ, דֶער חָכָם פוּן דִי וֶועלְט לֶערְנְט אוּנְז ווִי אַזוֹי צוּ מְחַנֵּךְ זַיין קִינְדֶער (מִשְׁלֵי כב, ו): "חֲנֹךְ לַנַּעַר עַל פִּי דַרְכּוֹ, גַּם כִּי יַזְקִין לֹא יָסוּר מִמֶּנָּה"; דָאס הֵייסְט מֶען דַארְף מְחַנֵּךְ זַיין קִינְדֶער "עַל פִּי דַרְכּוֹ" - לוֹיט זֵייעֶר וֶועג. יֶעדֶעס קִינְד הָאט אַנְדֶערֶע נַאטוּרְן, אַן אַנְדֶערֶע מֹחַ אוּן אַן אַנְדֶערֶע וֶועג ווִי אַזוֹי עֶר וַואקְסְט, מֶען דַארְף גֵיין מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיף זַיין וֶועג. אֵיינֶער אִיז אַ שַׁארְפֶער קָאפּ - דֶער צְוֵוייטֶער אִיז אַ גְרָאדֶער קָאפּ, אֵיינֶער אִיז אַ שְׁנֶעלֶער קָאפּ - דֶער צְוֵוייטֶער אִיז אַ שְׁטַייטֶער קָאפּ; מִיט יֶעדְן קִינְד דַארְף מֶען גֵיין אוֹיף זַיין וֶועג.

**מִיר** גֶעפִינֶען בַּיים הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי יוֹחָנָן בֶּן גִּדְגְּדָא, אַז זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוֶוען טוֹיבֶּע קִינְדֶער, לֹא עָלֵינוּ; דָאךְ זֶעעֶן מִיר וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן, אַז זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען מְמוּנָה אוֹיף אַלֶע טָהֳרוֹת אִין יְרוּשָׁלַיִם (תּוֹסֶפְתָּא תְּרוּמוֹת פֶּרֶק א, יְרוּשַׁלְמִי שָׁם). זֶעט מֶען פוּן דֶעם ווִי דִי הֵיילִיגֶע תַּנָּאִים הָאבְּן אוֹיפְגֶעבּוֹיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער; אֲפִלּוּ זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען טוֹיב לֹא עָלֵינוּ, דָאךְ זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע צַדִיקִים אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זֵייעֶר וֶועג.

**אַז** דוּ וֶועסְט הָאבְּן סַבְלָנוּת מִיט דַיין זוּן - וֶועט עֶר אוֹיסְוַואקְסְן אַ גֶעזוּנְטֶער מֶענְטְשׁ, עֶר וֶועט אוֹיסְוַואקְסְן לוֹיט זַיינֶע כִּשְׁרוֹנוֹת אוּן דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַסַאךְ נַחַת פוּן אִים, אוֹיב אָבֶּער דוּ וֶועסְט אִים טְשֶׁעפֶּען - וֶועט גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן פוּן אִים.

**בֶּעט** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג פַאר אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דֶעם קִינְד עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין אַז זַיין קָאפּ אוּן מֹחַ זָאל

זִיךְ אִים עֶפֶּענֶען, עֶר זָאל פַארְשְׁטֵיין לֶערְנֶען און לִיבּ הָאבְּן צוּ לֶערְנֶען - וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן אוֹיף דֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער תַּנָא רֶבִּי יוֹחָנָן בֶּן גֻדְגְדָא (חֲגִיגָה ג.) אַז זַיינֶע אֵיינִיקְלֶעךְ זֶענֶען אוֹיךְ גֶעוֶוען טוֹיבֶּע, זֵיי פְלֶעגְן זִיצְן אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ בַּיי דִי שִׁעוּרִים פוּן דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָא רֶבִּי יְהוּדָה הַנָשִׂיא און זֵיי פְלֶעגְן זִיךְ שָׁאקְלֶען און מַאכְן מִיט זֵייעֶרֶע לִיפְּן, הָאט רֶבִּי מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אַז זֵיי זָאלְן וֶוערְן גֶעזוּנְט בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן אוֹיס טוֹיבּ; דָאס זָאלְסְטוּ טוּן טָאג נָאךְ טָאג, נַאכְט נָאךְ נַאכְט - דַאוֶונֶען און בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע קִינְדֶער און פַאר דֶעם קִינְד, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זֶען נִסִּים.

**נָאכְמַאל,** אִיךְ בֶּעט דִיר און אִיךְ וָוארְן דִיר, גֶעבּ אַכְטוּנְג אִים נִישְׁט צוּ שְׁלָאגְן און נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען.

## תתקנג

**ווִיפִיל מֶעג מֶען אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן צְדָקָה גֶעלְט פַאר זִיךְ?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בַּאקוּם בָּרוּךְ הַשֵׁם אַסַאךְ חִזוּק פוּן דִי דְרָשׁוֹת און שִׁעוּרִים, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אִיךְ ווִיל ווִיסְן, וֶוען אִיךְ גֵיי נָאךְ גֶעלְט, ווִיפִיל אִיךְ מֶעג אַרָאפְּנֶעמֶען פַאר זִיךְ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ו אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

איך הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אַרָאפּ** גֶעמֶען פַארְוָואס? אַרָאפְּגֶעמֶען פַארְוֶועם? - פַאר צִיגַארֶעטְלֶעךְ? צוּ קוֹיפְן אַ טֶעלֶעפָאן? וֶוער הָאט דִיר גֶעזָאגְט אַז מֶען מֶעג אַרָאפְּנֶעמֶען גֶעלְט פַאר זִיךְ וֶוען מֶען גֵייט נָאךְ גֶעלְט?! גֶעלְט וָואס מֶען נֶעמְט צוּזַאם פַאר צְדָקָה דַארְף יֶעדֶע פְּרוּטָה גֵיין פַאר דִי צְדָקָה צְוֶועק.

**חַס** וְשָׁלוֹם צוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט אוּן אַיינְרֶעדְן מֶענְטְשְׁן אַז מֶען נֶעמְט צוּזַאם פַאר אַ צְדָקָה צְוֶועק - וֶוען מֶען נֶעמְט דָאס גֶעלְט פַאר זִיךְ; עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה אוֹיבּ מֶען רֶעדְט אַיין מֶענְטְשְׁן אַז מֶען נֶעמְט צוּזַאם גֶעלְט פַאר צְדָקָה וֶוען דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פֵּאָה ח, ט) אוֹיבּ מֶען גֵייט נָאךְ גֶעלְט, מֶען רֶעדְט אַיין מֶענְטְשְׁן אַז מֶען אִיז קְרַאנְק אוּן מֶען דַארְף גֶעלְט זִיךְ אוֹיסְצוּהֵיילְן - וֶועט דֶער סוֹף זַיין אַז מֶען וֶועט וֶוערְן קְרַאנְק רַחְמָנָא לִצְלָן; וָואס מֵיינְסְטוּ צוּ פְרֶעגְן אַרָאפְּנֶעמֶען גֶעלְט פַאר זִיךְ?

**אָךְ** אוּן וַויי פַאר דִי בָּחוּרִים וָואס גֵייעֶן נָאךְ גֶעלְט, זֵיי זָאגְן הַכְנָסַת כַּלָּה, אָרֶעמֶע מִשְׁפָּחוֹת אָדֶער אַ נָאמֶען פוּן אַ יְשִׁיבָה - וֶוען זֵיי גֶעבְּן נִישְׁט דָאס גֶעלְט פַאר צְדָקָה, זֵיי קוֹיפְן זִיךְ מִיט דֶעם צִיגַארֶעטְלֶעךְ אָדֶער טֶעלֶעפָאוֹנְס; מֶען בַּאקוּמְט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער שְׁטְרָאף.

**אויסֶער** אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, דַאן מֶען מֶעג זִיךְ מְפַרְנֵס זַיין פוּן צְדָקָה, דֶעמָאלְט מֶעג מֶען צוּזַאמְנֶעמֶען גֶעלְט צוּ קֶענֶען לֶעבְן, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט (שֻׁלְחָן עָרוּךְ יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן רנג) אַז דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט - מֶעג נֶעמֶען פוּן צְדָקָה; דָאס אִיז עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ.

## תתקנד

### ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ שָׁלוֹם מַאכְן מִיט מַיין בְּרוּדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס אִיז זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דִי שִׁעוּרֵי חִזּוּק, אוּן אוֹיךְ מִיט דִי שִׁעוּרִים אוֹיף שַׁ"ס, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אִיךְ ווִיל בֶּעטְן אַן עֵצָה אוֹיף אַ זַאךְ וָואס שְׁטֶערְט זֵייעֶר שְׁטַארְק מַיין לֶעבְן. אִיךְ הָאבּ אַן עֶלְטֶערֶער בְּרוּדֶער וָואס אִיךְ בִּין אַמָאל גֶעוֶוען זֵייעֶר גוּט מִיט אִים, מִיר הָאבְּן אַסַאךְ פַארְבְּרֶענְגְט אִינְאֵיינֶעם, לְמַעֲשֶׂה אַ שְׁטִיק צַייט צוּרִיק הָאבְּן מִיר גֶעהַאט אַ סִכְסוּךְ וֶועגְן גֶעלְט זַאכְן אוּן דַאן הָאבְּן מִיר זִיךְ צֶעטֵיילְט, עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ מַחְלֹקֶת צְווִישְׁן אוּנְז וָואס דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה הָאט מִיטְגֶעהַאלְטְן.

יֶעצְט אִיז שׁוֹין דִי סִבּוֹת בִּכְלָל נִישְׁט שַׁיָּךְ, אָבֶער דִי שִׂנְאָה אִיז גֶעבְּלִיבְּן. כִּמְעַט וָואס מֶען רֶעדְט נִישְׁט אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן, אוּן וֶוען יָא - אִיז עֶס זֵייעֶר קַאלְט. אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט אַפָּאר מָאל צוּרִיקְצוּדְרֵייעֶן אָבֶער עֶר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט, עֶר טְרֶעפְּט אַלְץ אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מִיךְ אוֹיפְצוּרֶעגְן, אַז עֶס נֶעמְט נִישְׁט קַיין עֶק; אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן מִיט אִים?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ז אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**מַאךְ** זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן דֶערְפוּן; ווִילַאנְג דוּ פוּן דַיין זַייט קְרִיגְסְט זִיךְ נִישְׁט אוּן דוּ הָאסְט אִים נִישְׁט פַּיינְט - דַארְף דִיר עֶס נִישְׁט אָנְגֵיין.

**בּוֹי** אוֹיף דַיין מִשְׁפָּחָה אוּן זַיי נִישְׁט פַארְנוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע; זֶע אַז עֶס זָאל נִישְׁט זַיין צְווִישְׁן דִיר אוּן דַיין וַוייבּ קַיין פַּיינְטְשַׁאפְט, דוּ אוּן דַיין וַוייבּ זָאלְן לֶעבְן בְּשָׁלוֹם, אוּן אַז דַיינֶע בְּרִידֶער ווִילְן רֶעדְן מִיט דִיר אִיז גוּט, אוּן אַז זֵיי ווִילְן נִישְׁט רֶעדְן מִיט דִיר - אִיז נָאךְ בֶּעסֶער, עֶס זִיךְ נִישְׁט אוֹיף פוּן דֶעם.

**טְרַאכְט** פוּן תַּכְלִית; ווִי לַאנְג אִיז מֶען בִּכְלַל דָא אוֹיף דִי וֶועלְט? עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַפָּאר יָאר אוּן מִיר וֶועלְן אַלֶע דַארְפְן צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס בְּלַייבְּט נִישְׁט אִיבֶּער נָאר דָאס בִּיסְל וָואס מֶען לֶערְנְט אוּן דַאוֶועְנְט, עֶס בְּלַייבְּט אִיבֶּער דוֹרוֹת וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּלָאזְן.

**אַנְשְׁטָאט** רֶעדְן מִיט דַיינֶע בְּרִידֶער - רֶעד מִיט דַיינֶע קִינְדֶער; דֶערְצֵייל זֵיי שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיוֹת, מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים, מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה. אַנְשְׁטָאט רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן - רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה טוּן אוּן אַלֶעס פַארֶעכְטְן.

# תתקנה

## ווי אַזוֹי מֶעג מֶען אַרוֹיסְגֶעבְּן שִׁעוּרִים אוֹיף ווִידִיאוֹ?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קֹדֶם כָּל אַ בְּרָכַת מַזָּל טוֹב צוּם עֶרְשְׁטְן אֵיינִיקְל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זֶען אַסאךְ אִידִישׁ נַחַת גֶעזוּנְטֶערְהֵייט אוּן פְרֵייְלִיכֶערְהֵייט.

אִיךְ בִּין אַן אֵיינִיקְל פוּן מוֹהֲרַ"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן אִיךְ בִּין אַ תַּלְמִיד פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א דוּרְךְ דִי שִׁעוּרִים, אוּן לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ זִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם צוּגֶעכַאפְּט צוּם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד, דֶערְוַויְיל נָאר מִיט גְּמָרָא, אוּן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען בָּרוּךְ הַשֵּׁם צוּ עֶנְדִיגְן מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, מִיטְן פוּלְסְטְן מָאס רֶעסְפֶּעקְט, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט דָאךְ אַזוֹי אַסאךְ אַז מֶען זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין שׁוּם קְלִיפְּס אוּן ווִידִיאוֹס, ווִי אַזוֹי קֶען זַיין אַז מֶען גֶעבְּט אַרוֹיס דִי שִׁעוּרִים אוּן דְרָשׁוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיף קְלִיפְּס אוּן ווִידִיאוֹס?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ז אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן אַן אֵיינִיקְל פוּן מוֹהֲרַ"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דִי שִׁעוּרִים. עֶס אִיז מִיר אַ פַאַרְגֶענִיגְן צוּ קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין אַן אֵיינִיקְל

פוּן מוֹרִי וְרַבִּי מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; ווִיפִיל אִיךְ זָאל נָאר טוּן, ווִיפִיל אִיךְ זָאל נָאר וֶועלְן טוּן - וֶועל אִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען בַּאצָאלְן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פַאר דָאס ווָאס עֶר הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן.

**מוֹהֲרָא"ש** הָאט אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת גֶעהַאט, "כַּפָּהּ פָּרְשָׂה לֶעָנִי" (מִשְׁלֵי לא, כ), זַיינֶע אָרֶעמֶעס הָאט עֶר אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְט צוּם אָרֶעמַאן, "וְיָדֶיהָ שִׁלְּחָה לָאֶבְיוֹן", זַיינֶע הֶענְט הָאט עֶר אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְט צוּ מִיר; עֶר הָאט מִיךְ מְקַרֵב גֶעוֶוען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט מִיר גֶעווִיזְן אַ וֶועג אִין לֶעבְּן ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן דֶעם גַּן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט.

**אִיךְ** בִּין גֶעוֶוען אַ פַארְלוֹירֶענֶע נְשָׁמָה, אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט גֶעפִינֶען מַיין פְּלַאץ אִין דִי וֶועלְט; אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט אַזוֹיפִיל וֶועגְן, אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען צוּ אַזוֹיפִיל גוּטֶע אִידְן זֵיי זָאלְן מִיר זֶעטִיגְן מַיין הוּנְגֶערִיגֶע נְשָׁמָה, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אַלְץ גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶפֶּעס פֶעלְט מִיר אִין לֶעבְּן, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט אַזוֹי ווִי דֶער בֶּן יָחִיד פוּנֶעם רָב (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ח', מֵרַב וּבֶן יָחִיד) וָואס פְלֶעגְט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אָבֶּער עֶר הָאט אַלְץ גֶעשְׁפִּירְט אַ חִסָּרוֹן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין טַעַם אִין זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, עֶס הָאט אִים גֶעפֶעלְט דֶעם מָאוֹר הַגָּדוֹל. זַיין טַאטֶע - דֶער רֶבִּי - הָאט אִים נִישְׁט גֶעלָאזְט גֵיין צוּם צַדִיק, עֶר הָאט אִים אַלְץ אָפְּגֶערֶעדְט: "עֶס פַּאסְט נִישְׁט פַאר אַ רַבָּנִי'שׁ קִינְד צוּ גֵיין צוּ אִים"; אַזוֹי הָאבּ אִיךְ אַלְץ גֶעשְׁפִּירְט, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף מִיר אוּן מִיר אַנְטְפְּלֶעקְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן;

## אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"ש אוּן דָארְט הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**מוֹהֲרָא"ש** אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גְרוֹיס, דָאךְ הָאט עֶר גֶעעֶפְּנְט זַיין טִיר פַאר מִיר אוּן מִיר גֶעלֶערְנְט אַ וֶועג אִין לֶעבְּן; אוֹיף דֶעם אִיז נִישְׁט שַׁיָּךְ צוּרִיק צוּ צָאלְן, וִוי קֶען מֶען בַּאצָאלְן פַארְן גֶעבְּן לֶעבְּן... אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ טוּן, אִיךְ וֶועל טוּן וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעבֶּעטְן אַלֶע יָארְן, מִיר זָאלְן פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר אַלֶעמֶען דִי שֵׁיינֶע עֵצוֹת, מִיר זָאלְן לֶערְנֶען מִיט אַנְדֶערֶע דָאס וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען, אַנְדֶערֶע זָאלְן אוֹיךְ וִויסְן אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דִי וֶועלְט.

מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן מִיר: 'וָואס הָאט דִיר גֶעפֶעלְט? וָואס הָאסְטוּ גֶעטְרָאפְן בַּיי מוֹהֲרָא"ש? צִי וָואס דַארְפְסְטוּ בִּכְלַל בְּרֶסְלֶב?' אַזֶעלְכֶע שְׁטַארְקֶע שְׁאֵלוֹת פְרֶעגְט מֶען שְׁטֶענְדִיג: 'וָואס הָאסְטוּ בַּאקוּמֶען אִין הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ?' דִי שְׁאֵלוֹת קֶען מֶען נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט נִישְׁט טוֹעֵם גֶעוֶוען פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת; וֶוער עֶס לֶעבְּט נִישְׁט מִיט אַ צַדִּיק - קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען בַּאקוּמְט אוּן וָואס מֶען שְׁפִּירְט וֶוען מֶען קוּמְט צוּם צַדִּיק. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וֶוען עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן זַיין הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער גְרוֹיסֶער מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט אִים זַיין שְׁוֶוער גֶעפְרֶעגְט: "וָואס הָאסְטוּ גֶעלֶערְנְט בַּיי דַיין רֶבִּי'ן?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דִי וֶועלְט", הָאט דֶער שְׁוֶוער אִים אוֹיסְגֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט: "וֶוער וֵוייסְט

דֶען נִישְׁט אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דִי וֶועלְט, פַארְדֶעם הָאסְטוּ גֶעדַארְפְט אַוֶועק פָארְן פוּן שְׁטוּבּ אוּן אִיבֶּערְלָאזְן דִי וַוייבּ? יֶעדֶער וֵוייסְט אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דִי וֶועלְט!" הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוֹבֶער רַב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט דֶעם שְׁוֶוער: "אַלֶע זָאגְן אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דִי וֶועלְט, אָבֶּער אִיךְ לֶעבּ מִיט דֶעם, דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט בַּיים הֵיילִיגְן מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִּיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט מִיךְ גֶעבְּרֶענְגְט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

**דָאס** עֶנְטְפֶער אִיךְ פַאר אַלֶע וָואס פְרֶעגְן מִיר: "וָואס הָאסְטוּ גֶעלֶערְנְט בַּיי מוֹהֲרַ"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ? וָואס הָאסְטוּ דָארְט אַיינְגֶעזֶען?" עֶנְטְפֶער אִיךְ: "אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דִי וֶועלְט", אוּן אַז מֶען פְרֶעגְט וַוייטֶער: "אַלֶע וֵוייסְן דָאס!" זָאג אִיךְ זֵיי: "אַלֶע זָאגְן אַז עֶס אִיז דָא אַ גָאט אוֹיף דִי וֶועלְט, אָבֶּער אִיךְ לֶעבּ מִיט דֶעם".

**בַּיי** מוֹהֲרַ"ש הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען אַן אַנְדֶערֶע בְּלִיק אִין לֶעבְּן; מוֹהֲרַ"ש הָאט מִיךְ גֶעבְּרֶענְגְט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין פַאר אַנְדֶערֶע, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן א) "דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים קלה, ה): 'כִּי אֲנִי יָדַעְתִּי כִּי גָדוֹל ה', וַאֲדוֹנֵינוּ מִכָּל אֱלֹקִים'", פְרֶעגְט דֶער רֶבִּי, "וָואס אִיז דָאס 'כִּי אֲנִי' אִיךְ וֵוייס? זָאל שְׁטֵיין: 'כִּי גָדוֹל ה'' דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גְרוֹיס?!" זָאגְט דֶער רֶבִּי: "כִּי גְּדֻלַּת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ אִי אֶפְשָׁר לוֹמַר לַחֲבֵרוֹ, וַאֲפִלּוּ לְעַצְמוֹ אִי אֶפְשָׁר לְסַפֵּר מִיּוֹם לְיוֹם, לְפִי מַה שֶּׁמַּזְרִיחַ לוֹ וּמִתְנוֹצֵץ לוֹ בְּאוֹתוֹ הַיּוֹם אֵינוֹ יָכוֹל

לְסַפֵּר לְעַצְמוֹ לְיוֹם שֵׁנִי, הַזְּרִיחָה וְהַהִתְנוֹצְצוּת שֶׁל גְּדֻלָּתוֹ יִתְבָּרַךְ שֶׁהָיָה לוֹ אֶתְמוֹל", מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין פַאר אַ צְוֵוייטְן וִוי אַזוֹי מֶען שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נִישְׁט נָאר פַאר אַ צְוֵוייטְן קֶען מֶען דָאס נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין, נָאר אֲפִלּוּ פַאר זִיךְ אַלֵיין קֶען מֶען אוֹיךְ נִישְׁט דֶערְצֵיילְן אוּן גֶעדֶענְקֶען וִוי אַזוֹי מֶען הָאט נֶעכְטְן גֶעשְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**וְוִיפִיל** מִיר וֶועלְן נָאר רֶעדְן פוּן דַיין גְרוֹיסְן זֵיידְן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט מֶען גָארְנִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן פוּן זַיין גְרוֹיסְקֵייט; זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן הָאט עֶר אַוֶועק גֶעגֶעבְּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מוֹהֲרָא"ש הָאט לִיבּ גֶעהַאט נָאךְ אַ אִיד, עֶס אִיז אִים גֶעגַאנְגֶען אִין לֶעבְּן צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען אַלֶע אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס הָאט עֶר גֶעטוּן זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן. עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער אַלֵיין, עֶר הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעהַאט; נִישְׁט דִי וַוייבּ, נִישְׁט דִי קִינְדֶער - קֵיינֶעם, דָאךְ הָאט עֶר נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט זַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, נָאר מוֹסִיף גֶעוֶוען מֶער אוּן מֶער. דֶערְפַאר פְרֵיי אִיךְ זִיךְ צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט אַ גֶעפִיל צוּ גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דַיין זֵיידֶע מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַזֵּק מִיט זַיינֶע וֶוערְטֶער, מִיט זַיינֶע עֵצוֹת.

**מוֹהֲרָא"ש** וָואלְט אַזוֹי הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ הֶערְן אַז זַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו); מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט אַזוֹיפִיל רֶעדְן אוּן פְּרוּבִּירְן אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען בַּיי דִי אֵיינִיקְלֶעךְ זֵיי זָאלְן אָנְנֶעמֶען זַיינֶע וֶוערְטֶער; מוֹהֲרָא"ש הָאט זֵייעֶר מְקָרֵב גֶעוֶוען זַיינֶע אֵיינִיקְלֶעךְ.

**מַזָל** טוֹב פַארְן סִיוּם מַסֶכֶת בְּרָכוֹת; יֶעצְט הוֹיבּ אָן מַסֶכֶת שַׁבָּת, אַזוֹי זָאלְסְטוּ גֵיין וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער בִּיז דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ מְסַיֵים זַיין גַאנְץ שַ״ס. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁעוּר אִין לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת; מוֹהַרְאַ״ש זָאגְט אַז מִשְׁנָיוֹת הָאט אִין זִיךְ אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע סְגֻלָּה, עֶס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַ שְׁטַארְקֶע גְלִיסְט צוּ לֶערְנֶען נָאךְ אוּן נָאךְ, מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע רֵייץ צוּ וֶועלְן לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה. עֶס רֵייצְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ וֶועלְן הָאבְן שִׁעוּרִים אִין כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת.

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט ווִי אַזוֹי מֶען קֶען מַאכְן ווִידִיאוֹס וְכוּ׳; בִּיסְט הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט גֶערֶעכְט. ווִידִיאוֹס אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ פַאר עֶרְלִיכֶע אִידְן, אֲפִלּוּ קוּקְן גוּטֶע זַאכְן אִיז נִישְׁט כְּדַאי, עֶס בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין גוּטְס; דָאס שְׁלֶעפְּט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ קוּקְן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, עֶס פַאר'תַּמ'ט דֶעם קָאפּ אוּן שֵׂכֶל; דָאס אִיז נָאר אַ וֶועג צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען דִי וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַרָאפְּגֶעפַאלְן, זֵיי זֶענֶען בַּיי זִיךְ אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן - מַאכְט מֶען דָאס פַאר זֵיי, אָבֶּער פַאר עֶרְלִיכֶע אִידְן אִיז זִיכֶער נִישְׁט גוּט צוּ קוּקְן ווִידִיאוֹס.

**ווַאוֹיל** אִיז דֶעם וָואס קוּקְט נִישְׁט קַיין ווִידִיאוֹס אוּן קְלִיפְּס, עֶר הִיט זַיינֶע אוֹיגְן, וֶועט אִים גוּט זַיין בָּזֶה וּבַבָּא.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתקנו

## אֶפְשָׁר דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטְשֶׁעפֶּעט אֵיינֶעם, שַׁאדְט פַּאר מַיין שִׁדּוּךְ?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁעוּרִים, וָואס זֶענֶען מִיר זֵייעֶר מְחַזֵּק.

אִיךְ בִּין אַ נַיינְצְן יֶעריגֶער בָּחוּר, דֶערְוַוייל אִיז נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען מַיין שִׁדּוּךְ, אוּן אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַז דָאס קוּמְט צוּלִיבּ אַ הַקְפָּדָה פוּן אֵיינֶעם.

בְּעֶרֶךְ אַ יָאר צוּרִיק הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעהַאלְטְן אוֹיף אַ בָּחוּר'ס חֶשְׁבּוֹן, אוּן עֶר אִיז פַארְשֶׁעמְט גֶעוָוארְן אִין פָארְנְט פוּן עֶטְלִיכֶע בָּחוּרִים, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען מַמָּשׁ בְּרַבִּים, אָבֶער עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען דָארְט מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן דָאס מִיטְגֶעהַאלְטְן. אִיךְ הָאבּ אִים אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן, אִיךְ הָאבּ אִים אוֹיךְ גֶעקוֹיפְט אַ שָׁאקָאלַאדֶע אִים אִיבֶּערְצוּבֶּעטְן אוּן אִיךְ לֶעבּ יֶעצְט גוּט מִיט אִים, אָבֶער אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַ שׁוּלְד גֶעפִיל פוּן דֶעם.

אוֹיךְ אַלְס קִינְד הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁטֶערְט מַיינֶע מְלַמְּדִים, דָאס אִיז גֶעוֶוען וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַכְט יָאר אַלְט.

וָואס קֶען אִיךְ טוּן וֶועגְן דֶעם?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קֹדֶשׁ פָּרָשַׁת בַּמִּדְבָּר-מְבָרְכִים הַחֹדֶשׁ, כ"ח אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן אַ צְוֵוייטְן אוּן זִיכֶער נִישְׁט יֶענֶעם פַארְשֶׁעמֶען; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם**

לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.): "הַמַּלְבִּין אֶת פְּנֵי חֲבֵירוֹ בָּרַבִּים אֵין לוֹ חֵלֶק לָעוֹלָם הַבָּא", וֶוער עֶס פַארְשֶׁעמְט אַ צְוֵוייטְן וֶועט נִישְׁט הָאבְּן קַיין חֵלֶק אִין עוֹלָם הַבָּא; אַזוֹי הַארְבּ אִיז פַארְשֶׁעמֶען אַ צְוֵוייטְן. אַ שָׁאד מֶען רֶעדְט נִישְׁט אַסַאךְ צוּ קִינְדֶער פוּן דִי הַארְבְּקֵייט פוּן וֵויי טוּן אַ צְוֵוייטְן.

**אַז** מֶען הָאט אֵיינֶעם פַארְשֶׁעמְט, מֶען הָאט אֵיינֶעם וֵויי גֶעטוּן - דַארְף מֶען יֶענֶעם מְפַיֵּיס זַיין, מֶען דַארְף אִיבֶּער בֶּעטְן אוּן זִיךְ פָּארְנֶעמֶען מֶער דָאס נִישְׁט צוּ טוּן; אוֹיבּ מֶען בֶּעט יֶענֶעם אִיבֶּער אוּן מֶען אִיז מוֹחֵל - דֶעמָאלְט אִיז מֶען יָא אַ בֶּן עוֹלָם הַבָּא.

**אַז** דוּ הָאסְט יֶענֶעם אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן אוּן עֶר הָאט דִיר מוֹחֵל גֶעוֶוען דַארְפְסְטוּ נִישְׁט זַיין בַּאזָארְגְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל וֶוען מֶען בֶּעט יֶענֶעם אִיבֶּער אוּן מֶען הָאט חֲרָטָה אוֹיף וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן.

**זָאג** יֶעדְן טָאג דִי קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים (דִי קְרִיאָה פוּן חֲנוּכָּה); דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת חִתּוּן, סִימָן ו): "מִי שֶׁקָּשֶׁה לוֹ לִמְצֹא זִווּגוֹ, יַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ לִקְרוֹת בְּקָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים", וֶועם עֶס גֵייט שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁדּוּךְ זָאל זָאגְן דִי "קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים"; נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן מַיין זִווּג בִּזְכוּת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט, אַז מֶען זָאל זָאגְן דִי קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים; הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן מַיין זִווּג. עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר

שְׁוֶוער צוּ זַיין אַלֵיין, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין עֶרְלִיךְ
ווען אִיךְ בִּין אַלֵיין, אִיךְ וִויל חַתֲנָה הָאבְּן וְכוּ' וְכוּ'".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתקנז

**וִוי אַזוֹי קֶען [אִיךְ] זִיךְ שְׁטַארְקְן מְכַבֵּד צוּ זַיין מַיין טַאטֶע?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דָא שְׁרַייבְּט אַ צְוָואנְצִיג יֶערִיגֶע מֵיידְל. אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעוואוִיר גֶעוָוארְן פוּן דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מִיט אַפָּאר יָאר צוּרִיק, אוּן זַייט דֶעמָאלְט לֶעבּ אִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ הֶערְלִיכֶע גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע לֶעבְּן אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט גֶענוּג דַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַאר דֶעם.

אִיךְ הֶער אַזוֹיפִיל אִין דִי שִׁעוּרִים אִיבֶּער כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אִיךְ פְּרוּבִּיר זֵייעֶר שְׁטַארְק עֶס טַאקֶע צוּ מְקַיֵּם זַיין, אָבֶּער אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ זֵייעֶר צוּ מְכַבֵּד זַיין מַיין טַאטֶע וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין. מַיין טַאטֶע ווייסְט לֵיידֶער נִישְׁט פוּן דִי אַלֶע עֵצוֹת אוּן פִירְט זִיךְ אוֹיף זֵייעֶר נִישְׁט שֵׁיין צוּ מַיין מַאמֶע אוּן צוּ אוּנְז קִינְדֶער, עֶר אַרְבֶּעט נִישְׁט אוּן לֶערְנְט נִישְׁט, מַיין מַאמֶע מוּז טְרָאגְן דִי גַאנְצֶע עוֹל פוּן פַּרְנָסָה אוּן דַארְף זִיךְ אוֹיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט אוּנְזֶער גְרוֹיסֶע מִשְׁפָּחָה, אוּן מַיין טַאטֶע הָאט נָאר טַעֲנוֹת אוֹיף אִיר אוּן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אַלְס אַ בְּרֶסְלֶב'עֶ מֵיידְל פִיל אִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ אַ בַּאזוּנְדֶערֶע פְלִיכְט אִים צוּ מְכַבֵּד זַיין, אוּן אִיךְ פְּרוּבִּיר טַאקֶע דִי מֶערְסְטֶע וָואס אִיךְ קֶען. אִיךְ הָאבּ אָבֶּער לֶעצְטְנְס גֶעהֶערְט וִוי דִי רֹאשׁ יְשִׁיבָה בְּרֶענְגְט פוּן סֵפֶר

חֲרֵדִים אַז מֶען אִיז מְחֻיָּב מְכַבֵּד צוּ זַיין דִי עֶלְטֶערְן אֲפִלּוּ אִין הַארְצְן, אוּן עֶס הָאט מִיךְ זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן. פוּן אִינְדְרוֹיסְן קֶען אִיךְ זִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶטְוָואס צוּרִיק הַאלְטְן פוּן עֶנְטְפֶערְן, אָבֶּער פוּן אִינֶעוֵויינִיג קָאכְט זִיךְ מִיר קֶעגְן אִים. אִיךְ וָואלְט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעוָואלְט הָאבְּן אַ גֶעפִיל פוּן לִיבְּשַׁאפְט אוּן כָּבוֹד צוּ מַיין טַאטֶע, אוּן אִיךְ דַאוֶוען טַאקֶע אַסַאךְ פַאר דֶעם, אָבֶּער עֶס זֶעט אוֹיס אוּמְמֶעגְלִיךְ.

אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּן עֶפֶּעס עֵצוֹת אוּן חִזּוּק אוֹיף דֶעם? אוֹיךְ וְויל אִיךְ בֶּעטְן אַ בְּרָכָה זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן מַיין זִוּוג בְּקָרוֹב אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שְׁטוּב אוֹיפְן רֶבִּינְ'ס וֶועג.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר-מְבָרְכִים הַחֹדֶשׁ, כ"ח אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**פְּרוּבִּירְט** צוּ קוּקְן אוּן צוּ זוּכְן גוּטֶע זַאכְן אוֹיף אַייעֶר טַאטֶע, עֶס אִיז זִיכֶער דָא עֶפֶּעס גוּטְס אִין אִים; אַזוֹי הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז בַּאפוֹילְן, מֶען מוּז קוּקְן גוּט אוֹיף עֶלְטֶערְן אוּן חַס וְשָׁלוֹם אָפְּלַאכְן אוּן אָפְּשְׁפֶּעטְן פוּן זֵיי - אֲפִלּוּ שְׁטִילֶערְהֵייט, דָאס אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה. אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (סֵפֶר חֲרֵדִים פֶּרֶק ט, סִימָן לה): "אֲפִלּוּ מֶען לַאכְט זִיךְ אוֹיס פוּן עֶלְטֶערְן בְּלוֹיז בְּמַחֲשָׁבָה, מֶען אִיז מְזַלְזֵל בְּלוֹיז בְּמַחֲשָׁבָה, אִיז מֶען שׁוֹין אוֹיךְ פַארְשָׁאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן"; אָפְּגֶערֶעדְט

אויב מֶען פַארְשֶעמְט עֶלְטֶערְן אָדֶער מֶען חָצְפָּה'ט זִיךְ צוּ זֵיי, דֶעמָאלְט אִיז מֶען עוֹבֵר אוֹיף וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט (דְּבָרִים כז, טז): "אָרוּר מַקְלֶה אָבִיו וְאִמּוֹ", פַארְשָׁאלְטְן זָאל זַיין דֶער וָואס שֶׁעלְט זַיינֶע עֶלְטֶערְן, אוּן דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (פֶּרֶק ה' מֵהִלְכוֹת מַמְרִים, סִימָן טו) אַז אויבּ מֶען פַארְשֶעמְט עֶלְטֶערְן אֲפִלּוּ נָאר מִיט וֶוערְטֶער, אָדֶער אֲפִלּוּ נָאר בִּרְמִיזָה - אִיז מֶען שׁוֹין פַארְשָׁאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אַז** אִיר וֶועט קוּקְן מִיט אַ גוּט אוֹיג אוֹיף אַייֶער טַאטֶע וֶועט אִיר אִים מַאכְן עֶר זָאל טַאקֶע וֶוערְן גוּט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רפב): "וֶוען מֶען קוּקְט גוּט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, מֶען זוּכְט עֶפֶּעס גוּטְס אִין יֶענֶעם, אֲפִלּוּ יֶענֶער זָאל זַיין אַ רָשָׁע רַחֲמָנָא לִצְּלָן קֶען מֶען יֶענֶעם מַאכְן פַאר אַ צַדִּיק", דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט מִיט דֶעם דֶער פָּסוּק (תְּהִלִּים לז, י): "וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע", אַז מֶען טְרֶעפְט עֶפֶּעס אַ קְלֵיינֶע גוּטֶע זַאךְ, וָואס מִיט דִי גוּטֶע זַאךְ אִיז יֶענֶער נִישְׁט קַיין רָשָׁע, "וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ", זֶעט מֶען נָאכְדֶעם אַז יֶענֶער אִיז מֶער נִישְׁט קַיין רָשָׁע, יֶענֶער וֶוערְט אַ צַדִּיק.

**מִישְׁט** אַייךְ נִישְׁט אַרַיין אִין דִי רַייבֶּערַייעְן וָואס פַּאסִירְט צְווִישְׁן אַייֶער טַאטֶע אוּן מַאמֶע; שְׁטֵייט אִין דֶער זַייט אוּן נֶעמְט זִיךְ נִישְׁט אָן פַאר קֵיינֶעם, אִיר דַארְפְט זֵיי בֵּיידֶע מְכַבֵּד זַיין; דֶעמָאלְט וֶועט אִיר גֶעבֶּענְטְשְׁט וֶוערְן מִיט אַלֶעם גוּטְס.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתקנח

### ווי אַזוֹי דֶערְשְׁרֶעק אִיךְ זִיךְ נִישְׁט פוּן דִי וָואס לַאכְן אָפּ פוּן בְּרֶסְלֶב?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פֶּערְצְן יָעריגֶער לִיוּבַּאוִויטְשֶׁער בָּחוּר, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ קוּנְטְרֵס פוּן מוֹהֲרַ"אשׁ, אוּן אִיךְ הָאבּ עֶס זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט אוּן אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען מֶער אוּן מֶער בְּרֶסְלֶב'עֶר סְפָרִים.

אָבֶּער אִין לִיוּבַּאוִויטְשׁ אִיז מֶען זֵייעֶר קֶעגְן בְּרֶסְלֶב, מַיין טַאטֶע אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר אַז אִיךְ לֶערְן בְּרֶסְלֶב'עֶר סְפָרִים, אוֹיךְ ווִיל אִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶּער מַיינֶע חֲבֵרִים וֶועלְן מֵיינֶען אַז אִיךְ בִּין מְשׁוּגַע גֶעוָוארְן; וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ ווִיסְן וֶועלְכֶע בְּרֶסְלֶב'עֶ סְפָרִים אִיז גוּט אָנְצוּהוֹיבְּן לֶערְנֶען צוּם עֶרְשְׁטְ.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר-מְבָרְכִים הַחֹדֶשׁ, כ"ח אִיָּר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** וואוּנְדֶערְט מִיר אוֹיף דִי שְׁקָרִים וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז חַבַּ"ד אִיז קֶעגְן בְּרֶסְלֶב; ווִי קֶען מֶען זָאגְן אַזַא אָפֶּענֶע

לִיגְנְט, וֶוען חַבַּ"ד אוּן בְּרֶסְלֶב הָאבְּן אַלֶע יָארְן גֶעלֶעבְּט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע לִיבְּשַׁאפְט. אָנְגֶעהוֹיבְּן בַּיים הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס קְרִיגְט אוֹיפְן רֶבִּי'ן אִיז אַזוֹי וִוי עֶר קְרִיגְט אוֹיף מִיר"; דָאס אִיז גֶעוֶוען וֶוען עֶס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן בְּרֶענֶען דִי פֵייעֶר פוּן מַחְלֹקֶת קֶעגְן דֶעם רֶבִּי'ן, דַאן הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זִיךְ זֵייעֶר אָנְגֶענוּמֶען.

**אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִוי שְׁטַארְק דֶער** רֶבִּי הָאט לִיבּ גֶעהַאט דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל נָאךְ אַ שְׁוֶוערֶע לַאנְגֶע נְסִיעָה אִיז דֶער רֶבִּי גְלַייךְ גֶעפָארְן צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא. מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי יִסוּרִים וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיפְן רֶבִּי'ן וֶוען עֶר אִיז גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶנְדְלִיךְ וֶוען עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען אִיז עֶר נִישְׁט אַהֵיים צוּ זִיךְ, נָאר קֹדֶם גֶעפָארְן צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא; וִוי אַזוֹי קֶענְסְטוּ זָאגְן אַז דִי צְוֵויי גֵייעֶן נִישְׁט אִינְאֵיינֶעם?!

**דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן** אוֹיף שַׁבָּת, דֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייעֶר מְכַבֵּד גֶעוֶוען אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן אִים שְׁטַארְק מְכַבֵּד זַיין. עֶס אִיז דָא אַזוֹיפִיל מַעֲשִׂיוֹת צוּ דֶערְצֵיילְן פוּן דִי לִיבְּשַׁאפְט וָואס דִי צְוֵויי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים הָאבְּן גֶעהַאט אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, דֶערִיבֶּער פַארְשְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט וִוי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט זָאגְן אַז דִי צְוֵויי חֲסִידוּת'ן גֵייעֶן נִישְׁט אִינְאֵיינֶעם.

**וֶוער הָאט נָאךְ כֹּחַ צוּ מַחְלֹקֶת? וָואס דַארְף מֶען מַחְלֹקֶת?** אַלֶע צַדִיקִים זֶענֶען קְדוֹשִׁים וּטְהוֹרִים, אַלֶע פוּן זֵיי וַוייזְן

אוּנְז אַ װעג װי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן, װי אַזוֹי צוּ זַיין נָאנְט צוּם אײבֶּערְשְׁטְן; אִיז דָאךְ נַארִישׁ צוּ רֶעדְן אוּן אַװעק מַאכְן אֵיינֶער דֶעם צְװייטְן. מִיר אַלֶע הָאבְּן אֵיין בַּאשֶׁעפֶער װעמֶען מִיר דַארְפְן דִינֶען, אַזוֹי װִי דֶער הֵיילִיגֶער צֶמַח צֶדֶק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט װען עֶר הָאט גֶעזֶען צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל אֵיינֶע פוּן דִי בֶּענְדֶער פוּן לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט: "אָב אֶחָד לְכֻלָּנוּ, מִיר הָאבְּן אַלֶע אֵיין טַאטֶע"; אַזוֹי װי צוּ זָאגְן, אַז אַלֶע סְפָרִים פוּן אַלֶע צַדִיקִים - בְּרֶענְגֶען אוּנְז נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְצֵייל נִישְׁט פַאר קֵיינֶעם אַז דוּ הָאסְט חַיוּת פוּן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים; פַארְװָאס דַארְפְסְטוּ זִיךְ רֵייצְן? אוֹיךְ פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה דַארְפְסְטוּ נִישְׁט דֶערְצֵיילְן, אַזוֹי װֶעסְטוּ אַיינְשְׁפָּארְן מַחְלֹקֶת אוּן קָאפּ װֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## תתקנט

### אִיךְ װִיל אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען, װִי אַזוֹי הוֹיבְּט מֶען אָן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַן אַרְבֶּעטְס-אִינְגֶערְמַאן, אִיךְ הָאב נִישְׁט צוּפִיל צַייט צוּ לֶערְנֶען, אוּן אִיךְ װָאלְט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעװָאלְט אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן מוֹהֲרָא"שׁ.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אָבֶער נִישְׁט פִּינְקְטְלִיךְ ווִי אַזוֹי דָאס אַרְבֶּעט, דַארְף מֶען קֹדֶם עֶנְדִיגְן גַאנְץ מִשְׁנָיוֹת, אָדֶער קֹדֶם יֶעדֶע מַסֶּכְתָּא הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל? אוּן דָאס אִיז מַסֶּכְתּוֹת פוּן מִשְׁנָיוֹת אָדֶער פוּן גְּמָרָא?

אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען מַסְבִּיר זַיין אוּן קְלָאר שְׁטֶעלְן ווִי אַזוֹי עֶס אַרְבֶּעט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א', רֹאשׁ חֹדֶשׁ סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**הוֹיבּ** אָן מִיט מִשְׁנָיוֹת; גֵיי אִין אַ סֵדֶר אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן אַ מַסֶּכְתָּא, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ גֵיין צוּם צְווֵייטְן מַסֶּכְתָּא בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן סֵדֶר זְרָעִים. נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ סֵדֶר מוֹעֵד, זָאלְסְט לֶערְנֶען אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה; וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל אוֹיף דֶעם אוֹפֶן, זָאלְסְט לֶערְנֶען אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק; אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן, זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם מִשְׁנָיוֹת, דָאס וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִיר אַ גְלִיסְטֶענִישׁ צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דוּ וֶועסְט וֶועלְן לֶערְנֶען נָאךְ אוּן נָאךְ.

**אוֹיךְ** זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן יֶעדְן טָאג אַ שִׁעוּר צוּ לֶערְנֶען גְּמָרָא; הוֹיבּ אָן מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת אוּן גֵיי כְּסִדְרָן אַ בְּלַאט נָאךְ

אַ בְּלַאט. קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם אוֹיבּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט, דוּ זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, דָאס וֶועט פַארְשְׁנֵיידְן אַלֶע קְלִפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים; צַדִּיקִים טַייטְשְׁן (עַיֵּן סֵפֶר פְּרִי צַדִּיק פָּרָשַׁת אַחֲרֵי, אוֹת ג) דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קו:): "גְּמָרָא גְמוֹר זְמוֹרְתָּא תְּהֵא", גְּמָרָא גְמוֹר - אוֹיבּ דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען גְּמָרָא, זְמוֹרְתָּא תְּהֵא - דָאס אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן 'לְזַמֵּר אֶת כָּל הֶעָרִיצִים וּלְהַכְרִית אֶת כָּל הַקּוֹצִים", אַז מֶען זָאגְט גְּמָרָא - פַארְשְׁנַיידְט מֶען אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

**אֲפִילוּ** דוּ פַארְגֶעסְט, דוּ גֶעדֶענְקְסְט נִישְׁט פוּן אֵיין טָאג אוֹיפְן צְוֵייטְן - זָאלְסְטוּ וַוייטֶער גֵיין אִין אַ רֵייעֶ אֵיין בְּלַאט נָאכְן צְוֵייטְן; אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן דַיין גַאנְץ לֶעבְן, זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְלָאזְן דִי הֵיילִיגֶע גְּמָרָא. דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, עֶס וֶועט דִיךְ רַייךְ מַאכְן.

**דֶער** רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קלז): עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צְוֵויי אִינְגֶעלַייט זֵייעֶר נָאנְטֶע חֲבֵרִים, אֵיינְמָאל הָאט אֵיינֶער גֶעזֶען אוֹיף זַיין חָבֵר אַז עֶר הָאט גֶעטוּן נִישְׁט קַיין שֵׁיינֶע זַאךְ, שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר גֶעזֶען וִוי דֶער חָבֵר הָאט גֶעטוּן אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה הָאט עֶר זִיךְ אָפְּגֶעשָׁאקְלְט פוּן אִים אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ צֶעטֵיילְט. נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט זֶעט עֶר וִוי דֶער חָבֵר הוֹיבְּט אָן מַצְלִיחַ זַיין, אָבֶּער עֶר זֶעלְבְּסְט אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער אָרֶעמַאן, הָאט עֶר אָנְגֶעפַאנְגֶען הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: 'אִיךְ ווֵייס דָאךְ אַז יֶענֶער הָאט גֶעטוּן אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה, פַארְוָואס גֵייט אִים אַזוֹי גוּט? עֶר

אִיז מַצְלִיחַ, עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר', אֵיינְמָאל הָאט עֶר גֶעזֶען ווִי עֶס שְׁטֵייט אַ קוּפְּקֶע אוּן עֶס הֶערְט זִיךְ אַרוֹיס פוּן דָארְט אַ גֶערוּדֶער ווִי מֶען צֵיילְט גֶעלְט, אִיז עֶר אַהִין גֶעגַאנְגֶען אוּן עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דִי גֶעלְט, וֶוען עֶר הָאט גֶעוָואלְט קוּמֶען נָאנְט הָאט מֶען אִים אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוּן אִים גֶעזָאגְט: "רִיר נִישְׁט צוּ צוּ דִי גֶעלְט, דִי גֶעלְט בַּאלַאנְגְט פַּאר דַיין אַלְטְן חַבֵר", הָאט עֶר זֵיי גֶעפְרֶעגְט: "אִיךְ פַאְרשְׁטֵיי נִישְׁט, פַארְוָואס קוּמְט אִים אַזוֹיפִיל גֶעלְט, אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעזֶען מִיט מַיינֶע אוֹיגְן ווִי עֶר טוּט אַן עֲבֵירָה?" הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַזוֹי: "דַיין חַבֵר הָאט זִיךְ קוֹבֵעַ גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תוֹרָה, עֶר הָאט זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען חֹק וְלֹא יַעֲבוֹר אַז עֶר גֵייט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, אָבֶער דוּ לֶערְנְסְט גָארְנִישְׁט, דֶערְפַאר גֶעבְּט מֶען פַאר דַיין חַבֵר גֶעלְט אֲפִלּוּ עֶר הָאט גֶעטוּן אַן עֲבֵירָה, וַוייל "מָעוֹת" אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת וְ'אֵין עֲ'בֵירָה מְ'כַבָּה תּ'וֹרָה (סוֹטָה כא.), עֲבֵירָה לֶעשְׁט נִישְׁט אוֹיס דִי תּוֹרָה; קוּק נָאךְ דִי מַעֲשֶׂה דָארְט.

**אֵיינְמָאל** דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ"ס - דֶעמָאלְט קֶענְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן אַ שִׁעוּר אוֹיף דֶעם וֶועג פוּן אֵיין מַסֶכְתָּא הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל; דָאס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס זֶענֶען דָא וָואס הוֹיבְּן אָן נָאכְאַמָאל שַׁ"ס כְּסִדְרָן אוּן וֶוען זֵיי זֶענֶען דָאס מְסַיֵּם - הוֹיבְּן זֵיי אָן נָאכְאַמָאל, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, נָאכְדֶעם זֶענֶען דָא וָואס נֶעמֶען אֵיין מַסֶכְתָּא אוּן זֵיי גֵייעֶן דָאס אִיבֶּער הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל; דָאס וֶוענְדְט זִיךְ לוֹיט יֶעדְן מֶענְטְשׁ.

**וואוּיל** אִיז דֶעם וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, עֶר לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - דֶער דַארְף שׁוֹין נִישְׁט קֵיינֶעם, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט אֵיינֶעם גֶעפְרֶעגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יז): "פַארְוָואס לֶערְנְסְטוּ נִישְׁט? דוּ וֶועסְט דָאךְ בַּאקוּמֶען עוֹלָם הַבָּא פַאר דַיין לֶערְנֶען?!" אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אֵיינְמָאל דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן אַ לִיבְשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה, וֶועסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט דַארְפְן - נִישְׁט דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט יֶענֶע וֶועלְט, דוּ וֶועסְט נָאר וֶועלְן לֶערְנֶען נָאךְ אוּן נָאךְ".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתקס

**מֶעג מֶען אָנְצִינְדְן הוֹיכֶע מוּזִיק אִין הוֹיף?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וואוֹין אוֹיף דִי בֶּערְג אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ מוּזִיק, אִיךְ הָאבּ לִיבּ זִיךְ אַרוֹיסְצוּזֶעצְן מִיט מַיינֶע קִינְדֶער פוּן הִינְטֶער מַיין הוֹיז אוּן אָנְצִינְדְן דָארְט זֵייעֶר הוֹיכֶע מוּזִיק. עֶס שְׁטֶערְט נִישְׁט פַאר מַיינֶע שְׁכֵנִים, אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעוָואלְט ווִיסְן אוֹיבּ עֶס אִיז דָא אַ פְּרָאבְּלֶעם אָנְצוּצִינְדְן הוֹיכֶע מוּזִיק אוֹיפְן גַאס.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א', ב' סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם צוּ זַיין פְּרֵיילִיךְ אוּן הֶערְן מוּזִיק; אַדְּרַבָּה, עֶס אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ עֶס זָאל זִיךְ אַרוֹיסְהֶערְן פוּן אִידִישֶׁע הַייזֶער לֶעבֶּעדִיגֶע פְּרֵיילִיכֶע מוּזִיק. אַז עֶס אִיז דָא פְּרֵיילִיכֶע מוּזִיק אִיז גְרִינְגֶער צוּ מְנַצֵּחַ זַיין דֶעם יֵצֶר הָרָע, אַזוֹי וִוי צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז דִי חָכְמָה פוּנֶעם קֵיסָר נַאפָּאלִיאָן - וִוי אַזוֹי עֶר הָאט אַיינְגֶענוּמֶען אַלֶע מְדִינוֹת - אִיז גֶעוֶוען, אַז עֶר הָאט גֶעבְּרֶענְגְט מוּזִיק אוֹיפְן פְרָאנְט צְווִישְׁן דִי סָאלְדַאטְן; זֵיי פְלֶעגְן גֵיין אוּן מַארְשִׁירְן מִיט מוּזִיק, דָאס הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן דִי מוּט אוּן דִי שְׁטַארְקְקֵייט צוּ מְנַצֵּחַ זַיין אַלֶע גְרוֹיסֶע לֶענְדֶער.

**אַזוֹי** פִירְן זִיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מֶען הָאט אִין שְׁטוּבּ לֶעבֶּעדִיגֶע מוּזִיק אוּן מֶען צִינְדְט דָאס אָן הוֹיךְ, מֶען טַאנְצְט מִיט דִי מִשְׁפָּחָה, מֶען פְרֵייט זִיךְ אַז מִיר זֶענֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן נִישְׁט קַיין גוֹיִם. הֲגַם אִין אַנְדֶערֶע מְקוֹמוֹת הֶערְט זִיךְ דָאס אִינְטֶערֶעסַאנְט, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעלֵיינְט קַיין גֶעווִיכְט אוֹיף דֶעם, אָבֶּער מִיר פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וָואס הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ זַיין פְּרֵיילִיךְ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג

פְרֵיילִיךְ, "וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ", און אַוֶועק נֶעמֶען פון זִיךְ דִי עַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת. "וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם, כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", אַלֶע מַחֲלוֹת און קְרֶענְק וָואס קוּמֶען אוֹיפְן מֶענְטְשׁ קוּמְט נָאר צוּלִיבּ עַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה. און דֶער רֶבִּי זָאגְט וַוייטֶער: "וְגַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים הֶאֱרִיכוּ בָּזֶה, שֶׁכָּל הַחוֹלַאַת עַל יְדֵי מָרָה שְׁחֹרָה וְעַצְבוּת, וְהַשִּׂמְחָה הוּא רְפוּאָה גְּדוֹלָה", אוֹיךְ דִי דָאקְטוֹירִים זֶענֶען מוֹדֶה אַז אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען און קְרֶענְק קוּמֶען פון נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ, און שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרֶענְק; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ נֶעמְט עֶר אַוֶועק פון זִיךְ אַלֶע צָרוֹת און יִסּוּרִים.

**צִינְד** אָן בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ און אִין חָצֵר פְרֵיילִיכֶע נִגּוּנִים, צִינְד עֶס אָן הוֹיךְ עֶס זָאל מַאכְן פְרֵיילִיךְ און לֶעבֶּעדִיג; אָבֶּער נָאר פון עֶרְלִיכֶע זִינְגֶערְס, ווייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ג): "מִי שֶׁשּׁוֹמֵעַ נְגִינָה מִמְּנַגֵּן רָשָׁע קָשֶׁה לוֹ לַעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא, וּכְשֶׁשּׁוֹמֵעַ מִמְּנַגֵּן כָּשֵׁר וְהָגוּן, אֲזַי טוֹב לוֹ", וֶוער עֶס הֶערְט נִגּוּנִים פון נִישְׁט אַן עֶרְלִיכֶער זִינְגֶער - וֶועט אִים אָנְקוּמֶען שְׁוֶוער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אוֹיבּ מֶען הֶערְט נִגּוּנִים פון אַן עֶרְלִיכְן זִינְגֶער וֶועט עֶס אִים צוּהֶעלְפְן צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# תתקסא

**וִוי אַזוֹי בִּין אִיךְ מְחַזֵּק מַיין בָּחוּר צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶּׁר כֹּחַ פַאר דִי פִילֶע חִזּוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם כְּסֵדֶר, נָאר מִיט דֶעם קֶען אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין אַלֶע עִנְיָנִים, וּבִפְרַט זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער. אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער יְיַשֶּׁר כֹּחַ פַאר דִי בְּרִיוו וִוי אַזוֹי צוּ מַאכְן אַז מַיין טָאכְטֶער זָאל וֶועלְן זַיין צְנִיעוּת'דִיג[כד].

יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט בֶּעטְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען שְׁרַייבְּן עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער פַאר מַיין פֶּערְצְן יֶערִיגֶער בָּחוּר'ל וָואס הָאט נִישְׁט לִיבּ קַיין רוּחָנִיּוּת, עֶר זוּכְט נִישְׁט צוּ דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען, עֶר הָאט נָאר לִיבּ "עֶקְשָׁאן" מִיט עוֹלָם הַזֶּה.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א', ד' סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרַט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**זַיי נִישְׁט בַּאזָארְגְט אַז דַיין זוּן וִויל מַאכְן אַ לֶעבְּן, עֶר וִויל שְׁפִּילְן אוּן הָאבְּן פַארְגֶענִיגְן; לָאז אִים זִיךְ אוֹיסְגֶעבְּן, דָאס אִיז דֶער נַאטוּר פוּן קִינְדֶער. קִינְדֶער ווילְן נִישְׁט לֶערְנֶען; מֶען דַארְף מִיט חָכְמָה זֵיי צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס**

כד. דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו.

מַאכְן גֶעשְׁמַאק אוּן מִיט טַעַם. מֶען דַארְף זֵיי בַּאלוֹינֶען מִיט גוּטֶע זַאכְן פַארְן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, מֶען דַארְף זֵיי אוֹיפְהֵייבְּן אוּן זֵיי אוֹיסְלוֹיבְּן וֶוען מֶען זֶעט בַּיי זֵיי גוּטֶע זַאכְן, דָאס וֶועט זֵיי שְׁלֶעפְּן צוּ טוּן נָאךְ גוּטְס.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר, קוּק גוּט אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער, נָאר אַזוֹי וֶועלְן זֵיי דִיךְ אוֹיסְהֶערְן. מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט פוּנֶעם אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעצוֹיגְן קַיין מַארְמַארָאשׁ וואוּ עֶס הָאבְּן גֶעווּאוֹינְט אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה וְהַמִּצְוֹת, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "וִוי אַזוֹי וֶועט דֶער רֶבִּי קֶענֶען פּוֹעֵלְ'ן בַּיי דִי מַארְמַארָאשֶׁע אִידְן זֵיי זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן, זֵיי זָאלְן זִיךְ פִירְן אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין?" הָאט זֵיי דֶער אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ וֶועל זֵיי אַזוֹי לִיבּ הָאבְּן, בִּיז זֵיי וֶועלְן פָאלְגְן וָואס אִיךְ לֶערְן זֵיי אוּן וָואס אִיךְ פַארְלַאנְג פוּן זֵיי"; זֶעט מֶען אַז מִיט לִיבְּשַׁאפְט קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֵלְ'ן.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין קז:): "לְעוֹלָם תְּהֵא שְׂמֹאל דּוֹחָה, וִימִין מְקָרֶבֶת"; וֶוען עֶס קוּמְט מְחַנֵּךְ צוּ זַיין קִינְדֶער אָדֶער תַּלְמִידִים, אֲפִלּוּ מֶען דַארְף אַמָאל זָאגְן מוּסָר - דַארְף דָאס זַיין מִיט לִיבְּשַׁאפְט, מִיט דִי רֶעכְטֶע הַאנְט דַארְף מֶען זֵיי מְחַזֵּק זַיין, מֶען דַארְף גֶעבְּן מֶער חִזּוּק אוּן מֶער לִיבְּשַׁאפְט, וִוי אַוֶועקְשְׁטוּפְּן.

**אִיךְ** שִׁיק דִיר אַ בְּרִיוו פַאר דַיין זוּן נֵרוֹ יָאִיר.

## אַז דו ווילְסְט מַאכְן אַ לֶעבְן, בִּיסְטוּ גֶעזוּנְט אוּן פְּרִישׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א', ד' סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד הַבָּחוּר הַחָשׁוּב ... נֵרוֹ יָאִיר

דַיין טַאטֶע שְׁרַייבְּט מִיר זֵייעֶר שֵׁיינֶע זַאכְן אוֹיף דִיר, אַז דו בִּיסְט אַ קְלוּג קִינְד, אַ פְרֵיילִיךְ קִינְד, נִישְׁט קַיין פַארְשְׁלָאפֶענֶער; אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה צוּ הֶערְן אַז דו פַארְשְׁטֵייסְט אַן עֵסֶק, דו בִּיסְט וַוייט פוּן זַיין אַ בַּטְלָן, דָאס אִיז אַ סִימָן פוּן אַ גֶעזוּנְט קִינְד, אַז מֶען הָאט לִיבּ צוּ מַאכְן אַ לֶעבְן.

יֶעדֶע זַאךְ וָואס דו דַארְפְסְט אִין לֶעבְן זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּאקוּמְט מֶען; אַמָאל בַּאקוּמְט מֶען דָאס נָאךְ אֵיין מָאל בֶּעטְן, אַמָאל נָאךְ צְוֵויי מָאל אוּן אַמָאל דַארְף מֶען אַבִּיסְל וַוארְטְן, אָבֶּער בַּיים סוֹף זֶעט מֶען גְרוֹיסֶע נִסִּים, מֶען בַּאקוּמְט וָואס מֶען בֶּעט.

אִיךְ וֵויים מַעֲשִׂיּוֹת פוּן אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט, זֵיי הָאבְן זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְּלָאגְט; זֵיי פְלֶעגְן יֶעדְן טָאג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זֵייעֶר שְׁפְּרַאךְ, אֵייגֶענֶע תְּפִלּוֹת - אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל זֵיי הֶעלְפְן, בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים, זֵיי הָאבְן אַלֶעם וָואס זֵיי ווִילְן. אַזוֹי אוֹיךְ וֵויים אִיךְ מַעֲשִׂיּוֹת פוּן בְּרֶסְלֶבּ'עֶ חֲסִידִים וָואס זֵיי הָאבְן גֶעוָואלְט הָאבְן שֵׁיינֶע קַארְס, זֵיי הָאבְן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וואוּנְדֶער אִיז גֶעשֶׁען, זֵיי הָאבְן שֵׁיינֶע בַּאקְוֶועמֶע קַארְס. אַזוֹי זֶענֶען דָא טוֹיזְנְטֶער מַעֲשִׂיּוֹת פוּן אַלֶע סָארְט בַּקָּשׁוֹת ווִי מֶען וֶוערְט גֶעהָאלְפְן דוּרְכְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זָאלְסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹיינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי יֶעדֶע זַאךְ; צוּם בַּיישְׁפִּיל, וֶוען דוּ שְׁפִּילְסְט אַ שְׁפִּיל מִיט דַיינֶע חֲבֵרִים אוּן דוּ ווִילְסְט זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז דַיין זַייט זָאל גֶעווִינֶען דֶעם שְׁפִּיל, זָאלְסְטוּ אִינְמִיטְן שְׁפִּילְן דֶעם שְׁפִּיל בֶּעטְן אַ שְׁטִילֶע גֶעבֶּעט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל גֶעווִינֶען דֶעם שְׁפִּיל, הֶעלְף מִיר, הֶעלְף אוּנְזֶער זַייט מִיר זָאלְן גֶעווִינֶען", וֶועסְטוּ זֶען עֶס וֶועט גֶעשֶׁען וואוּנְדֶער אוּן דַיין צַד וֶועט גֶעווִינֶען דֶעם שְׁפִּיל. נָאךְ אַ בֵּיישְׁפִּיל, אַז דוּ ווִילְסְט גֵיין אִין אַ פְּלַאץ שְׁפִּילְן אוּן דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין וֶועג אַהִין צוּ גֵיין, אָדֶער דַיינֶע עֶלְטֶערְן ווִילְן נִישְׁט דוּ זָאלְסְט גֵיין אַהִין, זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאךְ אַ נֵס אַז אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ וֶועג צוּ קֶענֶען גֵיין שְׁפִּילְן; הֶעלְף מִיר אַז מַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן מִיךְ לָאזְן גֵיין", וֶועסְטוּ זֶען אַז עֶס וֶועט גֶעשֶׁען נִסִּים, דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ וֶועג; דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן דִיר הֶעלְפְן, זֵיי וֶועלְן מִיט גֵיין מִיט דִיר.

אַזוֹי אוֹיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיינֶע שְׁוֶועריִקַייטְן; דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן כב) אַז אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן פְלֶעגְט עֶר זִיךְ זֵייעֶר שְׁנֶעל אוֹיפְרֶעגְן אוּן עֶר פְלֶעגְט בֶּעטְן זֵייעֶר אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן דִי מִדָּה פוּן כַּעַס, עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט אוֹיסְגֶערִיסְן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע נַאטוּרְן.

זַיי מְכַבֵּד דַיין טַאטֶע מַאמֶע, אַזוֹי ווִי דִי תּוֹרָה זָאגְט (שְׁמוֹת כ, יב): "כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ, לְמַעַן יַאֲרִכוּן יָמֶיךָ",

וֶוער עֶס אִיז מְכַבֵּד זַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועט עֶסְן פוּן דִי שְׂכַר אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

### מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין טָאכְטֶער, וֶועט זִי וֶועלְן זַיין צְנִיעוּת'דִיג[כה]

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א', רֹאשׁ חֹדֶשׁ סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר, טְשֶׁעפֶּע נִישְׁט דַיין טָאכְטֶער צוּלִיבּ דֶעם וָואס זִי וִויל נִישְׁט גֵיין מִיט אַ צָאפּ; פְרֵיי זִיךְ אַז זִי גֵייט מִיט צַאמְגֶענוּמֶענֶע הָאר, אַז דִי הָאר אִיז צַאמְגֶענוּמֶען (פָאנִי) אִיז דָאס נִישְׁט אַ חִסָרוֹן אִין צְנִיעוּת; כָּל זְמַן דִי הָאר אִיז שֵׁיין צַאמְגֶענוּמֶען אִיז עֶס צְנִיעוּת'דִיג.

**הֵייבּ** דַיין טָאכְטֶער, מַאךְ אִיר פְרֵיילִיךְ; אַז זִי וֶועט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועט זִי נִישְׁט אָפְּלָאזְן צְנִיעוּת. אַלֶע וָואס לָאזְן אָפּ צְנִיעוּת אוּן טוּעֶן זִיךְ אָן נִישְׁט וִוי מֶען דַארְף זֶענֶען דֶערְבִּיטֶערְטֶע מֵיידְלֶעךְ, זֵיי זֶענֶען בַּיי זִיךְ זֵייעֶר צֶעקְלַאפְּט, זֵיי זוּכְן וָואס זָאל זֵיי פְרֵיילִיךְ מַאכְן; זֵיי מֵיינֶען נֶעבֶּעךְ אַז זַיין נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיג מַאכְט פְרֵיילִיךְ.

כה. קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חַג הַשָּׁבוּעוֹת, תש"פ.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, לָאז אָפּ דַיין טָאכְטֶער; זִי אִיז שׁוֹין אַ גְרוֹיס מֵיידְל אוּן דוּ דַארְפְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְן אַז זִי זָאל לִיבּ הָאבְּן צוּ זַיין אֵיידְל, דוּ זָאלְסְט אִיר נָאר פְּרֵיילִיךְ מַאכְן, נָאר רֶעדְן שֵׁיין אוּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## שִׂמְחָה נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים[כה]

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַר-בְּחֻקּוֹתַי, י"ח אִיָּר, לַ"ג בָּעֹמֶר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

... תְּחִיֶ'

אַייעֶר טַאטֶע הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז אִיר בַּאקוּמְט אַסַאךְ חִזּוּק פוּן דִי שִׁעוּרִים אִין יְשִׁיבָה; אִיר מִיט נָאךְ מֵיידְלֶעךְ זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דִי חִזּוּק פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִיר זָאלְט זֶען צוּ זַיין פְּרֵיילִיךְ; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְּרֵיילִיךְ, "וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ", אוּן אַוֶועק נֶעמֶען פוּן זִיךְ דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת. "וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם, כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", אַלֶע מַחֲלוֹת אוּן קְרֶענְק וָואס קוּמֶען

כה. דֶער בְּרִיוו אִיז אַ הֶמְשֵׁךְ צוּם פְרִיעֶרְדִיגְן בְּרִיוו.

אוֹיפְן מֶענְטְשׁ קוּמְט נָאר צוּלִיבּ עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה. אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט וַוייטֶער: "וְגַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים הֶאֱרִיכוּ בָּזֶה, שֶׁכָּל הַחוֹלַאַת עַל יְדֵי מָרָה שְׁחֹרָה וְעַצְבוּת, וְהַשִּׂמְחָה הוּא רְפוּאָה גְּדוֹלָה", אוֹיךְ דִי דָאקְטוֹירִים זֶענֶען מוֹדֶה אַז אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן קְרֶענְק קוּמֶען פוּן נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרֶענְק; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ נֶעמְט עֶר אַוֶועק פוּן זִיךְ אַלֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים.

**הֶערְט** לֶעבֶּעדִיגֶע מוּזִיק יֶעדְן טָאג; טַאנְצְט אוּן שְׁפְּרִינְגְט אַז אִיר זֶענְט אַ אִיד.

**שְׁטַארְקְט** זִיךְ, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט אִיר טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁדוּךְ.

## תתקסב

### מֶעג מֶען הֶערְן דִי נִגוּנִים פוּן ר' שְׁלֹמֹה קַארְלִיבַּאךְ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ אוֹיף דֶעם וָואס אִיר נֶעמְט זִיךְ דִי מִי אוּן עֶנְטְפֶערְט שְׁאֵלוֹת פַאר יֶעדְן שׁוֹאֵל, וָואס אִיךְ גְלֵייבּ אַז דָאס קָאסְט אָפּ אַסַאךְ כֹּחַ. אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע שְׁאֵלָה וָואס שְׁטֶערְט מִיר שׁוֹין זֵייעֶר אַ לַאנְגֶע צַייט, אוּן וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט מִיר עֶנְטְפֶערְן.

פַאר בְּעֶרֶךְ אַ יָאר צוּרִיק בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אוֹיף אַ שַׁבָּת אִין צְפַת, אוּן אִיךְ הָאבּ דָארְט גֶעדַאוֶוענְט בַּיי אַ 'קַארְלִיבַּאךְ מִנְיָן', אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט זֵייעֶר אַ דֶערְהוֹיבֶּענֶעם טַעַם דָארְט, אִיךְ ווִיל צוּלֵייגְן אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעהַאלְטְן לוֹיט אַלֶע גִּדְרֵי הַהֲלָכָה, אוּן זַייט דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ

אָנְגְעהוֹיבְּן הֶערְן זַיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת אוּן נִגּוּנִים וָועלְכֶע הָאט מִיר גֶעטוֹישְׁט דִי גַאנְצֶע בְּלִיק אוֹיף דִי מַשְׁמָעוּת פוּן אַ אִיד אוּן פוּן שַׁבָּת וְכוּ', אִיךְ הָאבּ אָבֶּער אֵיין פְּרָאבְּלֶעם 'מֶען הָאט דָאךְ נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן אִים'?

אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעמִישְׁט, פוּן אֵיין זַייט וֶוער אִיךְ נֶענְטֶער צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אָבֶּער פוּן דִי צְוֵוייטֶע זַייט אִיז עֶר זֵייעֶר אָפְּגֶעפְּרֶעגְט בַּיי דִי חֲרֵדִי'שֶׁע וֶועלְט. אַ שְׁטִיק צַייט צוּרִיק הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה דֶערְמַאנְט ר' שְׁלֹמֹה אִיבֶּער זַיין שַׁיְיכוּת וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט צוּ מוֹהֲרַ"אשׂ, אוּן עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר אוֹיפְגֶעלֶעבְּט צוּ הֶערְן אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט אָפְּגֶעפְּרֶעגְט אַז אִיךְ הָאבּ לִיבּ זַיינֶע נִגּוּנִים. וָואלְט אִיךְ גֶעוָואלְט בֶּעטְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיר מַסְבִּיר זַיין אַבִּיסְל מֶער וָואס מוֹהֲרַ"אשׂ הָאט גֶעהַאלְטְן אִיבֶּער אִים אוּן צִי מֶען מֶעג טַאקֶע הֶערְן זַיינֶע נִגּוּנִים, וּבִפְרַט אַז דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אַז מֶען זָאל נִישְׁט הֶערְן נִגּוּנִים פוּן נִישְׁט עֶרְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן.

אַגַב, אִיךְ הָאבּ דִי וָואךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען פּוֹקֵד צוּ זַיין דֶעם צִיּוּן הַקָּדוֹשׁ פוּן מוֹהֲרַ"אשׂ צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל אִין מַיין לֶעבְּן, אַ נְסִיעָה אוֹיף וֶועלְכֶע אִיךְ הָאבּ פַארְבְּרֶענְגְט עֶלְף שָׁעָה, אַזוֹי אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א' - עֶרֶב יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, ה' סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעטוּן צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאט עֶר מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּם**

אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוֹיךְ פְּלֶעגְט עֶר פַּארְטֵיילְן קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָ"א"ש פַּאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ זֵיי צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אֵיינְמָאל** אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ אַ שֶׁבַע בְּרָכוֹת וָואס אִיז פָּארְגֶעקוּמֶען בַּיי מוֹהֲרָ"א"שׁ; בַּיי דִי סְעוּדָה הָאט מוֹהֲרָ"א"ש גֶעזִינְגֶען דִי נִגּוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער: "מְמַלֵא כָּל עַלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ כְּלַל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם", דֶער נִגּוּן הָאט מוֹהֲרָ"א"ש מְחַבֵּר גֶעוֶוען וֶוען עֶר הָאט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען אִין פֶּעלְדֶער אוּן אִין וֶועלְדֶער; מוֹהֲרָ"א"ש הָאט גֶע'חַזֶר'ט דִי וֶוערְטֶער זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, אַרַיין צוּ נֶעמֶען אִין זִיךְ אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט פַּארְהַאן אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז נִישְׁטָא וָואס מוֹרָא צוּ הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם וַוייל אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; נִישְׁטָא קַיין דוֹמֵם, נִישְׁטָא קַיין צוֹמֵחַ, קַיין חַי אוּן מְדַבֵּר, אַלֶעס אִיז נָאר אַ פַּארְשְׁטֶעלַאכְטְס פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ אוֹיסְבַּאהַאלְטְן אִין דִי וֶועלְט; דֶעמָאלְט הָאט מוֹהֲרָ"א"ש מְחַבֵּר גֶעוֶוען דֶעם בַּאקַאנְטְן תְּנוּעָה'לֶע.

**נָאכְדֶעם** וָואס מוֹהֲרָ"א"ש הָאט גֶעעֶנְדִיגְט זִינְגֶען דֶעם נִגּוּן בַּיי דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט מוֹהֲרָ"א"ש צִי עֶר קֶען מַאכְן אַ נִגּוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער אוּן עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ פְּרִישֶׁע תְּנוּעָה אוֹיף דִי וֶוערְטֶער; פוּן דֶעמָאלְט פְּלֶעגְט מוֹהֲרָ"א"ש שְׁטֶענְדִיג זִינְגֶען בֵּיידֶע תְּנוּעוֹת.

דִי סִבָּה פַארְוָואס מֶען הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן אִים אִיז גֶעוֶוען וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן דִי וֶועג ווי אַזוֹי עֶר פְלֶעגְט צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן וְכוּ' וְכוּ'; אָבֶּער חַס וְשָׁלוֹם צוּ זָאגְן אַז עֶר גֵייט אַרַיין אִין דִי כְּלַל פוּן אַ מְנַגֵן רָשָׁע (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ג). דוּ קֶענְסְט וַוייטֶער הֶערְן זַיינֶע נִגוּנִים.

**אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.**

## תתקסג

**דַארְף מֶען רֶעדְן שֵׁיין אוּן זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי קִינְדֶער?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דִי בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט יֶעדֶע וָואךְ, אִיךְ אוּן מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער לֵיינֶען יֶעדֶע וָואךְ דֶעם קוּנְטְרֵס "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה", מִיר זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶה דֶערְמִיט, אוּן מִיר פְּרוּבִּירְן צוּ לֶעבְּן אוֹיף דֶעם וֶועג, הַלְוַאי זָאל דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּן מֶער בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ אַ שְׁטִיקְל וִכּוּחַ מִיט מַיין וַוייבּ אִיבֶּער וֶוען מֶען בֶּעט עֶפֶּעס פוּן אַ קִינְד אוֹיבּ מֶען זָאל זָאגְן "בִּיטֶע" אוּן "יְיַשֶׁר כֹּחַ". אִיךְ הַאלְט אַז וֶוען עֶלְטֶערְן בֶּעטְן עֶפֶּעס פוּן אַ קִינְד דַארְף מֶען נִישְׁט בֶּעטְן מִיט "בִּיטֶע" אוּן מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט בַּאדַאנְקֶען, אָבֶּער מַיין וַוייבּ הַאלְט אַז יָא, ווִיל אִיךְ ווִיסְן וָואס דֶער רִיכְטִיגֶער וֶועג אִיז.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט וואוּנְטְשְׁן אַ מַזָל טוֹב צוּם גֶעבּוּרְט פוּן אַייעֶר אֵיינִיקְל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן פִיל אִידִישׁ נַחַת פוּן אַלֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ גֶעזוּנְטֶערְהֵייט. אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אוֹיף דִי בִּילְדֶער

פוּנֶעם בְּרִית אַז אִיר זֶענְט גֶעוֶוען "קְוואטֶער", הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶס אִיז דָא אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער עִנְיָן צוּ זַיין קְוואטֶער, אוּן וָואס אִיז דֶער עִנְיָן דֶערְפוּן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת נָשֹׂא א' - עֶרֶב יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, ה' סִיוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** פְרֵיי זִיךְ צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט חִזּוּק פוּן דִי בְּרִיוו; דוּ אוּן דַיין מִשְׁפָּחָה זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט דִי בְּרִיוו. וְויסְן זָאלְסְטוּ אַז דָאס וָואס שְׁטֵייט אִין דִי בְּרִיוו אִיז נִישְׁט מַיינְס, אַלֶעס אִיז גֶענוּמֶען פוּנֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ זַיין גַאנְץ לֶעבְּן. גְלֵייבּ מִיר, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ שְׁרַייבְּן מֶער, אִיךְ קוּם פָּשׁוּט נִישְׁט אָן צוּ שְׁרַייבְּן אוּן עֶנְטְפֶערְן אוֹיף אַלֶע בְּרִיוו וָואס וַוארְטְן אוֹיף אַן עֶנְטְפֶער.

**בְּנוֹגֵעַ** צִי מֶען דַארְף רֶעדְן שֵׁיין צוּ קִינְדֶער וְכוּ'; אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, קְרִיג זִיךְ נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ מִיט דַיין וַוייבּ, בִּפְרַט וֶוען זִי אִיז גֶערֶעכְט מִיטְן רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי קִינְדֶער. מֶען דַארְף רֶעדְן שֵׁיין צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאדַאנְקֶען אוּן זִיכֶער צוּ דִי קִינְדֶער, וַוייל ווִי אַזוֹי מֶען רֶעדְט

צוּ דִי קִינְדֶער אַזוֹי וֶועלְן זֵיי רֶעדְן צוּ אַנְדֶערֶע. קִינְדֶער מַאכְן נָאךְ זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן; אַז מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי שֵׁיין אוּן מֶען בַּאדַאנְקְט זִיךְ פַאר זֵיי, וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ רֶעדְן שֵׁיין צוּ אַנְדֶערֶע אוּן זִיךְ בַּאדַאנְקֶען. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוּכָּה נו:): "שׁוּתָא דִינוּקָא בְּשׁוּקָא, אוֹ דַאֲבוּהָ אוֹ דְאִימֵיהּ", וָואס אַ קִינְד רֶעדְט, אִיז עֶס אָדֶער פוּן דִי טַאטֶע אָדֶער פוּן דִי מַאמֶע; חִינוּךְ הֵייבְּט זִיךְ אָן בַּיי זִיךְ אַלֵיין, וִוי אַזוֹי דֶער מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ - וֶועלְן זַיינֶע קִינְדֶער אִים נָאכְמַאכְן. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא וַיִּשְׁלַח, ז) אוֹיפְן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית לד, א): "וַתֵּצֵא דִינָה בַּת לֵאָה", דִינָה אִיז אַרוֹיס פוּן שְׁטוּב זִיךְ דְרֵייעֶן אִין דִי גוֹי'אִישֶׁע גַאסְן, פַארְוָואס רוּפְט מֶען אִיר 'בַּת לֵאָה' - דִי טָאכְטֶער פוּן לֵאָה, פַארְוָואס נִישְׁט דִי טָאכְטֶער פוּן יַעֲקֹב? נָאר ווִיבַּאלְד זִי אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין דִי וֶועגְן פוּן אִיר מַאמֶע, זִי הָאט גֶעזֶען אִיר מַאמֶע אַרוֹיסְגֵיין אִין גַאס אִיז זִי אוֹיךְ אַרוֹיס אִין גַאס, פוּן דֶעם זֶעט מֶען וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן: "כְּאִמָּהּ, בִּתָּהּ", אַזוֹי וִוי דִי מַאמֶע פִירְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן זִיךְ דִי קִינְדֶער.

**קְרִיג** זִיךְ נִישְׁט מִיט דַיין וַוייבּ, מַאךְ נִישְׁט קַיין וִכּוּחִים.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אוּנְז זֵייעֶר אַסַאךְ זָאגְן: "מִיט אַ וַוייבּ גֵייט מֶען נִישְׁט אִין וִכּוּחִים"; בִּפְרָט אִין דַיין פַאל אִיז זִי דָאךְ גֶערֶעכְט, אַוַודַאי דַארְף מֶען זִיךְ בַּאדַאנְקֶען אוּן שֵׁיין רֶעדְן צוּ זֵיי.

**בְּנוֹגֵעַ** קְוָואטֶער וְכוּ'; עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן אַז דָאס אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן קְטֹרֶת (אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן [כְּרִיתוּת ו:] דֶער לָשׁוֹן פוּן קְטֹרֶת אִיז דָבָר שֶׁ'קּוֹטֵר' וְעוֹלֶה), הֱיוֹת

אַ בְּרִית אִיז אַזוֹי ווִי מַקְטִיר זַיין קְטֹרֶת, פוּן דֶעם אִיז דֶער וָוארְט קְוַואטֶער, אוּן עֶס אִיז דָא וָואס זָאגְן אַז קְוַואט-טֶער אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן כָּבוֹד - טִיר, אַז דֶער כִּיבּוּד אִיז בַּיים טִיר וֶוען מֶען בְּרֶענְגְט אַרַיין דֶעם קִינְד. עֶס זֶענֶען פַארְהַאן אַסַאךְ סְגֻלּוֹת אִין דֶעם, עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן אַז עֶס אִיז מְסוּגָל פַאר קִינְדֶער אוּן עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן אַז עֶס אִיז מְסוּגָל פַאר עֲשִׁירוּת.

**אַ** פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

סוֹד ה' לִירֵאָיו וּבְרִיתוֹ לְהוֹדִיעָם
זֶה שְׁמוֹ נָאֶה לוֹ

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

תִּקּוּן נוֹרָא וְנִפְלָא מְאֹד מְאֹד
לִכְלָלִיּוּת הַחֲטָאִים
וְהוּא פְּגַם הַבְּרִית, רַחֲמָנָא לִיצְלָן

וּמְסֻגָּל מְאֹד גַּם לְפַרְנָסָה וּלְהַצְלָחָה
בְּכָל הָעִנְיָנִים בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחָנִיּוּת
אַשְׁרֵי מִי שֶׁיֹּאמְרֵם בְּכָל יוֹם

יִסְּדוֹ תִּקְּנוֹ וְגִלּוֹ, וְצִוָּה לְפַרְסְמוֹ לְכָל יִשְׂרָאֵל
רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא אוֹר הַגָּנוּז וְהַצָּפוּן
בּוּצִינָא קַדִּישָׁא עִלָּאָה, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב
## זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

קרן הדפסה
היכל הקודש

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

טוב לומר זאת לפני אמירת העשרה מזמורים:

הֲרֵינִי מְקַשֵּׁר עַצְמִי בַּאֲמִירַת הָעֲשָׂרָה מִזְמוֹרִים אֵלּוּ לְכָל הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים שֶׁבְּדוֹרֵנוּ, וּלְכָל הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים שׁוֹכְנֵי עָפָר, קְדוֹשִׁים אֲשֶׁר בָּאָרֶץ הֵמָּה, וּבִפְרָט לְרַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ צַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה, רַבֵּנוּ **נַחְמָן בֶּן פֵיגָא**, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, שֶׁגִּלָּה תִּקּוּן זֶה.

לְכוּ נְרַנְּנָה לַיהֹוָה נָרִיעָה לְצוּר יִשְׁעֵנוּ: נְקַדְּמָה פָנָיו בְּתוֹדָה בִּזְמִירוֹת נָרִיעַ לוֹ: כִּי אֵל גָּדוֹל יְהֹוָה וּמֶלֶךְ גָּדוֹל עַל כָּל אֱלֹהִים:

קודם שיתחיל תהלים יאמר זה:

הֲרֵינִי מְזַמֵּן אֶת פִּי לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל וּלְשַׁבֵּחַ אֶת בּוֹרְאִי לְשֵׁם יִחוּד קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּהּ בִּדְחִילוּ וּרְחִימוּ עַל־יְדֵי הַהוּא טָמִיר וְנֶעְלָם בְּשֵׁם כָּל יִשְׂרָאֵל:

## טז.

**מִכְתָּם** לְדָוִד שָׁמְרֵנִי אֵל כִּי־חָסִיתִי בָךְ: אָמַרְתְּ לַיהֹוָה אֲדֹנָי אָתָּה, טוֹבָתִי בַּל־עָלֶיךָ: לִקְדוֹשִׁים אֲשֶׁר־בָּאָרֶץ הֵמָּה, וְאַדִּירֵי כָּל־חֶפְצִי־בָם: יִרְבּוּ עַצְּבוֹתָם אַחֵר מָהָרוּ, בַּל־אַסִּיךְ נִסְכֵּיהֶם מִדָּם, וּבַל־אֶשָּׂא אֶת־שְׁמוֹתָם עַל־שְׂפָתָי: יְהֹוָה מְנָת חֶלְקִי וְכוֹסִי, אַתָּה תּוֹמִיךְ גּוֹרָלִי: חֲבָלִים נָפְלוּ־לִי בַּנְּעִמִים, אַף־נַחֲלָת שָׁפְרָה עָלָי: אֲבָרֵךְ אֶת־יְהֹוָה אֲשֶׁר יְעָצָנִי, אַף לֵילוֹת יִסְּרוּנִי כִלְיוֹתָי: שִׁוִּיתִי יְהֹוָה לְנֶגְדִּי תָמִיד, כִּי מִימִינִי בַּל־אֶמּוֹט: לָכֵן שָׂמַח לִבִּי וַיָּגֶל כְּבוֹדִי, אַף־בְּשָׂרִי יִשְׁכֹּן לָבֶטַח: כִּי לֹא־תַעֲזֹב

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

נַפְשִׁי לִשְׁאוֹל, לֹא־תִתֵּן חֲסִידְךָ לִרְאוֹת שָׁחַת: תּוֹדִיעֵנִי אֹרַח חַיִּים שֹׂבַע שְׂמָחוֹת אֶת־פָּנֶיךָ נְעִמוֹת בִּימִינְךָ נֶצַח:

## לב.

לְדָוִד מַשְׂכִּיל, אַשְׁרֵי נְשׂוּי פֶּשַׁע כְּסוּי חֲטָאָה: אַשְׁרֵי־אָדָם, לֹא יַחְשֹׁב יְהוָה לוֹ עָוֹן, וְאֵין בְּרוּחוֹ רְמִיָּה: כִּי הֶחֱרַשְׁתִּי בָּלוּ עֲצָמָי, בְּשַׁאֲגָתִי כָּל־הַיּוֹם: כִּי יוֹמָם וָלַיְלָה תִּכְבַּד עָלַי יָדֶךָ, נֶהְפַּךְ לְשַׁדִּי בְּחַרְבֹנֵי קַיִץ סֶלָה: חַטָּאתִי אוֹדִיעֲךָ, וַעֲוֹנִי לֹא־כִסִּיתִי, אָמַרְתִּי אוֹדֶה עֲלֵי פְשָׁעַי לַיהוָה, וְאַתָּה נָשָׂאתָ עֲוֹן חַטָּאתִי סֶלָה: עַל זֹאת יִתְפַּלֵּל כָּל־חָסִיד אֵלֶיךָ לְעֵת מְצֹא, רַק לְשֵׁטֶף מַיִם רַבִּים אֵלָיו לֹא יַגִּיעוּ: אַתָּה סֵתֶר לִי*) מִצַּר תִּצְּרֵנִי רָנֵּי פַלֵּט תְּסוֹבְבֵנִי סֶלָה: אַשְׂכִּילְךָ וְאוֹרְךָ בְּדֶרֶךְ זוּ תֵלֵךְ אִיעֲצָה עָלֶיךָ עֵינִי: אַל תִּהְיוּ כְּסוּס כְּפֶרֶד אֵין הָבִין בְּמֶתֶג־וָרֶסֶן עֶדְיוֹ לִבְלוֹם בַּל קְרֹב אֵלֶיךָ: רַבִּים מַכְאוֹבִים לָרָשָׁע, וְהַבּוֹטֵחַ בַּיהוָה חֶסֶד יְסוֹבְבֶנּוּ: שִׂמְחוּ בַיהוָה וְגִילוּ צַדִּיקִים וְהַרְנִינוּ כָּל־יִשְׁרֵי־לֵב:

## מא.

לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד: אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל־דָּל בְּיוֹם רָעָה יְמַלְּטֵהוּ יְהוָה: יְהוָה יִשְׁמְרֵהוּ וִיחַיֵּהוּ וְאֻשַּׁר בָּאָרֶץ, וְאַל תִּתְּנֵהוּ בְּנֶפֶשׁ אֹיְבָיו: יְהוָה יִסְעָדֶנּוּ עַל עֶרֶשׂ דְּוָי. כָּל מִשְׁכָּבוֹ הָפַכְתָּ בְחָלְיוֹ: אֲנִי־אָמַרְתִּי יְהוָה חָנֵּנִי, רְפָאָה נַפְשִׁי כִּי חָטָאתִי לָךְ: אוֹיְבַי יֹאמְרוּ רַע לִי מָתַי יָמוּת וְאָבַד שְׁמוֹ: וְאִם־בָּא לִרְאוֹת,

---

אחר 'אתה סתר לי' - צריך להפסיק מעט (עיין בלקו"מ ח"א סי' רי"ג)

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

שָׁוְא יְדַבֵּר, לִבּוֹ יִקְבָּץ־אָוֶן לוֹ, יֵצֵא לַחוּץ יְדַבֵּר: יַחַד עָלַי יִתְלַחֲשׁוּ כָּל־שֹׂנְאָי, עָלַי יַחְשְׁבוּ רָעָה לִי: דְּבַר־בְּלִיַּעַל יָצוּק בּוֹ, וַאֲשֶׁר שָׁכַב לֹא־יוֹסִיף לָקוּם: גַּם־אִישׁ שְׁלוֹמִי אֲשֶׁר־בָּטַחְתִּי בוֹ, אוֹכֵל לַחְמִי, הִגְדִּיל עָלַי עָקֵב: וְאַתָּה יְהֹוָה חָנֵּנִי וַהֲקִימֵנִי, וַאֲשַׁלְּמָה לָהֶם: בְּזֹאת יָדַעְתִּי כִּי־חָפַצְתָּ בִּי, כִּי לֹא־יָרִיעַ אֹיְבִי עָלָי: וַאֲנִי, בְּתֻמִּי, תָּמַכְתָּ בִּי, וַתַּצִּיבֵנִי לְפָנֶיךָ לְעוֹלָם: בָּרוּךְ יְהֹוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל מֵהָעוֹלָם וְעַד הָעוֹלָם אָמֵן וְאָמֵן:

## מב.

לַמְנַצֵּחַ מַשְׂכִּיל לִבְנֵי קֹרַח: כְּאַיָּל תַּעֲרֹג עַל־אֲפִיקֵי־מָיִם, כֵּן נַפְשִׁי תַעֲרֹג אֵלֶיךָ אֱלֹהִים: צָמְאָה נַפְשִׁי לֵאלֹהִים לְאֵל חָי, מָתַי אָבוֹא וְאֵרָאֶה פְּנֵי אֱלֹהִים: הָיְתָה לִּי דִמְעָתִי לֶחֶם יוֹמָם וָלָיְלָה בֶּאֱמֹר אֵלַי כָּל הַיּוֹם, אַיֵּה אֱלֹהֶיךָ: אֵלֶּה אֶזְכְּרָה וְאֶשְׁפְּכָה עָלַי נַפְשִׁי, כִּי אֶעֱבֹר בַּסָּךְ, אֶדַּדֵּם עַד־בֵּית אֱלֹהִים בְּקוֹל־רִנָּה וְתוֹדָה, הָמוֹן חוֹגֵג: מַה־תִּשְׁתּוֹחֲחִי נַפְשִׁי וַתֶּהֱמִי עָלָי הוֹחִלִי לֵאלֹהִים כִּי עוֹד אוֹדֶנּוּ יְשׁוּעוֹת פָּנָיו: אֱלֹהַי, עָלַי נַפְשִׁי תִשְׁתּוֹחָח עַל־כֵּן אֶזְכָּרְךָ מֵאֶרֶץ יַרְדֵּן, וְחֶרְמוֹנִים, מֵהַר מִצְעָר: תְּהוֹם־אֶל־תְּהוֹם קוֹרֵא לְקוֹל צִנּוֹרֶיךָ, כָּל מִשְׁבָּרֶיךָ וְגַלֶּיךָ עָלַי עָבָרוּ: יוֹמָם יְצַוֶּה יְהֹוָה חַסְדּוֹ וּבַלַּיְלָה שִׁירֹה עִמִּי, תְּפִלָּה לְאֵל חַיָּי: אוֹמְרָה לְאֵל סַלְעִי לָמָה שְׁכַחְתָּנִי, לָמָּה־קֹדֵר אֵלֵךְ, בְּלַחַץ אוֹיֵב: בְּרֶצַח בְּעַצְמוֹתַי חֵרְפוּנִי צוֹרְרָי, בְּאָמְרָם אֵלַי כָּל הַיּוֹם אַיֵּה אֱלֹהֶיךָ: מַה־תִּשְׁתּוֹחֲחִי נַפְשִׁי וּמַה־תֶּהֱמִי עָלָי הוֹחִילִי לֵאלֹהִים כִּי־עוֹד אוֹדֶנּוּ, יְשׁוּעֹת פָּנַי וֵאלֹהָי:

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

## נט.

לַמְנַצֵּחַ אַל תַּשְׁחֵת לְדָוִד מִכְתָּם, בִּשְׁלֹחַ שָׁאוּל וַיִּשְׁמְרוּ
אֶת־הַבַּיִת לַהֲמִיתוֹ: הַצִּילֵנִי מֵאֹיְבַי אֱלֹהָי, מִמִּתְקוֹמְמַי
תְּשַׂגְּבֵנִי: הַצִּילֵנִי מִפֹּעֲלֵי אָוֶן וּמֵאַנְשֵׁי דָמִים הוֹשִׁיעֵנִי: כִּי הִנֵּה
אָרְבוּ לְנַפְשִׁי יָגוּרוּ עָלַי עַזִּים, לֹא־פִשְׁעִי וְלֹא־חַטָּאתִי יְהוָה:
בְּלִי־עָוֹן יְרֻצוּן וְיִכּוֹנָנוּ, עוּרָה לִקְרָאתִי וּרְאֵה: וְאַתָּה יְהוָה־אֱלֹהִים
צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל, הָקִיצָה לִפְקֹד כָּל־הַגּוֹיִם אַל־תָּחֹן כָּל־בֹּגְדֵי
אָוֶן סֶלָה: יָשׁוּבוּ לָעֶרֶב יֶהֱמוּ כַכָּלֶב, וִיסוֹבְבוּ עִיר: הִנֵּה יַבִּיעוּן
בְּפִיהֶם, חֲרָבוֹת בְּשִׂפְתוֹתֵיהֶם, כִּי־מִי שֹׁמֵעַ: וְאַתָּה יְהוָה תִּשְׂחַק־
לָמוֹ, תִּלְעַג לְכָל־גּוֹיִם: עֻזּוֹ, אֵלֶיךָ אֶשְׁמֹרָה, כִּי אֱלֹהִים מִשְׂגַּבִּי:
אֱלֹהֵי חַסְדִּי יְקַדְּמֵנִי אֱלֹהִים יַרְאֵנִי בְשֹׁרְרָי: אַל־תַּהַרְגֵם פֶּן־יִשְׁכְּחוּ
עַמִּי, הֲנִיעֵמוֹ בְחֵילְךָ וְהוֹרִידֵמוֹ, מָגִנֵּנוּ אֲדֹנָי: חַטַּאת־פִּימוֹ דְּבַר־
שְׂפָתֵימוֹ וְיִלָּכְדוּ בִגְאוֹנָם, וּמֵאָלָה וּמִכַּחַשׁ יְסַפֵּרוּ: כַּלֵּה בְחֵמָה,
כַּלֵּה וְאֵינֵמוֹ וְיֵדְעוּ כִּי־אֱלֹהִים מֹשֵׁל בְּיַעֲקֹב, לְאַפְסֵי הָאָרֶץ
סֶלָה: וְיָשֻׁבוּ לָעֶרֶב יֶהֱמוּ כַכָּלֶב, וִיסוֹבְבוּ עִיר: הֵמָּה יְנִיעוּן
לֶאֱכֹל, אִם־לֹא יִשְׂבְּעוּ וַיָּלִינוּ: וַאֲנִי אָשִׁיר עֻזֶּךָ, וַאֲרַנֵּן לַבֹּקֶר
חַסְדֶּךָ, כִּי־הָיִיתָ מִשְׂגָּב לִי, וּמָנוֹס, בְּיוֹם צַר־לִי: עֻזִּי אֵלֶיךָ
אֲזַמֵּרָה, כִּי־אֱלֹהִים מִשְׂגַּבִּי אֱלֹהֵי חַסְדִּי:

## עז.

לַמְנַצֵּחַ עַל־יְדוּתוּן לְאָסָף מִזְמוֹר: קוֹלִי*) אֶל־אֱלֹהִים וְאֶצְעָקָה,
קוֹלִי אֶל־אֱלֹהִים וְהַאֲזִין אֵלָי: בְּיוֹם צָרָתִי אֲדֹנָי דָּרָשְׁתִּי,

באמרך 'אל אלהים' תכוון המילוי כזה: אל"ף למ"ד אל"ף למ"ד ה"י יו"ד מ"ם

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

יָדִי לַיְלָה נִגְּרָה וְלֹא תָפוּג מֵאֲנָה הִנָּחֵם נַפְשִׁי: אֶזְכְּרָה אֱלֹהִים וְאֶהֱמָיָה, אָשִׂיחָה, וְתִתְעַטֵּף רוּחִי סֶלָה: אָחַזְתָּ שְׁמֻרוֹת עֵינָי, נִפְעַמְתִּי וְלֹא אֲדַבֵּר: חִשַּׁבְתִּי יָמִים מִקֶּדֶם, שְׁנוֹת עוֹלָמִים: אֶזְכְּרָה נְגִינָתִי בַּלָּיְלָה, עִם־לְבָבִי אָשִׂיחָה, וַיְחַפֵּשׂ רוּחִי: הַלְעוֹלָמִים יִזְנַח אֲדֹנָי וְלֹא־יֹסִיף לִרְצוֹת עוֹד: הֶאָפֵס לָנֶצַח חַסְדּוֹ, גָּמַר אֹמֶר לְדֹר וָדֹר: הֲשָׁכַח חַנּוֹת אֵל, אִם־קָפַץ בְּאַף רַחֲמָיו סֶלָה: וָאֹמַר חַלּוֹתִי הִיא, שְׁנוֹת יְמִין עֶלְיוֹן: אֶזְכּוֹר מַעַלְלֵי יָהּ, כִּי אֶזְכְּרָה מִקֶּדֶם פִּלְאֶךָ: וְהָגִיתִי בְכָל־פָּעֳלֶךָ וּבַעֲלִילוֹתֶיךָ אָשִׂיחָה: אֱלֹהִים בַּקֹּדֶשׁ דַּרְכֶּךָ, מִי־אֵל גָּדוֹל כֵּאלֹהִים: אַתָּה הָאֵל עֹשֵׂה פֶלֶא הוֹדַעְתָּ בָעַמִּים עֻזֶּךָ: גָּאַלְתָּ בִּזְרוֹעַ עַמֶּךָ, בְּנֵי יַעֲקֹב וְיוֹסֵף סֶלָה: רָאוּךָ מַּיִם אֱלֹהִים, רָאוּךָ מַּיִם יָחִילוּ אַף יִרְגְּזוּ תְהֹמוֹת: זֹרְמוּ מַיִם עָבוֹת קוֹל נָתְנוּ שְׁחָקִים, אַף־חֲצָצֶיךָ יִתְהַלָּכוּ: קוֹל רַעַמְךָ בַּגַּלְגַּל, הֵאִירוּ בְרָקִים תֵּבֵל, רָגְזָה וַתִּרְעַשׁ הָאָרֶץ: בַּיָּם דַּרְכֶּךָ וּשְׁבִילְךָ בְּמַיִם רַבִּים, וְעִקְּבוֹתֶיךָ לֹא נֹדָעוּ: נָחִיתָ כַצֹּאן עַמֶּךָ, בְּיַד מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן:

## צ.

**תְּפִלָּה** לְמֹשֶׁה אִישׁ הָאֱלֹהִים אֲדֹנָי מָעוֹן אַתָּה הָיִיתָ לָּנוּ בְּדֹר וָדֹר: בְּטֶרֶם הָרִים יֻלָּדוּ וַתְּחוֹלֵל אֶרֶץ וְתֵבֵל, וּמֵעוֹלָם עַד־עוֹלָם אַתָּה אֵל: תָּשֵׁב אֱנוֹשׁ עַד־דַּכָּא, וַתֹּאמֶר שׁוּבוּ בְנֵי־אָדָם: כִּי אֶלֶף שָׁנִים בְּעֵינֶיךָ כְּיוֹם אֶתְמוֹל כִּי יַעֲבֹר, וְאַשְׁמוּרָה בַלָּיְלָה: זְרַמְתָּם, שֵׁנָה יִהְיוּ, בַּבֹּקֶר כֶּחָצִיר יַחֲלֹף: בַּבֹּקֶר יָצִיץ וְחָלָף, לָעֶרֶב יְמוֹלֵל וְיָבֵשׁ: כִּי כָלִינוּ בְאַפֶּךָ, וּבַחֲמָתְךָ נִבְהָלְנוּ: שַׁתָּ עֲוֹנֹתֵינוּ לְנֶגְדֶּךָ עֲלֻמֵנוּ לִמְאוֹר פָּנֶיךָ:

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

כִּי כָל־יָמֵינוּ פָּנוּ בְעֶבְרָתֶךָ כִּלִּינוּ שָׁנֵינוּ כְמוֹ־הֶגֶה: יְמֵי שְׁנוֹתֵינוּ בָהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה, וְאִם בִּגְבוּרֹת שְׁמוֹנִים שָׁנָה, וְרָהְבָּם עָמָל וָאָוֶן, כִּי גָז חִישׁ וַנָּעֻפָה: מִי יוֹדֵעַ עֹז אַפֶּךָ, וּכְיִרְאָתְךָ עֶבְרָתֶךָ: לִמְנוֹת יָמֵינוּ כֵּן הוֹדַע, וְנָבִא לְבַב חָכְמָה: שׁוּבָה יְהוָֹה עַד־מָתָי וְהִנָּחֵם עַל עֲבָדֶיךָ: שַׂבְּעֵנוּ בַבֹּקֶר חַסְדֶּךָ, וּנְרַנְּנָה וְנִשְׂמְחָה בְּכָל־יָמֵינוּ: שַׂמְּחֵנוּ כִּימוֹת עִנִּיתָנוּ, שְׁנוֹת רָאִינוּ רָעָה: יֵרָאֶה אֶל־עֲבָדֶיךָ פָעֳלֶךָ וַהֲדָרְךָ עַל בְּנֵיהֶם: וִיהִי נֹעַם אֲדֹנָי אֱלֹהֵינוּ עָלֵינוּ, וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנָה עָלֵינוּ, וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנֵהוּ:

# קה.

הוֹדוּ לַיהוָֹה קִרְאוּ בִּשְׁמוֹ הוֹדִיעוּ בָעַמִּים עֲלִילוֹתָיו: שִׁירוּ לוֹ זַמְּרוּ־לוֹ שִׂיחוּ בְּכָל נִפְלְאוֹתָיו: הִתְהַלְלוּ בְּשֵׁם קָדְשׁוֹ יִשְׂמַח לֵב מְבַקְשֵׁי יְהוָֹה: דִּרְשׁוּ יְהוָֹה וְעֻזּוֹ בַּקְּשׁוּ פָנָיו תָּמִיד: זִכְרוּ נִפְלְאוֹתָיו אֲשֶׁר עָשָׂה, מֹפְתָיו וּמִשְׁפְּטֵי־פִיו: זֶרַע אַבְרָהָם עַבְדּוֹ בְּנֵי יַעֲקֹב בְּחִירָיו: הוּא יְהוָֹה אֱלֹהֵינוּ בְּכָל־הָאָרֶץ מִשְׁפָּטָיו: זָכַר לְעוֹלָם בְּרִיתוֹ דָּבָר צִוָּה לְאֶלֶף דּוֹר: אֲשֶׁר כָּרַת אֶת אַבְרָהָם וּשְׁבוּעָתוֹ לְיִשְׂחָק: וַיַּעֲמִידֶהָ לְיַעֲקֹב לְחֹק לְיִשְׂרָאֵל בְּרִית עוֹלָם: לֵאמֹר לְךָ אֶתֵּן אֶת אֶרֶץ כְּנָעַן חֶבֶל נַחֲלַתְכֶם: בִּהְיוֹתָם מְתֵי מִסְפָּר כִּמְעַט וְגָרִים בָּהּ: וַיִּתְהַלְּכוּ מִגּוֹי אֶל גּוֹי מִמַּמְלָכָה אֶל־עַם אַחֵר: לֹא הִנִּיחַ אָדָם לְעָשְׁקָם וַיּוֹכַח עֲלֵיהֶם מְלָכִים: אַל תִּגְּעוּ בִמְשִׁיחָי וְלִנְבִיאַי אַל תָּרֵעוּ: וַיִּקְרָא רָעָב עַל־הָאָרֶץ כָּל מַטֵּה־לֶחֶם שָׁבָר: שָׁלַח לִפְנֵיהֶם אִישׁ לְעֶבֶד נִמְכַּר יוֹסֵף: עִנּוּ בַכֶּבֶל רַגְלוֹ בַּרְזֶל בָּאָה נַפְשׁוֹ: עַד עֵת בֹּא דְבָרוֹ אִמְרַת יְהוָֹה צְרָפָתְהוּ: שָׁלַח מֶלֶךְ וַיַּתִּירֵהוּ

מֹשֵׁל עַמִּים וַיְפַתְּחֵהוּ׃ שָׂמוֹ אָדוֹן לְבֵיתוֹ וּמֹשֵׁל בְּכָל־קִנְיָנוֹ׃ לֶאְסֹר שָׂרָיו בְּנַפְשׁוֹ וּזְקֵנָיו יְחַכֵּם׃ וַיָּבֹא יִשְׂרָאֵל מִצְרָיִם וְיַעֲקֹב גָּר בְּאֶרֶץ־חָם׃ וַיֶּפֶר אֶת־עַמּוֹ מְאֹד וַיַּעֲצִמֵהוּ מִצָּרָיו׃ הָפַךְ לִבָּם לִשְׂנֹא עַמּוֹ לְהִתְנַכֵּל בַּעֲבָדָיו׃ שָׁלַח מֹשֶׁה עַבְדּוֹ אַהֲרֹן אֲשֶׁר בָּחַר בּוֹ׃ שָׂמוּ־בָם דִּבְרֵי אֹתוֹתָיו, וּמֹפְתִים בְּאֶרֶץ חָם׃ שָׁלַח חֹשֶׁךְ וַיַּחְשִׁךְ וְלֹא מָרוּ אֶת דְּבָרוֹ׃ הָפַךְ אֶת מֵימֵיהֶם לְדָם וַיָּמֶת אֶת דְּגָתָם׃ שָׁרַץ אַרְצָם צְפַרְדְּעִים בְּחַדְרֵי מַלְכֵיהֶם׃ אָמַר וַיָּבֹא עָרֹב כִּנִּים בְּכָל גְּבוּלָם׃ נָתַן גִּשְׁמֵיהֶם בָּרָד, אֵשׁ לֶהָבוֹת בְּאַרְצָם׃ וַיַּךְ גַּפְנָם וּתְאֵנָתָם, וַיְשַׁבֵּר עֵץ גְּבוּלָם׃ אָמַר וַיָּבֹא אַרְבֶּה, וְיֶלֶק וְאֵין מִסְפָּר׃ וַיֹּאכַל כָּל־עֵשֶׂב בְּאַרְצָם, וַיֹּאכַל פְּרִי אַדְמָתָם׃ וַיַּךְ כָּל בְּכוֹר בְּאַרְצָם, רֵאשִׁית לְכָל־אוֹנָם׃ וַיּוֹצִיאֵם בְּכֶסֶף וְזָהָב וְאֵין בִּשְׁבָטָיו כּוֹשֵׁל׃ שָׂמַח מִצְרַיִם בְּצֵאתָם, כִּי־נָפַל פַּחְדָּם עֲלֵיהֶם׃ פָּרַשׂ עָנָן לְמָסָךְ, וְאֵשׁ לְהָאִיר לָיְלָה׃ שָׁאַל וַיָּבֵא שְׂלָיו וְלֶחֶם שָׁמַיִם יַשְׂבִּיעֵם׃ פָּתַח צוּר וַיָּזוּבוּ מָיִם, הָלְכוּ בַּצִּיּוֹת נָהָר׃ כִּי זָכַר אֶת־דְּבַר קָדְשׁוֹ, אֶת־אַבְרָהָם עַבְדּוֹ׃ וַיּוֹצִא עַמּוֹ בְשָׂשׂוֹן, בְּרִנָּה אֶת בְּחִירָיו׃ וַיִּתֵּן לָהֶם אַרְצוֹת גּוֹיִם, וַעֲמַל לְאֻמִּים יִירָשׁוּ׃ בַּעֲבוּר יִשְׁמְרוּ חֻקָּיו וְתוֹרֹתָיו יִנְצֹרוּ, הַלְלוּיָהּ׃

# קלז.

עַל נַהֲרוֹת בָּבֶל שָׁם יָשַׁבְנוּ, גַּם־בָּכִינוּ בְּזָכְרֵנוּ אֶת־צִיּוֹן׃ עַל עֲרָבִים בְּתוֹכָהּ תָּלִינוּ כִּנֹּרוֹתֵינוּ׃ כִּי שָׁם שְׁאֵלוּנוּ שׁוֹבֵינוּ דִּבְרֵי־שִׁיר, וְתוֹלָלֵינוּ שִׂמְחָה, שִׁירוּ לָנוּ מִשִּׁיר צִיּוֹן׃ אֵיךְ נָשִׁיר אֶת־שִׁיר יְהוָה, עַל אַדְמַת נֵכָר׃ אִם־אֶשְׁכָּחֵךְ יְרוּשָׁלָיִם תִּשְׁכַּח

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

יְמִינִי: תִּדְבַּק לְשׁוֹנִי לְחִכִּי, אִם לֹא אֶזְכְּרֵכִי, אִם־לֹא אַעֲלֶה אֶת יְרוּשָׁלִַם עַל רֹאשׁ שִׂמְחָתִי: זְכֹר יְהֹוָה לִבְנֵי אֱדוֹם אֵת יוֹם יְרוּשָׁלָיִם, הָאֹמְרִים עָרוּ עָרוּ עַד הַיְסוֹד בָּהּ: בַּת־בָּבֶל הַשְּׁדוּדָה, אַשְׁרֵי שֶׁיְשַׁלֶּם־לָךְ אֶת־גְּמוּלֵךְ שֶׁגָּמַלְתְּ לָנוּ: אַשְׁרֵי, שֶׁיֹּאחֵז וְנִפֵּץ אֶת־עֹלָלַיִךְ אֶל הַסָּלַע:

# קנ.

הַלְלוּיָהּ, הַלְלוּ־אֵל בְּקָדְשׁוֹ, הַלְלוּהוּ בִּרְקִיעַ עֻזּוֹ: הַלְלוּהוּ בִגְבוּרֹתָיו, הַלְלוּהוּ כְּרֹב גֻּדְלוֹ: הַלְלוּהוּ בְּתֵקַע שׁוֹפָר הַלְלוּהוּ בְּנֵבֶל וְכִנּוֹר: הַלְלוּהוּ בְתֹף וּמָחוֹל, הַלְלוּהוּ בְּמִנִּים וְעֻגָב: הַלְלוּהוּ בְצִלְצְלֵי־שָׁמַע, הַלְלוּהוּ בְּצִלְצְלֵי תְרוּעָה: כֹּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל יָהּ, הַלְלוּיָהּ:

**אחר שסיים תהלים, יאמר שלשה פסוקים אלו:**

מִי יִתֵּן מִצִּיּוֹן יְשׁוּעַת יִשְׂרָאֵל בְּשׁוּב יְהֹוָה שְׁבוּת עַמּוֹ יָגֵל יַעֲקֹב יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל: וּתְשׁוּעַת צַדִּיקִים מֵיְהֹוָה מָעֻזָּם בְּעֵת צָרָה: וַיַּעְזְרֵם יְהֹוָה וַיְפַלְּטֵם, יְפַלְּטֵם מֵרְשָׁעִים וְיוֹשִׁיעֵם כִּי חָסוּ בוֹ:

# מהדורת האלצער

זכות מהדורת
הספר הקדוש הזה
יקרא על שם הנדיב היקר
**ישעיה בנימין האלצער**
נרו יאיר ויזרח
וזוגתו **מרים יוטל** תחי'

הקדוש ברוך הוא ימלא
כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא
וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים
יגן וימליץ בעדם תמיד,
אמן כן יהי רצון

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

**יעקב יוחנן איידלים**

וזוגתו

**רבקה מירל**

ובתם

**חי' אסתר**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

**אברהם יצחק**
**אייזנער**

וזוגתו

**בילא**

וילדיהם

**יואל, פיגא**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

**משה מרדכי**
**איינהארן**

וזוגתו

**בלומא יוכבד**

ובנם

**נחמן נתן**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

**שאול חיים**
**איינהארן**

וזוגתו

**מרים ברײנא**

וילדיהם

**יואל יוסף** ומשפ', **נתן נחום** ומשפ' **מאיר שלמה** ומשפ', **יקותיאל יהודה** ומשפ', **שמעון** ומשפ', **משה מרדכי** ומשפ', **נחמן יושע, גנעסא חנה גאלדא**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני
רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

**אשר דוב אינדארסקי**
וזוגתו
**טויבא רבקה**
וילדיהם
**אליעזר שלמה, שמעון,**
**אדל, חי' דבורה, נפתלי**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

רפואה שלימה

עבור

**יואל** בן **דבורה אסתר**

הקדוש ברוך הוא ישלח לו
רפואה שלימה לכל רמ"ח
איבריו ושס"ה גידיו,
ויאריך ימים בבריאות השלמה
בטוב ובנעימים

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

**העניך יצחק אינדיג**
וזוגתו
**רוזה רבקה**
וילדיהם
**ליבא רחל, נחמן נתן,**
**אליעזר שלמה, הלל**
**מרדכי, שרה אסתר**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

**שלום אליהו אינדיג**
וזוגתו
**איידא**
וילדיהם
**יצחק, משולם פייש,**
**רייזל לאה, פיגא, יחיאל**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

מנשה איצקאוויטש
וזוגתו חיה שבע
וילדיהם שמואל דוד, ישראל יוסף,
רויזא בלומא, פיגא, צבי דוב,
אברהם קלונימוס

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

יזכור אלקים את נשמת אבי מורי
ר' צבי דוב בן ר' אברהם משה הלוי
תהא נשמתו צרורה בצרור החיים

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

נחתן נתן בוים
וזוגתו
סימא
וילדיהם
אליעזר שלמה, חיים, פיגא,
קריינדל

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

שמואל אליהו בלעדי
וזוגתו
חי' ביילא
וילדיהם
ברכה, סימא לאה, שמעון יואל

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני
רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת
דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

שלמה זאב בריסק
הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבו לטובה
ויתברך מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
אמן כן יהי רצון

לעילוי נשמת
ר' שאול בן ר' שלמה
וזוגתו בריינדל בת אלטע עטיע
ולעילוי נשמת
אלטע עטיע בת ר' נתן נטע
ת.נ.צ.ב.ה.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**מרדכי אהרן חיים**
**היילפרין**

וזוגתו

**יוטא פערל**

וילדיהם

**נתנאל, יחזקאל שרגא,**
**חי' אסתר, נחמן נתן**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני
רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**ישראל דוד העסקל**

וזוגתו

**שרה**

וילדיהם

**נפתלי, מרדכי, יהודית**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני
רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**לעילוי נשמת**

**צבי הירש** בן **בנימין אייזיק**

נפטר א' אדר

וזוגתו

**רחל לאה** בת **יעקב דוד**

נפטרה ד' אלול

**ת.נ.צ.ב.ה.**

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יצחק אהרן וויינבערג**

וזוגתו

**אסתר**

וילדיהם

**נחמן נתן, רחל לאה, שושנה**
**פיגא, פרידא מלכה, שרה,**
**ראובן יואל**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני
רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

**הספר הקדוש הזה נדפס**

**הלל וייס**

וזוגתו

**שרה רבקה**

וילדיהם

**סאביל, נחמן נתן,**

**אליעזר שלמה**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

**נח צבי וייס**

וזוגתו

**רחל לאה**

ובנם

**נחמן נתן**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

**לוי יצחק זאפיר**

וזוגתו

**דבורה**

וילדיהם

**חיים צבי, אליעזר שלמה**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

**אברהם אליהו**

**זעלקאוויטש**

וזוגתו

**ריסא**

ובתם

**אדל**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**מרדכי יהודה טירנויער**

וזוגתו

**הינדא ריקל**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**דוד טשינגל**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבו לטובה
ויתברך מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**בן ציון אשר**
**יאקאבאוויטש**

וזוגתו

**חנה**

וילדיהם

**פיגא, הינדא רחל, נחמן נתן**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**נחמן שמואל**
**יאקאבאוויטש**

וזוגתו

**אסתר**

וילדיהם

**שלום, חיים מאיר, לאה, מלכה,**
**פיגא, הינדא רחל, אברהם**
**יהודה, איידל**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

יעקב דוב כהן
וזוגתו
מרים
וילדיהם
יוסף שלמה, דוד שמואל שמעלקא, חי' רחל, רבקה רייזל, שרה, אליעזר, יואל בכור

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

יהודה ארי' לייב ליבערמאן
וזוגתו
אסתר דאבה
וילדיהם
מלכה רבקה, משה טובי', עמנואל צבי אלימלך, שמחה בונים

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

יואל מארקאוויטש
וזוגתו
גענענדל יוטל
וילדיהם
צירל שבע, ריזא, מלכה, שפרה

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

הרוצה בעילום שמו

הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות לבו לטובה ויתברך מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

ישראל יחיאל
**סאמעט**
וזוגתו
**מלכה**
וילדיהם
**יואל, לאה**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**זאב סרולאוויטש**
וזוגתו
**מרים**
וילדיהם
**חנה חי', מרדכי, פיגא**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**משולם נחמן פינטער**
וזוגתו
**תמר**
וילדיהם
**פיגא, אסתר, אדל**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אברהם מרדכי**
**פיש**
וזוגתו
**שרה**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יעקב שאול פיש**

וזוגתו

**שרה**

וילדיהם

**אליעזר שלמה, מירל**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**משולם פייש**
**פעלבערבוים**

וזוגתו

**באשא הדס**

וילדיהם

**יענטע חי' דבורה** ומשפ',
**שפרה ליבא** ומשפ',
**שלום אליהו, אלעזר ארי',**
**מירל, בנימין זאב, מאיר**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אפרים פעלדמאן**

וזוגתו

**טשארנא מלכה**

ובתם

**יוטא**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יצחק פעלדמאן**

וזוגתו

**רחל**

ובתם

**אדל**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

ברוך משולם זושא
פריעדמאן
וזוגתו
חי' שרה
וילדיהם
אלעזר ישעי', שלום יעקב
יהושע, ישראל מנחם
הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

שאול יחזקאל שרגא
פריעדמאן
הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבו לטובה
ויתברך מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

אברהם אליהו פריעדריך
וזוגתו
שרה הענטשא
וילדיהם
ישראל, יוסף, חי' פיגא,
נחמן נתן
הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

אליהו ציג
וזוגתו
מלכה
וילדיהם
יכט, יוסף, שרה פיגא
הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות
אברהם אליהו קנאלל
וזוגתו
פיגא
וילדיהם
מלכה, ישראל, אליעזר שלמה
הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות
נחמן נתן קרויס
וזוגתו
מרים חי'
וילדיהם
אליעזר שלמה, אברהם
מאיר, פיגא, נעכא
הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות
יצחק אייזיק
ראזענבוים
וזוגתו
פערל טויבא
ובתם
פיגא
הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות
ישראל מנחם
ראזענבערג
וזוגתו
לאה
הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבו לטובה
ויתברך מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יואל שרגא פייוול**
**ראזענוואסער**
וזוגתו
**רבקה**
וילדיהם
**יוסף, משה, אלטר ישעי'**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**מרדכי ישראל משה**
**ראזענפעלד**
וזוגתו
**רויזא רבקה**
וילדיהם
**יוסף אשר, חנה, יקותיאל**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יהודה ארי' ראטה**
וזוגתו
**רחל**
ובנם
**יוסף**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יצחק אייזיק ראטה**
וזוגתו
**ברכה רייזל**
ובנם
**יעקב יהודה**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

**יצחק אייזיק ראטה**
וזוגתו
**פיגא יוטא**
וילדיהם
**גיטל, יואל, עמרם, סערל, יחזקאל**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל
משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון בבני חיי
ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת
דקדושה מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

**שלמה רוטה**
וזוגתו
**פריידא הענדל גיטל**
וילדיהם
**נחמן נתן, מלכה, יחזקאל**
הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

**אהרן שלמה שווארץ**
וזוגתו
**מרים ברכה**
וילדיהם
**אלכסנדר, שרה לאה**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
אמן כן יהי רצון

**הספר הקדוש הזה נדפס לזכות**

**מנחם זאב שטערן**
וזוגתו
**עטל**
וילדיהם
**מלכה** ומשפ',
**שמואל מרדכי, יכט,**
**חיים יושע, אסתר פראדל, פייגא,**
**חי' דבורה, שלמה אליהו, רוזא**
הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**מנחם זאב שטרול**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבו לטובה
ויתברך מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אלעזר צבי שניצלער**
וזוגתו
**מלכה הינדא**
וילדיהם
**נחמן נתן, יואל, יוטא, בת שבע**
הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יואל מנחם גרשון שניצלער**
וזוגתו
**מלכה מאטל מינדל**
וילדיהם
**שרה גיטל, גאלדא**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**שמואל דוב שניצלער**
וזוגתו
**אסתר פראדל פערל**
ובתם
**פיגא**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון